STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01991

PRAKTISHER IDEALIZM

N. Pomerantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. פּאָמעראַנץ:

פּראַקטישער אידעאַליזם

פאַרלאַג „אידישער קעמפּער"
ניו יאָרק, 1943

פאָרוואָרט פונם מחבר

הגם די 26 קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן בוך זיינען איבער אַ משך פון עטלעכע יאָר פריער געווען געדרוקט אין „אידישן קעמפּער", זיינען זיי אָבער לכתחילה געשריבן געוואָרן ניט ווי באַזונדערע, אָפּגעריסענע אַרטיקלען, נאָר ווי טיילן פון גרעסערע אַרבעטן. ערשט אינם בוך, וואו די באַזונדערע טיילן זיינען צוזאַמענגעשטעלט אין זייער פולן קאָנטעקסט, ווערט ניכר דער אָריגינעלער פּלאַן פונם ווערק, ווערט ניכר אַז די באַזונדערע אָפּטיילונגען זיינען אַ טייל פון איין גאַנצן און אַז זיי אַלע פאַלן נאַטירלעכערהייט אַרונטער אונטער דעם איינעם טלית פון „פּראַקטישן אידעאַליזם". ערשט אינם בוך אַלס גאַנצן דערזעט מען, ווי אַזוי פאַרשיידענע לעבנס־פּראָבלעמען זעען אויס ווען מ'קוקט אויף זיי דורך דעם וועלט־בליק, דורך דער שפּאַקטיוו, פון „פּראַקטישן אידעאַליזם".

איך וויל אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט צו באַדאַנקען די חברים פון דער „קעמפּער"־רעדאַקציע, חיים גרינבערג און שלמה גראָדזענסקי, פאַר זייער פיינער קאָלעגיאַלער באַציאונג צו מיר. אָן זייער געדולד, פאַרשטענדעניש און דערמוטיקונג, וואָלט דאָס דאָזיקע ווערק קיינמאָל ניט געשריבן געוואָרן.

איך וויל אויך באַדאַנקען דעם פאַרוואַלטער פון „אידישן קעמפּער", חבר א. באַלפור, פאַר זיינע באַמיאונגען ביים פאַרשפּרייטן מיין פריערדיקן בוך „רעוואָלוציע אָדער רעפאָרם?" און פאַר זיין אינטערעס אין דער דערשיינונג פון דעם איצטיקן בוך. הויפּטזעכלעך אַדאַנק זיינע באַמיאונגען איז דאָס ערשטע בוך פאַרשפּרייט געוואָרן אין העכער 750 עקזעמפּליאַרן, און אויב דאָס איצטיקע בוך וועט האָבן אַ דערפאָלגרייכן אָפּגאַנג, וועט עס ווידער אַמאָל זיין צו פאַרדאַנקען זיינע אָנשטרענגונגען, פאַר וואָס איך דאַנק אים אָפּריער.

איך בין אויך שולדיק אַ דאַנק דעם קאָלעגע און פריינט שמחה לעוו פאַר לייענען די קאָרעקטור און פאַר צוזאַמענשטעלן די ביבליאָגראַפישע רשימה און דעם אינדעקס צום סוף פון בוך.

נ. פּ.

אינהאַלט:

זייט

פאַרוואָרט פונם מחבר — 5

די פּאָליטישע טעאָריעס פון מאַרקסיזם

דער ערשטער שריט צו אַ באַנייטן סאָציאַליזם — 9

די עקאָנאָמישע טעאָריעס פון מאַרקסיזם

טעאָריע און פּראַקטיק — 25

אַרבעטער־קאַמף און מערווערט — 39

סאָציאַליזם און די טעאָריע פון מערווערט — 47

סאָציאַלער רעאַליזם

דער עקספּערימענטאַלער צוגאַנג — 55

וואוהין פירט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג — 64

חסרונות און מעלות פון סטואַרט טשייס׳ צוגאַנג — 89

די עקאָנאָמישע יסודות פון סאָציאַלן רעפאָרמיזם — 95

דער וועג פון עקאָנאָמישן דואַליזם — 113

דער סאָציאַליסטישער אידעאַל

דער אָרט פון דעם אידעאַל אינם לעבנס־קאַמף — 131

אידעאַל און פּראַקטישקייט — 143

קלאַסן און קלאַסן־קאַמף

וועלכער קלאַס איז בטבע געניגט צו רעוואָלוציאָנערישקייט? — 153

דער קלאַסן־קאַמף — 168

סאָציאַליזם און מאָראַל

ראַנד־באמערקונגען וועגן אַ וויכטיק ווערק — 191

מאָראַל — פּראָלעטאַרישע אָדער אַלמענשלעכע? — 204

זיינען אידן אַ פּאַראַזיטיש פאָלק?

פאַרעלטערטע געדאנקען וועגן „פּראָדוקטיווער" אַרבעט — 219

דער מאָדערנער בליק אויף „פּראָדוקטיווער" אַרבעט — 229

איז דאָס אידישע פאָלק אומפּראָדוקטיוו? — 242

צי קענען אידן פּראָדוקטיוויזירט ווערן — און ווי אזוי? — 251

דער אידישער קרעמער — 258

די מלחמה און דער שלום

ווי אַזוי עס איז געקומען צום אומגליק — 269

דער זינען פון דער מלחמה — 277

דער אימפּעריאַלער סטאַטוס־קוואָ — 287

דער שלום וואָס וועט קומען נאָך דער מלחמה — 303

אונזער חשבון מיטן דייטשן פאָלק — 327

די בלאָקאַדע — און די מלחמה־קרבנות — 348

ביבליאָגראַפיע — 358

אינדעקס — 359

די פּאָליטישע טעאָריעס פון מאַרקסיזם

דער ערשטער שריט צו אַ באַנייטן סאָציאַליזם

איידער מ׳קען האָפן צוזאַמענצוקלייבן די שערבלעך פון די סאָציאַליסטישע לוחות, וואָס דער „סאָציאַליסטישער עקספּערימענט״ אין רוסלאַנד האָט צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך; איידער עס וועט זיך איינגעבן צו פאַרהיילן די בלוטנדיקע וואונדן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, — מוז מען פריער דערגיין אַ טאָלק בנוגע דעם מאַרקסיזם און זיין ראָל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

עס מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר ווערן:

1) אַז דער מאַרקסיזם באַשטייט פון דריי באַזונדערע טיילן. איין טייל איז אַ היסטאָריש־פילאָזאָפישער; דער צווייטער טייל איז אַן עקאָנאָמיש־וויסנשאַפטלעכער; דער דריטער טייל איז אַ פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערער. הגם די דריי טיילן פונם מאַרקסיזם זיינען מער אָדער ווייניקער צוזאַמענגעוועבט געוואָרן אין איין סיסטעם, איז אָבער אין אמת׳ן פאַראַן אַ טיפער אינערלעכער ווידערשפּרוך צווישן די ערשטע צוויי טיילן זיינע און דעם דריטן טייל — דעם פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערן, וועלכער איז אייגנטלעך אַ פּלאַן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע־מאַכעריי.

2) אַז די באָלשעוויקעס האָבן געטריי און ערלאַך זיך באַמיט דורכצופירן אין דער רוסישער ווירקלעכקייט דעם מאַרקסיסטישן פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערן פּלאַן. פון שטאַנדפּונקט פון דער עקאָנאָמיש־וויסנשאַפטלעכער זייט פון מאַרקסיזם האָט רוסלאַנד אַזוי געדאַרפט האָבן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע ווי מיר אַלע דאַרפן האָבן „אַ לאָך אין קאָפּ״; אָבער פון שטאַנדפּונקט פון דער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע זיינען די באָלשעוויקעס די אמת׳ע אָנהענגער און נאָכפאָלגער פון מאַרקסיזם.

3) אַז סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ד. ה. אַזעלכע סאָציאַליסטן, וואָס גלויבן באמת אין דעמאָקראַטיע און זיינען קעגן יעדער מין דיקטאַטור,

אַלץ איינס וואָס דער צוועק פון דער דיקטאַטור זאָל ניט זיין, זיינען מחויב זיך אָפּצוזאָגן פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע פון דעם מאַרקסיזם. וואָס זייער שטעלונג זאָל ניט זיין בנוגע דער היסטאָריש־פילאָזאָפישער אויפפאַסונג פון מאַרקסיזם, און בנוגע זיין עקאָנאָמיש־וויסנשאַפטלעכן איינשטעל, — אָבער וואָס ס'איז שייך דער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע מוז יעדער דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט זיך אָפּגרעניצן פון איר מיט אַלע מעגלעכע מחיצות.

ענטוועדער־אָדער: גלויבט איינער אין דער רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע פון מאַרקסיזם, דעמאָלט מוז ער אויך זיין אַן אָנהענגער פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים אין רוסלאַנד. אויב אָבער די באָלשעוויסטישע באַרבאַראַקראַטיע געפעלט אים ניט, דעמאָלט מוז ער זיך אָפּזאָגן פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, וואָרים די באָלשעוויסטיש־רוסישע פאַרזעעניש איז אַ לעגיטים קינד פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. זיין אַן אָנהענגער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסטישער סטראַטעגיע און אין דער זעלבער צייט אַ קעגנער פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים — דאָס איז אוממעגלעך.

***

אַז די באָלשעוויקעס זיינען די אמת'ע אָנהענגער, נאָכפאָלגער און דורכפירער פון דער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע, — דאָס האָט נאָך לענין באַוויזן מיט 26 יאָר צוריק (אין 1917) אין זיין אַרבעט „שטאַט און רעוואָלוציע". לאָמיר כאַפּן אַ קוק, אין וואָס אייגנטלעך די רעוואָלוציאָנערע סטראַטעגיע פון מאַרקסיזם באַשטייט. —

קודם כל קומט דער בליק פון מאַרקסיזם אויף דעם שטאַט, אויף דער מלוכה בכלל.

דער שטאַט איז, — לויט דעם מאַרקסיזם, — אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע פון מאַכט, אַ געוואַלט־אָרגאַניזאַציע אויף צו דערשטיקן אַ געוויסן קלאַס. קיין אַנדער געזעלשאַפטלעכע פונקציע ווי דערשטיקן אַ געוויסן קלאַס האָט ניט דער שטאַט. וואָלטן קיין קלאַסן ניט געווען, וואָלט קיין שטאַט אויך ניט געווען. און וואָלט מעגלעך געווען אַ שלום צווישן די קלאַסן, וואָלט דער שטאַט גאָרניט אויפגעקומען. דער פאַקט אַליין, וואָס דער שטאַט עקזיסטירט, איז

דער בעסטער באַווייז, אַז די קלאַסן־סתירות אין דער געזעלשאַפט זיינען ניט אויסצוגלייכן. דער שטאַט איז דער אָרגאַן פון קלאַסן־הערשאַפט, דער אָרגאַן פון אונטערדריקונג פון איין קלאַס מצד אַ צווייטן. אַזוי לאַנג, ווי אין דער געזעלשאַפט וועלן עקזיסטירן קלאַסן, וועט ניט נאָר מוזן זיין אַ שטאַט נאָר ער וועט תמיד זיין אַן אינסטרומענט צו עקספּלואַטירן דעם אונטערדריקטן קלאַס.

און דאָס איז אמת וועגן יעדער מלוכה, וועגן יעדן שטאַט — וועגן דעם דעמאָקראַטישן שטאַט פּונקט אַזוי ווי וועגן דעם פעאָדאַלן אָדער דעם מאָנאַרכיסטישן. אמת, „מיר זיינען פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אַלס בעסטע פאָרם פון דער מלוכה ביים קאַפּיטאַליזם פאַרן פּראָלעטאַריאַט — נאָר מיר האָבן ניט קיין רעכט צו פאַרגעסן, אַז געדונגענע שקלאַפעריי איז דער גורל פון פאָלק אויך אין דער סאַמע דעמאָקראַטישסטער בורזשואַזער רעפּובליק״; „אין אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק נוצט דאָס רייכטום אויס זיין מאַכט אומדירעקט, דערפאַר אָבער נאָך זיכערער״; „די אַלמעכטיקייט פונם ‚רייכטום‘ איז אויך דערפאַר זיכערער ביי אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ווייל זי איז ניט אָפּהענגיק פון דער שלעכטער פּאָליטישער באַקליידונג פונם קאַפּיטאַליזם. די דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז די מעגלעך־בעסטע פּאָליטישע באַקליידונג פונם קאַפּיטאַליזם . . .״ (ענגעלס).

דער שטאַט, דער דעמאָקראַטישער איינגעשלאָסן, איז אַ געצייג צו עקספּלואַטירן דעם אונטערדריקטן קלאַס. יעדער שטאַט אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע אויף אונטערדריקן דעם פּראָלעטאַריאַט. יעדער שטאַט, אויך דער דעמאָקראַטישער, שטעלט אין אמת׳ן מיט זיך פאָר . . . די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע.

און פון אָט דעם טעאָרעטישן בליק אויף שטאַט, ציט דער מאַרקסיזם זיינע סטראַטעגיש־רעוואָלוציאָנערע שלוסן, ווי פאָלגט:

אויב די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון דעם איצטיקן שטאַט באַשטייט אין דעם, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם, די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, — דעמאָלט קען דער פּראָלעטאַריאַט ניט האָפן זיך צו באַפרייען דורך דעם זעלבן

אינסטרומענט, וואָס האַלט אים פאַרשקלאַפּט. „דער אַרבעטער־קלאַס קען נישט פּשוט נעמען אין זיינע הענט די פאַרטיקע מלוכה־מאַשין און לאָזן זי אין גאַנג צוליב זיינע אייגענע צוועקן" (מאַרקס). ער מוז די גאַנצע מלוכה־מאַשין צעקלאַפּן, צעברעכן, אויפרייסן.

אויב מלוכה בכלל איז אָרגאַניזירטע געוואַלט צוליב דעם איין־איינציקן צוועק צו דערשטיקן אַ געוויסן קלאַס, — דעמאָלט קען דער פּראָלעטאַריאַט זיך ניט באַפרייען סיידן ער וועט אָרגאַניזירן אַן אייגענעם געוואַלט־אינסטרומענט צוליב דעם צוועק צו דערשטיקן אַן אַנדער קלאַס, די בורזשואַזיע. כדי זיך באמת צו באַפרייען, מוז ער אויפן אָרט פון דער „דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע" איינפירן זיין אייגענע דיקטאַטור — „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

נאַטירלעך, „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" האָט די אויפגאַבע איינצופירן אין לעבן די אמת'ע, עכטע דעמאָקראַטיע. אַנשטאָט דעם וואָס די „דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע" העלפט באַפעסטיקן די הערשאַפט פון אַ מינדערהייט איבער אַ מערהייט, וועט די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" זוכן צו באַפעסטיקן די הערשאַפט פון דער געוואַלדיקער מערהייט האַרעפּאַשניקעס איבער דער מינדערהייט, דער אומבאַדייטנדיקער מינדערהייט עקספּלואַטאַטאָרס. אָט אין דעם זינען איז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" דער אמת'ער, דער ענדגילטיקער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר דער אמת'ער דעמאָקראַטיע. אין אָט דעם זינען אין די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע בשום אופן ניט אַזאַ מלוכה, וואָס אַנערקענט דעם פּרינציפּ, אַז די מינדערהייט דאַרף זיך אונטערוואַרפן צו דער מערהייט; ניין, דאָס ווייזט נאָר אויס אַזוי אויבן־אויף; אין אמת'ן אָבער אַנערקענט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע גאָר, אַז די מערהייט דאַרף זיך אונטער־וואַרפן דער מינדערהייט. ערשט די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" וועט איינשטעלן די עכטע דעמאָקראַטישע אָרדנונג, וואָס וועט איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל איינשטעלן דעם פּרינציפּ, אַז די מינדערהייט דאַרף זיך טאַקע אויף אַן אמת אונטערוואַרפן דער מערהייט.

און נאָך עפּעס: די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אָט דער נייער געוואַלט־אינסטרומענט, וואָס זיין ציל איז איינצופירן אין לעבן די אמת'ע דעמאָקראַטיע, די אמת'ע הערשאַפט פון דער מערהייט,

איז בלויז אַ ציַיטווייליקער ענין, בלויז פאַר דער איבערגאַנגס־ציַיט פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם. היות ווי די מלוכה האָט בלויז די עובדא אויסצופילן אַן אונטערדריקונגס־פונקציע אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, האָט זי אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט גאָרניט וואָס צו טאָן און זי מוז פון זיך אַליין אָפּשטאַרבן. אָט אין דעם ליגט דער אונטערשייד צווישן דעם מאַרקסיזם און דעם אַנאַרכיזם. דער אַנאַרכיזם וויל די ערשטע זאַך פאַרניכטן דעם שטאַט. דער מאַרקסיזם אָבער זאָגט: צו וואָס פאַרווענדן ענערגיע אויף פאַרניכטן דעם שטאַט, בעת ער מוז דאָך אַליין אָפּשטאַרבן אַזוי שנעל ווי די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט וועט איינגעפירט ווערן? („ווי נאָר עס וועט איינגעפירט ווערן די סאָציאַליסטישע אָרדנונג וועט די מלוכה ממילא פאַרשווינדן”). פאַרניכטן דאַרף מען בלויז דעם בורזשואַזן שטאַט, ד. ה. די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, און אויף זיין אָרט דאַרף אויפגעשטעלט ווערן דער פּראָלעטאַרישער שטאַט, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — דער ציַיטווייליקער פּראָלעטאַרישער שטאַט, וואָס וועט גאָר אַן שום קאַמף אָפּשטאַרבן פון זיך אַליין. מיט דער איינפירונג פון דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט הערט די רעגירונג אויף אויסצופילן פּאָליטישע פונקציעס און איר עובדא איז אויסצופילן ריין־אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס — פירן אַ חשבון און אַ קאָנטראָל, און ווייטער גאָרנישט. די ניי־געשאַפענע פּראָלעטאַרישע מלוכה הויבט פאַקטיש אָן אָפּצושטאַרבן תיכף ווי זי ווערט אָרגאַניזירט.

די נייע מלוכה דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט נויטיק האָבן, ווייל אָן אָט אַזאַ מלוכה־אינסטרומענט קען ער ניט פאַרניכטן דעם בורזשואַזן מלוכה־אַפּאַראַט, די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע; קען ער ניט דערשטיקן די בורזשואַזיע און קען ניט איינפירן די אמת'ע, עכטע דעמאָקראַטיע.

און „כל זמן דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף נאָך האָבן די מלוכה, דאַרף ער זי האָבן ניט בלויז צוליב פרייהייט, נאָר כדי צו קענען דערשטיקן זיינע קעגנער. אַזוי גיך אָבער ווי עס ווערט מעגלעך צו ריידן וועגן פרייהייט, דעמאָלט הערט אויף די מלוכה אַלס אַזעלכע צו עקזיסטירן”. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז מלוכה און פרייהייט זיינען באַגריפן וואָס שליסן אויס איינס דאָס אַנדערע. די

אמת'ע פרייהייט וועלן מיר האָבן ערשט אין דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, ווען קיין רעגירונג וועט אינגאַנצן ניט נויטיק זיין און וועט טאַקע ניט זיין. אָבער אַזוי לאַנג ווי רעגירונג איז נויטיק, אָדער איז נאָך נויטיק, איז זי, און מוז זיין, אַן אינסטרומענט פון אונטערדריקונג.

אַט אַזוי, בקיצור, דערקלערט לענין אין זיין ביכל „שטאַט און רעוואָלוציע" די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע סטראַטעגיע פונם מאַרקסיזם; און אַרויסגייענדיק פון אַט דעם שטאַנדפונקט בראַנדמאַרקט ער אַלס רענעגאַטן און פאַררעטער אַלע יענע סאָציאַליסטן, וואָס מיטן מויל און מיט דער פעדער זאָגן זיי אַז זיי זיינען מאַרקסיסטן אָבער ווען עס קומט דורכצופירן דעם דאָזיקן סטראַטעגישן פּלאַן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, זאָגן זיי זיך אָפּ דערפון.

***

פרעגט מען: איז לענינ'ס פאַרטייטשונג פון דעם מאַרקסיזם אַ ריכטיקע? — מוז מען זאָגן, אַז עס איז פאַראַן אַ סך וואָס צו זאָגן אויך קעגן לענינ'ס אויסטייטשונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם.

סיי אין מאַרקס' און סיי אין ענגעלס' ווערק געפינען זיך דאָ און דאָרט באַמערקונגען, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז זייער פּלאַן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע איז גילטיק בלויז אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט, וואו עס האָבן געהערשט מאָנאַרכיסטישע רעגירונגען, און אַז אין לענדער מיט אַ רעפּובליק אָדער מיט זייער גרויסער פרייהייט „קען מען זיך פאָרשטעלן" אַן אַנדער וועג צום סאָציאַליזם, אַ פרידלעכע אַנטוויקלונג. דאָס האָט געפירט קאַרל קאַוטסקין, דעם גרעסטן אויסטייטשער פון מאַרקסיזם, צו שרייבן, אַז „. . . ווען דער פאָרם פון דעם קלאַסן־קאַמף אונטער די באַדינגונגען פון אַ פול־אַנטוויקלטער דעמאָקראַטיע האָט מאַרקס אונז ניט איבערגעלאָזן קיין ראַט אָדער פאָרזאָג".

און וואָס מאַרקס האָט פאַרשטאַנען אונטער דעם טערמין „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" האָט ער אויך ניט קלאָר געמאַכט. מאַקס נאָמאַד, למשל, אין זיין העכסט אינטערעסאַנטן בוך „אַפּאָסטאַלס

אָוו רעוואָליושאָן״, קומט אין אַלגעמיין צו די זעלבע אויספירן וואָס לעגין בנוגע דער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע, אָבער וועגן דעם קאָנקרעטן אינהאַלט פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט מאַכט ער די פאָלגנדיקע באַמערקונג: „ער (מאַרקס) האָט ניט איבערגעלאָזן קיין אָנצייגונג, צי ער האָט געמיינט מיט „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״ די מינאָריטעט־הערשאַפט פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, אָדער די דעמאָקראַטישע הערשאַפט פון פאַרטרעטער פון אַלע ניט־קאַפּיטאַליסטישע טיילן פון דער נאַציע״.

דאָס אַלץ איז געוויס אמת. עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז די צעוואָרפענע באַמערקונגען מאַרקס׳עס, וואָס שטייען אין ווידער־שפּרוך צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט אין אַנדערע טיילן פון זיינע ווערק, נעמען זיך פון דעם אַלגעמיינעם ווידערשפּרוך צווישן מאַרקס דעם רעוואָלוציאָנער און מאַרקס דעם וויסנשאַפטסמאַן. מ׳קען בכלל ניט פאַרשטיין מאַרקסן ווי געהעריק, אויב מ׳פאַרשטייט ניט דעם דאָזיקן „ויתרוצצו״ וואָס קומט פאָר אין מאַרקס׳עס גאַנצער לעבנס־אַרבעט. מאַרקס איז געווען כמעט אַ דואַלע פּערזענלעכקייט — אַ רעוואָלוציאָנער און אַ וויסנשאַפטמאַן. קיין פולשטענדיקער שלום צווישן דעם רעוואָלוציאָנער און דעם וויסנשאַפטסמאַן אין מאַרקסן איז קיינמאָל ניט געווען, און די גרעסטע אָנהענגער און פאַרשער פון מאַרקסיזם איז ניט געלונגען צו שאַפן אַן אויסאייניקונג צווישן זיי. דערפון טאַקע נעמט זיך, וואָס סיי רעוואָלוציאָנערן און סיי אַנטי־רעוואָלוציאָנערן קענען געפינען ראיות פאַר זייערע אַנט־קעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן פון דעם זעלביקן מאַרקס. די בלינדע פאַרערער פון מאַרקסן ווילן אָבער אָט דעם ווידערשפּרוך ניט איינזען, און צווישן די דאָזיקע בלינדע פאַרערער דאַרפן, ליידער, אַריינגע־רעכנט ווערן אַ סך גרויסע קענער פון מאַרקסיזם.

אָט האָט מאָריס הילקוויט, למשל, אין זיין בוך „פראָם מאַרקס טו לענין״ געבראַכט אויסצוגן פון אַ בריוו, וואָס מאַרקס האָט אין יאָר 1877, ד. ה. אין זיינע סאַמע רייפסטע יאָרן, געשריבן צו אַ רוסישן זשורנאַליסט, וואו ער זאָגט, אַז פאַר רוסלאַנד שטייט „די פּרעכטיקסטע געלעגנהייט, וואָס די געשיכטע האָט ווען עס איז גע־געבן צו אַ פאָלק״, אינגאַנצן אויסצומיידן דעם קאַפּיטאַליסטישן

אַנטוויקלונגס־עטאַפּ און אַריינצושפּרינגען גלייך אין דער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט אַריין. הילקוויט מאַטערט זיך צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס מאַרקס האָט געקענט מיינען מיט די דאָזיקע ווערטער, אָבער די אמת'ע דערקלערונג גיט ער פאָרט ניט. די דערקלערונג, וואָס ליגט, דוכט זיך, פון אויבן־אויף, איז זייער אַן איינפאַכע — אַז אין אָט דעם בריוו האָט גערעדט ניט מאַרקס דער וויסנשאַפטסמאַן נאָר . . . מאַרקס דער רעוואָלוציאָנער.

דעם ניט־דאָגמאַטישן לייענער פון מאַרקס'עס ווערק איז שווער זיך צו באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז ניט נאָר האָבן אין מאַרקס'ן „געהויזט" צוויי באַזונדערע מענשן, איינער אַ רעוואָלוציאָנער און דער צווייטער אַ וויסנשאַפטסמאַן, נאָר אַז דער רעוואָלוציאָנער אין מאַרקסן האָט זייער אָפט איינגעשפּאַנט אין זיין וואָגן מאַרקס דעם וויסנשאַפטסמאַן.

וועגן מאַרקס דעם וויסנשאַפטסמאַן רעדט לענין אינגאַנצן ניט אין זיין „שטאַט און רעוואָלוציע". ער רעדט דאָרט בלויז וועגן מאַרקס דעם רעוואָלוציאָנער — וועגן דער „לערע פון מאַרקסיזם בנוגע דעם שטאַט און די אויפגאַבן פונם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע". און וועגן מאַרקס דעם רעוואָלוציאָנער האָט לענין צוזאַמענגעבראַכט אין דעם דאָזיקן ביכל אַזוי פיל אויסצוגן סיי פון מאַרקסן און סיי פון ענגעלסן, אַז דער אָביעקטיווער לעזער מוז קומען צום אויספיר, אַז דער אמת'ער נאָכפאָלגער פון מאַרקס דעם רעוואָ־לוציאָנער איז געווען לענין, און ניט קאַוטסקי אָדער אַנדערע, וואָס האָבן זיך באַמיט מאַרקסן אַנדערש אויסצוטייטשן.

מאַרקס' בליק אויפן קלאַסן־קאַמף, — אַז ער מוז אומפאַר־מיידלעך פירן צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט; ענגעלס' באַמערקונג וועגן דעם נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", — אַז דער דאָזיקער נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד דריקט ניט אויס מיט זיך דעם געדאַנק, אַז זי גלויבט טאַקע אין פּאַרמעלער דעמאָקראַטיע; זייער ביידנס בליק אויף שטאַט בכלל, — אַז ער איז בלויז אַן אינסטרומענט פון אונטערדריקונג; זייער קוק אויף דעמאָקראַטיע, אויף פרייהייט, — אַז זיי זיינען ניט קיין אַקטועלע,

נאָר בלויז היסטאָרישע קאַטעגאָריעס; מאַרקס' אויפקלערונג אין „דער קריטיק פון דער גאָטא־פּראָגראַם", — אַ דאָקומענט, וואָס איז, אגב, פאַרפאַסט געוואָרן אין זיינע רייפסטע יאָרן, — אַז אין דער „ערשטער פאַזע" פון סאָציאַליזם וועט ניט און קען ניט זיין קיין אמת'ער סאָציאַליזם, קיין גלייכקייט אין הכנסות, א. אַז. וו., א. וו. — אַט דאָס אַלץ באַרעכטיקט לענינען צו ציען דעם שלוס, אַז דער אמת'ער אָנהענגער פון מאַרקסן איז ער און זיינע באָלשעוויסטישע נאָכפאָלגער; און אַז דאָס וואָס זיי האָבן פּרובירט דורכפירן אין רוסלאַנד שטימט מיט דער אַלגעמיין־אָנגעצייכנטער ליניע פון רע־וואָלוציאָנערן מאַרקסיזם.

אַודאי, לענין האָט אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם פירוש און ביז אַ געוויסן גראַד אַפילו זיין אייגענעם אינהאַלט אין דער אַלגע־מיין־אָנגעצייכנטער סטראַטעגישער ליניע פון מאַרקסיזם. אין קאָמו־ניסטישן מאַניפעסט פון 1847, ד. ה. ביים סאַמע אָנהויב פון זייער טעאָרעטישן וועג, רעדן מאַרקס און ענגעלס וועגן דער „אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט אַלס הערשנדיקער קלאַס". קיין קאָנקרעטע פאָרשטעלונג, ווי אַזוי די „אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט אַלס הערשנדיקער קלאַס" וועט אויסזען, האָבן זיי אָבער דעמאָלט נאָך ניט געהאַט. ערשט די פּאַריזער קאָמונע פון 1871 האָט צוגעשטעלט אַ מוסטער פון אַט־אַזאַ ,אָרגאַניזאַציע', אַ מוסטער פון אַ מלוכה־אָרגאַניזאַציע וועלכן מאַרקס האָט אָנגענומען אַלס דעם ריכטיקן. אַלס תלמיד פון מאַרקסן, איז דער דאָזיקער מוסטער אויך פאַר לענינען געוועזן דער אידעאַל. מיר קענען זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט אַן אַנאַליז פון דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַריזער קאָמונע; עס איז גענוג צו זאָגן, אַז זי איז טאַקע אויף אַן אמת געווען אַ דעמאָ־קראַטישע. היינט ווי זשע קומט עס, וואָס די רוסישע ,קאָפּיע' פון דעם פּאַריזער אָריגינאַל איז אַרויסגעקומען פּונקט דער היפּוך פון דעמאָקראַטיע? דאָ קומט אַריין דער פירוש און דער טיילווייזער אינהאַלט, וואָס לענין האָט אַריינגעטראָגן אין דער אַלגעמיינער סטראַ־טעגיע פונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. די פּאַריזער קאָמונע איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט, — האָט לענין זיך געזאָגט. — פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל ביים דורכפירן איר אויפגאַבע „צו דער־

שטיקן די בורזשואַזיע און איר ווידערשטאַנד" האָט זי ניט אַרויס־ געוויזן געגנוג אַנטשלאָסנקייט. אָט די אַנטשלאָסנקייט האָט לעֶנין געזוכט ממלא צו זיין אין דער רוסישער רעוואָלוציע — און פון אָט דער ‚אַנטשלאָסנקייט' איז עס אַרויסגעקומען דער רוסישער שרעקנס־עקזעמפּליאַר פון ‚פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור'. האַלטן די מאַכט אום יעדן פּרייז, די גאַנצע מאַכט, און אויסנוצן זי מיט דער ריקזיכטסלאָזסטער אַנטשלאָסנקייט, — דאָס איז געווען לעֶנינס בייי־ טראָג צו דער מאַרקסיסטישער סטראַטעגיע. מ'דאַרף און מ'מוז פאַרדאַמען לעֶנינען מיט זיינע נאָכפאָלגער דערפאַר, וואָס זיי האָט געפעלט דער העכערער מאָראַלישער מוט זיך אָפּצוזאָגן פון אַ דאָג־ מאַטישער סטראַטעגיע, ווען זיי האָבן געזען אַז זי פירט פּונקט צום היפּוך פון דעם אידעאַל, אַז זי פירט צו שוידערלעכער אונטער־ דריקונג, דערנידערונג, שקלאַפעריי, ברוטאַליזאַציע און ציניזם, — אָבער מ'מוז פונדעסטוועגן מודה זיין, אַז וואָס זיי האָבן פּרובירט דורכפירן איז געווען ניט עפּעס אַנדערש ווי די אַלגעמיינע ליניע פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, דעם פּלאַן צו צעקלאַפּן די אַלטע מלוכה־מאַשין, וועלכע איז כלומרשט ניט מער ווי ‚די דיק־ טאַטור פון דער בורזשואַזיע', וואָס דערשטיקט דעם פּראָלעטאַריאַט, און אויף איר אָרט אויפשטעלן אַ פּראָלעטאַרישן געוואַלט־אינסטרו־ מענט, ‚די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט', און באַנוצן אים אויף דערשטיקן די בורזשואַזיע.

געוויס, ווען מאַרקס זאָל קענען אַרויס פון קבר און דערזען, צו וואָס פאַר אַ ברוטאַליזם און ציניזם די „דיקטאַטור פון פּראָלע־ טאַריאַט" האָט מיט זיך געבראַכט אין רוסלאַנד, — וואָלט ער זיך אַודאי באַגראָבן אַ „לעבעדיקער". מ'קען זיך אפילו פאָרשטעלן, אַז ווען לעֶנין אַליין שטייט אויף פון קבר, וואָלט ער אויך ניט געווען צופרידן מיט אַלץ, וואָס זיין תלמיד סטאַלין טוט אָפּ אין זיין נאָמען. האָט מען אָבער אין זינען, אַז אַ פעלדפעבל דאַרף קענען „מאַכן אַ בלוטיקע באַז", דאַרף קענען טאָן אַזעלכע זאַכן וואָס אַ גענעראַל קען ניט; אַז אַ פעלד־גענעראַל דאַרף קענען טאָן זאַכן, וואָס דער הויפּט פונם גענעראַל־שטאַב וואָלט ניט געקענט טאָן, אָבער פאַר דעם גאַנצן סטראַטעגישן פּלאַן פון אַ מלחמה איז פונדעסטוועגן פאַר־

אַנטוואָרטלעך ניט דער פעלדפעבעל און ניט דער פעלד־גענעראַל נאָר דווקא דער הויפּט פונם גענעראַל־שטאַב, דער וואָס אַרבעט אויס די סטראַטעגיע פון דער מיליטערישער קאַמפּאַניע, — האָט מען דאָס אין זינען, מוז מען קומען צום שלוס, אַז פאַר דער רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט דאַרפן געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך ניט קיין אַנדערע ווי מאַרקס און ענגעלס.

***

און וויבאַלד אַזוי, וואָס בלייבט פאַר דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן צו טאָן?

דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן, פאַר וועמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" איז ניט קיין פוסטער, אינהאַלטסלאָזער וואָרט; וועלכע זעען שוין גאָר אַן אונטערשייד צווישן אַ דעספּאָטישן שטאַט און אַ פריי־דעמאָקראַטישן; וועלכע האַלטן, אַז דער דעמאָקראַטישער שטאַט איז ניט קיין ,דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע' און אַז דאָס פאָלק קען אים אויסנוצן פאַר וועלכן צוועק ער זאָל נאָר וועלן; וועלכע האָבן ערשט אין דעם פאַשיסטישן שטאַט דערקענט דעם אמת'ן מוסטער פון אַ ,דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע', אַ שטאַט, וועלכער איז, אגב, אויפגעקומען אַלס דירעקטער ענטפער מצד דער בורזשואַזיע אויף דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געשאַפן אין רוסלאַנד; וועלכע קענען ניט אָננעמען דעם מיסטיש־דיאַלעקטישן געדאַנק אַז בלויז דורך דעם דערגער־וועג פון אונטערדריקונג און שקלאַפעריי קען די מענשהייט אַריינ־שפּרינגען אין דער סאַמע עקזאַלטירטסטער פרייהייט, — וואָס בלייבט פאַר אַט אַזעלכע דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן צו טאָן?

אין זיין בוך „טאָוואַרד אַן אַנדערסטענדינג אָוו קאַרל מאַרקס", דערציילט פּראָפעסאָר סידני הוק (אויף זייט 43) וועגן אַ באַגע־געניש וואָס ער האָט געהאַט אין ווין מיט דעם גרויסן זקן עדוואַרד בערנשטיין.

„אין אַ געשפּרעך מיר מיר, — שרייבט פּראָפעסאָר הוק, — אין אַנהויב זומער 1929, האָט בערנשטיין . . . אַרונטערגענידערט

זיין שטים און אין פּאַרטרוילעכע טענער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז אימיצער זאָל דאָס דערהערן, געזאָגט: „די באָלשעוויקעס זיינען ניט אומבאַרעכטיקט ווען זיי זאָגן אַז מאַרקס איז זייערער. איר ווייסט? מאַרקס האָט געהאַט אַ שטאַרקן באָלשעוויסטישן ,אָדער' אין זיך!"

„אַרונטערגענידערט זיין שטים און אין פּאַרטרוילעכע טענער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז אימיצער זאָל דאָס דערהערן", — די דאָזיקע ווערטער גיבן אַ שטאָך אין האַרצן. קען עס זיין, אַז אַט דער מוטיקער קעמפער קעגן דעם קאָנאָניזירטן מאַרקסיזם איז אַזוי פּאַרוואָיעוועט געוואָרן פון די אָפּיציאָזן פון דעם וואולגאַרן מאַרקסיזם, אַז ער האָט מורא געהאַט זיין שטים אויפצוהייבן? אָדער איז דער העכער ניינציק יאָריקער גרייז פּשוט שוין מיד געווען פון דעם לאַנגן קאַמף?

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט האָבן געווען אין דעם פאַל מיט עדוואַרד בערנשטיין, — קענען אָבער דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן בשום אופן ניט האַפן אויף אַ באַנייטער, אויפגעלעבטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ביז זיי וועלן זיך אָננעמען מיט מוט, און הויך און אומדערשראָקן זאָגן פאַר דער גאַנצער וועלט:

מיר זאָגן זיך פולשטענדיק אָפּ פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע פון מאַרקסיזם, צוזאַמען מיט דער ,דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט', מיט אַלץ וואָס גייט דערמיט!

צום אייביקן שבח פון די מענשעוויקעס און די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן בכלל, דאַרף אנערקענט ווערן, אַז הגם אין דער טעאָריע זיינען זיי געבליבן אָנהענגער פון מאַרקסיזם, האָבן זיי אָבער אין דער פּראַקטיק זיך צוריקגעהאַלטן פון דורכפירן די דאָזיקע סטראַטעגיע. זייער אינסטינקט פון סאָציאַליסטישער מענשלעכקייט האָט זיי ניט דערלאָזן די דאָזיקע סטראַטעגיע דורכצופירן אפילו דאָרט וואו עס איז יאָ געווען אַ מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. אָבער עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז אַט דער אינסטינקט זאָל אויסקריסטאַליזירט ווערן אין אַ באַוואוסטזיניקער איבערצייגונג, אַז די גאַנצע מאַרקסיסטישע סטראַטעגיע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אַ פאַלשע, אַ שעדלעכע,

און אַז אומעטום וואו זי וועט אָנגעווענדעט ווערן וועט זי דערפירן צו דעם זעלביקן שוידער וואָס אין רוסלאַנד.

וואָס דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן זאָלן ניט דענקען וועגן מאַרקס דעם פילאָזאָף פון היסטאָריע, און וועגן מאַרקס דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישן וויסנשאַפטסמאַן, — מוזן זיי אָבער אַנטשיידן זיך אָפּזאָגן פון מאַרקס׳ רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע.

נאָך מער. זיי דאַרפן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנערקענען, אַז . . .

מאַרקס דער רעוואָלוציאָנער געהערט טאַקע אויף אַן אמת צו די קאָמוניסטן. ער איז אינגאַנצן זייערער!

די עקאָנאָמישע טעאָריעס
פון מאַרקסיזם

טעאָריע און פּראַקטיק

איידער אַ זאַך, אַ פּראָדוקט, קען באַטראַכט ווערן פאַר אַ סחורה, מוז עס אַנטהאַלטן אין זיך צוויי אייגנשאַפטן — ערשטנס, מוז עס צופרידנשטעלן אַ מענשלעכן פאַרלאַנג, אַלץ איינס צי דער פאַרלאַנג איז אַן אמת'ער אָדער אַן איינגערעדטער, און, צווייטנס, מוז עס אין זיך אַנטהאַלטן מענשלעכע אַרבעט.

אויב אַ זאַך שטעלט ניט צופרידן קיין מענשלעכן פאַרלאַנג, איז וויפיל אַרבעט עס זאָל אויף דעם ניט האָבן פאַרוואַנדט געוואָרן, איז עס ניט קיין סחורה, האָט עס ניט קיין אויסטויש־ווערט. און אויב עס פאָדערט זיך ניט קיין מענשלעכע אַרבעט איידער די זאַך קען צופרידנשטעלן אַ מענשלעכן פאַרלאַנג, דעמאָלט איז עס ווידער אַמאָל ניט קיין סחורה, און קיין מענש וואָס איז ביים פולן פאַרשטאַנד וועט ניט אַוועקגעבן עפּעס, וואָס האָט אַ ווערט, פאַר אַט אַזאַ זאַך, וואָס מ'קען עס באַקומען „פריי”, אָן מענשלעכער אַרבעט.

יעדע סחורה מוז צופרידנשטעלן אַ מענשלעכן פאַרלאַנג און מוז אַנטהאַלטן מענשלעכע אַרבעט. אָן דעם איז זי קיין סחורה ניט; אָן דעם קענען אַרום איר ניט אַנטשטיין קיין עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. וועגן אַט דער דואַלער „נאַטור” פון אַ סחורה איז אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייט פּאַקטיש ניט פאַראַן.

אָבער ווען עס קומט צו דער פראַגע: וואָס איז דער עקאָנאָמישער הויפּט־כוח וואָס באַשטימט דעם רעלאַטיוון ווערט פון סחורות; פאַרוואָס ווערט אַ סחורה אויסגעביטן אויף אַנדערע סחורות אין אַ געוויסער פּראָפּאָרציע, און ניט אין קיין אַנדערער? — דעמאָלט אַנטשטייט אַ שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייט אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

די אַלגעמיינע, די, אַזוי צו זאָגן, „אָפיציעלע” פּאָליטישע עקאָ־

באַמיע האַלט, אַז דער קוואַל פון ווערט איז דער מענשלעכער פאַר־לאַנג. מענשן פאַרווענדן אַרבעט אויף פאַרשיידענע אופנים, אָבער דאָס וואָס זיי פּראָדוצירן באַקומט אַ ווערט ערשט דעמאָלט ווען דער פאַרברויכער, דער קאָנסומענט, האָט אַ באַגער, אַ פאַרלאַנג דערפאַר. מיר זעען, ווי אַזוי מענשן גיבן אַוועק ענערגיע און צייט אויף שאַפן זאַכן, וואָס שטעלן זיך נאָכדעם אַרויס צו זיין ווערטלאָז. פאַרוואָס? ווייל דער פאַרברויכער האָט ניט קיין פאַרלאַנג פאַר די דאָזיקע זאַכן. היינט ווי באַלד עס איז, פון איין זייט, מעגלעך צו פאַרווענדן אַרבעט אויף אַ זאַך און דאָך זאָל עס קיין ווערט ניט האָבן, און, פון דער אַנדערער זייט, עקזיסטירט קיינמאָל ניט ווערט אָן נוצלעכקייט, — מוז מען אָננעמען, אַז דער באַשטימענדער פאַקטאָר פון ווערט איז ניט אַרבעט, נאָר מענשלעכער פאַרלאַנג. דער רעלאַטיווער ווערט פון סחורות, ווידער, ווערט באַשטימט דורך דעם גראַד פון מענשלעכן פאַרלאַנג נאָך זיי, לויט דעם ווי מענשן זיינען גרייט פאַר דער צופרידנשטעלונג פון אַ געוויסן פאַרלאַנג זיך אָפּצוזאָגן פון דער צופרידנשטעלונג פון אַנדערע פאַרלאַנגען, אָדער זיי אָפּצוזאָגן.

קאַרל מאַרקס, אָבער, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז פאַלש. מענשן האָבן פאַרשיידענע פאַרלאַנגען, האָבן אַ פאַרלאַנג, אַ חשק צו אַ סך פּראָדוקטן, און אפילו דאָרט וואו עס איז פאַראַן אַ שפע פון פּראָדוקטן פון יעדן מין זעען מיר פונדעסטוועגן אַז איינע קאָסטן מער און אַנ־דערע ווייניקער. נאָך מער, דער קאָנסומענט צאָלט אָפט מער פאַר פּראָדוקטן, פאַר וועלכע ער האָט פאַרהעלטעניסמעסיק אַ קלענערן פאַרלאַנג, און אין אַ שעת־הדחק וואָלט ער זיך גרינג געקענט אָפּזאָגן פון זיי, בעת ער צאָלט ווייניקער פאַר פּראָדוקטן פאַר וועלכע זיין פאַרלאַנג איז אַ סך אַ גרעסערער, אָן וועלכע ער קען זיך בשום אופן ניט באַגיין. ווי אַזוי זשע קען דער רעלאַטיווער ווערט פון סחורות דערקלערט ווערן דורך מענשלעכן פאַרלאַנג? דער פאַרלאַנג אויף ראַדיאָס, למשל, איז אַ סך גרעסער ווי דער פאַרלאַנג אויף אויטאָמאָ־בילן, פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז אַן אויטאָמאָביל קאָסט אַ סך מער ווי אַ ראַדיאָ. פאַרוואָס? מאַרקס ענטפערט אויף דעם, אַז ניט מענשלעכער פאַרלאַנג, נאָר אַרבעט, מענשלעכע אַרבעט באַשטימט דעם ווערט, אויך דעם רעלאַטיוון ווערט, פון אַ סחורה. דער ווערט

פון א סחורה ווערט, לויט מארקסן, באשטימט דורך דער מאס ארבעט וואס איז פארוועגדעט געווארן אויף איר אויסארבעטונג. דעמאלט איז שוין קלאר, פארוואס, הגם עס איז פאראן צו קויפן לרוב סיי אויטאמאבילן און סיי ראדיאס און הגם דער פארלאנג אויף ראדיאס איז גרעסער ווי אויף אויטאמאבילן, קאסטן פונדעסטוועגן אויטא־מאבילן טייערער. דאס איז פשוט דערפאר, ווייל אויף מאכן אן אויטא־מאביל פאדערט זיך מער ארבעט ווי אויף מאכן א ראדיא. עס איז טאקע פאראן א סך אומנויטיקע, ווערטלאזע ארבעט אויך, אבער ביי דער שאפונג פון ווערטן קומט אין באטראכט ניט די נוצלאזע ארבעט נאר בלויז די געזעלשאפטלעך־נויטווענדיקע ארבעט. „דער ווערט פון א סחורה ווערט באשטימט דורך דער מאס פון געזעלשאפטלעך־נויטווענדיקער ארבעט אין איר".

מארקס' ווערט־טעאריע לייקנט ניט די באדייטונג פון דעם מענטשלעכן פארלאנג. דער פאקטאר „מענטשלעכער פארלאנג" ווערט אין איר געדעקט דורך דעם באדינג, אז כדי ארבעט זאל קענען שאפן א ווערט־זאך, מוז זי זיין „געזעלשאפטלעך־נויטווענדיקע" אר־בעט. די אלגעמיינע פאליטישע עקאנאמיע, ווידער, לייקנט ניט די באדייטונג פון מענטשלעכער ארבעט. דער פאקטאר „מענטשלעכע ארבעט" ווערט אין איר געדעקט דורך דעם באדינג, אז איידער דער מענטשלעכער פארלאנג קען פון א זאך מאכן א ווערט־זאך, א סחורה, מוז זי זיין אזא זאך, וואס איז ניט „עקאנאמיש פריי", וואס מ'קען זי ניט געפינען פריי אין דער נאטור, אויף וואס עס פאדערט זיך ניט קיין מענטשלעכע ארבעט. ביידע ווערט־טעאריעס נעמען, אלזא, אין באטראכט ביידע פאקטארן — סיי דעם פאקטאר פון ארבעט און סיי דעם פאקטאר פון פארלאנג. זיי צעגייען זיך נאר אין דער פראגע, וועלכער פון די צוויי פאקטארן איז דער באשטימער פון דעם ווערט פון א סחורה און פון דער גרויס פון דעם דאזיקן ווערט, ד. ה. פון דעם רעלאטיוון ווערט פון איין סחורה לגבי אן אנדער סחורה.

***

פון אויבן־אויף קען זיך אויסדוכטן, אז די פראגע, וואס עס איז דער באשטימענדער פאקטאר פון ווערט איז גאר ניט אזא הארבע. אין אמת'ן אבער איז זי זייער א קאמפליצירטע. עס זיינען פאראן

אַ סך קשיות אויףביידע ווערט־טעאָריעס. דאָ וויל איך זיך אָפּ־שטעלן בלויז אויף איין זייט פון דער דאָזיקער פראַגע. —

די אויספירונגען, גענעראַליזאַציעס און כללים פון דער אַלגע־מיינער פאָליטישער עקאָנאָמיע זיינען באַזירט אויף דער ווירק־לעכקייט, אויף די עקאָנאָמישע פאַקטן אַזוי ווי זיי דערשיינען און פאַסירן אין דער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג — אויף דעם, וואָס געוויסע פאָליטישע עקאָנאָמען רופן אָן „עקאָנאָמישער ביהעיוויאָריזם״. עס איז זייער גרינג זיך צו באַנוצן מיט די דאָזיקע כללים ביים דער־קלערן עקאָנאָמישע דערשיינונגען מכל המינים, דערפאַר ווייל זיי שטימען כמעט אין אַלע פרטים מיט דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט — מיט די געוואוינהייטן, פירונגען און פראַקטיקעס פון דעם איצטיקן לעבן, מיט דעם וואָס געוויסע עקאָנאָמען רופן „אינסטיטוציאָנעלע עקאָנאָמיע״.

מיט דער מאַרקסיסטישער פאָליטישער עקאָנאָמיע איז אָבער די זאַך פונקט קאַפּויר. דעם געדאַנק פון מאַרקס׳ ווערט־טעאָריע איז זייער גרינג צו פאַרשטיין, אָבער די אָנווענדונג פון דער דאָזיקער טעאָריע איז זייער אַ פאַרדרייטע, אַ קאָמפּליצירטע. אַזוי גיך ווי מ׳נעמט אָנווענדן די דאָזיקע טעאָריע אויף רעאַלע עקאָנאָמישע דערשיינונגען, קומט זי אויף שריט און טריט אין צוזאַמענשטויס מיט דער עקאָנאָמישער דערפאַרונג פון טאָג־טעגלעכן, ווירקלעכן לעבן. דערפאַר איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין מאַרקס׳ טעאָריע, און נאָך שווערער איז צו האָבן אַ מיינונג וועגן דעם צי זי איז ריכטיק אָדער ניט.

לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיט איניקע ביישפילן.

1.

אַז איר וועט נעמען אין דער האַנט אַ „פּראָפיט ענד לאָס סטייט־מענט״ (אַ חשבון פון פּראָפיטן און פאַרלוסטן) פון וועלכער עס איז פאַבריק אָדער געשעפטלעכער אונטערנעמונג, וועט איר געפינען, אַז דער ערשטער פונקט אין דעם, אַזוי צו זאָגן, בילד פונעם געשעפט,

איז: „סעילס״ — פּאַרקויף. צום סאַמע ערשטן קומט די הכנסה וואָס קומט אַריין אינם געשעפט פון דעם פאַרקויף. פון אָט דער הכנסה ווערן אַרונטערגענומען די הוצאות פון דעם רויען מאַטעריאַל, די דירעקטע אַרבעטס־הוצאות, די אומדירעקטע אַרבעטס־הוצאות, פאַרוואַלטונגס־הוצאות, אַנדערע הוצאות (ווי אָפּנוצונג פון מאַשינען, פייער־פאַרזיכערונג, רעגירונגס־שטייערן א. אַז. וו.). נאָכדעם ווי די אַלע אויסגאַבן ווערן אַרונטערגענומען פון דער הכנסה פונם פאַרקויף, בלייבט אָדער אַ ריוח אָדער אַ פאַרלוסט. אויב דאָס געשעפט ווייזט אַ פאַרלוסט, מוז די פאַרוואַלטונג טאָן איינס פון די צוויי: אָדער זי פאַרקלענערט די הוצאות אַז עס זאָל ניט זיין קיין פאַרלוסט, אָדער זי איז געצוואונגען דאָס געשעפט צו ליקווידירן.

דער פאַקט, וואָס די קויפער, די קאָנסומענטן באַצאָלן ניט גענוג פאַר די געשאַפענע פּראָדוקטן כדי צו דעקן די פולע פּראָדוקציע־קאָסטן פּליוס אַ פּראָפיט, איז אַליין אַ באַווייז, אַז דאָס געשעפט איז עקאָנאָמיש ניט־נוצלעך, איבעריק — משמעות דערפאַר, ווייל עס זיינען פאַראַן צופיל פאַבריקאַנטן פון די באַטרעפנדע פּראָדוקטן אָדער, אין פאַל פון אַ דינסט־לייסטונג, צופיל אונטערנעמונגען אַזעלכע אין דער זעלבער געגנט.

אָט־דאָס איז די אוניווערסאַלע פּראַקטיק פון בוכפירונג. קיינער האָט עס ניט אויסגעטראַכט. דאָס איז אַנטשטאַנען פון זיך אַליין — משמעות, ווייל דאָס אַנטשפּרעכט צום בעסטן די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט. אַרבעטס־שכירות און רויער מאַטעריאַל זיינען טאַקע פאַקטאָרן אין דער פּראָדוקציע, אָבער דער הויפּט־פאַקטאָר, דער לעצטער ריכטער, צי די פּראָדוקטן זיינען נוצלעכע און צי זיי זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן עקאָנאָמיש, איז ניט קיין אַנדערער ווי נאָר דער קויפער, דער קאָנסומענט. ער, דער קאָנסומענט, באַשטימט אין לעצטן סך־הכל אפילו די פראַגע, צי די אַרבעט פון דעם אַרבעטער וואָס האָט געשאַפן דעם פּראָדוקט איז אַ געזעלשאַפטלעך־נוצלעכע אָדער ניט.

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז די ווערט־טעאָריע פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער עקאָנאָמיע שטימט פולשטענדיק מיט דער

ווירקלעכער עקאָנאָמישער פּראַקטיק, בעת די מאַרקסיסטישע ווערט־טעאָריע שטימט ניט מיט איר.

.2

אַז מיר גייען אַריבער פון דער בוכפירונג צו דער פינאַנץ־וועלט, זעען מיר ווידער אַמאָל ווי די מאַרקסיסטישע ווערט־טעאָריע שטימט ניט מיט דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט.

ווי אַזוי ווערט אויפן פינאַנץ־מאַרק אָפּגעשאַצט דער ווערט פון די אַקציעס פון אַ געוויסן געשעפט? ניט לויט דער צאָל אַרבעטער וואָס דאָס געשעפט באַשעפטיקט, אויך ניט לויט דער צאָל פּראָדוקטן וואָס עס פּראָדוצירט, נאָר לויט דעם פּראָפיט, וואָס דאָס געשעפט ווייזט, און דאָס מיינט — לויט דעם גראַד חן און לייטזעליקייט וואָס די פּראָדוקטן פון דעם באַטרעפנדן געשעפט געפינען אין די אויגן פון דעם קעניג־קאָנסומענט, אַזוי אַז ער איז גרייט צו צאָלן פאַר זיי אַזוי פיל, אַז עס זאָל בלייבן אַ ריוח.

און דער רעלאַטיווער ווערט פון אַקציעס ווערט אויך באַשטימט ניט לויט אַרבעט אָדער צאָל פּראָדוקטן, נאָר לויט דעם פּראָפיט וואָס זיי ברענגען אַריין, פּליוס דער ריזיקע וואָס איז פאַרבונדן ביי אַזאַ אינוועסטירונג. אַ געשעפט, וואו די ריזיקע צו פאַרלירן דעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל איז אַ פאַרהעלטעניסמעסיק קליינע, דאַרף אַריינברענגען, לאָמיר אָננעמען, 5 פּראָצענט פּראָפיט. ווען דער דיווידענד אויף אַזאַ אַקציע שטייגט, הויבט זיך אויף איר פּרייז. אַ געשעפט, ווידער, וואו די ריזיקע פאַר דעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל איז אַ גרעסערע, דאַרף אַריינברענגען, לאָמיר אָננעמען, 10 פּראָצענט פּראָפיט. איז אויב דאָס געשעפט ברענגט אַריין צען פּראָצענט פּראָפיט האַלט זיך דער פּרייז פון די באַטרעפנדע אַקציעס אַרום זייער נאָמינעלן פּרייז. אויב אָבער דער פּראָצענט ריוח פאַלט, פאַלט אויך דער פּרייז פון די באַטרעפנדע אַקציעס, און אויב דער פּראָצענט ריוח שטייגט, הויבט זיך אויך דער פּרייז פון די אַקציעס.

דאָ זעען מיר, ווידער אַמאָל, אַז אין דעם רעאַלן עקאָנאָמישן לעבן שפּילט די אַנטשיידנדיקע ראָלע פּראָפיט, און ניט מערוּוערט.

3.

און אז מיר ווארפן א בליק אויף דער ראטע פון פראפיט, זעען מיר ווידער אמאל אז זי שטימט מיט דער עקאנאמישער ווירקלעכקייט, בעת מארקס' ראטע פון מערווערט שטימט ניט מיט דער ווירק־לעכקייט.

אזוי ווי מארקס נעמט אן, אז יעדער ווערט קומט פון ארבעט, מוז לפי דעם אויסקומען אז דער אזוי גערופענער „פראפיט" פון יעדער אונטערנעמונג נעמט זיך פון יענעם טייל ארבעט וואס דער ארבעטער האט אין דעם פראדוקט אריינגעלייגט פאר וועלכן ער האט ניט געקראגן באצאלט. מארקס רופט עס אן „מערווערט". כדי צו באקומען א ראטע פון מערווערט, צעטיילט מארקס די קאפי־טאל־הוצאה ביי דער אויסארבעטונג פון פראדוקטן אין צוויי מינים. איין מין קאפיטאל רופט ער „קאנסטאנטער", דעם צווייטן מין רופט ער „וואריאבלער". אין דעם „קאנסטאנטן" קאפיטאל נעמט מארקס אריין די מאשינען, די אינסטאלאציע ווי אויך דעם רויען מאטעריאל; אין דעם „וואריאבלען" קאפיטאל נעמט ער אריין בלויז ארבעטס־קאסטן, שכירות.

לאמיר אננעמען, אז אין א געוויסן געשעפט איז אינוועסטירט געווארן א גרויס־קאפיטאל פון 1 מיליאן דאלאר; שכירות צו אר־בעטער זיינען אין משך פון יאר אויסגעצאלט געווארן 100 טויזנט דאלאר, און דער פראפיט וואס דאס געשעפט ווייזט באטרעפט 100 טויזנט דאלאר. די „ראטע פון פראפיט" וועט אין אזא פאל אויס־קומען 10 פראצענט (אויף דעם גאנצן אינוועסטירטן קאפיטאל פון 1 מיליאן דאלאר); די „ראטע פון מערווערט", אבער, וועט אויס־קומען גאנצע הונדערט פראצענט (100 מיליאן דאלאר פראפיט אויף אויסגעצאלטע שכירות פון 100 מיליאן).

דאס שטימט בשום אופן ניט מיט דער ווירקלעכקייט. אין דער ווירקלעכקייט זעען מיר, אז דער ריוח פון יעדער אונטערנעמונג שטייט אין א דירעקטער שייכות צום אינוועסטירטן קאפיטאל, אבער ניט צו דער ארבעט. נאך מער, עס זיינען פאראן געשעפטן, וואו קיין ארבעט, אין דעם מארקסיסטישן זין, ווערט גאר אינגאנצן ניט צוגעלעגט צום פראדוקט, פונדעסטוועגן מאכט דאס געשעפט גאנץ

פיינע פּראָפיטן, און דאָס באַווייזט אונז אַז די באַטרעפנדע געשעפטן פילן אויס אַ נויטיקע געזעלשאַפטלעכע פונקציע.

דעם דאָזיקן ווידערשפרוך דערקלערט מאַרקס אָט אַזוי:

דער „פּראָפיט״ פון יעדן געשעפט קומט טאַקע פון אַרבעט און פון אַרבעט אַליין. אָבער אַזוי ווי דער קאַפּיטאַליסט־פאַבריקאַנט קען ניט עקזיסטירן אָן דער מיטהילף פון די הענדלער, לענדלאָרדס, פּראָצענטניקעס און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע פּיאַווקעס, צעטיילט ער זיך מיט זיי מיט דעם רויב וואָס ער האָט צוגענומען ביי די אַרבעטער. פון די הונדערט פּראָצענט מערווערט, וואָס ער האָט אָנגערויבט ביי די אַרבעטער, האַלט ער פאַר זיך בלויז אַ טייל, און דאָס איבעריקע גיט ער צו די אַנדערע פּיאַווקעס. אָט דערפון נעמט זיך, וואָס אַזעלכע געשעפטן וואָס לעגן גאָרניט צו צום פּראָדוקט מאַכן פונדעסטוועגן גאַנץ גוטע געשעפטן.

נעמען מיר, אַלס ביישפּיל, אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר, וואָס פאַרקויפט פאַר אַ מיליאָן דאָלאַר סחורה אַ יאָר, וועלכע זי האָט געקויפט ביי פאַרשיידענע פאַבריקאַנטן און באַצאָלט דערפאַר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. לויט מאַרקס׳ באַגריף קוקט די זאַך אויס אַזוי: ווערט און מערווערט ווערן געשאַפן אין פאַבריק, אין פּראָצעס פון פּראָדוקציע, און ניט אין מאַרק, ניט אין פּראָצעס פון צירקולאַציע. וויבאַלד אַזוי, קומט אויס אַז די דעפּאַרטמענט־סטאָר האָט באַקומען פאַר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר מערווערט, אַלס טייל פון דעם וואָס די פאַבריקאַנטן האָבן אָנגערויבט ביי די אַרבעטער אין זייערע פאַבריקן; די אייגנטימער פון דעפּאַרטמענט־סטאָר צעטיילן בלויז דעם דאָזיקן רויב. אַ טייל נעמען זיי פאַר זיך, אַ טייל גיבן זיי אַוועק צו לענדלאָרדס, פּראָצענטניקעס (באַנקען), צייטונגען און בראָדקעסטינג־סטאַנציעס (פאַר אַנאָנסן) א. אַז. וו. א. וו., און אַ טייל גיבן זיי אַוועק צו זייערע אָנגעשטעלטע. הגם די אָנגעשטעלטע פון דער דעפּאַרטמענט־סטאָר אַרבעטן פאַר שכירות, זיינען, הייסט עס, כשרע פּראָלעטאַריער, האָרעווען שווער און ווערן גאַנץ היפּש עקספּלואַטירט, געהערן די דאָזיקע קאָמערציעלע אַרבעטער אין אַן אַנדער קאַטעגאָריע ווי די אינדוסטריעלע אַרבעטער. „קאָמערציעלע אַרבעטער שאַפן ניט קיין מערווערט; זיי העלפן בלויז זייער באַלעבאָס

באַקומען זיין חלק פון דעם מערווערט וואָס די אינדוסטריעלע אַר־בעטער האָבן געשאַפן אין די פאַבריקן". *)

דאָ הויבט זיך אָן אַ סדרה פון איינטיילן אַלע באַשעפטיקונגען, אפילו פון פראָלעטאַריער וואָס אַרבעטן פאַר שכירות, אין „פּראָדוק־טיווע" און „ניט־פּראָדוקטיווע" ; און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה פון נאָכפאָלגן דעם מערווערט פון דער פאַבריק אין מאַרק אַריין, פון וויזן וועלכע גלגולים דער מערווערט מאַכט דורך ביז מ'צעטיילט זיך מיט אים — אַ פּראָצעס אַזאַ פאַרוויקלטער און קאָמפּליצירטער, אַז מ'קען ממש פון זינען אַרונטער לייענענדיק עס, אָבער פאַרשטיין. פאַר וואָס מאַרקס איז דאָ גערעכט און די אַלגעמיינע פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז אומגערעכט — דאָס איז זייער שווער.

ווי פאַרפּלאָנטערט און מיסטיפיצירט עקאָנאָמישע דערשיינונגען ווערן ווען מען קוקט אויף זיי דורך דעם קוק־ווינקל פון דער פאַבריק — ווי מאַרקס טוט עס — קען מען זען דערפון, וואָס קוקנדיק אָט־אַזוי הויבט זיך אָן מאַרקסן אויסדוכטן, אַז סחורות טראָגן אַ פעטי־שיסטישן כאַראַקטער. אין דעם קאַפּיטל „דער פעטישיזם פון סחורות און דער סוד דערפון" (אין ערשטן באַנד פון „קאַפּיטאַל") באַמיט זיך

---

*) אין צווייטן באַנד „קאַפּיטאַל", אינם קאַפּיטל „די הוצאות פון ציר־קולאַציע" (אויף זייט 149 פון דער ענגלישער איבערזעצונג) ווערט געזאָגט אַז: „...ניט דער פאַרקויף און ניט דער קויף שאַפט וועלכע עס איז ווערטן"... „ער (דער קאָמערציעלער אַרבעטער) אַרבעט אַזוי גוט ווי יעדער אַנדער מענש, אָבער בעצם שאַפט זיין אַרבעט ניט קיין פּראָדוקטן און ניט קיין ווערטן. ער אַליין געהערט צו די אומפּראָדוקטיווע הוצאות פון פּראָדוקציע...". און אין דריטן באַנד „קאַפּיטאַל", אינם קאַפּיטל „קאָמערציעלער פּראָפיט", ווערט געזאָגט אַזוי: (אויף זייט 352) „די הוצאות פאַר אָט די (קאָמערציעלע אַרבעטער), הגם זיי ווערן געמאַכט פאַר שכירות, אונטערשיידן זיך פון דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל (ד. ה. שכירות) וואָס ווערט אינוועסטירט ביים קויפן פּראָדוקטיווע אַרבעט. ... וואָרים די דאָזיקע הוצאות ווערן געמאַכט פאַר אַרבעט, וואָס ווערט באַשעפטיקט בלויז פאַר דער רעאַליזירונג פון שוין געשאַפענע ווערטן...."; (אויף זייט 353) „דער קאָמערציעלער אַרבעטער פּראָדוצירט ניט קיין שום מערווערט דירעקט..."; (אויף זייט 354 „ער (דער קאָמערציעלער אַרבעטער) מאַכט אַ הוספה צו דער הכנסה פון דעם קאַפּיטאַליסט ניט דורך שאַפן וועלכן־עס־איז דירעקטן מערווערט, נאָר דורך העלפן אים פאַרקלענערן די הוצאות פון דער רעאַליזירונג פון מערווערט"...

מאַרקס צו דערקלערן אין וואָס עס באַשטייט דער פעטישיסטישער כאַראַקטער פון סחורות, אָבער נאָכדעם ווי מ׳לייענט עס אָבער און ווידער איז נאָך גאַנץ ווייט פון קלאָר, מיט וואָס סחורות טראָגן אַ פעטישיסטישן כאַראַקטער. קאַוטסקי שרייבט (אין די „עקאָנאָמישע דאָקטרינען פון קאַרל מאַרקס״), אַז דער קאַפּיטל וועגן דעם פעטי־שיסטישן כאַראַקטער פון סחורות איז איינער פון די וויכטיקסטע פון „קאַפּיטאַל״ און מ׳דאַרף אים שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, און ער באַקלאָגט זיך אַז גראָד דער קאַפּיטל איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן סיי פון אָנהענגער און סיי פון קעגנער פון מאַרקס׳עס טעאָריעס. ווי מיר דוכט זיך, איז דער ענטפער פאַרוואָס דער דאָזיקער קאַפּיטל איז אַזוי פאַנאַכלעסיקט געוואָרן אָט־וועלכער: זייער ווניק לייענער פאַרשטייען דעם דאָזיקן קאַפּיטל. לאָמיר דעם ענין פּרובירן דערקלערן, ווי איך מיט מיינע שוואַכע כחות פאַרשטיי אים.

ווען פּראָדוקטן זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר פערזענלעכן געברויך, האָבן זיי געטראָגן דעם נאַטירלעכן כאַראַקטער פון פאַרברויך־אָביעקטן. אָבער ווען פּראָדוקטן האָבן אָנגעהויבן פאַבריצירט ווערן פאַר דעם מאַרק, ד. ה. ווען זיי זיינען געוואָרן סחורות, וועלכע ווערן אויסגעביטן אויפן מאַרק אויף אַנדערע סחורות, האָבן זיי אַנשטאָט דעם פריער־דיקן נאַטירלעכן כאַראַקטער אָנגענומען אַ סאָציאַלן כאַראַקטער. די שייכות צווישן די פּראָדוצענטן אין אַזאַ עקאָנאָמישער אָרדנונג הענגט מער ניט אָפּ אָן זייער אייגענעם ווילן, נאָר אָן געזעלשאַפטלעכע כוחות; עס עקזיסטירט גאָרניט מער קיין שייכות צווישן זיי אַליין, נאָר בלויז צווישן די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט. די סאָ־ציאַלע שייכות צווישן מענטשן נעמט אָן די פאַנטאַסטישע פאָרם פון אַ שייכות צווישן זאַכן. „כדי צו געפינען אַן אַנאַלאָגיע, — שרייבט מאַרקס, — מוזן מיר אָנקומען צו די אין נעפּל איינגעהילטע רעגיאָנען פון דער רעליגיעזער וועלט. אין דער דאָזיקער וועלט דערשיינען די פּראָדוקציעס פון דעם מענטשלעכן מאַרך ווי זעלבסטשטענדיקע באַ־שעפענישן, וואָס זיינען באַשאָנקען מיט לעבן און וואָס טרעטן אַריין אין באַציאונגען איינער מיטן אַנדערן און מיט דעם מין מענטש. אַזוי איז עס אויך אין דער וועלט פון סחורות מיט די פּראָדוקטן פון מענטש־לעכע הענט. אָט דאָס רוף איך אָן דער פעטישיזם פון סחורות,

וואָס קלעפּט זיך צו צו די פּראָדוקטן פון אַרבעט אַזוי שנעל ווי זיי ווערן פּראָדוצירט אַלס סחורות און וואָס איז דעריבער ניט־אָפּטיילבאַר פון דער פּראָדוקציע פון סחורות". אַ טיש, וואָס ווערט געמאַכט פון האָלץ, איז דוכט זיך אַ געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע זאַך, אָבער אין דעם מאָמענט ווען עס טרעט אַרויס ווי אַ סחורה, — זאָגט מאַרקס, — „ווערט עס אומגעוואַנדלט אין עפּעס וואָס איז טראַנסצענדענט. ניט נאָר שטייט דער טיש מיט זיינע פיס אויף דער ערד, נאָר אין שייכות מיט אַנדערע סחורות שטייט ער אויפן קאָפּ, און פון דיין הילצערנעם קאָפּ גיט ער אַרויס גראָטעסקע אידייעס, וואָס זיינען אַ סך וואונדערלעכער ווי די מלאכה פון טיש־אַרבעט איז ווען געווען".

ווי וואונדערלעך שיין דאָס מעטאַפאָרישע בילד וועגן דעם טיש וואָס שטייט אויפן קאָפּ און פון זיין הילצערנעם קאָפּ גיט ער אַרויס גראָטעסקע אידייעס זאָל ניט זיין, בין איך אָבער שטאַרק מסופק צי דער לעזער וועט דאָ עפּעס פאַרשטיין סיידן מיר וועלן פאַרלאָזן די הימלען פון מיסטיק און אַרונטערקומען אויף דער רעאַלער ערד. דער „טשוואָק" פון דעם דאָזיקן געדאַנק, ווי איך פאַרשטיי עס, איז אָט וועלכער:

אַ שוך־אַרבעטער, למשל, האָט אָפּגעאַרבעט אַ וואָך פון 40 שטונדן און האָט באַקומען דערפאַר אין שכירות 40 דאָלאַר. גייענדיק אַהיים פרייטיק אָוונט מיט די שכירות אין קעשענע קויפט ער אַ צייטונג פאַר 3 סענט, אַ פּעקל סיגאַרעטן פאַר 17 סענט, פאַר פאָרן אַהיים מיט דער סאָבווי באַצאָלט ער 5 סענט, דער ווייב גיט ער „פאַרן טיש" 15 דאָלאַר, דירה־געלט קאָסט אים 10 דאָלאַר אַ וואָך, גאַז און באַלייכטונג — 1 דאָלאַר אַ וואָך א. אַז. וו. ביז די גאַנצע 40 דאָלער ווערט אויסגעגעבן. אַז מ'פרעגט, צי האָט דער אַרבעטער עפּעס אַ דעה אין דער באַשטימונג פון אָט די פאַרשיידענע פרייזן, מוז מען ענט־פערן: ניין, ער האָט קיין שום דעה ניט אין דעם און ער פערזענלעך שפּילט גאָר קיין ראָלע ניט אין אָט דעם גאַנצן אויסטויש־פּראָצעס. וואָס דאָ איז פאַרגעקומען אין אמת'ן איז אַן אויסטויש, דורך דעם מעדיום פון געלט, צווישן די שיך וואָס דער אַרבעטער האָט אויסגעאַרבעט און די פּראָדוקטן וועלכע ער פאַרברויכט. צווישן אָט די פּראָדוקטן עקזיסטירט אַ געוויסע סאָציאַלע שייכות, און די פרייזן

זייערע ווערן באַשטימט דורך זייער ווערט און מערווערט, וואָס נעמט זיך פון דער מאָס אַרבעט וואָס עס האָט געדויערט זיי צו שאַפן.

אָט אַזוי פאַרפּלאָנטערט זעען אויס עקאָנאָמישע דערשיינונגען ווען מ'קוקט אויף זיי דורך דעם קוק־ווינקל פון דער פאַבריק. אָבער ווען מ'קוקט אויף עקאָנאָמישע דערשיינונגען דורך דעם קוק־ווינקל פונם מאַרק, דעמאָלט זעען זיי אויס זייער קלאָר און זייער איינפאַך.

אַ פרוי, למשל, קומט אַריין אין אַ קראָם קויפן אַ גאַרניטערל פאַר איר אינגעלע. איין גאַרניטערל, וואָס דער קרעמער ווייזט איר, געפעלט איר. זי פרעגט: „וויפיל בעט איר פאַר דעם גאַרניטערל?" און ער ענטפערט: „15 דאָלער". „פאַרוואָס קומט אייך 15 דאָלאַר פאַר דעם דאָזיקן בגד'ל?" — זאָגט זי, — און זי מאַכט אַ חשבון, וויפיל עס האָט געקאָסט די קאָרט, די אונטערשלאַק, די אַרבעט־מלאכה, די פאָדים און קנעפלעך, און לויט איר חשבון קומט אויס, אַז 15 דאָלאַר איז צופיל פאַר דעם גאַרניטערל. דער קרעמער, ווידער, מאַכט אַן אַנדער חשבון און באַווייזט איר, אַז 15 דאָלאַר איז אַ גרויסע מציאה פאַר אַזאַ גאַרניטערל. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט איר שוין איבערצייגט אַז דער בגד איז טאַקע ווערט די 15 דאָלאַר, זאָגט זי: „איך וויל ניט אויסגעבן קיין 15 דאָלאַר אויף אַ גאַרני־טערל".

אָט אין אַזאַ פשוט'ער סצענקע, וואָס מ'קען נאָך איצט זען אין די קראָמען אויף דער איסט־סייד, ווערט זייער קלאָר דעמאָנסטרירט, אַז דער פרייז פון פראָדוקטן ווערט באַשטימט דורך אַ געוויסן באַלאַנס צווישן צוויי פאַקטאָרן — דורך פראָדוקציע־קאָסטן, פון איין זייט, און דורך דער ווילוקייט פון דעם קאָנסומענט זיך צו שיידן מיט דער סומע וואָס מ'בעט ביי אים, פון דער אַנדערער זייט. דער גאַנצער פראָצעס איז גאַרניט אַזוי אומפאַרזענלעך ווי עס קען זיך אויסדוכטן. די פאַרשיידענע מינים סחורות, וואָס געפינען זיך אין די אַן אַ שיעור שופליאָדן און פאָליצעס פון די קראָמען זיינען אין אמת'ן געמאַכט געוואָרן אויף דער באַשטעלונג פון די קאָנסומענטן — אמת, ניט אויף באַשטעלונג אין יעדן באַזונדערן פאַל, נאָר אויף קאָלעקטיווער באַשטעלונג, אויף דער אָפּשאַצונג פון די פאַרלאַנגען פון די קאָנ־סומענטן־קויפער, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט אַזוי גוט ווי אַן

אויסדריקלעכע באשטעלונג; און נאר דעמאלט ווען די קאנסומענטן קויפן די פראדוקטן און די פאליצעס ווערן ליידיק, הויבן די רעדער אין די פאבריקן זיך אן צו דרייען אויף דאס ניי, ווארים די אפליידיקונג פון די פאליצעס איז אייגנטלעך א נייע באשטעלונג פון די קאנסומענטן. אזוי־ארום איז דער קאנסומענט גארניט אזא פאסיווער כוח אין דעם פראדוקציע־פראצעס ווי די מארקסיסטישע עקאנאמישע שיטה שטעלט די זאך פאר.

מארקס אליין האט גוט געוואוסט, ווי שווער עס איז צו פאר־שטיין זיין ווערט־ און מערוועדט־טעאריע. אויף זייט 56 פון דער ענגלישער אויסגאבע פון דעם דריטן באנד „קאפיטאל" שרייבט מארקס אזוי: „דער מערווערט און די ראטע פון מערווערט זיינען, רעלאטיוו, די אומזיכטבארע און די אומבאוואוסטע עסענץ, בעת די ראטע פון פראפיט און די פאלגנדע דערשיינונג פון מערווערט אין דער פארם פון פראפיט זיינען פענאמענען וואס ווייזן זיך אויף דער אויבערפלאך".

הגם עס איז זייער שווער דאס צו זען, איז אבער מארקס פארט געווען פעסט איבערצייגט, אז דער איינציקער ווערט־שאפנדיקער עלעמענט אין יעדער סחורה און די רעלאטיווע שייכות צווישן סחורות ווערט באשטימט בלויז און נאר דורך דער גרויס פון דער געזעלשאפט־לעך־נוצלעכער ארבעט וואס איז פארווענדט געווארן ביי זייער אויסארבעטונג. זיין טעאריע פון ווערט פארגלייכט מארקס צו ניוטאנ'ס געזעץ פון גראוויטאציע. ווען דער אויבערפלעכלעכער באאבאכטער זעט ווי א שטיין פאלט צו דער ערד, פארצייכנט ער בלויז דעם טרוקענעם פאקט, אז דער שטיין איז געפאלן, ניט האבנדיק דערביי קיין אנונג וועגן דער ראליע וואס גראוויטאציע־קראפט שפילט ביי אט אזא טאג־טעגלעכער דערשיינונג ווי דאס פאלן פון א שטיין צו דער ערד. אזוי איז אויך אין דער פאליטישער עקאנאמיע. אויבערפלעכלעכע באאבאכטער קוקן אויף עקאנאמישע דערשיינונגען פון אויבן־אויף, ניט באמערקנדיק דעם אבסאלוטן עקאנאמישן געזעץ, אז ארבעט איז דער איינציקער ווערט־שאפנדער עלעמענט אין יעדער סחורה.

אפשר איז מארקס גערעכט. אבער איינס, דוכט מיר, איז זיכער:

אויפן גרונט פון די איינצלנע פאַקטן און דערשיינונגען פון ווירקלעכן עקאָנאָמישן לעבן איז שווער צו האַלטן מיט מאַרקס' ווערט־טעאָריע; די פאַקטן שטימען איינפאַך ניט מיט דער טעאָריע. די דאָזיקע טעאָריע זעט אויס צו זיין ריכטיק ווען אָנגעווענדט אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט, אָבער די באַזונדערע עקאָנאָמישע דערשיינונגען שטימען ניט מיט איר, יעדנפאַלס ניט אַלעמאָל. דעריבער מוז מען באַקומען דעם איינדרוק, אַז מאַרקס' שיטה איז עפּעס אַ מין עקאָנאָמישע מעטאַ־פיזיק; אַז ער הויבט אָן פון דאָס גאַנצע און קומט ערשט נאָכדעם צו די באַזונדערע ברוך־טיילן; אַז פריער האָט ער געשאַפן זיין טעאָריע און נאָכדעם האָט ער פּרובירט אויסאייניקן די באַזונדערע עקאָנאָמישע דערשיינונגען מיט דער אַלגעמיינער טעאָריע; אַז זיין גאַנצער מעטאָד איז אַ דעדוקטיווער. און דעריבער איז אַ ספק, צי איז מאַרקס' צוגאַנג טאַקע באמת אַ וויסנשאַפטלעכער.

אַרבעטער־קאַמף און מערוועדט

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, צי דער טאָג־טעגלעכער קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן שטימט מיט מאַרקס׳ טעאָריע פון ווערט און מערווערט.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ קאָנפערענץ צווישן פאַרטרעטער פון אַרבעטער און פאַרטרעטער פון באַלעבאַטים. די אַרבעטער־פאַרטרעטער פאָדערן 50 דאָלאַר שכירות פאַר אַ 40־שטונדיקער אַרבעטס־וואָך. די באַלעבאַטים זיינען איינגעשפּאַרט און ווילן ניט נאָכגעבן. די קאָנפערענץ האַלט ביים אָפּגעבראָכן ווערן. שטעלט זיך אויף אַ פאַרטרעטער פון די באַלעבאַטים און לעגט אַוועק אַ דרשה, לאמר, אַזוי צו זאָגן:

„ווי שעמט איר זיך גאָרניט צו שטעלן אַזעלכע הויכע פאָדע־רונגען? אפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז די נאַציאָנאַלע הכנסה וועט האַי־יאָר זיין 80 ביליאָן דאָלאַר, — די סומע וואָס די נאַציאָ־נאַלע הכנסה האָט דערגרייכט אין יאָר 1929, די העכסטע אין דער געשיכטע פון לאַנד ביז דעמאָלט, — קומט דאָך אייך אויך ניט קיין 50 דאָלאַר אַ וואָך. 20 ביליאָן פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה מוז גיין אויף רעמאָנט, אויסשפּרייטונג, נייע אונטערנעמונגען א. אז. וו. ווען מ׳נעמט די איבערגעבליבענע 60 ביליאָן דאָלאַר און מ׳צעטיילט עס גלייך אויף גלייך צווישן די 30 מיליאָן פאַמיליעס פון לאַנד, קומט אויס צו צוויי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר פער פאַמיליע. מער איז ניטאָ. מער שאַפט ניט דאָס לאַנד. מיר ווייסן, אַז אין אַ היפּש ביסל פאַמיליעס פון אייערע מיטגלידער איז פאַראַן מער ווי איין ברויט־פאַרדינער, אָבער אפילו ווען מ׳זאָל אָננעמען אַז די מיטגלידער פון אייער יוניאָן זיינען די איינציקע ברויט־פאַרדינער אין זייערע פאַמיליעס, זיינען זיי דאָך אויך ניט באַרעכטיקט צו מער ווי 40 דאָלאַר אַ וואָך. אויב זיי זאָלן קריגן מער ווי 40 דאָלאַר אַ וואָך,

מוז עס דאָך קומען פון די „פעי־ענוועלאָפּס“, פון די קעשענעס, פון די אַנדערע אַרבעטער וואָס פאַרדינען ווייניקער פון 40 דאָלאַר אַ וואָך פאַר פאַמיליע — פון יענע מיליאָנען אַרבעטער אין די מינען, פאַבריקן און אויף די פעלדער פון אונזער גרויסן לאַנד, וועלכע „קייען די ערד“ גאָר אינגאַנצן. אַזוי לאַנג ווי איר וועט פאַרלאַנגען מער וויפיל אייער חלק פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה טראָגט־אויס, וועלן אָט יענע מיליאָנען פאַמיליעס קיינמאָל זיך ניט קענען דער־שלאָגן צו זייער חלק פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה“ *).

וואָס, אַ שטייגער, וואָלט דער אַרבעטער־פאַרטרעטער געענט־פערט אויף אָט אַזאַ מין דרשה מצד אַ פאַרטרעטער פון די באַלע־באַטים ? אָט וואָס ער וואָלט געזאָגט :

„מיינע ליבע הערן באַלעבאַטים : די רעדע פון אייער פאַר־טרעטער, אין וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק באַדויערט די שווערע דאָליע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, — נאַטירלעך, מיט דער אויסנאַם פון אייערע אייגענע אַרבעטער, — און זיך איינגעשטעלט פאַר גלייכקייט, פאַר גלייכע הכנסות, איז דער גרעסטער וויץ וואָס איך האָב ווען אין מיין לעבן געהערט. מיינע הערן, אפשר וועט איר, אין די אינטערעסן פון גלייכקייט, אויך מסכים זיין צו ציען פון אייערע געשעפטן ניט מער ווי 40 דאָלאַר אַ וואָך ? און אויב מיר זאָלן מסכים זיין צו נעמען בלויז 40 דאָלאַר אַ וואָך, קענט איר אונז גאַראַנטירן אַז די עקסטרא צען־דאָלערדיקע וועלן טאַקע אָנקומען צו די אונטער־פּריווילעגירטע מאַסן, און ניט בלייבן אין אייערע אייגענע ברייטע קעשענעס ? אָנהויבן די אויסגלייכונג פון הכנסות, אין אַ וועלט וואָס איז פול מיט אומגלייכהייט ביז די ברעגעס, מיט אונז, מיט אונזערע מיטגלידער, — דאָס איז דאָך דער גרעסטער חוזק ! בעסער פאַרגעסט די פּוסטע, היפּאָקריטישע רייד פון אייער פאַר־טרעטער און גיט אונז די 50 דאָלאַר אַ וואָך, וואָס מיר פאָדערן — אַניט, רופן מיר תיכף אַרויס אונזערע מיטגלידער אין סטרייק !“

ס'איז ניט וויכטיק, צי אַ פאַרטרעטער פון באַלעבאַטים האָט ווען־עס־איז געהאַלטן אָט אַזאַ רעדע, און צי אַ פאַרטרעטער פון

*) אַזעלכע רייד וואָלטן, דוכט מיר, געשטימט מיט דייוויד ריקאַרדאָ'ס „אייזערנעם געזעץ פון שכירות“.

אַרבעטער האָט ווען געגעבן אַזאַ ענטפער. ווײַכטיק איז אַרויסצו־ברענגען די טאַטזאַך, אַז אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק פון אַרבעטער־קאַמף רעכענען זיך די אַרבעטער אַבסאָלוט ניט מיט אַזעל־כע אַבסטראַקטע טעאָרעטישע פראַגן, ווי גלייכקייט פון הכנסות, אָדער וויפיל עס באַטרעפט דער ווערט אָדער מערווערט וואָס זייער אַרבעט האָט געשאַפן. פאַרשטייט זיך, אַלע אַרבעטער צוזאַמען, ווי אַנטשלאָסן און דערפאָלגרייך זייער קלאַסן־קאַמף זאָל ניט זיין, קענען ניט באַקומען מער ווי די גאַנצע נאַציאָנאַלע הכנסה באַטרעפט. אין דער פּראַקטיק פון דעם קלאַסן־קאַמף, אָבער, נעמען די אַרבעטער אין באַטראַכט איין־איינציקע פראַגע: קען דער באַלעבאָס געבן אַ פאַרבעסערונג אָדער ניט? אויב מ'רעכנט אַז יאָ, פאָדערט מען עס, מ'קעמפט דערפאַר, און מ'באַקומט עס. אויב ניט, — איז אַפילו ווען מ'פאָדערט עס און מ'קעמפט דערפאַר, קען מען עס בשום אופן ניט באַקומען.

און ביים באַשטימען די פראַגע, צי קען דער באַלעבאָס נאָכ־געבן אַ פאַרבעסערונג זיינע אַרבעטער, ווערט זעלטן גענומען אין באַטראַכט די פראַגע, צי זיינע אַרבעטער באַקומען זייער פולן חלק פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה, און קיינמאָל ניט די פראַגע, צי קריגן זיי דעם פולן באַטרעף פון דעם ווערט וואָס זיי האָבן געשאַפן. בלויז איין־איינציקע פראַגע איז באַשטימענדיק דערביי, און דאָס איז — צי קען דער באַלעבאָס פאַרקויפן די געשאַפענע פּראָדוקטן פאַר אַזאַ פרייז, וואָס זאָל דעקן די נייע הוספה, אָדער ניט? און דאָס מיינט דאָך אייגנטלעך: צי איז דער קאָנסומענט גרייט צו באַצאָלן דעם פרייז — דעם געהעכערטן פרייז, אָדער דעם זעלביקן פרייז וואָס פריער, בעת ער האָט געהאַט אַ רעכט צו דערוואַרטן אַ רעדוצירטן פרייז?

אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק פון זיין קאַמף פאַר אַ גרע־סער שטיקל ברויט, אָדער פאַר פוטער צום ברויט, אינטערעסירט זיך דער אַרבעטער כמעט אינגאַנצן ניט מיט דער פראַגע, פאַרוואָס און ווי אַזוי דער באַלעבאָס קען זיינע פאָדערונגען נאָכגעבן. אים אַרט ניט, צי דער באַלעבאָס קען עס טאָן דערפאַר, ווייל די דער־פינדונג פון אַ נייער מאַשין אָדער אַ פאַרבעסערטן אַרבעט־פּראָצעס

האָט ביליקער געמאַכט די פּראָדוקציע־הוצאות. עס אַרט אים ניט, צי דער באַלעבאָס קען עס טאָן דערפאַר, ווייל די פּראָדוקטן וואָס ער פירט אַרויס אויפן מאַרק האָבן גראָד צוגעטראָפן דעם געשמאַק פון דעם קאָנסומענט, וועלכער איז גרייט צו צאָלן פאַר זיי וועלכן פרייז מ׳זאָל פון אים ניט פאַרלאַנגען. און אים אַרט ניט אפילו, אויב דער באַלעבאָס קען עס טאָן דערפאַר, ווייל ער געפינט זיך אין דער גינסטיקער לאַגע — דורך מאָנאָפּאָליסטישע באַדינגונגען — צו קענען צווינגען דעם קאָנסומענט צו באַצאָלן דעם פרייז. נאָך מער, אָפט זיינען אַרבעטער אפילו גרייט צו העלפן זייערע באַלעבאַטים אויסצונוצן זייער מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע אויף אַרויפשרויפן פרייזן, אַבי דער באַלעבאָס זאָל נאָר מסכים זיין אויך זיי צו געבן אַ טייל פון דעם רויב.

דער אַרבעטער האָט ניט דעם מינדסטן באַגריף, וויפיל עס באַטרעפט דער ווערט, וואָס זיין אַרבעט האָט געשאַפן, און אַרויס־גייענדיק פונם שטאַנדפּונקט פון ווערט־שאַפונג אָדער פון ניט־דער־צאָלטן מערווערט וואָלט ער קיינמאָל ניט געוואוסט וויפיל צו פאָדערן ביים באַלעבאָס, אַחוץ „דעם פולן פּראָדוקט״, וואָס איז אפשר אַ גאַנץ שיינע פראַזע, אָבער זי האָט ניט קיין ממשות׳דיקע וואָג אָדער צאָל; זי באַשטייט פון אַ סך נולן, אָבער אָן דער ציפער 1 אָדער 2 פון פאָרנט. דער אַרבעטער ווייס אָבער יאָ, אַז אויב דער באַלעבאָס צאָלט אים פאַר אַ שטונדע אַרבעט 50 סענט און ער פאַרקויפט די דאָזיקע שטונדע אַרבעט, אָדער דעם פּראָדוקט וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער שטונדע, פאַר אַ דאָלער, קען דער באַלעבאָס אים געבן אַ הוספה; און אויב דער באַלעבאָס צאָלט אים אַ דאָלאַר אַ שטונדע און ער פאַרקויפט די שטונדע פאַר 2 דאָלאַר, קען דער באַלעבאָס ווידער אַמאָל אים געבן אַ הוספה; און אפילו ווען דער באַלעבאָס צאָלט דעם אַרבעטער גאַנצע 2 דאָלאַר אַ שטונדע, אָבער ער פאַרקויפט די שטונדע פאַר 3 אָדער 4 דאָלאַר, פילט זיך דער אַרבעטער באַרעכטיקט צו פאָדערן מער, און ער קען עס טאַקע קריגן אויך.

אין די קאַרגע פיר צענדליק יאָר, וואָס איך אינטערעסיר זיך מיט אַרבעטער־פּראָבלעמען, איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו

לייענען, אז אן ארבעטער־פירער זאל האבן געזאגט צו באלעבאטים: „מיר פאדערן דעם פולן פראדוקט פון אונזער ארבעט”, אדער: „גיט אונז אפ צוריק דעם מערווערט, וואס איר האט ביי אונז אוועקגע־רויבט”. ווען איינעם וואלט יא איינגעפאלן אזעלכע רייד צו זאגן, און די באלעבאטים וואלטן אים געגעבן א פרעג: וויפיל באטרעפט דאס אין דאלארן און סענטן? — וואלט ער געבליבן אין א פאר־לעגנהייט, ניט וויסנדיק וואס צו ענטפערן אויף דער פראגע. פון דער אנדערער זייט, קומט אונז אויס טאג־טעגלעך צו לייענען וועגן ארבעטער־פירער וואס שטעלן פאדערונגען צו באלעבאטים, מאטי־ווירנדיק די דאזיקע פאדערונגען פון צוויי אויסגאנגס־פונקטן — ערשטנס, פון דעם שטאנדפונקט פון מענשלעכן וואוילזיין, ד. ה. אז די ארבעטער קענען ניט פירן קיין אנשטענדיקע מענשלעכע עקזיס־טענץ אויף די ביז־איצטיקע פארדינסטן זייערע, און, צווייטנס, פון שטאנדפונקט פון דער מעגלעכקייט פון די באלעבאטים די ארבעטער־פאדערונגען נאכצוגעבן, ד. ה. אז די באלעבאטים מאכן גענוג ריוח צו קענען געבן א הוספה די ארבעטער.

דארף מען האבן בעסערע באווייזן, אז די פראקטיקע פון דעם טאג־טעגלעכן ארבעטער־קאמף, ד. ה. פון דעם קלאסן־קאמף, שטימט ניט מיט די עקאנאמישע טעאריעס פון מארקסיזם?

***

אבער אפשר איז די מארקסיסטישע טעאריע פון ווערט און מערווערט נוצלעך פאר דעם טאג־טעגלעכן קאמף פון די ארבעטער־מאסן אויף אנדערע אופנים?

קארל קאוטסקי, למשל, דענקט, אז יא. אין זיין ווערק „די עקאנאמישע דאקטרינען פון קארל מארקס” שרייבט ער (אויף זייט 99 פון דער ענגלישער איבערזעצונג) אזוי:

„ . . . וואס אונז אינטערעסירט הויפטזעכלעך איז די שייכות צווישן דעם קאפיטאליסט און דעם ארבעטער . . . די טעאריע פון פראפיט העלפט ניט דערקלערן די דאזיקע שייכות, נאר, פארקערט, צו פארדעקן עס, דערפאר ווייל זי מאכט די גרויס פונם פראפיט אפהענגיק פון א ריי אומשטענדן וואס האבן אבסאלוט גארניט צו טאן מיט דער שייכות צווישן קאפיטאל און ארבעט”.

„וועלכע פאָרם דער פּראָפיט פון דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט זאָל ניט אָננעמען, הענגט אָבער זיין גרויס אָפּ אין לעצטן סך־הכל אַן דער גרויס פון דעם מערווערט, און דעריבער אַן דעם גראַד פון דער עקספּלואַטאַציע פון דעם לוין־אַרבעטער . . .".

הייסט עס, לויט קאַוטסקי'ס דערקלערונג, אַז די טעאָריע פון מערווערט איז נוצלעך פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס אויף צוויי אופנים:

ערשטנס — העלפט זי אויפקלערן דעם אַרבעטער, ווי אַזוי ער ווערט עקספּלואַטירט און באַרויבט, און ווער זיין שונא איז.

צווייטנס — הויבט זי אויף דעם פאַרהאַנג, מיט וועלכן די העכסט קאָמפּליצירטע עקאָנאָמישע דערשיינונגען זיינען פאַרדעקט, און ווייזט אָן, אַז יעדער פּראָפיט פון אַ קאַפּיטאַליסט קומט פון דער עקספּלואַטאַציע פון דעם אַרבעטער אין דער פאַבריק. דאָס, זאָל עס הייסן, פאַרשטאַרקט דעם געפיל פון סאָלידאַריטעט צווישן די אַרבעטער?

איז קאַוטסקי גערעכט? לאָמיר זען. —

וואָלט דער אַרבעטער, אָן דער ווערט־טעאָריע, טאַקע ניט גע־וואוסט קעגן וועמען זיין קאַמף צו פירן און ביי וועמען צו פאָדערן פאַרבעסערונגען? עס איז געענוג די דאָזיקע פראַגע בלויז אַזוי צו פאָרמולירן, כדי מ'זאָל תיכף איינזען, ווי ניט אמת דאָס איז. דער אַרבעטער ווייס זייער גוט קעגן וועמען צו קעמפן, — צוליב דעם איינפאַכן טעם, וואָס אויסער זיין אייגענעם באַלעבאָס איז אייגנטלעך ניטאָ קיין אַנדערער, קעגן וועמען ער זאָל קענען פירן אַ קאַמף. קען דען דער אַרבעטער פירן אַ קאַמף קעגן די פאַר־מיטלער מכל המינים, קעגן די קרעמער־פאַרקויפער, קעגן דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל א. אַז. וו.? עס איז קלאָר, אַז פירן אַ דירעקטן קאַמף פאַר פאַרבעסערונגען קען דער אַרבעטער בלויז קעמפנדיק קעגן זיין אייגענעם באַלעבאָס. ער האָט עס געטאָן נאָך איידער עס איז געוועזן אויף דער וועלט אַן אַרבעטס־טעאָריע פון ווערט; און נאָכדעם ווי די דאָזיקע טעאָריע איז שוין געווען, און דער אַרבעטער ווייס זי ניט און פאַרשטייט זי ניט, פירט ער אַלץ זיין קאַמף קעגן די איינציקע, קעגן וועלכע עס איז פאַר אים מעגלעך צו קעמפן — קעגן זיינע דירעקטע באַלעבאַטים.

ווי אַזוי די טעאָריע פון פּראָפיט איז אָדער קען זיין אַ שטע־רונג אין דעם קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן, איז פּשוט אומפאַר־שטענדלעך. נו, און אַז דער ווערט פון אַ סחורה קומט הויפּט־זעכלעך פון מענשלעכן פּאַרלאַנג, און דער פּראָפיט ווערט געמאַכט ניט אין פאַבריק נאָר אויפן מאַרק, — איז ווי אַזוי שטערט עס דעם אַרבעטער אין זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף? כּדי צו רעאַליזירן דעם פּראָפיט אויפן מאַרק, מוז דאָך דער קאַפּיטאַליסט סיי ווי סיי אַנקומען צום אַרבעטער אין דער פאַבריק — און דאָ האָט דער אַרבעטער די געלעגנהייט זיין קאַמף צו פירן, און ער טוט עס טאַקע.

און ווי שטייט עס מיט דער סאָלידאַריטעט פון דעם אַרבעטער־קלאַס — ווערט זי דורך דער ווערט־טעאָריע פאַרשטאַרקט, אָדער גאָר פאַרקערט?

די סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער־קלאַס ציט איר סאַמע יניקה פון דער איינציקער טאַטזאַך, וואָס אומעטום וואו אַרבעטער פאָדערן עפּעס, — אַלץ איינס, וואָס די פאָדערונגען זאָלן ניט זיין און ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין ביי פאַרשיידענע אַרבעטער־גרופּן, — קענען זיי דאָס פאָדערן בלויז און אויסשליסלעך פון זייערע דירעקטע באַלעבאַטים. די קאַפּיטאַליסטן, וואָס באַשעפטיקן אַרבעטער, זיינען יענער ווירטשאַפטלעכער „באַטלנעק" (העלזל פון פלאַש), דורך וועלכן דער מינדסטער געווינס פון דעם מינדסטן אַרבעטער מוז אַדורכגיין. כּדי אַן אַרבעטער זאָל קריגן וואָס־ניט־איז, מוז ער דאָס קריגן פון זיין דירעקטן באַשעפטיקער. אָט פון דעם אומ־שטאַנד נעמט זיך די סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטער קעגן אַלע קאַפּיטאַליסטן.

האָט די מאַרקסיסטישע טעאָריע צוגעטראָגן עפּעס צו אָט דעם נאַטירלעכן סאָלידאַריטעט־געפיל פון אַרבעטער, וואָס זאָל אים האָבן שטאַרקער געמאַכט? שווער צו זען ווי אַזוי. האַלט דאָך די אַרבעטס־טעאָריע פון ווערט, אַז בלויז די אינדוסטריעלע אַר־בעטער שאַפן מערווערט, בעת די קאָמערציעלע אַרבעטער מכּל המינים שאַפן ניט קיין מערווערט און העלפן בלויז זייערע באַלע־באַטים רעאַליזירן זייער חלק פון דעם אַנגערויבטן מערווערט. אַנשטאָט צו העלפן פאַרשטאַרקן דעם סאָלידאַריטעט־געפיל צווישן

די אַרבעטער, ברענגט די דאָזיקע טעאָריע, דאַכט זיך, גאָר אַריין אַ פּירוד, אַ שפּאַלטונג צווישן די אַרבעטער — אַ שפּאַלטונג אויף „אמת'ע" אַרבעטער, וואָס שאַפֿן דעם גאַנצן מערווערט פון דער געזעלשאַפט, און אויף „ניט־אמת'ע", אָדער לפּחות „ניט אַזעלכע אמת'ע" אַרבעטער. אויף אַזוי ווייט, ווי די צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער האַלט פאַרהעלטניסמעסיק אין כסדר'דיקן פאַלן, און די צאָל קאָמערציעלע אַרבעטער האַלט אין שטייגן, — קען די טעאָריע פון מערווערט ווערן וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם געפיל פון אמת'ער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, וואָס מוז זיין באַגרינדעט אויף דעם געדאַנק אַז אַלע וואָס אַרבעטן פאַר שכירות זיינען גלייך פּראָדוקטיוו.

פון איין זייט, האָט די מאַרקסיסטישע קלאַסן־ און קלאַסנקאַמף־טעאָריע געשפּילט אַן אומגעהויער גרויסע ראָליע ביים פאַרשטאַרקן דעם סאָלידאַריטעט־געפיל פון דער אַרבעטערשאַפט. לויט דעם קלאַסן־בליק, קומט דאָך אויס, אַז יעדערער וואָס איז געצוואונגען צו פאַרקויפן זיין אַרבעטס־קראַפט פאַר אַ לוין, געהערט צו דעם גרויס־גרויסן קלאַס פּראָלעטאַריער. אָבער די מאַרקסיסטישע ווערט־טעאָריע, פון דער אַנדערער זייט, האָט גאָר די טענדענץ די אַרבעטער־סאָלידאַריטעט צו פאַרטונקלען.

אויב די אַרבעט־טעאָריע פון ווערט האָט ניט געבראַכט קיין אַקטועלן שאָדן דער אַרבעטער־באַוועגונג, נעמט זיך עס דערפון, וואָס ניט די אַרבעטער פאַרשטייען זי און ניט זיי רעכענען זיך מיט איר. אויף אָט דער טעאָריע איז חל דער פּסוק פון דעם פאָלקס־ווערטל: „אַזוי ווי די אַרבעטער ווייסן ניט, אַזוי וועט עס זיי ניט שאַטן". אָבער קיין הילף פאַר די אַרבעטער איז די דאָזיקע טעאָריע יעדנפאַלס ניט.

***

אָט אַזוי זעען מיר, אַז די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון ווערט און מערווערט שטימט ניט מיט דער פּראַקטיק פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן, און קיין פּראַקטישן נוצן האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אויך ניט פון איר.

סאָציאַליזם און די טעאָריע פון מערווערט

און איצט לאָמיר זען, צי דער סאָציאַליזם גופא שטימט מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון ווערט און מערווערט, און צי קען ער זיך טאַקע אָן איר ניט באַגיין.

*
**

ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין פאַנטאַסטישע אוטאָפּיעס וועגן דער געזעלשאַפט פון דער צוקונפט, קען מען אָבער פונדעסטוועגן זיך שאַפן אַן אַלגעמיינע, — אמת, אַ זייער אַלגעמיינע, — פאָרשטעלונג פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די הויפּט־שטריכן פון אַזאַ געזעלשאַפט וועלן זיין אָט וועלכע:

עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע פון איין מענשן דורך אַ צווייטן וועט אָפּגעשאפט ווערן. עס וועלן מער ניט זיין קיין פּריוואַטע אונטערנעמער — די געזעלשאַפט, אָדער אַלס גאַנצע אָדער דורך באַזונדערע פרייע קאָאָפּעראַטיוון, וועט זיין דער איינציקער אונטערנעמער; און עס וועלן מער ניט זיין קיין לוין־אַרבעטער — די אַרבעטער וועלן זיין שותפים אין דער געזעלשאַפט און אין אירע אונטערנעמונגען. אַלס שותפים, וועלן די אַרבעטער, די אָנטיילנעמער אין די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, באַקומען אַ גלייכן חלק פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, אָדער פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער הכנסה.

היינט צו טאָג זיינען פאַראַן וועניק סאָציאַליסטן, וואָס גלויבן, אַז גלייך אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, — אויב עס איז בכלל מעגלעך צו ריידן וועגן אַזאַ זאַך ווי „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע”, — וועט מעגלעך זיין איינצופירן גלייכע הכנסות פאַר אַלעמען. אפילו מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז אין דער ערשטער פאַזע, אָדער פאַזן, פון סאָציאַליזם וועלן קיין גלייכע הכנסות ניט זיין, און דאַרפן ניט זיין. און עס ווערט אַלץ גרעסער די צאָל

סאָציאַליסטן, וואָס האַלטן, אַז די פּלוצימדיקע, מיטאַמאָליקע אָפּשאַפונג אָדער ליקווידירונג פון אַלע פּריוואַטע אונטערנעמונגען איז ניט נאָר ניט ראַטזאַם, נאָר העכסט שעדלעך, ווייל דאָס מוז פירן צו געזעלשאַפטלעכער פּאַראַלימונג און סטאַגנאַציע. עס קען אָבער ניט זיין קיין ספק, אַז דער סאָציאַליסטישער ענדציל, דער „אחרית הימים", זעט פאַראויס די פולשטענדיקע אָפּשאַפונג פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען און די איינפירונג פון אַבסאָלוטער שותפות'דיקייט פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל.

אָבער אפילו אין אַט אַזאַ אידעאַלער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אין וועלכער אַלע וועלן זיין עקאָנאָמיש גלייכבאַרעכטיקט, וועלן מענשן אַלץ באַזיצן פאַרשיידענע פעאיקייטן, געשמאַקן און נייגונגען. ניט אַלע וועלן זיין פאַבריק־אַרבעטער. ניט זיי וועלן דאָס וועלן און ניט זיי וועלן דאָס קענען. איינע וועלן אַרבעטן אין דער פאַבריק, אַנדערע אין דער פאַרוואַלטונג, און נאָך אַנדערע אין דעם פאַרטיילונגס־אַפּאַראַט, און ווידער אַנדערע אין דער רעגירונג. אפילו ווען מ'זאָל אָננעמען, אַז די פונקציע פון אַ דעמאָקראַטיקער רעגירונג וועט באַשטיין בלויז און נאָר אין „פירן אַ חשבון און אַ קאָנטראָל", וועט זיך אַלץ פאָדערן דערויף מענשלעכע אַרבעטס־צייט און ספּעציאַליסטן אין דעם געביט. און עס וועלן אויך דעמאָלט זיין מענשן, וואָס וועלן זיך אָפּגעבן מיט פאָרשונג מכל המינים, מיט וויסנשאַפט, דערציאונג, געזונט, אונטערהאַלטונג, מוזיק, קונסט אין אירע פאַרשיידנאַרטיקסטע פאָרמען א. א. וו. אַן אַ שיעור און אַן עק.

עס פרעגט זיך: וועט די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון ווערט און מערווערט שטימען מיט דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק פון אַט אַזאַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט? וועט אויך דעמאָלט זיין ריכטיק מאַרקס' באַהויפּטונג (אויף זייט 353 פון דער ענגלישער אויסגאַבע פון דריטן באַנד „קאַפּיטאַל") אַז . . . „עס איז אין דער נאַטור פון דער זאַך, אַז אַרבעט וואָס באַשטייט בלויז פון צווישנדיקע אָפּעראַציעס, וואָס איז פאַרבונדן אָדער מיט דער אויסרעכענונג פון ווערטן, אָדער מיט זייער רעאַליזאַציע, . . . אַן אַרבעט וואָס איר סכום הענגט אָפּ אַן דער קוואַנטיטעט פון פּראָדוצירטע ווערטן וואָס דאַרפן רעאַ־

ליזירט ווערן, זאָל ביט דינען ווי אַן אורזאַך פון די באַטרעפנדע גרויסן (מאַגניטודס) . . . פון די דאָזיקע ווערטן, ווי דירעקטע פּראָדוקטיווע אַרבעט טוט עס, נאָר ווי זייער רעזולטאַט . . .״? מיט אַנדערע ווערטער: ווערט אויך דעמאָלט זיין ריכטיק צו זאָגן, אַז בלויז דער אַרבעטער אין דער פאַבריק שאַפט ווערט און מערווערט, בעת די אַרבעטער, וואָס טוען די צווישנדיקע אָפּעראַציעס, למשל, די וואָס האַלטן ריין די פאַבריק און טרייבן די ליפטן, צעפירן די פּראָדוקטן אין די סקלאַדן, לייגן זיי אויס פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די קאָנסומענטן א. א. וו., טוען אַן אַרבעט, וואָס שטעלט פאָר בלויז אַן „אומפּראָדוקטיווע הוצאה פון פּראָדוקציע״?

אויב די דאָזיקע טעאָריע זאָל אָנגעווענדט ווערן אויך דעמאָלט, קען דאָך געמאָלט זיין, אַז די אַרבעטער אויף די פאַבריקן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זאָלן אַרויסגיין אין אַ סטרייק, אָדער גאָר מאַכן אַ בונט — אַ קשיא אויף אַ מעשה! — אַנטקעגן יענע אַרבעטער, וואָס הגם זיי מעגן זיך טאָן נוצלעכע אַרבעט זיינען זיי אָבער פאָרט „אומפּראָדוקטיוו״?

אויב די אַרבעטער אויף די פאַבריקן שאַפן דעם גאַנצן מער־ווערט, פון וועלכן עס דערנערן זיך אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט, וועלן זיי דאָך האָבן אַ מאָראַלע באַרעכטיקונג צו פאָדערן דאָס רעכט צו באַשטימען, ווער עס זאָל אויסגעהאַלטן ווערן פון זייער פּראָצע; וועלכע עלעמענטן עס טוען באמת נוצלעכע אַר־בעט און וועלכע ניט; און, ווער ווייס, זיי קענען נאָך אַמאָל באַשליסן, אַז קונסט, ספּאָרט, פוץ־פּראָדוקטן א. אַז. וו. א. וו. זיינען אומנוציטיקע, פּאַראַזיטישע באַשעפטיקונגען.

אַזוי אַרום וואָלטן מיר געהאַט ניט אַ דעמאָקראַטישע געזעל־שאַפט, וואָס אַלע מיטגלידער אירע זיינען גלייכע שותפים, גלייכע מיוחסים, גלייכע דעה־זאָגער, נאָר אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די פאַבריק־אַרבעטער שפּילן די ראָלע פון אַ מין נייער אַריסטאָקראַטיע. אַנשטאָט אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, וואָלטן מיר געהאַט אַ דיק־טאַטור פון די פאַבריק־אַרבעטער, וועלכע, אגב, שטעלן שוין איצט נומעריש פאָר בלויז אַרום אַ דריטל פון דער גאַנצער צאָל אַרבעטער.

אַנדערש איז, ווען מ׳נעמט אָן, אַז דער באַשטימער פון ווערט איז

ניט די אַרבעט, נאָר דער מענטשלעכער פאַרלאַנג, ד. ה. ניט דער פּראָדוצענט נאָר דער קאָנסומענט. דעמאָלט קען שוין קיין גרופּע אַרבעטער, ווי וויכטיק זי זאָל ניט זיין, זיך ניט איינריידן אַז די גאַנצע געזעלשאַפט לעבט אויף קצבה ביי איר, הענגט אָפּ פון איר חסד און מוז דעריבער טאָן וואָס איר געפעלט. אויב דער קאָנ־סומענט — און דאָס מיינט דאָך די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָרים אַ קאָנסומענט איז דאָך בוכשטעבלעך יעדער מיטגליד אירער — איז דער באַשטימער פון דעם רעלאַטיוון ווערט פון סחורות, דעמאָלט איז דער פאַבריק־אַרבעטער ניט דער הערשער איבער דער געזעל־שאַפט, נאָר איר באַדינער, וואָס פילט בלויז אויס די באַשטעלונג, דעם פאַרלאַנג פון דעם קאָנסומענט, ד. ה. פון דער גאַנצער געזעל־שאַפט. קיין איינצלנע גרופּע פון דער געזעלשאַפט קען דעמאָלט ניט נעמען פאַר זיך דאָס רעכט צו באַשליסן, וואָס עס איז נויטיק און נוצלעך, און וואָס ניט; אַלץ, נאָך וואָס מענשן האָבן אַ באַגער, איז נוצלעך און דאַרף, ווי ווייט מעגלעך, צופרידנגעשטעלט ווערן.

אַן אַנדער סאָציאַליסטישער דענקער, פּ. דזש. פּרודאָן, האָט טאַקע געהאַלטן, אַז דער ווערט פון אַ סחורה ווערט באַשטימט דורך איר קאָסט־פּרייז, און דער מערווערט ווערט געשאַפן דורך דעם פאַרקויף פון דעם פּראָדוקט פאַר אַ העכערן פּרייז ווי זיין אויס־אַרבעטונג האָט געקאָסט. לויט דעם קומט אויס, אַז ווען מיר שאַפן אַן אָרדענונג אין וועלכער פּראָדוקטן ווערן פאַרקויפט פאַר זייער קאָסט־פּרייז, ווערט דערמיט אַליין שוין אָפּגעשאַפט עקספּלואַטאַציע און מיר האָבן אַן אמת'ע סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

מאַרקס האָט, נאַטירלעך, מיט פּרודאָנ'ס מיינונג ניט איינגע־שטימט. אויף זייט 52 פון דריטן באַנד „קאַפּיטאַל" (ענגלישע אויסגאַבע) זאָגט מאַרקס אַזוי:

„די געדאַנקענלאָזע קאָנצעפּציע אַז דער קאָסט־פּרייז פון אַ סחורה שטעלט פאַר זיין אַקטועלן ווערט, און אַז מערווערט אַנטשטייט ווען די סחורה ווערט פאַרקויפט איבער איר ווערט, אַזוי אַז סחורות וואָלטן פאַרקויפט געוואָרן פאַר זייער ווערט ווען זייער פאַרקויף־פּרייז וואָלט געווען גלייך צו זייער קאָסט־פּרייז . . . איז אַ בשורה וואָס איז צוגעטראָגן געוואָרן דער וועלט ווי אַ ניי־אַנטדעקטער סוד

פון סאָציאַליזם דורך פּרודאָנען מיט זיין געוויינלעכן שאַרלאַטאַניזם אונטער דער מאַסקע פון וויסנשאַפט".

פאַר אַ געוויינלעכן בשר־ודם איז שווער איינצוזען, מיט וואָס פּרודאָן האָט זיך עס אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט, אַז מ'זאָל אים דערפאַר רופן „שאַרלאַטאַן". אמת, ביים באַשטימען דעם ווערט פון אַ פּראָדוקט איז דער קאָסט־פּרייז אַליין נאָך ניט גענוג; מ'דאַרף דערצו נאָך וויסן, ערשטנס, צי דער אויסגעאַרבעטער פּראָדוקט איז געזעלשאַפטלעך נוצלעך, צי שטעלט ער צופרידן אַ מענשלעכן פאַרלאַנג, און, צווייטנס, צי איז ביי דער אויסאַרבעטונג פון דעם פּראָדוקט ניט פאַרוועגדט געוואָרן צופיל רוי־מאַטעריאַל אָדער צופיל אַרבעט, ד. ה. צי איז דער קאָנסומענט גרייט צו באַצאָלן די סומע (אָדער אויפצוגעבן די צופרידנשטעלונג פון אַן אַנדער פאַרלאַנג צוליב דער צופרידנשטעלונג פון דעם באַטרעפנדן פאַרלאַנג), וואָס עס האָט געקאָסט דעם פּראָדוקט צו שאַפן. די זעלבע איינווענדונגען, אָבער, זיינען דאָך אויך גילטיק בנוגע דער אַרבעט־טעאָריע פון ווערט; און דעריבער טאַקע איז מאַרקס געווען געצוואונגען זי אונטערצושפּאַרן מיט דער קוואַליפיקאַציע, מיט דעם תנאי, אַז אין דער ווערטשאַפונג פון אַ פּראָדוקט ווערט גענומען אין באַטראַכט בלויז יענע פאַרווענדונג פון רוי־מאַטעריאַל און אַרבעט וואָס איז „געזעלשאַפטלעך נויטווענדיק", וואָס מיינט אייגנטלעך, אַז דער לעצטער אַנטשיידנדער פאַקטאָר אין דער באַשטימונג פון ווערט איז פאָרט דער קאָנסומענט, דער מענשלעכער פאַרלאַנג.

פון שטאַנדפּונקט פון וויסנשאַפט, אַלזאָ, איז פאַראַן אויסצוזעצן סיי קעגן פּרודאָנ'ס טעאָריע, אַז דער קאָסט־פּרייז באַשטימט דעם ווערט פון אַ סחורה, און סיי קעגן מאַרקס' טעאָריע, אַז דער ווערט פון אַ סחורה ווערט באַשטימט דורך דער מאָס אַרבעט אין איר. אָבער פון שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליזם, איז פּרודאָנ'ס ווערט־טעאָריע אַ סך ריכטיקער און אַ סך נוצלעכער אידער מאַרקס' ווערט־טעאָריע. די טעאָריע פון „קאָסט־פּרייז" אַנערקענט לפּחות, אַז יעדער מין אַרבעט וואָס ווערט פאַרווענדט אויף דער אויסאַרבעטונג פון דעם פּראָדוקט, אָנפאַנגענדיק מיט דער פאַבריק און ענדיקנדיק מיט דער צושטעלונג צום קאָנסומענט, איז גלייך חשוב; די טעאָריע פון

אַרבעטס־ווערט, אָבער, ברענגט אַריין אַ ריס צווישן די פּראָדוצענטן, איינטיילנדיק זיי אויף פּראָדוקטיווע, כמו־פּראָדוקטיווע און . . . אומ־פּראָדוקטיווע.

***

אָט אַזוי זעען מיר, ווי די עקאָנאָמישע טעאָריעס פון מאַרקסיזם שטימען ניט, — ניט מיט דער טאָג־טעגלעכער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט; ניט מיט דער פּראַקטיק פון דעם אַרבעטער־קאַמף, און אויך ניט מיט דעם לעבן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

סאָציאַלער
רעאַליזם

דער עקספּערימענטאַלער צוגאַנג צו עקאָנאָמישע פּראָבלעמען

די תלמודישע לעגענדע דערציילט, אַז דעם כביכול'ס צייט־פּאַרטרייב באַשטייט אין באַשאַפן וועלטן און פאַרניכטן זיי. דעם מענטשנ'ס צייט־פאַרטרייב, דוכט זיך מיר, באַשטייט אין . . . שאַפן זיך געצן און פאַרניכטן זיי, אין פאַרניכטן אַלטע געטער און אין שאַפן נייע.

דער מאַרקסיזם איז זייער אַ גוטער מוסטער דערפון. אַנגעהויבן האָט דער מאַרקסיזם דערמיט, וואָס ער האָט פאַרניכטעט אוטאָפּישע גלויבונגען און אילוזיעס אינעם סאָציאַליזם; דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין סאָציאַליזם אַ געוויסן רעאַליזם, אַ סאָציאַלן רעאַליזם, וואָס רעכנט זיך ניט בלויז מיט מענשלעכן וואונש אַליין, נאָר אויך מיט אָביעקטיווע מעגלעכקייטן און לעבנס־באַדינגונגען. אָבער גאָר אינגיכן איז דער מאַרקסיזם גופא פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געץ, אין אַ פאַרגליווערטער דאָגמע; האָבן די מאַרקסיסטן אים פאַרוואַנדלט אין אַ מין הייליקער קו, וואָס מעג זיך אַרומגיין פראַנק און פריי און קיינער טאָר איר ניט נאָר ניט אָנרירן, נאָר אפילו קיין „קרומען וואָרט" ניט זאָגן.

איז אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מאַרקסיסטישע קו איז נעבעך אַן אומשולדיקע באַשעפעניש, איז „גאָט די נשמה שולדיק", האָט מען איר „געלאָזט לויפן"; אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן „גיין אין שאַדן", קריכן איבער גערטנער און אָנמאַכן היזקות, איז געוואָרן קלאָר אַז פאַרטרייבן די קו פון די גאַסן און פאַרשפּאַרן זי אין שטאַל איז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט.

דער קלאָר־זעעוודיקער עדואַרד בערנשטיין האָט שוין מיט פערציק יאָר צוריק געזען, צו וואָס דער מאַרקסיזם פירט, און האָט

באַצייטנס געוואָרנט קעגן דעם. אָבער דער קרייז, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו בערנשטיינ׳ס רייד און זיי ווי געהעריק „גענומען צום האַרצן״, איז דעמאָלט געווען אַן אומבאַדייטנדיקער. ערשט די אַנט־וויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט כסדר ברייטער געמאַכט דעם קרייז סאָציאַליסטן, וואָס זעען־איין ווי שעדלעך די מאַרקסיסטישע העגעמאָניע איבער דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק איז סיי פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סיי פאַר דער וועלט־פּאָליטיק, און סיי בכלל פאַר דעם נצחון פון רחמים און מענשלעכקייט איבער עגאָאיזם און רויער געוואַלט.

ווען אין רוסלאַנד איז געשאַפן געוואָרן אַ שקלאַפן־שטאַט, וואָס האָט קוים אַ גלייכן צו זיך אין דער מענשלעכער געשיכטע מיט זיין ברוטאַליטעט און ציניזם, — טראָגט לפּחות אַ טייל פאַראַנט־וואָרטלעכקייט דערפאַר דער מאַרקסיזם, וואָס זיין שטעלן צופיל דעם טראָפ אויף „אינטערעס״ האָט געמוזט פירן צו אַ פאַרהערלעכונג פון געוואַלט בכלל.

ווען די רעאַקציאָנערע כוחות פון דער וועלט ריידן איצט מיט אַזאַ אָפּענעם, פרעכן ציניזם וועגן מלחמה, אויסשפּרייטונג, באַצווינ־גונג פון אַנדערע לענדער און פעלקער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ „נאַטירלעכע״ זאַך, מיט וואָס מ׳דאַרף זיך גאָרניט שעמען און וואָס מ׳דאַרף אפילו ניט פאַרדעקן מיט אַ היפּאָקריטישער מאַסקע, — איז ווער קען לייקענען, אַז עפּעס אַ שטיקל בייטראָג צו אָט דער דערשיינונג האָט אויך געמאַכט דער מאַרקסיזם, דערמיט וואָס ער האָט דעם דאָזיקן עגאָאיזם אָנערקענט ווי די הויפּט־טרייב־קראַפט אין דער וועלט־פּאָליטיק?

ווען דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם האָט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוגעלייגט זיין שטים און זיין וואָג צו די רעאַקציאָנערע כוחות, וועלכע האָבן מיט אַלע מיטלען געשטערט די פּאַרפעסטיקונג פון דער פעלקער־ליגע, — איז דען ניט פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר די הויפּטזעכלעך דער מאַרקסיזם, וועלכער האָט כסדר געפּרעדיקט, אַז אומשטענדן און אינטערעסן זיינען שטאַרקער פון דעם מענשלעכן ווילן, אַ לערע, וואָס מוז ווירקן פאַראַליזירנדיק אויף יעדן פאַרזוך צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות?

און הויבט מען אָן קוקן אויפן מאַרקסיזם מיט אָפענע אויגן, קריטיש, דערזעט מען שוין אויך, אַז די קו איז גאָרנישט קיין הייליקע; אַז אַנשטאָט „וויסנשאַפט" איז דער מאַרקסיזם גאָר אַ רעזולטאַט פון „וואונשפולן דענקן"; אַ פּלאַן, — אַן אָפּאָרטוניסטישער דערצו — וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן צוליב אַ באַשטימטער סטראַטעגיע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע־מאַכעריי.

און דאָס איז ווייט פון וויסנשאַפט, ווי מזרח איז פון מערב.

נאָך מער, דער מאַרקסיזם, וועלכער האָט לכתחילה אַריינגעבראַכט סאָציאַלן רעאַליזם אינ׳ם סאָציאַליזם, איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנאָגיזירטן, פאַרשטיינערטן דאָגמאַטיזם, — און דאָגמאַטיזם איז דאָך פּונקט דער היפוך פון וויסנשאַפט ווי אויך פון סאָציאַלן רעאַליזם.

וואָרים דער ערשטער באַדינג סיי פון וויסנשאַפט און סיי פון סאָציאַלן רעאַליזם איז . . . אַ פרייער, אומגעפּענטעטער מוח; דער עקספּערימענטאַלער צוגאַנג.

פון שטאַנדפּונקט פון וויסנשאַפט, איז די אָביעקטיוו־ערלעכע פאָרשונג ווערט מער פון אַלע דאָגמעס צוזאַמענגענומען.

פון שטאַנדפּונקט פון סאָציאַלן רעאַליזם, איז די ווירקלעכקייט, דער פאַקט, דער עקספּערימענט ווערט מער פון אַלע אוטאָפּיעס.

און אַזוי ווי דער מאַרקסיזם האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן די פעאיקייט אָפּצושאַצן אָביעקטיוו די פאַקטן און די שפּראַך פון דער ווירקלעכקייט, און ציען די גוייטיקע שלוסן פון זיי; אַזוי ווי ער האַלט זיך מיט דער גרעסטער עקשנות פאַר אַ סטראַטעגיע וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן מיט וועלכע הונדערט יאָר צוריק, זייענדיק באַזירט אויף דעמאָלטיקע באַדינגונגען, — קען ער מער ניט האָבן קיין פּרעטענזיעס ניט אויף וויסנשאַפט און ניט אויף רעאַליזם.

ווי וואָלט, למשל, אויסגעזען די מעדיצינישע וויסנשאַפט, ווען זי בלייבט ביי דעם וויסנשאַפטלעכן וויסן פון פאַר־הונדערט־יאָרן, און ווען זי וואָלט יעדע מחלה געהיילט דורך בלוט־לאָזונג? אומגעפער אַזאַ פּנים האָט דער מאַרקסיזם פון אונזער צייט, ווען ער האַלט זיך נאָך אַלץ ביי סאָציאַלער בלוט־לאָזונג, וואָס סאָציאַלע דאָקטוירים

פון הונדערט יאָר צוריק און נאָך פריער האָבן פאַרשריבן אַלס רעצעפּט פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע מחלות.

ניט נאָר רעצעפּטן נייע איז מחייב די נייע צייט, די נייע אומ־שטענדן, נאָר אפילו קאַמפּס־לאָזונגען נייע אויך.

אַזאַ לאָזונג, ווי „פּראָדוקציע פאַר געברויך אַשטאָט פאַר פּראָפיט", למשל, איז פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווערט אַ סך, אַ סך מער איידער די מאַרקסיסטישע קבלה וועגן ווערט און מערווערט, וואָס קיינער פאַרשטייט סיי ווי סיי ניט.

***

קאַרל מאַרקס' גרעסטער אויפטו באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט פאָראויסגעזען און פאָראויסגעזאָגט, אַז די פּלאַנלאָזע, אַרכאַאישע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט־אָרדנונג, מיט איר אינערלעכן ווידער־שפּרוך צווישן פּראָדוקציע און קאָנסומפּציע, וועט מוזן פירן צו קאָנ־צענטראַציע פון קאַפּיטאַל, צו פּעריאָדישע קריזיסן, צו געזעלשאַפט־לעכן פּאַראַליז.

געוויס, ניט אין אַלע פּרטים שטימט די ווירקלעכקייט מיט מאַרקס' פאָראויסזאָגונגען. די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל גייט ניט האַנט־אין־האַנט מיט אַ פאַראָרימונג פון די פאָלקס־מאַסן, ווי ער האָט פאָראויסגעזאָגט; און די פּעריאָדישע קריזיסן, שאַרף ווי זיי זאָלן ניט זיין, פירן פאָרט ניט צו פולשטענדיקן געזעלשאַפטלעכן פּאַראַליז, אין דעם גראַד ווי ער האָט פאָראויסגעזען. אָבער בדרך כלל איז מאַרקס' נביאות מערקווירדיק באַשטעטיקט געוואָרן פון דער ווירקלעכקייט.

אָט דער איינציקער אויפטו זיינער איז שוין גענוג, אַז מאַרקס' נאָמען זאָל אייביק בלייבן לעבן סיי אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סיי אין דעם סאָציאַליזם.

פון ספּעציעל גרויסער באַדייטונג איז דער דאָזיקער אויפטו פאַר דעם סאָציאַליזם. —

ביז מאַרקס'ן איז דער סאָציאַליזם געווען בלויז אַן אידעאַל — וועלכן מ'איז מחויב צו פאַרשפּרייטן, פּראָפּאַגאַנדירן, אַרבעטן פאַר אים, קעמפן פאַר זיין פאַרווירקלעכונג א. א. וו. אפילו אונטער די בינסטיקסטע אומשטענדן איז דאָס אַן אומגעהויער שווערע אויפגאַבע.

יעדער אידעאַל, יעדער נייער געדאַנק שטויסט זיך אומפאַרמיידלעך אָן אויף דעם איינגערטן קאָנסערוואַטיזם און געוואוינהייטן פון די פאָלקס־מאַסן, אויף דער מורא פאַר דאָס נייע, פאַר דאָס אומבאַוואוסטע. איז געקומען מאַרקס און האָט געבראַכט די בשורה, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו פאַרצווייפלען; אַז מעכטיקע סאָציאַלע כוחות העלפן־מיט און טרייבן־אונטער די געזעלשאַפט אויפן וועג צו סאָציאַליזם.

געוויס, אין זיין רעוואָלוציאָנערן אייפער האָט מאַרקס היפש אַריבערגעכאַפּט די מאָס. עס איז שוין אויסגעקומען, אַז סאָציאַליזם איז אומפאַרמיידלעך; אַז דער סטיכישער פּראָצעס וועט שוין אַלץ אָפּטאָן אַליין, כמעט אָן דער ווירקונג פון דעם מענטשן; אַז די געזעל־שאַפט אַרבעט און אַנטוויקלט זיך מעכאַניסטיש, און דער מענטשלעכער ווילן שפּילט דערביי אָדער גאָר קיין ראָלע ניט אָדער אַן אומבאַדייטנדע ראָלע.

מאַרקס׳ מיטאַרבעטער, ענגעלס, האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דער דאָזיקער מעכאַניסטישער אימפּליקאַציע פון זייערע געדאַנקען, און ער האָט פּרובירט פאַרענטפערן זיך און מאַרקסן מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„מאַרקס און איך זיינען טיילוויז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פאַקט, וואָס אונזערע אָנהענגער לייגן אָפּט מער געוויכט אויף דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר ווי ער פאַרדינט עס. מיר זיינען געווען גע־צוואונגען צו שטעלן דעם הויפּט־טראָפּ אויף אָט דעם הויפּט־פּרינציפּ אין אָפּאָזיציע צו אונזערע קעגנער, וועלכע האָבן אים פאַרלייקנט, און עס איז שוין ניט אַלעמאָל געבליבן צייט, פּלאַץ און געלעגנהייט צו געבן געהעריקע אנערקענונג די אַנדערע פאַקטאָרן אין זייער קעגנזייטיקער באַווירקונג״.

הגם עס איז געוויס אמת, אַז מענטשן מיט נייע געדאַנקען און אידייען זיינען געוויינלעך אַזוי פאַרטאָן אין זייער ספּעציעלן אויפטו און זיינען אַזוי פאַרכישופט פון אים, אַז עס בלייבט זיי קוים צייט פאַר עפּעס אַנדערש, קענען אָבער אַזעלכע מענטשן פאַרט ניט אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער איינזייטיקייט, פאַר זייער אומפּעאיקייט צו זען נאָך עפּעס אַחוץ זייער אייגענעם אויפטו, — ווי ענגעלס פּרובירט עס טאָן. ניין, ענגעלס קען ניט

אַראָפּוואַרפן פון זיך און פון מאַרקסן די אחריות פאַר דער גאַנצער טענדענץ פון מאַרקסיזם צו נעגירן און פאַרלייקענען די ראָלע פון אַנדערע פאַקטאָרן אין דער געזעלשאַפט אויסער דעם עקאָנאָמישן.

אָבער טראָץ דער דאָזיקער גראַדליניקער איינזייטיקייט וואָס פירט צו איבערטרייבונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מאַרקסיזם, איז פאָרט ניט אָפּצושאַצן דעם גוואַלדיקן ביישטייער וואָס מאַרקס האָט געמאַכט צום סאָציאַליזם, ספּעציעל טאַקע מיט זיין פאָראויסזען און פאָראויסזאָגן די שוועריקייטן, אַן וועלכע די קאַפּי־טאַליסטישעווירטשאַפט וועט זיך אַנשטויסן אַלס פּועל־יוצא פון איר פּלאַנלאָזיקייט, פון דאָס פעלן פון אַ געהעריקן באַלאַנס צווישן דער פּראָדוקציע און דער קאָנסומפּציע.

פון אָט דער טאַטזאַך, דרינגען אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן, אַז די טעאָריע פון ווערט און מערווערט איז באַשטעטיקט געוואָרן פון לעבן גופא.

דער אמת אָבער איז, אַז איינס מיט דאָס אַנדערע האָט גאָרניט צו טאָן. מאַרקס׳ אויספירונגען, אַז די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל אין די הענט פון אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינער צאָל מענשן, וועלכע רעאינוועסטירן דעם באַטרעפנדן קאַפּיטאַל בלויז דאָרט און דעמאָלט ווען עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו מאַכן פּראָפּיט, וועט נויטווענדיקער־ווייז מוזן פירן צו געזעלשאַפטלעכע ווידערשפּרוכן, פאַרלירן אַ האָר ניט פון זייער באַדייטונג ווען מ׳באַטראַכט די דאָזיקע קאַפּיטאַל־אַקומולאַציעס אַלס „פּראָפּיט״ אַנשטאָט אַלס „מערווערט״.

„מערווערט״ און „פּראָפּיט״ זיינען דאָך אייגנטלעך צוויי נעמען פאַר איין און דער זעלבער זאַך. זיי אונטערשיידן זיך איינס פון דאָס אַנדערע בלויז דערמיט, וואָס זייערע ראַטעס זיינען פאַרשיידן, אָבער די סומען, די סך־הכל׳ען, פון מערווערט און פּראָפּיט זיינען דיזעלבע. דאָס איז אַ פּונקט, וואָס דאַרף איבערגעחזר׳ט און באַ־טאָנט ווערן נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל — די סומען פון פּראָפּיט און פון מערווערט זיינען איינע־און־דיזעלבע.

למשל, ווען איינער צעשניידט אַן עפּל אויף 4 חלקים, און אַ צווייטער קומט און צעשניידט די 4 חלקים ווידער אַמאָל אויף צווייען און עס ווערט פון דעם עפּל גאַנצע 8 חלקים, ווערט דער עפּל דער־

פון ניט קלענער און ניט גרעסער. בלויז די ראַטע פון צעטיילונג האָט זיך דאָ געביטן; די סומע פון אַלע חלקים צוזאַמען איז גע־בליבן דיזעלביקע.

אָדער לאָמיר דאָס דעקלערן מיט אַן אַנדער משל. —

אַ פּאַרשוין, וואָס זיין נאָרמאַלע וואָג דאַרף זיין, לאָמיר אָננעמען, 150 פונט, איז פּלוצלונג געוואָרן אומגעלומפּערט פעט. ער גייט צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר הייסט אים זיך שטעלן אויף דער וואָג און געפינט אויס, אַז דער באַטרעפנדער פּאַציענט וועגט 225 פונט, ד. ה. מיט 75 פונט מער ווי ער דאַרף וועגן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַנשטאָט שטעלן זיך אויף דער וואָג מיט די פיס שטעלט זיך דער פּאַציענט אויף איר מיטן קאָפּ, — וועט דען דעם פּאַציענט'ס וואָג דורכדעם ווערן מערער אָדער ווייניקער אפילו אויף איין ליט?

די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל שטעלט פאָר פאַר דער געזעל־שאַפט געווי די זעלבע פּראָבלעם. די „סאָציאַלע פיזיאָלאָגיע", אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, פונקציאָנירט ניט ווי געהעריק; אַנשטאָט דעם, אַז דאָס שפּייז זאָל אַריינגיין אין דעם בלוט פונם קערפּער, ווערט עס פאַרוואַנדלט אין פעטס, און וואָס פעטער דער קערפּער ווערט, אַלץ קראַנקער ווערט ער. די פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר דעם „געזעלשאַפטלעכן דאָקטאָר", איז — צו פאַרשרייבן אַ דיעטע, וואָס זאָל געזונט מאַכן דעם געזעלשאַפט־אָרגאַניזם.

נאַטירלעך, עס איז וויכטיק צו דערגיין די סיבה, וואָס האָט פאַראורזאַכט די אומאָרדנונג אין'ם קערפּער. אויב די פעטקייט קומט פון אַ שלעכט־פונקציאָנירנדיקן דריז (גלענד), דעמאָלט דאַרף מען זי קורירן אַנדערש; אויב, ווידער, זי קומט פון פּשוטן איבערפרעסן זיך, פון אַ ניט־באַלאַנסירטער דיעטע, פון צו ווייניק קערפּערלעכער באַוועגונג, דעמאָלט דאַרף מען איר קורירן אַנדערש. אָבער ווען איין דאָקטאָר שטעלט דעם דיאַגנאָז, אַז די קרענק נעמט זיך פון אַ שלעכט־פונקציאָנירנדיקער דריז, און אַנדערע דאָקטוירים, פונקט אַזעלכע קאָמפּעטענטע, זאָגן, אַז די קרענק איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך אַן אַנדער סיבה, — ענדערט עס דען דעם פאַקט, אַז דער באַטרעפנדער איז קראַנק און אַז מ'דאַרף אים פּרובירן קורירן?

דאָסזעלבע איז מיט דער געזעלשאַפטלעכער מחלה. מאַרקס

האט געשטעלט דעם דיאגנאז, אז די קרענק נעמט זיך פון דער דריז „מערוועדט"; אבער אנדערע סאציאלע דאקטוירים באהויפטן, אז ניט פון „מערוועדט" ליידט דער געזעלשאפטלעכער ארגאניזם, נאר גאר פון „פראפיט". נאך מער, א סך פון אט די אנדערע דאקטוירים לייקענען גארניט, אז דער קערפער ליידט טאקע פון א שלעכט־פונקציאנירנדיקער דריז, נאר זיי זאגן אז די דריז רופט זיך „פראפיט" און ניט „מערוועדט" — נו, איז וואס? הייסט עס דען, אז וויבאלד מ'רופט די דריז „פראפיט" און ניט „מערוועדט" איז דער ארגאניזם ניט קראנק? און דארף מען דען ניט זוכן א מיטל דעם ארגאניזם געזונט צו מאכן? און איז דען ניט דער איינציקער מיטל דערצו, אויף דעם פלאץ פון פלאנלאזערווירטשאפט, וואס לאזט דאס געזעלשאפטלעכע פעטס זיך אנזאמלען אין ערטער וואו עס טוט אן שאדן, אויפצושטעלן א געפלאנטע ווירטשאפט — סאציאליזם?

אויף אזא אופן זעען מיר, אז בעת מארקס האט געלייסטעט א גרויסן דינסט דעם סאציאליזם דערמיט וואס ער האט אנגעוויזן, אז די „פרייע", פלאנלאזע געזעלשאפטלעכע ארדנונג וועט מוזן דערפירן צו קריזיסן, אויפטרייסלונגען, דיסלאקאציעס, — איז אבער זיין טעאריע פון ווערט און מערוועדט פאר דעם סאציאליזם לאו דוקא, קען דער סאציאליזם זיך באגיין אן איר אפשר נאך בעסער ווי מיט איר.

***

איך אליין האב מיט יארן צוריק געשריבן *) די פאלגנדיקע ווערטער:

„מיר דוכט זיך, אז אפילו מארקס אליין האט געקענט אונטער־נעמען דעם אנאליז פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע און ציר־קולאציע אן זיין ווערט טעאריע; ער האט פונקט אזוי גוט געקענט ווייזן וואס עס ווערט פון דעם ריוח פון דער פראדוקציע, וואס פאר א שטופעס ער גייט דורך, און ווי אזוי ער ווערט סוף כל סוף א שטריק אויפן האלז פון פאלק וואס ווערגט אים, ווען ער באטראכט אים אלס „פראפיט" אנשטאט „מערוועדט", אלס עקספלואטאציע פון

*) אינם בוך „רעוואלוציע אדער רעפארם?", זז. 5—144.

מענשלעכע פאַרלאַנגען אָנשטאָט עקספּלואַטאַציע פון מענשלעכער אַרבעט."

אַ טיילווייזע באַשטעטיקונג פון דעם אמת פון די דאָזיקע ווערטער האָבן מיר אין דער באַדייטנדער צאָל ווערק, וואָס דערשיינען די לעצטע יאָרן פון פאַרשיידענע שרייבער איבער עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וועלכע מאָלן דאָס זעלבע אַלגעמיינע בילד וואָס מאַרקס האָט פאָרויסגעזען אָבער באַנוצן ניט דערביי זיין ווערט־טעאָריע און דערמאָנען זי אפילו ניט. ספּעציעל האָט זיך אין דער הינזיכט אויסגעצייכנט סטואַרט טשייס מיט זיין ווערק „אַידל מאָני, אַידל מען" („אומבאַשעפטיקט געלט, אומבאַשעפטיקטע מענשן"). אָן פּרעטענציעס אויף ווויסנשאַפט, אָן שום אָנגעבלאָזנקייט, כמעט ווי אַ בלויזער באַריכט־אָפּגעבער מאָלט ער אויף אַ בילד פון דעם ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע און קאָנסומפּציע אין דער „פרייער", פּלאַנלאָזער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג אונזערער, וואָס מאַכט אַ סך אַ שטאַרקערן איינדרוק אויף דעם לעזער איידער דער טיפּזיניקסטער אַנאַליז, וואָס האָט פּרעטענזיעס אויף וויסנשאַפטלעכקייט. דעם דאָזיקן עפעקט גיט זיך אים איין צו דערגרייכן דערפאַר, ווייל ער אָפּערירט בלויז און אויסשליסלעך מיט פאַקטן און ציפערן, וועלכע קענען קאָנטראָלירט ווערן פון יעדן איינעם, וואָס וויל זיך נעמען די מי דאָס צו טאָן. אָט וואָס פאַר אַ כוח עס האָבן פאַקטן און ציפערן, גענומען פון ווירקלעכן לעבן!

וואוהין פירט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג ?

אַ קלאָרן, זאַכלעכן און איבערצייגנדיקן ענטפער אויף אָט־דער פראַגע גיט סטואַרט טשייס אין זיין בוך „אידל מאַני, אידל מען" („אומבאַשעפטיקט געלט, אומבאַשעפטיקטע מענשן").

אין אָט דעם ווערק איז אויפגעמאָלט געוואָרן אַ בילד וועגן אַ ריזיקן פּראָצעס פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע, וואָס פּאַראַליזירט דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און עס ווערט דאָרט געמאַכט אַ סך־הכל וועגן די פּלענער און פאָרשלאָגן, וואָס די בעסטע קעפּ פון אַמעריקע לייגן פאָר ווי אַזוי דעם דאָזיקן פּראָצעס אָפּצושטעלן אָדער לפּחות אים קאָנטראָלירן.

און ווייל דאָס גאַנצע ווערק איז באַלעבט מיט דעם שאַפנדיקן גייסט פון סטואַרט טשייס, דעם אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן קינסטלער־פּובליציסט, — לאָזט עס איבער אַן אויסערגעוויינלעכן רושם אויפן לעזער.

נאָר לאָמיר אָן איבעריקע הקדמות איבערגעבן, אַזוי קורץ ווי נאָר מעגלעך, דעם תמצית פון דעם דאָזיקן בוך.

דער קאַפּיטאַליזם — אַ פול־אויסגעוואַקסענער

אַ געוויסער באַנקיר פון מינעאַפּאָליס מיטן נאָמען ראַלף וו. מאַנועל האָט דעם ציקל פון דער צירקולאַציע פון סחורה און געלט דערקלערט אַזוי איינפאַך, אַז יעדערער קען דאָס גרינג פאַרשטיין.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, — האָט ער געזאָגט, — אַז הונדערט פאַמיליעס לעבן אויסשליסלעך אויף קאַרטאָפל. זיי פּראָדוצירן ניט קיין אַנדער זאַך, און זיי עסן ניט קיין אַנדער זאַך. זיי באַשטימען אַ פאַרוואַלטער, וועלכער גיט אַרויס קוויטלעך צו יעדן אַרבעטער פאַר זיין חלק פון דעם קאַרטאָפל־שניט.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז נאָכדעם ווי דער שניט איז אַרונטער־גענומען געוואָרן פון די פעלדער געפינען זיך אין שייער טויזנט בושלס קאַרטאָפל, און אין די הענט פון די הונדערט אַרבעטער געפינען זיך טויזנט קוויטלעך. מיינט עס, אַז פאַר יעדן קוויטל קען מען באַקומען 1 בושל קאַרטאָפל. די מיטגלידער פון אָט דער טשיקאַווער קהילה קומען מיט זייערע קוויטלעך, באַקומען יעדערער זיין חלק, און די קאַרטאָפל ווערן צעטיילט צווישן זיי, אַזוי אַז קיין איין־איינציקע קאַרטאָפליע בלייבט ניט איבער אין שייער.

אויף אָט אַזאַ באַזיס וועט די עקאָנאָמיע פון דער קהילה קיינמאָל ניט צוזאַמענברעכן. דאָס „געלט", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין משך פון דעם פּראָדוקציע־פּעריאָד, ווערט באַנוצט אויף צוריק־קויפן די געשאַפענע פּראָדוקטן. דער פאַרוואַלטער קען נעמען די קוויטלעך און צערייסן זיי, און דאָס וועט קיין שום דיסלאָקאַציע ניט פאַראורזאַכן.

לאָמיר זיך אָבער פאָרשטעלן, אַז עטלעכע חברים פון דער קהילה האַלטן זייערע קוויטלעך און קומען ניט אָפּנעמען זייער חלק קאַרטאָפל. לאָמיר אָננעמען, אַז זיי האַלטן הונדערט קוויטלעך. מיינט דאָס, אַז הונדערט בושלס פון די קאַרטאָפל ווערן ניט אויסגעלייזט, און זיי וועלן אָנהויבן פוילן. זעענדיק ווי די נאָכפראַגע אויף קאַרטאָפל איז געפאַלן, וועט דער פאַרוואַלטער פאַר דעם פאָלגענדיקן פּעריאָד שוין פּלאַנעווען אַ קלענערן שניט. דער רעזולטאַט דערפון וועט זיין, אַז די קהילה וועט האָבן ווייניקער צו עסן, אַ טייל חברים וועלן פאַרלירן זייער אַרבעט, און די „קאַרטאָפל־עקאָנאָמיע" וועט אַריינפאַלן אין אַ „דעפּרעסיע". אויב די מיטגלידער וועלן ווייטער שפּאָרן די קוויט־לעך, וועט די גאַנצע עקאָנאָמיע צוזאַמענברעכן.

אונזער מאָדערנע גרויסע קהילה איז אַ סך מער קאָמפּליצירט, אָבער דער זעלבער פּרינציפּ וואָס ווירקט אין דער קאַרטאָפל־קהילה ווירקט אויך אין איר. פּונקט אַזוי ווי דער גאַנצער קאַטראָפל־שניט מוז אויסגעלייזט ווערן דורך די קוויטלעך, אַזוי מוזן אַלע סחורות און באַדינונגען וואָס ווערן געשאַפן אין אַ געוויסן פּעריאָד אַרונטער־גענומען ווערן פון מאַרק. אויב ניט, וועט די גרויסע, קאָמפּליצירטע קהילה אָנהויבן גיין באַרג־אַרונטער. די שכירות, געהאַלטן, פּראָ־

צענטן, דיווידענדן, פּראָפיטן און אַנדערע הוצאות אין שייכות מיט דער פּראָדוקציע פון סחורות זיינען בערך גלייך צום פּרייז פון די סחורות, און זיי שטעלן מיט זיך פאַר דעם פאָנד, וואָס קען צוריקקויפן די דאָזיקע סחורות. אויב אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם דאָזיקן פאָנד ווערט ניט אויסגעגעבן, נאָר ווערט געשפּאָרט, באַהאַלטן — אַלץ איינס צי אין זאַק, אָדער אין אַ באַנק, וועלכע טוט מיט דעם געלט גאָרניט; און קיין אַנדערע פאָנדן, ווי ספּעציעל־געשאַפענע באַנק־קרעדיטן, אָדער אָפּשפּאָרונגען פון פריערדיקע יאָרן, פאַרנעמען ניט דעם אָרט פון די אָפּגעשפּאָרטע פאָנדן, — דעמאָלט מוז אַ טייל פון די סחורות ענטוועדער בלייבן ליגן אויף די פּאָליצעס אָדער פאַר־קויפט ווערן מיט אַ פאַרלוסט. דאָס איז דער אָנהויב פון אַרבעטס־לאָזיקייט און דעפּרעסיע.

די דאָלאַרס, וואָס ווערן אויסגעצאָלט אין שכירות, געהאַלטן, פּראָצענט־צאָלונגען, פּענסיעס, ראָיאַלטיס, דיווידענדן, פּראָפיטן א.א.וו., מוזן אויסגעגעבן ווערן, מוזן צוריק אַוועקגעלאָזט ווערן אין צירקו־לאַציע. ניט אַלע דאָלאַרס דאַרפן אויסגעגעבן ווערן דוקא אויף דעם וואָס עס ווערט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע אָנגערופן „קאַפּיטאַל־סחורות", ד. ה. אויף בויען נייע פאַבריקן, מאַשינען, אינדוסטריען, אייזנבאַנען, שאָסייען א.אַז.וו. א. וו.; אָבער אַלע דאָלאַרס דאַרפן אויף איין אופן אָדער אַנאַנדערן אויסגעגעבן ווערן. אויב ניט, אויב די גאַנצע הכנסה ווערט ניט אויסגעגעבן, מוז די סיסטעם אַרויס פון באַלאַנס, און עס מוזן זיך אָנהויבן צרות.

די קריטישע פראַגע איז: ווי האַלט עס מיט די אָפּגעשפּאָרטע דאָלערס? געפינען זיי זייער וועג צוריק אין צירקולאַציע, אָדער ניט?

ביי דער אונטערזוכונג פון דער „טעמפּאָרערי נעשאָנעל עקאָנאָ־מיק קאָמיטע", — וואָס דער אַמעריקאַנער סענאַט האָט אין 1939 באַשטימט אויסצופאָרשן די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד, — איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די היינט־צייטיקע עקאָנאָמישע ווירטשאַפט פאַרברויכט ווייט ניט די גאַנצע סומע פון דעם אָפּגעשפּאָרטן אַקומולירטן קאַפּיטאַל.

לויט אַ גרינטלעכער שטודיע, וואָס דער סטאַטיסטיקער פון דער

„פעדעראַל רעזערוו באָארד", דר. לאַפלין קאַררי, האָט צוגעשטעלט דעם קאָמיטעט, באַקומט זיך אַזאַ בילד:

אַ פינפטל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה, אָדער 20 פּראָצענט, ווערט אָפּגעשפּאָרט, אַנשטאָט פאַרלעבט צו ווערן. די דאָזיקע פּראָפּאָרציע פון אַ 20־פּראָצענטיקער אָפּשפּאָרונג פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה איז אָנגעהאַלטן געוואָרן פאַר דעם משך פון די 18 יאָר צווישן 1921 ביז 1938. דאָס מיינט, אַז אין דורכשניט ווערט יערלעך אָפּגעשפּאָרט אַ סומע פון וועלכע 15 ביליאָן דאָלער. די אינדוסטריע אָבער האָט אין דעם זעלבן צייט־פּעריאָד געקענט באַנוצן ניט מער ווי אַ העלפט פון דער אָפּגעשפּאָרטער סומע. די אַנדערע העלפט פון דעם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל גייט אַרום, אַזוי ווי אַ בלינדער בעטלער, און זוכט פלעצער וואו זי זאָל קענען פּראָפּיטאַבל פאַרווענדט ווערן.

דר. קאַררי'ס ציפערן ווערן באַשטעטיקט דורך אַנדערע זעלבסט־שטענדיקע שטודיעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער „נעשאַנאַל ביוראָ אָוו עקאָנאָמיק ריסוירטש" פון דעם „ברוקינגס אינסטיטושאָן", פון דער „נעשאַנעל ריסאָרסעס קאָמיטע", פון דער „סעקיוריטיס ענד עקסטשיינדזש קאָמישן" און פון איינצעלנע עקספּערטן און געלערנטע, ווי דר. ס. ס. קוזנעץ, דר. אָסקאַר אַלטמאַן, פּראָפעסאָר אַלווין ה. האַנסען, איזידאָר לובין, דר. דאָנאַלד ה. דאַווענפּאָרט, א. בוירלי און אַנדערע.

פאַרוואָס קען די אינדוסטריע באַנוצן בלויז אַ העלפט פון דעם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל?

די הויפּט־סיבה דערפון איז, וואָס די מערסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן אָנגעזאַמלט גענוג אייגענע געלט־רעסורסן צו קענען פינאַנצירן זייערע אייגענע געשעפטן, און אפילו זיי אויסצוברייטערן, ניט דאַרפנדיק אָנקומען צו הלוואות פון באַנקען, צום פאַרקויף פון אַקציעס, באָנדס און אַז. וו.

אָנגעקליבן אייגענעם קאַפּיטאַל האָבן זיי, און זיי טוען עס כסדר, אויף צוויי אופנים:

ערשטנס, דורך די פּראָפיט־סורפּלוסן, וועלכע בלייבן אין געשעפט אַנשטאָט אויסגעצאָלט צו ווערן אַלס דיווידענדן צו די אַקציאָנערן;

צווייטנס, דורך די אָפּנוצונגס־ און אויסשעפּונגס־רעזערוון, וואָס ווערן אָנגעקליבן אין יעדן געשעפט כדי צו קענען אָפּקויפן נייע מאַשינען נאָכדעם ווי די אַלטע וועלן זיין אָפּגענוצט, אויפצושטעלן נייע געביידעס נאָכדעם ווי די אַלטע וועלן שוין מער ניט טויגן, אויסצולייזן אַקציעס פון די מינען פון קוילן, אייזן, קופּער א. אַז. וו. און פון די אויל־קוואַלן נאָכדעם ווי די מינען וועלן שוין זיין אויס־געליידיקט און די אויל־קוואַלן וועלן זיין אויסגעשעפּט.

אָט די צוויי קוואַלן פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען קענען ניט אויסגעמיטן ווערן. קיין געשעפט טאָר ניט אויסצאָלן אין דיווידענדן דעם גאַנצן פּראָפיט. אַ טייל פון די פּראָפיטן מוז איבערגעלאָזט ווערן אין דער קאַסע פונם געשעפט, כדי ער זאָל זיין ביכולת צו באַגעגענען אַ נויט־פאַל אָדער אַ קריזיס. און יעדער גוט־געפירטער געשעפט מוז אויך זאָרגן דערפאַר, אַז ווען די מאַשינען וועלן אויסגענוצט ווערן זאָל דאָס געשעפט האָבן די מיטלען צו קויפן נייע מאַשינען אויפן אָרט פון די אָפּגענוצטע.

די צרה איז אָבער, וואָס מ׳קען קיינמאָל ניט וויסן גענוי, וויפיל אַ נייע געביידע, אַ נייע מאַשין וועט קאָסטן ווען מ׳וועט זיי דאַרפן אויפבויען אָדער אָפּקויפן. די פּראַקטיק אין דער געשעפטס־וועלט איז אַזאַ: מ׳נעמט דעם קאָסט־פּרייז פון דער געביידע אָדער פון דער מאַשין, מ׳שאַצט אָפּ וויפיל יאָרן זיי וועלן „לעבן" און מ׳צעטיילט דעם קאָסט־פּרייז אויף דער צאָל יאָרן. נאָכדעם ווי די באַטרעפנדע צאָל יאָרן זיינען אָפּגעלאָפן, דאַרף, לפי אָט־דער רעכענונג, פון דער מאַשין בלייבן בלויז „ברוך", בעת אין געשעפט דאַרפן זיך געפינען די געלט־רעסורסן צו קויפן אַ נייע מאַשין. מערסטנס פּאַסירט אָבער, אַז נאָכדעם ווי די מאַשין האָט טעאָרעטיש שוין געדאַרפט האָבן אויסגעלעבט אירע יאָרן איז זי נאָך אַלץ אַרבעט־פעאיק, און אפילו אויב מ׳באַשליסט זי אַרויסצוואַרפן און קויפן אַ נייע, קאָסט די נייע מאַשין ביליקער, אָדער זי איז אַ בעסערע און קען אויפטאָן מער אַרבעט איידער די אַלטע. וואָס איז די באַדייטונג פון דעם?

אין פאַל ווען די נייע מאַשין קאָסט וועניקער ווי די אַלטע האָט געקאָסט, מיינט עס, אַז די סומע וואָס איז לכתחילה באַשטימט געוואָרן אויף אָפּקויפן די אָפּגענוצטע מאַשין איז געווען אַ צו גרויסע. דער

אונטערשייד אין פּרייז דאַרף צוגערעכנט ווערן צו דער פּראָפיט־קאָנטע, און דער פּראָפיט־סורפּלוס ווערט אויף אַזויפיל פאַרגרע־סערט דורך דעם. אין פאַל ווען די נייע מאַשין קאָסט די זעלבע סומע וואָס די אַלטע, נאָר זי קען טאָן מער אַרבעט, מיינט עס, אַז דאָ איז אייגנטלעך פאַרגעקומען אַ טיילווייזע קאַפּיטאַל־עקספּאַנסיע, און די פאָנדן פאַר דער דאָזיקער קאַפּיטאַל־אינוועסטירונג איז געקומען ניט פון ניי־אַריינגעלייגטן קאַפּיטאַל נאָר פון די פּראָדוקציע־הוצאות פונם געשעפט. אין אַנדערע ווערטער: אין ערשטן פאַל איז דער פּראָפיט־סורפּלוס פונם געשעפט געוואָרן גרעסער, און דער דאָזיקער סורפּלוס קען באַנוצט ווערן פאַר צוועקן פון קאַפּיטאַל־עקספּאַנסיע; אין צווייטן פאַל איז אַ קאַפּיטאַל־עקספּאַנסיע פאַקטיש שוין פאַר־געקומען.

ווייס איך ניט, צי דער לעזער וואָס איז ניט באַהאַוונט אין פינאַנץ־פראַגן אָדער לפּחות אין בוכפירונג וועט קענען איינבייסן דאָס דאָזיקע שטיקל מהרש״א. עס וועט אָבער זיין גענוג ווען ער וועט פון די ווערטער בלויז אַרויסטראָגן דעם געדאַנק, אַז סיי דער דירעקטער פּראָפיט פונם געשעפט און סיי דער אומדירעקטער פּראָ־פיט פון די רעזערוון אויף אָפּקויפן אויסגענוצטע קאַפּיטאַל־אינוועס־טירונגען פירן צו דער אַקומולירונג פון גרויסע געלט־רעסורסן אין די קאַסעס פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ספּעציעל פון די גאָר גרויסע, און דאָס מאַכט פאַר זיי מעגלעך אויסצוברייטערן זייערע אונטערנעמונגען ניט דאַרפנדיק דערביי אָנקומען צו פרעמדן אָדער נייעם קאַפּיטאַל.

און דאָס זיינען ניט קיין פּוסטע השערות. די אויסזאָגונגען פון די פאָרטרעטער פון די גרויסע קאָרפּאָריישאַנס פאַר דער „עקאָנאָמיק קאָמיטע״ באַווייזן עס מיט ציפערן.

עדוואַרד סטעטיניוס, דער פאָרזיצער פון דירעקטאָרן־באָארד פון דער „יונייטעד סטייטס סטיל קאָרפּאָריישאָן״, דערציילט פאַרן קאָ־מיטעט, אַז זינט 1920 האָט די שטאָל־אינדוסטריע דורכגעמאַכט אַ טעכנישע רעוואָלוציע. עס זיינען איינגעפירט געוואָרן נייע פּראָ־דוקציע־מעטאָדן, נייע מאַשינען, און די קוואַליטעט פון די פּראָ־

דוקטן איז אויסגעבעסערט געוואָרן. דערצו האָט זיך געפאָדערט אַ קאַפּיטאַל פון 1 ביליאָן מיט 222 מיליאָן דאָלער. און דאָס געלט דערויף איז גענומען געוואָרן ניט אינם געלט־מאַרק נאָר פון די פּראָפיטן־ און אָפּנוצונגס־רעזערוון פון דער קאָרפּאָריישאָן גופא.

אוֹען ד. יאַנג איז אויפגעטראָטן אַלס פאַרטרעטער פון דער „דזשענערל עלעקטריק קאָ.״ פון זיינע אויסזאָגונגען זעט מען, אַז העכער צוויי־דריטל פון דער קאַפּיטאַל־אינוועסטירונג פון אָט דער קאָרפּאָריישאָן פאַר דעם משך פון די 60 יאָר פון איר עקזיסטענץ איז געקומען פון די רעזערוון פון דער קאָרפּאָריישאָן.

אַלפרעד פּ. סלאָון, פון דער „דזשענעראַל מאָטאָרס קאָרפּאָ־ריישאָן״, דערציילט, אַז אין די 18 יאָר צווישן 1921 און 1938 האָט די באַטרעפנדע קאָרפּאָריישאָן אינוועסטירט אין נייע פאַבריקן און געביידעס אַ קאַרגן ביליאָן דאָלער, און דאָס גאַנצע געלט דערויף איז געדעקט געוואָרן פון די רעזערוון פון דער קאָרפּאָריישאָן.

אַדאָלף א. בוירלי דערציילט, צווישן אַנדערע זאַכן, אַז העכרי פּאָרד האָט זיין ריזיקן געשעפט אויפגעבויט מיט די ריוחים פון זיין געשעפט גופא, — אַ זאַך, וואָס איז, אגב, אַלגעמיין באַקאַנט.

דער בעסטער באַווייז אויף דער דאָזיקער אַלגעמיינער טענדענץ זיינען די אייזנבאַנען. ביז גאָרניט לאַנג צוריק זיינען די אייזנ־באַנען געווען די גרעסטע פאַרברויכער פון נייעם קאַפּיטאַל. דער־ציילט אָבער דזשאָן וו. בערידזשער, דער הויפּט־קאָנטראָליאָר פון דער אייזנבאַן־אָפּטיילונג פון דער „ריקאָנסטראַקשאָן פינאַנס קאָר־פּאָריישאָן״, אַז אין די 17 יאָר צווישן 1921 און 1937 איז העכער 80 פּראָצענט פון אַלע קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען פון די אייזנבאַנען געקומען פון זייערע אייגענע אָפּשפּאָרונגען. דאָס איז כמעט אומ־גלויבלעך, אָבער אַזוי איז דאָס פּאָרט.

דריי־פערטל (75 פּראָצענט) פון דער גאַנצער קאַפּיטאַל־עקס־פּאַנסיע פון דער אינדוסטריע אין די צוואַנציקער יאָרן איז פינאַנ־צירט געוואָרן דורך די אָפּשפּאָרונגען פון דער אינדוסטריע גופא. בלויז אַ פערטל איז פינאַנצירט געוואָרן דורך נייע קאַפּיטאַל־אינ־וועסטירונגען.

און זאָל מען ניט מיינען, אַז דאָס איז בלויז אַ מאָמענטאַנע,

פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. אפילו ווען עס זאָל אויפקומען אַ נייע, גרויסע אינדוסטריע, וואָס זאָל פאַרברויכן אַ היפשן טייל פון דעם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל, וועט די לאַגע אַלץ ניט ווערן באַדייטנד בעסער. אַ ראיה האָבן מיר פון דעם אויטאָמאָביל. דאָס אויפקומען און די אַנטוויקלונג פונם אויטאָמאָביל האָט געוויס פאַרברויכט ריזיקע קאַפּיטאַלן סיי אין דער באַטרעפנדער אינדוסטריע גופא און סיי אין די שטאָל, גומי און גלאָז־אינדוסטריען, פונדעסטוועגן האָט עס קיין גרויסע קעגן־ווירקונג אויף דער טענדענץ פון אַקומולאַציע ניט אויס־געאיבט.

וויל מען וויסן, צי עס איז פאַראַן אַן אויסזיכט אין דער נאָענ־טער צוקונפט אויף אַ בעסערונג אין אָט דער הינזיכט, איז אינטע־רעסאַנט צו הערן וואָס עס האָט צו זאָגן וועגן דעם מאַילאָ פּוירקינס, דער פאַרוואַלטער פון דעם „פוד סטעמפּ פּלאַן" פון דער „פעדעראַל סוירפּלוס קאָמאָדיטיס קאָרפּאָריישאָן".

מר. פּוירקינס האָט פאַר דער „עקאָנאָמיק קאָמיטע" דערציילט, אַז פון די געשפּרעכן וואָס ער האָט געפירט מיט פאַרשיידענע גע־שעפטסלייט וואָס קומען אים זען אין וואַשינגטאָן איז אים ניט אויס־געקומען צו הערן פון קיין איינעם פון זיי, ער זאָל רעכענען אויף אַ געלעגנהייט פאַר קאַפּיטאַל־אינוועסטירונג אין זיין באַטרעפנדן גע־שעפטס־געביט. יעדערער פון זיי ווייזט אָן „וואו אַ גוטער איד וואוינט", וואו עס וועט זיך פאָדערן נייער קאַפּיטאַל, אָבער דאָס איז אַלץ ערגעץ אַנדערש, נאָר ניט אין זיין אייגענער אינדוסטריע.

ער האָט, למשל, געפרעגט אַ גרופּע מילנערס, וויפיל נייע מילן זייער אינדוסטריע קען אויפבויען צו העלפן לייזן די אַרבעטלאָזיקייט־פּראָבלעם. האָבן זיי געענטפערט, אַז אפילו ווען די נאַציאָנאַלע הכנסה זאָל דערגרייכן הונדערט ביליאָן דאָלער אַ יאָר וועט אויך ניט זיין קיין מעגלעכקייט דערפאַר, וואָרים די איצטיקע קאַפּאַציטעט פון די מילן איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער מאַרק פאָדערט. פונדעסטוועגן זיינען די זעלביקע מילנערס געווען זיכער ביי זיך, אַז אַנדערע אינדוסטריען נויטיקן זיך יאָ אין נייע פאַבריקן. אַנדערע געשעפטן — יאָ, אָבער דער מיל־געשעפט — ניט!

דאָס איז איין פאַל פון אַן אַ שיעור ענלעכע פאַלן. יעדע אינ־

דוסטריעלע גרופּע טענה'ט, אַז איר אינדוסטריע איז אַנדערש, אַז איר אינדוסטריע בויטיקט זיך ניט אין אויסברייטערונג פון קאַפּאַ־ציטעט; גלייכצייטיק אָבער איז יעדע גרופּע זיכער, אַז ביליאָנען דאָלערס פאָדערן זיך ערגעץ אַנדערש־וואו. „איך האָב ניט געפונען קיין איינציקע גרופּע פאַבריקאַנטן, וואָס זאָל רעקאָמענדירן די בויאונג פון נייע פאַבריקן אין איר אינדוסטריע", האָט מר. פּוירקינס דער־קלערט.

פון דעם אַלעמען קען מען זען, אַז די אינדוסטריע דאַרף שוין מער ניט אָנקומען צום געלט־מאַרק; אַז, ווי סטואַרט טשייס דריקט זיך אויס, „ביזנעס ראַלס איטס אָון" — די געשעפט־וועלט, הייסט עס, מאַכט אירע אייגענע פאַפּיראָסלעך, וואָס אויף אידיש קען מען דאָס פאַרטייטשן: „זי מאַכט שבת פאַר זיך".

און דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז קאַרגע 42 פּראָצענט פון די רעסורסן פון די אינוועסטמענט־באַנקירן אין וואָל סטריט זיינען אומבאַשעפטיקט;

אַז די פּראָצענט־ראַטע, דער „בוך־ווערט" פון געלט, איז שטאַרק געפאַלן;

[צום בעסטן קען מען דאָס זען פון די פּראָצענטן וואָס די פעדעראַלע רעגירונג צאָלט אויף דעם נאַציאָנאַלן חוב. אויף אַ חוב פון קאַרגע 24 ביליאָן דאָלער אין 1921 האָט די רעגירונג געצאָלט אין פּראָצענטן 1000 און 30 מיליאָן דאָלער יערלעך; אויף דעם חוב פון 37 ביליאָן דאָלער אין 1938 האָט די רעגירונג געצאָלט אין פּראָצענטן 947 מיליאָן דאָלער יערלעך — ווייניקער ווי אין 1921 אויף אַ סך אַ קלענערער סומע.]

אַז אין די באַנקן ליגן אין איבעריקע רעזערוון 6 ביליאָן דאָלער אומבאַשעפטיקטע;

און וויבאַלד אַזוי פיל קאַפּיטאַל איז „אומבאַשעפטיקט", מוזן מיליאָנען אַרבעטער אַרומגיין אומבאַשעפטיקט, מוז די גאַנצעווירטשאַפט זיך געפינען אין אַ צושטאַנד פון כראָנישער סטאַגנאַציע.

כל זמן עס וועט ניט פאַרשאַפט ווערן דער אָפּגרונט צווישן אָפּ־שפּאָרונגען און אינוועסטירונגען קען גאָר אַנדערש ניט זיין. כל זמן די ראַטע פון אינוועסטירונג וועט ניט צוגעפּאַסט ווערן צו דער ראַטע

פון אָפּשפּאָרונג, אָדער די ראַטע פון אָפּשפּאָרונג צו דער ראַטע פון אינוועסטירונג, איז ניטאָ קיין האָפענונג פון דעם דאָזיקן כראָנישן סטאַגנאַציע־צושטאַנד אַרויסצוקריכן.

ווי אַזוי קען די לאַגע אויסגעבעסערט ווערן?

מענטשן, וואָס קענען ניט זען ווייטער פון זייער נאָז, מיינען, אַז ווען מ'וועט לאָזן די ווירטשאַפט זיך אַנטוויקלען מיט איר „נאַטיר־לעכן" וועג, וועט פון זיך אַליין אַלץ ווידער ווערן גוט. האָבן מיר דען ניט געהאַט קיין קריזיסן אויך אין פריערדיקע פעריאָדן? — טראַכטן און זאָגן אַזעלכע מענטשן, — פונדעסטוועגן איז נאָך יעדן קריזיס געקומען אַ נייע כוואַליע פון פּראָספּעריטי. פאַר וואָס זאָל דאָס זעלבע ניט פאָרקומען איצט אויך?

די צרה מיט אָט די מענטשן איז, וואָס זיי באַגרייפן ניט דעם גוואַלדיקן ווידערשפּרוך, וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן דעם אָפּגעשפּאָרטן געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל און דער קאַפּאַציטעט פון דער ווירטשאַפט איינצוזאַפּן די דאָזיקע אָפּשפּאָרונגען אויף דעם אַלטן, אויסגעפּרובירטן, „נאַטירלעכן" וועג. אין 1910 האָבן זיך אין די אינשורענס קאָמפּאַניס, סייווינגס־באַנקען, בילדינג ענד לאָון אַסאָסי־איישאָנס און קאָמערציעלע באַנקען געפונען 16 ביליאָן דאָלער אין אינדיווידועלע אָפּשפּאָרונגען. אין 1938, אָבער, האָבן די אינדיווי־דועלע אָפּשפּאָרונגען שוין באַטראָפן גאַנצע 60 (לייען: זעכציק!) ביליאָן דאָלער. ביז אָט די אָפּשפּאָרונגען וועלן ניט אַריינגעצויגן ווערן אין דער ווירטשאַפט און איינגעשפּאַנט ווערן „אין דער אַרבעט", קען מען קיין נייע פּראָספּעריטי ניט דערוואַרטן.

צוויי ברירות שטייען פאַר אונז: אָדער די אָפּשפּאָרונגען דאַרפן פאַרקלענערט ווערן, אָדער די אינוועסטירונגס־מעגלעכקייטן דאַרפן פאַרגרעסערט ווערן. אַ באַלאַנס צווישן אָפּשפּאָרונגען און אינוועס־טירונגען, מוז אויף איין וועג אָדער אַן אַנדערן, אָנגעהאַלטן ווערן.

ווי אַזוי זשע קען דאָס דערגרייכט ווערן? קען איינגעשטעלט און אָנגעהאַלטן ווערן אַ געהעריקער באַלאַנס צווישן אָפּשפּאָרונגען און אינוועסטירונגען מיט די מיטלען פון דעם אַלטן געלט־מעכאַניזם,

אָדער פאָדערט זיך דערויף גאָר אַ נייער געלט־מעכאַניזם, אַ נייער קוק אויף געלט בכלל, אַ נייער צוגאַנג צו דער גאַנצער פּראָבלעם ?

אַז ענטפער אויף אָט דער פראַגע קען מען באַקומען, ווען מ׳באַטראַכט ווי אַזוי דער באַלאַנס צווישן אָפּשפּאָרונגען און אינוועסטירונגען איז אָנגעהאַלטן געוואָרן מער אָדער וועניקער אין די פּראָספּעריטי־יאָרן צווישן 1921 און 1930.

אויבן האָבן מיר געזען, אַז בערך אַ העלפט פון די אָפּשפּאָרונגען זיינען צוריק אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ווירטשאַפט. אָבער וואָס איז געוואָרן פון דער אַנדערער העלפט ? דער זעלביקער דר. לאַפלין קאָררי און אַנדערע דערציילן אונז, אַז די צווייטע העלפט פון די אָפּשפּאָרונגען איז פאַרווענדט געוואָרן אויף : 1) אויסלענדישע הלוואות, 2) אינווענטאַר־אַקומולאַציע, 3) פינאַנצירונג פון קאָנסומענטן־קרעדיט, 4) בויאונג פון הייזער פאַר וואוינונגען, 5) רעגירונגס־אויסגאַבן, 6) ספּעקולאַציע. וועלכע פון די דאָזיקע קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען קענען ווייטער פאַרנוצן דעם איבערפליסיקן אַקומולירטן קאַפּיטאַל ? לאָמיר זען.

1) אין די צוואַנציקער יאָרן האָט אונזער עקספּאָרט איבערגעשטיגן דעם אימפּאָרט מיט 10 ביליאָן דאָלער יערלעך, וואָס ווייזט אַז מיר האָבן די אויסלענדער געליען דאָס געלט צו קענען באַצאָלן דעם עודף פונם עקספּאָרט איבערן אימפּאָרט. זינט 1928, אָבער, האָט דער עקספּאָרט גענומען איינפאַלן. פון איין זייט, איז קלאָר געוואָרן, אַז די אויסלענדישע בעלי־חובות קענען קיינמאָל זייערע חובות ניט באַצאָלן, און וועלן זיי ניט באַצאָלן. האָט מען אויפגעהערט זיי געבן נייע הלוואות. פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אַ טענדענץ צו עקאָנאָמישן נאַציאָנאַליזם און אויטאַרכיע, וואָס אַנטמוטיקט אויסלענדישע אַנלייען, און די געאָגראַפישע גרעניצן פאַר קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען און עקספּאַנסיע האָבן זיך גענומען פאַרשליסן. און ווייבאַלד מ׳לייט ניט קיין געלט צו אויסלאַנד און די אינוועסטירונגס־מעגלעכקייטן אין אויסלאַנד ווערן אויך קלענער, מוז דער עקספּאָרט פאַלן. אַז די לאַגע זאָל אין דער הינזיכט ווערן בעסער ; אַז אַמעריקע זאָל ווידער לייען איר סורפּלוס־קאַפּיטאַל צו אויסלענדישע רעגירונגען אָדער אינדוסטריען נאָך דער מלחמה, ווען

זיי וועלן פּאַקטיש זיין באַנקראָט, — איז פאַראַן אַ קנאַפּע אויסזיכט. אפשר וועט אמעריקע געבן געוויסע סומען אויף דער רעקאָנסטרוקציע פון די הרוב־געוואָרענע לענדער, אָבער דאָס וועלן שוין זיין ניט קיין הלוואות, נאָר מתנות, און דערמיט קען מען דעם אויסלענדישן האַנדל גאַנץ ווייניק סטימולירן.

2) אינוועטנטאַר־אַקומולאַציע שפּילט אַן ספק אַ באַדייטנדע ראָלע. וואָס פאַר אַ גוואַלדיקער „פאַרבראַוכער" פון סחורות עס זיינען די שטומע שופליאַדן און פּאַליצעס פון די סקלאַדן און קראָמען — דאָס קען מען צום בעסטן זען אין דער צייט פון אַ ווירטשאַפטלעכן קריזיס, ווען צוזאַמען מיט פרייזן פאַלט אויף אומגעהויער די אינוועני־טאַר־אַקומולאַציע. אָבער אַלס שטענדיקן פאַרבראַוכער פון סורפּלוס־קאַפּיטאַלן קען מען אויף אינוועטנטאַר־אַקומולאַציע ניט בויען. וואָרים די אינוועטנטאַר־אַקומולאַציע גופא הענגט אָפּ פון שטייגנדע פרייזן און פון שטייגנדער נאָכפראַגע אויף סחורות. ווען פרייזן זיינען סטאַביל, און אַוודאי ווען זיי הויבן אָן פאַלן, הויבט די אינוועטנטאַר־אַקומולאַציע אויך אָן צו פאַלן. ספּעציעל פאַלט זי ווען דער עולם האָט ניט קיין געלט צו קויפן און די סחורות ליגן אויף די פּאַליצעס און רירן זיך ניט פון אָרט.

3) קאָנסומענטן־קרעדיט, דער קויף אויף אויסצאָלונג, אויף „אינסטאַלמענט", האָט אין די צוואַנציקער יאָרן פאַרבראַוכט אַ היפּש ביסל פון דעם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל. אָבער דאָס קויפן אויף אויסצאָלן האָט אויך חסרונות. ערשטנס, קאָסט עס דעם קאָנסומענט מיט וועלכע 10—15 פּראָצענט טייערער און אויף אַזוי פיל ווערן ווייניקער פּראָדוקטן פאַרבראַוכט. צווייטנס, פאַר'משכנ'ט עס די צו־קונפטיקע הכנסה פון דעם קאָנסומענט. ווען עס קומט אַ קריזיס און די הכנסה ווערט קלענער, קענען די קאָנסומענטן קויפן נאָך ווייניקער פּראָדוקטן ווי זיי וואָלטן געקענט קויפן ווען זיי וואָלטן ניט געווען פאַרשולדיקט פון פריער. קיין פּערמאַנענטן געווינס קען מען, אַלזאָ, פון דעם אויסצאָלונגס־פּאַרקויף ניט דערוואַרטן.

4) פאַר דער צייט פון דער וועלט־מלחמה איז געוואָרן אַ גרויסער דוחק אויף וואוינונגען, און נאָך דער מלחמה איז אַ סך קאַפּיטאַל פאַרבראַוכט געוואָרן אויף דעם בוי פון נייע הייזער־

וואוינונגען. אין 1925 האָט די סומע וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף הייזער באַטראָפן גאַנצע 5 ביליאָן דאָלער. אין דער דעפּרעסיע־צייט, אָבער, איז דער הייזער־בוי שטאַרק געפאַלן.

5) רעגירונגס־אויסגאַבן אויף שאָסייען און שול־געביידעס האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן באַטראָפן אַרום אַ ביליאָן דאָלער אַ יאָר. אָבער אַזוי ווי די רעגירונג האָט אין דעם זעלביקן צייט־פּעריאָד אָפּגעצאָלט אַ טייל פון דעם נאַציאָנאַלן חוב, האָט זי אין סך־הכל דעם איבערפליסיקן קאַפּיטאַל פאַקטיש נאָך פאַרגרעסערט.

6) דאָס איבעריקע אומבאַשעפטיקט קאַפּיטאַל איז פאַרווענדט געוואָרן אויף ספּעקולאַציע. מ'האָט ספּעקולירט אין ריעל־עסטייט, אין סטאַקס און באָנדס. פּרייזן זיינען געשטיגן פון טאָג צו טאָג, פון מינוט צו מינוט. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דער זייפן־בלאָז האָט איין טאָג געפּלאַצט, און די גאַנצע קינסטלעך־אויפגעהאַלטענע פּראָספּעריטי האָט צוזאַמענגעבראָכן.

דערפון מוז מען מאַכן דעם אויספיר:

ערשטנס — אַז שפּאָרן געלט האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געזעלשאַפטלעכע טוגנד. אונטער די נייע באַדינגונגען פאַראורזאַכט דאָס שפּאָרן פון געלט שאָדן אַנשטאָט גוטס. און ס'מוזן אַנגעווענדט ווערן מיטלען, ווי אַזוי די שפּאָרונגס־געוואוינהייט צו אַנטמוטיקן.

צווייטנס — אַז דער בעסטער וועג צו אמת'ער פּראָספּעריטי איז צו געבן די פאָלקס־מאַסן די מיטלען, די קויף־קראַפט, צו קענען אָפּקויפן די פּראָדוקטן וואָס זיי שאַפן.

דריטנס — אויף אַזוי פיל ווי די מאַסן זיינען ניט ביכולת צוריקצוקויפן די געשאַפענע פּראָדוקטן און די ווירטשאַפט אַליין קען ניט פאַרנוצן דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע קאַפּיטאַל, מוז עס די רעגירונג טאָן. זי, די רעגירונג, מוז פאַרברויכן דעם אומבאַשעפטיקטן קאַפּיטאַל, כדי דער ציקל פון געלט־צירקולאַציע זאָל ניט איבער־געבראָכן אָדער אפילו בלויז פאַרלאַנגזאַמט ווערן.

ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן, שלאָגט סטוארט טשייס פאָר זעקס קאָנקרעטע פּלענער.

1) דער „סאָשעל סעקיוריטי"־געזעץ דאַרף געענדערט ווערן. אין זיין איצטיקער פאָרם דעקט דער דאָזיקער געזעץ בלויז אַרום אַ

דריטל פון דער באַפעלקערונג. ער דאַרף אַרומנעמען די גאַנצע באַפעלקערונג. יעדער איינער, וואָס דערגרייכט דעם עלטער פון 65 יאָר און איז ניט באַשעפטיקט, דאַרף קריגן אַ פענסיע. די פענסיע דאַרף זיין העכער ווי די איצטיקע, אָבער אפילו אַ פענסיע פון 30 דאָלער אַ מאָנאַט פאַר אַלע אַכט מיליאָן מענשן פון 65 יאָר און העכער וואָס זיינען איצט פאַראַן אין די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלט, פון איין זייט, גוואַלדיק פאַרגרעסערט זייער קויף־קראַפט און, פון דער אַנדערער זייט, וואָלט עס פאַרקלענערט דעם פאַרצווייפלטן דראַנג אָפצושפאָרן עפּעס אויף דער עלטער.

2) דער „סאָשעל סעקיוריטי״ געזעץ דאַרף געענדערט ווערן אין נאָך אַ הינזיכט. לויט דעם איצטיקן געזעץ ווערן די הוצאות פון עלטער־פאַרזיכערונג געדעקט דורך אַ ספּעציעלן שטייער אויף שכירות, וואָס אַ טייל פון אים צאָלן די באַלעבאַטים און אַ טייל צאָלן די אַרבעטער. דאָס טויג ניט. דער פאָנד, וואָס קלייבט זיך אָן פון די דאָזיקע שטייערן, פאַרגרעסערט נאָך מער די סומע פון דעם אומבאַשעפטיקטן קאַפּיטאַל. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט דער דאָזיקער פאָנד שוין געהאַט אַ סומע פון 4 ביליאָן דאָלער. הגם ניט דער גאַנצער פאָנד בלייבט ליגן „אומבאַשעפטיקט״, וואָרים דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום אַנטלייט אַ טייל פון דעם געלט און באַנוצט עס פאַר אַנדערע רעגירונגס־הוצאות, איז אָבער די אַקומולאַציע פון דעם דאָזיקן פאָנד אַזאַ ריזיק גרויסע, אַז מיט דער צייט קען דאָס די לאַגע נאָך ערגער מאַכן. די עלטער־פענסיעס דאַרפן ניט געדעקט ווערן דורך אַ ספּעציעלן שטייער, וואָס זאָל אַקומולירט ווערן אין אַ ספּעציעלן פאָנד, נאָר זיי דאַרפן אויסגעצאָלט ווערן פון דער רעגירונג ווי אַ געוויינלעכע הוצאה. און דאָס געלט פאַר דער דאָזיקער נייער הוצאה דאַרף קומען פון געהעכערטע שטייערן אויף ירושות און אויף אינדיווידועלע און קאָרפּאָריישאָן־הכנסות.

אויף אַזאַ אופן וועלן, פון איין זייט, די אַרבעטער ניט דאַרפן אַרונטערגעבן אַ טייל פון זייערע שכירות פאַר דעם דאָזיקן פאָנד, און וועלן דאָס געלט קענען אויסגעבן אויף קויפן זאַכן, אין וועלכע זיי נויטיקן זיך. דאָס וועט פאַרגרעסערן זייער קויף־קראַפט. און, פון דער אַנדערער זייט, וועט אויסגעמיטן ווערן די אַקומולאַציע פון אַ נייעם פאָנד פון פאַרגליווערטן, טויטן קאַפּיטאַל. די קאַפּיטאַליסטן,

ווידער, וועלן טאַקע דאַרפן צאָלן העכערע שטייערן, דערפאַר אָבער וועלן זיי באַפרייט ווערן פון דעם שטייער אויף דער „פּעי ראָל", וואָס מיינט פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע־הוצאות, העכערע פּרייזן און אַ פאַרקלענערטער פאַרקויף. זיי וועלן צאָלן שטייערן אויף פּראָפיטן, אויב און ווען זיי וועלן האָבן פּראָפיטן, אָבער ניט איידער זיי זיינען זיכער אַז עס וועלן זיין פּראָפיטן, ווי זיי מוזן עס טאָן אין פאַל פון אַ שטייער אויף דער „פּעי־ראָל".

אין ענגלאַנד ווערן פּענסיע־צאָלונגען טאַקע געדעקט דורך די הכנסה־שטייערן. דאָס איז, אגב, איינגעפירט געוואָרן ניט דורך אַ ראַדיקאַלער, נאָר גאָר דורך אַ קאָנסערוואַטיווער רעגירונג. דאָרטן זיינען די הכנסה־שטייערן, אמת, אַ סך העכער ווי ביי אונז אין אַמע־ריקע — אַפּט אַרום 4 מאָל אַזוי גרויס ווי ביי אונז. דערפאַר אָבער האָט זיך אין ענגלאַנד איינגעגעבן אַרונטערצודריקן די אָפּשפּאָרונגען ביז 7 פּראָצענט פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה. פאַרוואָס זאָל דער זעלבער רעזולטאַט ניט קענען דערגרייכט ווערן אויך ביי אונז? האָט מען אין זינען, אַז דער אמת'ער שונא אונזערער איז דער אומאַקטיווער, אומבאַשעפטיקטער דאָלער, איז אייגנטלעך קיין אַנדער ברירה ניטאָ ווי גיין אויף דעם זעלביקן וועג וואָס ענגלאַנד גייט.

3) די „פּאָבליק וואָירקס אַדמיניסטראַציע", די „פּי. וו. איי.", דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּערמאַנענטער קערפּערשאַפט. ביז איצט איז זי געווען אַ מין רעליף־אָרגאַניזאַציע צו העלפן דורכשטופּן די דעפּרעסיע־צייט. זי דאַרף אָבער ווערן אַ פּערמאַנענטע אָרגאַ־ניזאַציע, מיט דער באַוואוסטזיניקער אויפגאַבע צו פאַרנוצן אַ געוויסן באַשטימטן טייל פון די נאַציאָנאַלע אָפּשפּאָרונגען אויף נויטיקע גע־זעלשאַפטלעכע פּראָיעקטן, וואָס פאַר פּריוואַטע אונטערנעמער לוינען זיי זיך ניט.

4) די „וואָירקס פּראָגרעס אַדמיניסטראַציע", די וו. פּ. איי., דאַרף זיך זאָרגן פאַר אַרבעטסלאָזע לויט דעם פאָלגנדיקן פּלאַן: ווען איינער, וואָס אַרבעט אין דער פּריוואַטער אינדוסטריע אָדער אין דער „פּ. וו. איי.", פאַרלירט זיין באַשעפטיקונג, הויבט ער אָן באַקומען אַרבעטסלאָזן־צאָלונגען. דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט זיך און זיין פאַמיליע ווי עס איז צו דערנערן ביז ער געפינט אַן אַנדער „דזשאָב". אויב די צייט פון אַרבעטסלאָזן־צאָלונגען, — זאָגן

מיר, 26 וואָכן, — איז אָפּגעלאָפן, און ער האָט אַלץ קיין אַרבעט ניט געפונען, גייט ער אויטאָמאַטיש אַריבער אויף אַרבעט צו דער וו. פּ. איי. דאָ וועט ער באַקומען וועניקער שכירות איידער אין דער פּריוואַטער אינדוסטריע, כדי ער זאָל ניט אויפהערן זוכן רעגלמעסיקע אַרבעט.

די אונטערנעמונגען פון דער וו. פּ. איי. טראָגן שוין ניט קיין פּערמאַנענטן כאַראַקטער. אירע פּראָיעקטן דאַרפן, אמת, אויך זיין נוצלעכע, אָבער זיי טראָגן שוין אַ טעמפּאָרערן כאַראַקטער. אין שלעכטע צייטן וועט די וו. פּ. איי. איר טעטיקייט אויסברייטערן, אין גוטע צייטן וועט זי איר טעטיקייט איינציען.

5) דער בודזשעט און די בוכפירונג פון דער רעגירונג דאַרפן רעפאָרמירט ווערן. איצט ווערן אַלע רעגירונגס-אויסצאָלונגען, אפילו קאַפּיטאַל-אינוועסטירונגען, פאַררעכנט אַלס לויפנדע הוצאות. צו פאַררעכענען אַלס אַ געוויינלעכע הוצאה דאָס געלט, למשל, וואָס איז פאַרוועַנדט געוואָרן אויף בויען דעם וואַשינגטאָן בריק אין ניו-יאָרק, בעת דער בריק וועט אויסגעצאָלט ווערן דורך דער הכנסה פון די „טאָלס״, דעם דורכפאָר-אָפּצאָל, איז אַ פּשוט'ער אומזין. און צו פאַררעכענען דאָס געלט, וואָס ווערט אויסגעגעבן אויף בויען אַ נייע געריכט-געביידע, למשל, וועלכע וועט דויערן אַרום דרייסיק יאָר, אַלס אַ הוצאה פון איין-איינציקן יאָר, איז ניט וועניקער אומזיניק, הגם קיין דירעקטע הכנסה וועט דאָס געריכט-הויז ניט אַריינברענגען. אַ פּריוואַטער אונטערנעמער וואָלט די אויסבויאונג פון אַ בריק ניט פאַררעכנט פאַר אַ הוצאה, נאָר פאַר אַ קאַפּיטאַל-אינוועסטירונג, און בלויז אַ דרייסיקסט-חלק פון דעם געלט וואָס ווערט אויסגעגעבן אויף אַ געביידע וואָלט ער פאַררעכנט אַלס די הוצאה פון איין יאָר. דעם זעלביקן בוכפירונג-מעטאָד דאַרף אויך די רעגירונג באַנוצן. ווען זי טוט עס, וואָלט דער בודזשעט ניט אויסגעקוקט אַזוי אָפּשרעקנדיק גרויס און אַ סך מענשן וואָלטן פאַרשפּאָרט פאַרגיסן אַזוי פיל ביטערע טרערן אויף דעם וואַקסנדיקן נאַציאָנאַלן חוב. זיי וואָלטן דעמאָלט איינגעזען, אַז ניט אַלע געלטער, וואָס די רעגירונג גיט אויס, זיינען אַרויסגעוואָרפן, אַז פאַר דעם געלט באַקומט זי אַ היפּש ביסל ווערט-זאַכן, שווה-כסף'ן, וואָס וועלן דויערן אַ לאַנגע צייט.

6) עס דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַ נייע באַנק פאַר לאַנג-טער־

מיניקע קאַפּיטאַל־הלוואות. אַזאַ באַנק דאַרף זיך ניט רעכענען מיט דער פּראָצענט־ראַטע. זי דאַרף זיין גרייט צוצופּאַסן די פּראָצענט־ראַטע צו דער אונטערנעמונג, און ניט פאַרקערט, ווי עס פירט זיך איצט. אויב נויטיק, דאַרף זי זיין גרייט צו לייען געלט גאָר אינגאַנצן אָן פּראָצענטן. דער הויפּט ציל פון אַזאַ באַנק וועט זיין אַכטונג צו געבן, אַז מענשן זאָלן אַוועקגעשטעלט ווערן צו דער אַרבעט און אַז נויטיקע זאַכן זאָלן געבויט אָדער געמאַכט ווערן. דעריבער פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וועט ניט קענען זיין קיין פּריוואַטע באַנק, נאָר וועט מוזן זיין אַ רעגירונגס־באַנק.

אין דער צייט ווען עס איז געווען אַ דוחק אין קאַפּיטאַל וואָלט דער געדאַנק וועגן אַזאַ באַנק אויסגעזען פאַנטאַסטיש. איצט אָבער, ווען עס איז דאָ אַן איבערפלוס פון קאַפּיטאַל, איז אָט דער געדאַנק שוין גאָר אַ ריאַליסטישער.

אַזאַ באַנק וואָלט געקענט אויפטאָן ממש וואונדער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די ניו־יאָרקער שטאַט־אַדמיניסטראַציע זיך געגעוויטיקט אין 438 מיליאָן דאָלער אויף בויען נייע שפּיטאָלן. וואו נעמט מען דאָס געלט דערויף? אין קאַפּיטאַל־מאַרק וואָלט דעמאָלט די שטאַט געדאַרפט צאָלן 3½ פּראָצענט. דאָס וואָלט געמיינט, אַז אין די דרייסיק יאָר פון דעם „לעבן” פון די נייע געביידעס וואָלט די שטאַט פאַר די 438 מיליאָן געמוזט באַצאָלן אַ קיימא־לן פון אַרום אַ טויזנט מיליאָן דאָלער. אַזוי פיל געלט האָט די שטאַט זיך ניט געקענט פאַרגינען אויסצוגעבן, און די שפּיטאָל־פּראָגראַם האָט ניט געקענט דורכגעפירט ווערן. די פּראָיעקטירטע באַנק, אָבער, וואָלט פאַר אַזאַ אונטערנעמונג געקענט לייען געלט אויף אַ האַלבן פּראָצענט. דעמאָלט וואָלט געווען אַרבעט ביים בויען די געביידעס און די חולאים פון ניו־יאָרק וואָלטן געהאַט די נויטיקע שפּיטאָלן.

איר אַליין וואָלט אפשר געוואָלט האָבן אַן אייגן הויז אַלס דירה. אַזאַ הויז דאַרף איצט קאָסטן אַרום 10,000 דאָלער, און איר קענט זיך צו דעם ניט דערשלאָגן. ווען עס זאָל זיך אָבער געפינען אַ באַנק, וואָס זאָל פאַרן בוי פון הייזער פאַר פאַמיליעס מיט קליינע הכנסות זיין גרייט צו לייען געלט אויף 1 פּראָצענט, אַנשטאָט די איצטיקע 5 פּראָצענט, וואָלט די זעלבע הויז געקאָסט ניט מער ווי

6,000 דאָלער. דעמאָלט וואָלט איר אפשר שוין געקענט האָבן אייער הויז און אַרבעטער וואָלטן געהאַט אַרבעט דערביי.

אַזאַ באַנק וואָלט זיך ניט געהאַלטן ביי אַ פעסטער פּראָצענט־ראַטע. אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי שפּיטאָלן אָדער פאַר־פלייצונג־קאָנטראָל, וועלכע ברענגען ניט אַריין קיין ריוח, וואָלט זי געקענט לייען געלט גאָר איינגאַנצן אָן צינזן. אויף בויען הייזער פאַר פאַמיליעס מיט קליינע הכנסות וואָלט זי געקענט רעכענען 1 פּראָצענט. אויף בויען בריקן — 2 פּראָצענט. אויף אויסשטאַטונג פון אייזנבאַנען — 3 פּראָצענט. אויף הלוואות צו קליינע געשעפטס־לייט וואָלט זי געקענט רעכענען די זעלבע פּראָצענט־ראַטע וואָס גאָר גרויסע געשעפטן צאָלן איצט — 3½ אָדער 4 פּראָצענט.

אַזאַ באַנק וואָלט געקענט איבערנעמען די פינאַנצירונג פון אַלע פּראָיעקטן פון דער „פּאַבליק וואָירקס" אַדמיניסטראַציע, און אַזוי אַרום וואָלט אַ גרויסע לאַסט אַרונטערגענומען געוואָרן פון די פּלייצעס פון דער רעגירונג.

מיט איין וואָרט: ווען אַט די זעקס פּלענער ווערן אָנגענומען, וואָלטן מיליאָנען מענשן געפונען אַרבעט און עס וואָלט געקומען אַ סוף צו דער דעפּרעסיע. ווען די פּאָליטיק פון באַלאַנסירן אינוועס־טירונגען און אָפּשפּאָרונגען זאָל סיסטעמאַטיש דורכגעפירט ווערן, וועלן אין דער צוקונפט אפשר בכלל מער קייןווירטשאַפטלעכע קריזיסן ניט זיין.

די אויבן־אויסגערעכנטע זעקס פּאָרשלאָגן זיינען ניט די דער־פינדונג פון סטוּאַרט טשייסן אַליין. אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון דענקער האָבן געאַרבעט אויף די דאָזיקע פּלענער. דער פּלאַן צו שאַפן אַ רעגירונגס־באַנק פאַר לאַנג־טערמיניקע אינוועסטירונגען, למשל, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אַדאָלף א. בוירלי, און אַנדערע האָבן אויך אויף אים געאַרבעט. אויך די אַנדערע פּלענער און פּאָרשלאָגן קען מען געפינען אין די אַרבעטן פון פאַרשיידענע פּראַקטישע טוער, דענקער און פּאָליטישע עקאָנאָמען — ווי, למשל, אין דעם ווערק „אַן עקאָנאָמיק פּראָגראַם פאַר אַמעריקען דעמאָקראַסי", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון זיבן עקאָנאָמען פון האַרוואַרד און טאַפטס אוניווערזיטעטן און איז אין 1938 אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם פאַרלאַג „וואַנגאַרד פּרעס". סטוּאַרט טשייס האָט די אַלע געדאַנקען

און פּלענער צענויפגענומען, קאָמפּילירט, באַאַרבעט און פּאָפּולאַרי־זירט אויף זיין ספּעציפישן פּובליציסטיש־קינסטלערישן אופן. דעם הויפּט־ציל וואָס ער האָט זיך דערביי געשטעלט איז צו באַטאָנען און אונטערשטרייכן אָבער און ווידער דעם פאָלגנדיקן הויפּט־געדאַנק:

מען זאָל נאָר ניט מיינען, אַז אָט די פאַרשלאָגן און פּלענער זיינען אַ טעמפּאָרערער ענין, אַ מיטל אויף אַרויסקריכן פון דעם קריזיס, און ווייטער גאָרניט. ניין, די דאָזיקע פּלענער דאַרפן, מוזן ווערן די פּערמאַנענטע ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק פון לאַנד. דער געדאַנק פון „פּאָמפּ־פּריימינג", פון העלפן דער „פּאָמפּע" רירן זיך פון אָרט כדי זי זאָל נאָכדעם אַליין קענען טאָן די אַרבעט, האָט אָפּגע־לעבט איר צייט. די אַלטע פּאָמפּע מיט דעם איין־איינציקן צילינדער פון פּריוואַטער אונטערנעמונג וועט שוין אַליין קיינמאָל מער די אַרבעט ניט קענען טאָן. פון היינט און ווייטער מוז די פּאָמפּע פאַר־זאָרגט ווערן מיט צוויי צילינדערס — איינע פאַר פּריוואַטער אונטערנעמונג, און אַ צווייטע פאַר רעגירונגס־אונטערנעמונג. די צוויי צילינדערס מוזן איינס דאָס אַנדערע דערגענצן; וועט איין צילינדער אָנהויבן אַרבעטן שוואַכער, וועט דער צווייטער מוזן שטאַרקער אונטעראַרבעטן, כדי די פּאָמפּע זאָל ניט בלייבן הינטער־שטעליק, כדי איר אַרבעט זאָל ניט פאַרלאַנגזאַמט אָדער חלילה אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן.

וואָס צו טאָן איז פאַראַן איבערגענוג!

עס פרעגט זיך: וועלן סטייען אונטערנעמונגען, אויף וועלכע דער גאַנצער ריזיקער אָפּגעשפּאָרטער געזעלשאַפטלעכער קאַפּיטאַל זאָל קענען פּראָדוקטיוו פאַרווענדט ווערן — וועלכער פּלאַן עס זאָל דערביי ניט באַנוצט ווערן?

דער ענטפער אויף אָט דער פראַגע איז: יאָ, אונטערנעמונגען זיינען פאַראַן גענוג, מער ווי גענוג!

קודם כל דאַרף מען אַ קוק טאָן ווי אַזוי, אויף וועלכן סטאַנדאַרד עס לעבן די ברייטע פאָלקס־מאַסן. דער ברוקינגס אינסטיטוט האָט דעם דאָזיקן ענין גרינטלעך אויסגעפאָרשט. אין איין שטודיע איז אויסגעפאָרשט געוואָרן די אַמעריקאַנער קאַפּאַציטעט צו פּראָדוצירן,

אין אַ צווייטער — די אַמעריקאַנער קאַפּאַציטעט צו פאַרברויכן. אין דער לעצטער שטודיע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַט־וואָס: אינם סאַמע פּראָספּעריטי־יאָר 1929 האָבן 71 פּראָצענט פון אַלע פאַמיליעס אין לאַנד, 19 מיליאָן אין צאָל, געהאַט אַ יערלעכע הכנסה פון 2,500 דאָלער און ווייניקער, און 6 מיליאָן פאַמיליעס האָבן געהאַט אַ הכנסה פון טויזנט דאָלער אַ יאָר און ווייניקער. פאַרשטייט זיך, אין די דעפּרעסיע־יאָרן איז די לאַגע געוואָרן נאָך אַ סך ערגער; די אַרבעטער האָבן דעמאָלט פאַרלאָרן גאַנצע 43 פּראָצענט פון זייער הכנסה.

אַט דאָ איז דער גרעסטער בראָך! די פאַמיליעס מיט די קלענסטע הכנסות זיינען גראָד די קלענסטע שפּאָרערס; זייער סחורה־הונגער איז אַזוי גרויס, אַז די דאָלערס וואָס זיי קריגן אַריין ווערן תיכף אויסגעגעבן און גייען שנעל אַריין אין צירקולאַציע, — און גראָד זיי האָבן ניט גענוג דאָלערס אויסצוגעבן.

ווען יעדע פאַמיליע פון לאַנד זאָל באַקומען די מינימום־הכנסה וואָס עס איז נויטיק, לויט די אויסרעכענונגען פון דער „ביוראָ אָוו האָום עקאָנאָמיקס", פאַר אַן אַנשטענדיקער עקזיסטענץ, — וואָלט די נאָכפראַגע אויף קאָנסום־סחורות און באַדינונגען געשטיגן אויף ניט ווייניקער ווי 75 פּראָצענט.

צו וואָס גיין זוכן מערק פאַר סחורות ערגעץ הינטער די הרי־חושך, אַז דאָ ביי אונז אונטער דער נאָז געפינט זיך אַ ריזיקער מאַרק, וואָס קען פאַרשלינגען נאָך קאָנסום־סחורות אין ווערט פון העכער צוואַנציק ביליאָן דאָלער יערלעך?

און ניט נאָר די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג זיינען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. אויך דער באָדן פונם לאַנד איז פאַרנאַכ־לעסיקט און טיילווייז קרימינעל פאַרוויסט געוואָרן.

„עס זיינען דאָ מאָמענטן, ווען איך פיל מער ליבע פאַר דער קראַפט און גראַנדיאָזיטעט פון דעם נאָרד־אַמעריקאַנער קאָנטינענט", שרייבט סטואַרט טשייס, „איידער פאַר דעם צושאַטשענדיקן, גייציקן און נאַכלעסיקן געזינדל וואָס לעבט פון איר שפע . . .". דאָס זיינען שאַרפע ווערטער, אָבער אפשר זיינען זיי ניט צו שאַרף ווען מ'נעמט אין באַטראַכט וועלכע שאָדנס דער מענטש האָט אין די לעצטע הונ־דערט יאָר אָנגעטאָן דעם נאָרד־אַמעריקאַנער קאָנטינענט; ווי אַזוי

פאַרפּלייצונג, אויסטריקעניש, שטויב־שטורעמס, אויפפרעסונג פון דער פרוכטבאַרער ערד־פּלאַך („עראָזשאָן"), פאַרניכטונג פון וואַלד און גראָז־טעפּיך האָט ממשות'דיק אונטערגעגראָבן די אָרגאַנישע סטאַבּיליטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן — אויף אַזוי וויט, אַז צען מיליאָן נפשות, וואָס האָבן געלעבט פון די נאַטירלעכע רעסורסן, האָבן צוליב דעם זייער חיונה פאַרלוירן.

דאָס סאַמע קנאַפּסטע, וואָס די איינוואוינער פונם נאָרד־אַמעריקאַנער קאָנטינענט זיינען מחויב צו טאָן, איז דעם אויפגעטרייסלטן גלייכגעוויכט פונם באָדן צוריק אויפצושטעלן. דאָס קען דערגרייכט ווערן אין דער ערשטער ריי דורך דער אויפשטעלונג פון גרויסע דאַמבעס אויף די טייכן. אָנפאַנגען אין אָט דער היגזיכט זיינען שוין געמאַכט געוואָרן אונטער דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע.

„גרענד קולי דעם" אויף דעם קאָלאָמביאַ ריווער, „באָולדער דעם" אויפן קאָלאָראַדאָ ריווער, די דאַמבעס פון דער „טי. ווי. איי." אויפן טענעסי ריווער און אַנדערע זיינען גוטע מוסטערן וואָס אַזעלכע אונטערנעמונגען קענען אויפטאָן סיי פאַרן באָדן און סיי פאַר זיינע באַוואוינער. מיליאָנען און מיליאָנען אַקערס דורשטיקע ערד זיינען דורך זיי באַוואַסערט און באַפרוכפּערט געוואָרן; מעכטיקע וואַסער־פלוסן וועלכע פלעגן פריאַדיש פאַרפלייצן גרויסע שטרעקעס, זיינען איינגעצאַמט געוואָרן און איינגעשפּאַנט געוואָרן צו טאָן נוצלעכע אַרבעט; ביליקע עלעקטרישע טרייב־קראַפט און באַלויכטונג איז געשאַפן געוואָרן — און פאַר מיליאָנען מענשן זיינען געעפנט געוואָרן נייע האָריזאָנטן פון האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט.

אָבער דאָס איז בלויז אַ קליינער אָנהויב. עס זיינען פאַראַן נאָך אַ סך, אַ סך טייכן וואָס דאַרפן געצאַמט און קאָנטראָלירט ווערן; מיליאָנען און מיליאָנען אַקערס לאַנד שטייען נאָך און וואַרטן צוריק פרוכטבאַר געמאַכט צו ווערן; מיליאָנען מענשן קענען דורך דעם געהאָלפן און אויפגעריכט ווערן.

אָט די אַרבעט דאַרף און מוז געטאָן ווערן!

חוץ דעם איז פאַראַן אַרבעט לרוב ביים פאַרוואַנדלען אונזערע שטעט אין אָנשטענדיקע פּלעצער צום אַרבעטן און וואוינען אין זיי, אויפצובויען פאַקטיש אַ נייע ציוויליזאַציע. אַ מאָדעל פון אַזעלכע שטעט און פון אַזאַ ציוויליזאַציע האָט אונז געוויזן נאָרמאַן בעל

גערעס אין זיין „פיוטוראַמאַ״, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער „דזשענעראַל מאָטאָרס״ געביידע אויף דער וועלט־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק.

האָט איר געזען די „פיוטוראַמאַ״? געדענקט איר ווי אַזוי די שטעט און די ציוויליזאַציע פון דער צוקונפט האָבן דאָרט אויסגע־זען? ניטאָ מער אין דער דאָזיקער וועלט קיין אָפּפאַל, שמוץ און מיאוסקייט. ניטאָ קיין מיסט־בערג, קיין „סלאָמס״, קיין שטייענדיקע עיפּוש׳דיקע וואַסערן. די נייע ציוויליזאַציע האָט אַ נייעם פּנים — אַלץ אין איר איז באַקוועם, סאַניטאַר, ציכטיק, שיין.

מר. געדעס׳ „פיוטוראַמאַ״ איז אַ חלום אויף אַ רעליף־מאַפּע. יאָ, אַ חלום — אָבער אויב איר ווילט, וועט עס ווערןווירקלעכקייט!

מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן צו באַשרייבן באריכות ווי אַזוי עס וועלן אויסזען די שטעט און די ציוויליזאַציע פון דער צוקונפט, — ווי סטואַרט טשייס טוט עס. אָבער איינס דאַרף באַטאָנט ווערן: דערויף וועלן זיך פאָדערן גרויסע געלט־אינוועסטירונגען, זייער אַ סך ענערגיע און אַרבעט.

מיר האָבן דאָס אומבאַשעפטיקטע קאַפּיטאַל און די אומבאַשעפ־טיקטע מענטשן. די אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען אויבן אָנגעוואָרפן געוואָרן, קענען זיי באַנוצן — ביז צום לעצטן דאָלאַר, ביז צום לעצטן מענטשן.

מיט איין וואָרט — וואָס צו טאָן איז פאַראַן. די איינציקע פראַגע איז: ווי אַזוי קען אָט די אַרבעט געטאָן ווערן?

קודם כל מוזן מיר זיך באַפרייען פון אַ סך פאָראורטיילן, אָבער־גלויבנס און באַגריפן פון אַן אָפּגעלעבטער צייט.

שטאַרק פאַרשפּרייט איז דער פאָראורטייל קעגן „גאָווערנמענט אין ביזנעס״ — קעגן דעם אַז די רעגירונג זאָל אַליין ווערן אַן אונטערנעמער.

מערקווירדיק, וואָס פאַר אַ כוח עס ליגט אין ווערטער! אָפטמאָל האָבן די ווערטער שוין לאַנג פאַרלאָרן זייער זינען, אָבער די ווער־טער גופא לעבן נאָך און באַהערשן מענשלעכע מוחות! אַמאָל, אין 19טן יאָרהונדערט, איז אפשר געווען אַזאַ באַשעפעניש ווי אַ „פרייער אונטערנעמער״. היינט אָבער איז געבליבן זייער ווייניק פון אָט דעם מין. ווען איך פאַרמאַך די אויערן צו די סטערעאָטיפּישע רייד און

שטרעק אויס מיך פאַרשטעלונגס־קראַפט, קען איך ניט זען קיין באַ־שטימטע אַרמיי פון פריוואַטע געשעפטסלייט. יאָ, עס זיינען פאַראַן מאַנכע אונטערנעמער, אָבער דאָס גאַנצע גרויסע בילד איז אָנגע־פּיקעוועט מיט מיליאָנען קאָרפּאָריישאָן־אָנגעשטעלטע, אינזשינערן, פאַרוואַלטער פון טשיין־סטאָרס, אַרכיטעקטן א. אז. וו. זיינען פּראָ־פעסיאָנאַלן אונטערנעמער? זיינען פאַרמערס געשעפטסלייט? איז אַן אינוועסטירער אַ „ביזנעס מאַן״? איז אַן אייגנטימער פון אַ געזאָלין „פילינג סטיישאַן״ אַ געשעפטסמאַן אָדער אַן אַרבעטס־מאַן?

און וואו, אייגנטלעך, ענדיקט זיך „ביזנעס״ און הויבט זיך אָן „רעגירונג״? פּאָרד בויט אויטאָמאָבילן, און די רעגירונג בויט וועגן, שאָסייען. קיין שאָסייען — קיין אויטאָמאָבילן. איז טראַנספּאָרטאַציע אַ רעגירונגס־געביט אָדער אַ פּריוואַטער געביט, אָדער ביידע אינ־איינעם? און וואָס איז מכוח די אוטיליטעט־אונטערנעמונגען, וואָס זייערע ראַטעס און אינוועסטירונגס־פּאָליטיק ווערן קאָנטראָלירט פון רעגולירנדיקע רעגירונגס־קאָמיסיעס? און וואָס איז מכוח די 600 מיליאָן דאָלער וואָס די רעגירונג האָט געליען די אייזנבאַנען אָפּצו־ראַטעווען די אינוועסטירונגען פון אלמנות און יתומים? שטעלט זיך פאַר, וואָס עס וואָלט געשען ווען די דאָזיקע אַנלייע ווערט ניט גע־מאַכט. עס איז דאָך אוממעגלעך פאַנאַנדערצורייסן די דאָזיקע זאַכן.

די „רעגירונג״ גייט וואָס ווייטער אַלץ מער אין „ביזנעס״. ניט נאָר שטעלט זי צו פריי דער באַפעלקערונג פּאָליציי, פייער־לעשער, שולן, שפּיל־פּלעצער, קליניקס, וואַסער, נאָר זי גיט אויך מילך פריי, און לעצטנס גיט די „סורפּלוס קאָמאָדיטיס קאָרפּאָריישאָן״ אויך שפּייז־„סטעמפּס״ פריי. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיט דער צייט, ווען די טעכנאָלאָגיע וועט נאָך ביליקער מאַכן סחורות, וועט די רעגירונג אַלע גרונט־עסנווארגן געבן פריי יעדן איינעם וואָס וועט עס נאָר וועלן.

פון דער אַנדערער זייט, מעג מען זאָגן קאַטעגאָריש, אַז די מערסטע מענשן וואָס קויפן און פאַרקויפן סחורות און באַדינונגען האָבן יעדערער עפּעס געוואונען דורך דער רעגירונג'ס אויסגעבונגס־פּראָגראַם פון די לעצטע יאָרן. די פּלאַפּלעריי אָבער וועגן דעם, אַז די „רעגירונג״ טאָר ניט ווערן קיין אונטערנעמער הערט פונדעסט־וועגן אַלץ ניט אויף.

עס איז זייער באַקוועם צו פאַרגעסן וואָס די לאַגע איז געווען אין 1932. מ'פרעגט שוין מער ניט: וואָס וואָלט געוואָרן פונם לאַנד, פון אירע איינוואוינער און אפילו פון אירע אינוועסטירונגען, ווען די רעגירונג הויבט ניט אָן איר אויסגעבונגס־פּראָגראַם אין 1933? און וואָס וועט ווערן פונם לאַנד ווען די דאָזיקע פּראָגראַם זאָל אָפּגעשטעלט ווערן? מ'שטעלט זיך ניט די פראַגע: ווי איז עס געקומען דערצו, אַז די רעגירונג איז לכתחילה געווען געצוואונגען צו פאַרנעמען זיך אויף אָט דעם וועג?

נאָך געפערלעכער זיינען די פאַראורטיילן און אַבערגלויבנס, וואָס באַהערשן מענשלעכע מוחות בנוגע דעם ענין געלט.

פון איין זייט זעען מיר, ווי אַ ריי לענדער האָבן אינגאַנצן זיך אויפגעהערט רעכענען מיט דער פראַגע פון געלט און פון הוצאות. רוסלאַנד האָט אין דעם ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן אויפגעבויט קאַפּיטאַל־סחורות אינם ווערט פון בערך 30 ביליאָן. די עטיאָפּישע קאַמפּאַניע האָט אָפּגעקאָסט איטאַליע גאַנצע אוצרות מאַטעריאַלן, ענערגיע און אַרבעט. דייטשלאַנד האָט אין אַ קורצער צייט אויפגעבויט אַ קאָלאָסאַלע קריגס־מאַשין. און דערגרייכט האָבן זיי דאָס מיט גאַנץ ווייניק „געלט" אָדער קרעדיט. דאָס זעלבע טוען איצט אַלע לענדער, וואָס געפינען זיך אין דער מלחמה. דאָס זעלבע וועט אויך טאָן די פאַראייניקטע שטאַטן, ווען זי וועט אין דער מלחמה אַריין. *) אין קריגס־צייט פרעגט קיינער ניט, צי עס איז פאַראַן געלט אָדער קרעדיט. מען פרעגט בלויז איינס: האָבן מיר די מאַטעריאַלן און די מענשן, אָדער ניט? און אויב די מענשן און די מאַטעריאַלן זיינען פאַראַן, טוט מען אַלץ וואָס עס פאָדערט זיך די מלחמה צו געווינען — יאָ געלט, ניט געלט. פאַר וואָס זאָל דאָס זעלביקע ניט זיין גילטיק אויך אין פרידנס־אונטערנעמונגען, אויף אַרויסקריכן פונם קריזיס, אויף באַזאָרגן מענשן מיט אַרבעט, מיט חיונה? מיט וואָס איז מלחמה, פאַרניכטונג בילכער ווי בויען, פאַרזאָרגן מענשן מיט ברויט, מיט באַקוועמלעכקייט, מיט פאַרגעניגן?

פון דער אַנדערער זייט, אָבער, זיינען נאָך אַלץ פאַראַן מענשן,

---

*) טשייס' בוך איז געשריבן געוואָרן איידער די פאַראייניקטע שטאַטן איז אין דער מלחמה אַריין.

וואס קלאמערן זיך מיט די לעצטע כוחות אן די אלטע באגריפן פון „געלט״; וועלכע מיינען, אז קיין זאך קען ניט געטאן ווערן סיידן ווער־עס־איז באקומט 6 פראצענט פאר געלט.

זיי ווילן ניט פארשטיין, אז „געלט״ איז בלויז א מיטל אויף לאזן סחורה אין צירקולאציע, און אויב „געלט״ הערט אויף אויסצופילן די דאזיקע געזעלשאפטלעכע פונקציע, מוזן געפונען ווערן אנדערע מיטלען וואס וועלן דאס באוויזן צו דערגרייכן.

זיי ווילן ניט איינזען, אז די פינאנץ־מעטאדן, וואס זיינען געווען צוגעפאסט צו אן עקסטענסיווער עקאנאמיע, זיינען ניט צוגעפאסט צו דער נייער אינטענסיווער עקאנאמיע.

אבער טראץ די דאזיקע מענשן, וועלכע שטעקן מיטביידע פיס אין דעם טויטן עבר, וועט דער פארווערטס־מארש פון דער נייער צייט צוליב זיי זיך ניט אפשטעלן.

ניט נאר אין דער צייט פון מלחמה רעכנט מען זיך ניט מיט זייערע פארעלטערטע באגריפן וועגן געלט און פראצענטן. אויך נאך דער מלחמה וועט אמעריקע העלפן אין דער רעקאנסטרוקציע פון דער וועלט, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, צי מ׳וועט איר די הלוואות צוריקצאלן אדער ניט. און אויך ביים באקעמפן קריזיסן און ארבעטס־לאזיקייט וועט מען זיך וואס ווייטער אלץ ווינציקער רעכענען מיט די אלטע פינאנץ־באגריפן פון „געלט איבער אלץ״. וואס ווייטער וועט אין לעבן אלץ מער אנערקענט ווערן דער כלל, אז אלץ קען געטאן ווערן כל זמן עס זיינען פאראן מענשן, מאשינען און מאטעריאלן.

דער אלטער באגריף, אז אויב אן אונטערנעמונג „באצאלט״ זיך ניט דארף מען זי ניט אונטערנעמען, האט אפגעלעבט איר צייט, און וועט שוין קיין תחיית־המתים ניט אויפשטיין. אין דער צוקונפט וועט מען בלויז פרעגן: איז די אונטערנעמונג נוצלעך אדער ניט? און אויב זי איז נוצלעך און נויטיק, און פאר פריוואטע אונטערנעמער „לוינט״ זיך ניט זי צו אונטערנעמען, דעמאלט וועט עס די רעגירונג טאן.

די צייט, ווען געלט איז באטראכט געווארן פאר וויכטיקער ווי מענשן איז טויט.

עס קומט די צייט, ווען מענשן וועלן באטראכט ווערן פאר וויכטיקער ווי געלט.

חסרונות און מעלות פון סטואַרט טשייס׳ צוגאַנג

די הויפּט־שוואַכקייט פון סטואַרט טשייס׳ צוגאַנג צו סאָציאַלע פּראָבלעמען באַשטייט אָט אין וואָס:

באַטראַכטנדיק געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פון דעם קוק־ווינקל פון געלט־צירקולאַציע, פאַרזעט ער דעם מענטשן. יעדנפאַלס, זעט ער דעם מענטשן ניט גענוג, ער ווייזט אים אַרויס צו ווייניק פאַרשטענדעניש און נאָך ווייניקער סימפּאַטיע.

דוכט זיך, ער רעדט וועגן דעם, אַז 19 מיליאָן פאַמיליעס האָבן אפילו אין דעם העכסטן פּראָספּעריטי־יאָר 1929 געהאַט אַ יערלעכע הכנסה פון 2,500 דאָלער אָדער ווייניקער, און 6 מיליאָן פאַמיליעס האָבן געהאַט אַ הכנסה פון מיזערנע טויזנט דאָלער אַ יאָר און ווייניקער; אויך וועגן דעם, אַז באַזאָרגן מענטשן מיט אַרבעט, מיט חיונה איז לפּחות אַזוי וויכטיק ווי פירן מלחמה; און אַז מענטשן דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר וויכטיקער ווי געלט א. אַז. וו. אָבער לייענענדיק דאָס, באַקומט מען דעם געפיל, אַז סטואַרט טשייס׳ן גייט ניט אַזוי אין די מענטשן ווי אין דער געזעלשאַפטלעכער סטאַביליטעט, וועלכע קען, לויט זיין מיינונג, אָנגעהאַלטן ווערן בלויז דורך אַ געהעריקן באַלאַנס צווישן געלט־הוצאה און געלט־הכנסה; אַז פאַראינטערעסירט אין די אָרימע שיכטן איז ער בלויז אויף אַזוי ווייט ווי זיי זיינען גוטע אויסגעבער און זיי וואָלטן דעם דאָזיקן באַלאַנס געקענט ממשות׳דיק העלפן אָנהאַלטן, ווען זיי קריגן נאָר אַריין גענוג הכנסה, גענוג קויף־קראַפט. מ׳באַקומט דעם אומהיימלעכן געפיל, אַז ווען עס זאָל זיך באַווייזן אַ סאָציאַלער מכשף, וועלכער זאָל קענען באַווייזן די קונץ אָנצוהאַלטן דעם באַלאַנס צווישן הוצאה און הכנסה דורך עפּעס אַן אַנדער פאָרטל אײדער דורך דער „גאַנז" פון די אָרימע באַפעלקערונגס־שיכטן וועלכע קען לייגן אַזעלכע שיינע „גאָלדענע אייער", ווען מ׳שפּייזט זי נאָר ווי געהעריק מיט קויף־קראַפט, — ווי, למשל, אַז די רייכע געזעלשאַפטלעכע שיכטן זאָלן פּשוט אויסגעבן זייער גאַנצע לויפנדע הכנסה

אויף לוקסוסן, הוליאַנקעס א. אַז. וו., אָפּשטעלנדיק אויף אַזאַ אופן די ווייטערדיקע אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, — וואָלט סטוּאַרט טשייס זיך שטאַרק ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ דערפון, וואָס די ברייטע פאָלקס־מאַסן לעבן אין אָרימקייט און דחקות. *)

ספּעציעל ווערט דער דאָזיקער געפיל פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס סטוּאַרט טשייס פאַרשווייגט אינגאַנצן דעם אַרבעטער־קאַמף, דעם קלאַסן־קאַמף, אַלס פאַקטאָר פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אַן דעם אַרבעטער־קאַמף, אַן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע רייסן אַרויס מיט נעגל און ציין ביי די קאַפּיטאַליסטן אַ גרעסער שטיקל ברויט פאַר די אָרימע פאָלקס־שיכטן, וואָלט דאָך דער פּראָצעס פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע געוועזן פיל מאָל גרעסער ווי ער איז איצט. אַרויסגייענדיק, אַלזאָ, פון זיין אייגענעם באַליבטן שטאַנדפּונקט פון געלט־אַקומולאַציע אַלס דער קוואַל פון אַלע אומגליקן, וואָלט דאָך סטוּאַרט טשייס געדאַרפט באַגרייפן די געוואַלדיקע באַדייטונג וואָס דער קלאַסן־קאַמף האָט פאַר דער געזעלשאַפט. לסוף פאַרשווייגט ער די טרייד־יוניאָנס, און דאָרט וואו ער דערמאָנט זיי יאָ מיט אַ וואָרט, טוט ער עס אין אַ נעגאַטיוון זינען.

אין אַ געוויסן אָרט אין זיין בוך רעכנט ער אויס די צילן, וועלכע זיין פּלאַן וועט ניט דערגרייכן; און דאָרטן גיט ער זיך אַ זאָג, מיר־ניט דיר־ניט, אַז זיין פּלאַן וועט ניט פאַרהעלפן דעם וואוקס פון דער סי. אַי. אָ. פאַר וואָס זיין פּלאַן וועט ניט העלפן דער סי. אַי. אָ. און דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל איז שווער צו פאַרשטיין. צי דען קען זיין אַ שטערונג פאַר דעם וואוקס פון טרייד־יוניאָניזם דאָס, וואָס די אַרבעטער וועלן פון דער געזעלשאַפט פאַרזאָרגט ווערן מיט זיכערקייט אין צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט, אומשיכטונג אין נייע באַשעפטיקונגען, קראַנקהייט, עלטער? צי דען קען דאָס, וואָס די

*) דאָס זעלבע געפיל באַקומט מען ווען מ׳לייענט דאָס שרייבן פון פּראָפעסאָר דזשאָן מעינאַרד קעינס, וועלכער קען באַטראַכט ווערן פאַר דעם פאָטער פון דער מאָדערנער פּראַגמאַטיש־עקאָנאָמישער שול, וואָס האַלט אַז דער אָפּגעלעבטער כלל פון „געלט איבער אַלץ" מוז אַרונטערגעוואָרפן ווערן פונם געזעלשאַפטלעכן פּעדעסטאַל און אויף זיין אָרט דאַרף דערהויבן ווערן דער כלל פון „געלט־צירקולאַציע איבער אַלץ".

געזעלשאַפט וועט אונטערנעמען נייע אַרבעטס־פּראָיעקטן, וועלכע לויגען זיך ניט פאַר פּריוואַטע אונטערנעמער, זיין אַ רעה פאַר די טרייד־יוניאָנס? דוכט זיך, פון דער געשיכטע וויסן מיר, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואַקסן דווקא ווען עס איז געווען אַרבעט לרוב און געפאַלן איז זי דעמאָלט ווען די אַרבעטלאָזיקייט איז געשטיגן.

סטואַרט טשייס׳ כמעט־פיינטלעכע באַציאונג צו די יוניאָנס קען דערקלערט ווערן מיט צוויי טעמים:

ערשטנס — איז ער וועניק באַקאַנט מיטן לעבן פון די אָרימע פאָלקס־שיכטן און מיט זייערע ראַנגלענישן מיט טאָג־טעגלעכער נויט און דחקות. ער וויס וועגן דעם, משמעות, בלויז פון דער סטאַטיסטיק, אָבער ניט פון פערזענלעכן קאָנטאַקט און דערפאַרונג. וואָלט ער באמת געוואוסט, וואָס די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג באַדייט פאַר דעם וואוילשטאַנד און פאַר דער סאַמע עקזיסטענץ פון מיליאָנען און מיליאָנען פאַמיליעס, וואָלט ער זיך צו די יוניאָנס ניט באַצויגן מיט אַזאַ גרינגשעצונג, און אַוודאי ניט מיט אַ באַהאַלטענער שנאה.

צווייטנס — באַמיט זיך טשייס צו באַווייזן, אַז זיינע פּלענער זיינען גאָרניט קיין רעוואָלוציאָנערע, גאָרניט קיין וועלטן־איפטרייס־לענדע; אַז זי זיינען, פּשוט, נויטיקע, אומפאַרמיידלעכע אויסבעסע־רונגען וואָס מוזן אַריינגעטראָגן ווערן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן דורך די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן גופא; און ריידן רעדט ער היפּטזעכלעך טאַקע צו די דאָזיקע עלעמענטן, צו די פאַרשטענדיקערע צווישן זיי — צו דער געשעפטס־וועלט, צו די מענשן פון זיין אייגענער סאָציאַלער ספערע. און ריידנדיק צו זיי, קען ער ניט אַרויסווייזן קיין אַנדער באַציאונג צו די יוניאָנס ווי אַ נעגאַטיווע.

אָבער צי די דאָזיקע דערקלערונג איז אַ ריכטיקע צי ניט, — איינס איז זיכער:

ווען סטואַרט טשייס וואָלט זיין גאַנצע אַרגומענטאַציע איבער־געקערט; ווען ער הויבט אָן פון די פאָלקס־מאַסן, אָנווייזנדיק אויף זייערע נויטן, באַטאָנענדיק דערביי ספּעציעל זייערע ראַנגלענישן און קאַמפן, און אַרויסווייזנדיק פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר זיי; ווען ער נעמט די דחקות פון די אונטערשטע שיכטן און שטעלט זי אַוועק אין קאָנטראַסט צום געוואַלדיק אָנגעוואַקסענעם געזעלשאַפט־לעכן פעטס אויבן; און ערשט נאָכדעם וואָלט ער אַרויסגעקומען מיט

די קאָנקרעטע פאַרשלאָגן און פּלענער זיינע, — ווען ער טוט עס, וואָלט זיין ווערק געהאַט אַ סך, אַ סך אַ גרעסערע סאָציאַלע באַדייטונג ווי אין זיין איצטיקער פאָרם.

דער דאָזיקער מעכאַניסטישער צוגאַנג סטוּאַרט טשייס'עס צו סאָציאַלע פראַגן לויט וועלכן עס קומט אויס יאָקבי ווי די געלט־צירקולאַציע וואָלט געווען דער עיקר, בעת דאָס פאָלק, די מענשן פון פלייש און בלוט, זיינען עפּעס בלויז אַ מיטל צו אַ צוועק, אַ טפל, — דער דאָזיקער צוגאַנג איז מער ווי אַ שוואַכקייט. עס איז אַ חסרון, וועלכער לאָזט זיך ניט פאַרגלעטן.

דערפאַר אָבער האָט טשייס' מעטאָד די געוואַלדיקע מעלה, וואָס זיין דערקלערונג פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע איז אַזוי פריי פון דאָגמאַטיזם, אַזוי איינפאַך, אַז בוכשטעבלעך יעדער איינער קען דאָס זען און פאַרשטיין.

צום קלאָרסטן שטעלט זיך די דאָזיקע מעלה אַרויס ווען מ'פאַרגלייכט טשייס' דערקלערונג פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע מיט דער מאַרקסיסטישער דערקלערונג.

לויט דעם מאַרקסיזם קומט אויס, אַז קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע קומט אויסשליסלעך פון מערוועט. כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען זיך „טשעפּלייען" איבער די קרומע, שווינדל־טרעפּ פון אַ לייטער וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט אין די הימלען פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישער מעטאַפיזיק. און נאָכדעם ווי מ'כאַפּט שוין אַ בליק אין די דאָזיקע הימלען קען מען ערשט ניט קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טעאָריע, — פּשוט דערפאַר, ווייל די לעבנס־דערפאַרונג, די רעאַלע עקאָנאָמישע דערשיינונגען שטימען ניט מיט דער טעאָריע.

די פּראָפיט־סורפּלוסן פון געשעפט־אונטערנעמונגען קענען נאָך ווי עס איז דערקלערט ווערן דורך דער מערווערט־טעאָריע. אָבער וואָס הערט זיך עפּעס מכוח די אַנדערע פאָרמען פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע? זיינען דען די אָפּנוצונגס־ און אויסשעפּונגס־רעזערוון פּראָפיט אָדער מערווערט? זיי זיינען דאָך אין זייער עצם לעגיטימע הוצאות פון פּראָדוקציע. זיינען די רעזערוון פון די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן פּראָפיט אָדער מערווערט? די דאָזיקע רעזערוון, אַחוץ די פּראָפיטן ממש, זיינען דאָך אין אמת'ן די אָפּשפּאָרונגען פון די

צענדליקער מיליאָנען מענשן, וואָס זייערע לעבנס זיינען פאַרסטראָ־כירט געוואָרן. זיינען די רעזערוון פון דער „סאָשעל סעקיורִיטי“־אַדמיניסטראַציע פּראָפיט אָדער מערווערט? ווידער אַמאָל איז קלאָר, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אָפּשפּאָרונגען פון און פאַר די אַרבעטנ־דיקע מאַסן. און אַוודאי קענען די אָפּשפּאָרונגען פון די האָרעפּאַשנע מאַסן גופא, וואָס זיי רייסן אָפּ פון לעצטן ביסן כדי אַוועקצולייגן עפּעס „אויף אַ רעגנדיקן טאָג“, ניט באַטראַכט ווערן פאַר פּראָפיט אָדער מערווערט. סיידן מ׳זאָל אָננעמען, אַז די אַרבעטער גופא באַקומען אַ חלק פון דעם געזעלשאַפטלעכן מערווערט, וואָס דאָס איז דאָך אַן אַבסורד.

סטואַרט טשייס, אָבער, דערקלערט מלחמה קעגן דעם גאַנצן, אַקומולירטן, אומבאַשעפטיקטן קאַפּיטאַל, אַלץ איינס פון וואַנען ער זאָל ניט אַנטשטיין, מיט וואָס פאַר אַ נאָמען מ׳זאָל אים ניט אָנרופן, אין וועמענס הענט ער זאָל זיך ניט געפינען — צי אין די הענט פון קאַפּיטאַליסטן, פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, רעגירונגס־קערפּערשאַפטן אָדער אפילו פון אַרבעטער־קערפּערשאַפטן און פון אַרבעטער גופא.

צו וואָס טויג דאָ די מאַרקסיסטישע מיסטיק, אַז די דערשייַנונג פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע ליגט פון אויבן־אויף און אַלע קענען זי זען און ממש אָנטאַפּן מיט די הענט?

אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז די קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע, וואָס קאַרל מאַרקס האָט פאָראויסגעזען און פאָראויסגעזאָגט, — אגב, אפשר דער גרעסטער אויפטו זיינער, וואָס ער אַליין באַטראַכטעט אים צו אַן ערך־פלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון די גרעסטע דענקער פון אַלע צייטן, — אַז אפילו די דאָזיקע דערשיינונג קען אויף אַנדערע אופנים דער־קלערט ווערן בעסער איידער דורך דער טעאָריע פון מערווערט.

און זאָל מען ניט פאַרבירן דערינגען, אַז בלויז מיט דער שפּאַקטיוו פון דער מערווערט־טעאָריע איז מאַרקסן געלונגען אַריינצוקוקן אין דער צוקונפט און פאָראויסצוזאָגן די געוואַלדיקע קאַפּיטאַל־אַקומו־לאַציע פון אונזער צייט. ער וואָלט פונקט אַזוי קלאָר געקענט פאָר־אויסזען די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל ווען ער באַטראַכט די אָנ־זאַמלונגען פון די קאַפּיטאַלן אַלס פּראָפיט אָנשטאָט מערווערט. נאָך מער, ניט זייענדיק געפּענטעט פון דער טעאָריע פון מערווערט, וואָלט

ער וואָרשיינלעך געקענט פאַראויסזען אויך די אַנדערע קוואַלן פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע, וואָס קומען ניט פון פּראָפיט נאָר פון דער אַלגעמיינער אומזיכערקייט מיט דעם מאָרגן, וואָס איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטס־אָרדנונג. און דאָס וואָלט אים געוויס ניט געשטערט פאַראויסצוזען דעם ענדגילטיקן באַנקראָט פון דער פּלאַנלאָזער פּראָפיט־אָרדנונג.

אַ ראיה לדבר האָבן מיר טאַקע פון סטוּאַרט טשייס'ן אַליין. פּרוּבירנדיק געפינען אַ לייזונג צו די געזעלשאַפטלעכע חולאת'ן פון אונזער צייט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דעם שרייענדיקן פאַקט פון קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע; און דערקלערנדיק מלחמה דעם „אומ־באַשעפטיקטן" קאַפּיטאַל, האָט ער געמוזט קומען צום אויספיר, אַז דער איינציקער וועג, ווי אַזוי די דאָזיקע מלחמה קען געוואונען ווערן, איז:

ערשטנס — אַז די געזעלשאַפט מוז אַליין ווערן אַן אונטערנעמער, לפחות אין יענע געביטן וואו פּריוואַטע אונטערנעמער ווילן ניט אָדער קענען ניט פאַרווענדן זייערע קאַפּיטאַלן.

צווייטנס — אַז די זאָרג פאַר דעם מאָרגן דאַרף אַרונטערגע־נומען ווערן פון די שוואַכע פּלייצעס פון דעם איינצלנעם מענטשן און אַריבערגעטראָגן ווערן אויף די שטאַרקע פּלייצעס פון דער געזעל־שאַפט.

און אָט די צוויי פּרינציפּן — דער חוב פון דער געזעלשאַפט צו פאַרזאָרגן יעדן איינעם מיט חיונה פאַר דעם היינט, און מיט זיכערקייט פאַר דעם מאָרגן — פירן דירעקט צום ברייטן שליאַך פון סאָציאַלן רעפאָרמיזם.

די עקאָנאָמישע יסודות פון סאָציאַלן רעפאָרמיזם

אין זייער פאַרטיידיקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אַנטקעגן דער סאָציאַליסטישער אָנקלאַגע, האָבן די אידעאָלאָגן און אַפּאָלאָגעטן פון קאַפּיטאַליזם אַרויסגעבראַכט צוויי הויפּט־געדאַנקען.

דער ערשטער געדאַנק איז:

ניט אַרבעט האָט געשאַפן די ריזיקע אינדוסטריע, דעם גוואַלדיקן ווירטשאַפטלעכן פּראָגרעס — נאָר קאַפּיטאַל האָט עס געטאָן. אָט האָבן דאָך אַרבעטער אין די פּאַר־קאַפּיטאַליסטישע צייטן געאַרבעט לענגער און שווערער, פונדעסטוועגן איז דאָס לעבן געשטאַנען פאַרגליווערט אויף איין פונקט, ווי איינגעגראַזיעט אין אַ בלאָטע. ערשט אונטער דעם קאַפּיטאַליזם האָט דער געזעלשאַפטלעכער וואָגן זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און אַוועקגעקאַטאַיעט זיך איבער דעם שאָסיי פון פּראָגרעס מיט אויסערגעווייגלעכן אימפּעט. און אַז מיר זעען ווי די גוואַלדיקע אויפטואונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עראַ זיינען דערגרייכט געוואָרן גראָד מיט וועניקער און מיט לייכטערער אַרבעט, ד. ה. מיט אַ קלענערן בייטראָג מצד די אַרבעטער, — מוז געמאַכט ווערן דער אויספיר, אַז דער „קרעדיט" פאַר דעם דערגרייכטן געהערט ניט די אַרבעטער, נאָר די דערפינדער, די וויסנשאַפטסלייט און . . . די קאַפּיטאַליסטן; אַז רייכטום ווערט געשאַפן ניט פון אַרבעט, נאָר פון קאַפּיטאַל, פון קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרונגען.

דער צווייטער געדאַנק איז:

די פּריוואַט־איניציאַטיוו איז . . . דער מאָטאָר, וואָס טרייבט דעם פּראָגרעס פון דער וועלט; און דאָס „זאַפט", די „עלעקטריע", וואָס לאָזט דעם מאָטאָר פון פּריוואַט־איניציאַטיוו אין גאַנג און מאַכט אים טאָן זיין אַרבעט, איז — דער זעלבסט־אינטערעס, דער פּריוואַטער געווינס. שניידט מען אָפּ דעם „זאַפט" פון פּריוואַט־געווינס, וועט דער מאָטאָר פון פּריוואַטער איניציאַטיוו זיך אָפּשטעלן; און

וועט דער פריוואַט־איניציאַטיוו־מאַטאָר זיך אָפּשטעלן, — דעמאָלט מוז די געזעלשאַפט אַריינפאַלן אין סטאַגנאַציע. דערפון איז גע־דרונגען, אַז די קאָנקורענץ־סיסטעם, אונטער וועלכער די פּריוואַט־איניציאַטיוו פון דעם אונטערנעמער האָט די פולסטע מעגלעכקייט צו קומען צום אויסדרוק, איז בעסער צוגעפּאַסט רייך צו מאַכן די וועלט איידער אַ קאָלעקטיוויסטישע אָרדענונג.

פון אָט די צוויי הויפּט־געדאַנקען האָבן די אידעאָלאָגן פון קאַפּיטאַליזם געמאַכט דעם פּראַקטישן סך־הכל, אַז —

די קאַפּיטאַליסטן און די אונטערנעמער זיינען ניט די שונאים פון די פאָלקס־מאַסן, נאָר גאָר פאַרקערט, זיי זיינען אין גרונט גע־נומען די „וואוילטוער" פון דער מענשהייט; און פון יעדער שטרויכלונג, וואָס ווערט געלייגט אויפן וועג פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַל און פון פרייער אונטערנעמונג, מוז אַרויסקומען אַ רעה פאַר די פאָלקס־מאַסן.

העכער הונדערט יאָר זיינען פאַרלאָפן זינט דער סאָציאַליזם האָט פון דער וועלט־טריבונע פאַרפירט דעם „פּראָצעס" קעגן דעם מאָ־דערנעם קאַפּיטאַליזם. פאַר דעם משך פון אָט דער גאַנצער צייט האָט דער סאָציאַליזם אויף איין־איינציקער רגע ניט אויפגעהערט וואַרפן זיין „אָנקלאַגע" דעם קאַפּיטאַליזם אין פּנים אַריין, און דער קאַפּיטאַליזם האָט אויף איין־איינציקן מאָמענט ניט אויפגעגעבן זיין „פאַרטיידיקונג", וואָס די הויפּט־געדאַנקען אירע זיינען דאָ אויבן פאָרמולירט געוואָרן. עס פרעגט זיך: וואָס פאַר אַ האָפּט האָבן די אַרגומענטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרטיידיקונג איצט, נאָכדעם ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט דורכגעמאַכט הונדערט יאָר אַנטוויקלונג?

קאַפּיטאַל — דער שאַפער

דער אַרגומענט, אַז קאַפּיטאַל איז דער אמת׳ער שאַפער און בויער, אַז ער האָט רייך געמאַכט די וועלט, און דעריבער דאַרף ער זי ירשענען, — אָט דער אַרגומענט האָט פולשטענדיק באַנקראָטירט.

דאָס, וואָס די אידעאָלאָגן פון קאַפּיטאַליזם האָבן די וויסנשאַפטס־לייט און די דערפינדער געמאַכט פאַר שותפים פון די קאַפּיטאַליסטן

איז, מילד גערעדט, ניט קיין שלעכטער איינפאַל. צוזאַמען מיט אַזעלכע שותּפים קען מען שוין צושטעלן דער וועלט גאַר אַ פיינעם חשבון! אָבער וואָס פאַר אַ שותּפים זיינען די וויסנשאַפטסלייט און דערפינדער, ווען עס איז דאָך צו גוט באַוואוסט, אַז דער גאַנצער פּראָפיט פונם קאַפּיטאַליסטישן געשעפט גייט אין די קעשענעס פון די קאַפּיטאַליסטן, בעת פאַר די וויסנשאַפטסלייט און דערפינדער בלייבן בלויז די ברעקלעך פון דעם רייכן געשעפט?

יאָ, די וויסנשאַפטסלייט און די דערפינדער האָבן באמת אויפגעטאָן וואונדער.

ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז די וויסנשאַפט האָט מיט וועלכע דריי הונדערט יאָר צוריק זיך פאַרקירעוועט פונם וועג פון הוילער אַבסטראַקציע אויפן וועג פון לייזן די פּראַקטישע פּראָבלעמען פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, — דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער די געשיכט־פאָרשונג האָט נאָך קיין באַשטימטן ענטפער ניט געגעבן. העכסט וואַרשיינלעך האָט די אַנטדעקונג פון אַמעריקע געגעבן דעם ערשטן שטויס אין אָט דער ריכטונג. די אַנטדעקונג פון דעם נייעם וועלט־טייל האָט אויסגעברייטערט ניט בלויז דאָס פיזישע בילד פון דער וועלט, נאָר אויך דעם גייסטיקן האָריזאָנט פון דעם מענשן־מין; און דאָס האָט דער וויסנשאַפט געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון אירע קאַבינעטן און אַריינצוטרעטן ווי אַן אַקטיוו־ווירקנדיקער כּוח אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די פעלקער. דערביי האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע דאָס, וואָס די אַנטדעקונג פון אַמעריקע האָט אַרויסגערופן צו אַ ניי לעבן די שוין לאַנג איינגעדרימלטע ענערגיעס פון דער אַלטער וועלט. אַ נייער ריזיקער קאָנטינענט האָט צוגעוואונקען: קום, באַצווינג מיך, עקספּלואַטיר מיך, באַזעץ מיך! — און דאָס האָט געמונטערט די אַלטע וועלט אַרויסשלאָגן פון איר הונדערט־יאָריקן שלאָף. אָבער וואָס די סיבּה זאָל ניט האָבן געווען, איז אומבאַשטרייטבאַר דער פאַקט גופא, אַז די וויסנשאַפט און די דערפינדונג האָבן אומגעהויער פאַרלייכטערט די משׂא פון דעם וואָס אַקערט די ערד, וואָס האַקט די וועלדער און זעגט די בוימער, וואָס שעפּט דאָס וואַסער א. אז. וו..

און האָבן אומפאַרגלייכלעך אויפגעהויבן דעם וואוילשטאַנד פון דעם מענטשן בכלל.

אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט די קאַפּיטאַליסטן? פאַר וואָס קענען די וויסנשאַפטסלייט און די דערפינדער ניט אַרבעטן דירעקט פאַר דער קהלה, פאַר דעם פאָלק, אַנשטאָט דורך דעם אומוועג פון דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע?

אמת, אין דעם פּראָצעס פון גרינגער און רייכער מאַכן דאָס לעבן האָבן די קאַפּיטאַליסטן געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָלע. פאַר דעם משך פון אַ לאַנגן היסטאָרישן פּעריאָד האָבן זיי אויסגעפילט די געזעלשאַפטלעכע פונקציע פון אָפּשפּאָרער פון קאַפּיטאַל, וועלכן זיי האָבן פאַרבראַכט הויפּטזעכלעך אויף נייע אונטערנעמונגען, אויסבעסערונגען און אַז. וו., אויסנוצנדיק דערביי די אַנטדעקונגען און דערפינדונגען פון דער וויסנשאַפט. דאָס אָפּגעשפּאָרטע קאַפּיטאַל איז טאַקע געקומען פון דעם שוויס און בלוט פון די בויער און שאַפער פון סאָציאַלע פּראָדוקטן און באַדינונגען, פונדעסטוועגן קען ניט געלייקנט ווערן, אַז די פונקציע פון די קאַפּיטאַליסטן אַלס קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעך־נוצלעכע, — מיט דער אויסנאַם פון יענעם טייל פונם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבן פאַרשווענדט, און פאַרשווענדן ביז אויף היינטיקן טאָג, אויף וואוילטאָג און לוקסוס.

אָבער אין דעם מאָמענט, ווען די ראַטע פון אינוועסטירונג הויבט אָן הינטערשטעליק ווערן לגבי דער ראַטע פון אָפּשפּאָרונג; ווען דער אָקומולירטער קאַפּיטאַל בלייבט וואָס ווייטער אַלץ מער ליגן אינם געזעלשאַפטלעכן מאָגן ווי אַ שטיין וועלכן ער קען ניט פאַרדייען, פאַראורזאַכנדיק קריזיסן און אַרבעטסלאָזיקייט, נויט אוןליידן, — דעמאָלט הויבט די קאַפּיטאַליסטישע פונקציע פון קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרונג אָן צו פאַרלירן איר געזעלשאַפטלעכע נוצלעכקייט. נאָך מער — זי הויבט אָן ווערן שעדלעך; און דעמאָלט מוז די געזעלשאַפט נעמען טראַכטן וועגן געבן די קאַפּיטאַליסטן דעם וועג, וועגן זאָגן זיי: „דער מאָר האָט זיינס אָפּגעטאָן; דער מאָר קען גיין".

אויב דער געלט־ און פינאַנץ־מעכאַניזם פון פּריוואַטער קאַפּיטאַל־אָקומולאַציע קען ניט באַזאָרגן אַרבעט פאַר אַלעמען, — דעמאָלט

איז די געזעלשפט געצוואונגען זיך צו נעמען אויפבויען אַ נייעם פינאַנץ־מעכאַניזם, וואָס זאָל דאָס יאָ קענען באַווייזן. און שטעלט זי זיך די דאָזיקע אויפגאַבע, הויבט זי אָן אויסצוגעפינען טשיקאַווע זאַכן.

זי געפינט אויס, אַז דער זינען פון קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרונג באַשטייט אייגנטלעך נים מער ווי אין דעם, אַז די געזעלשאַפטלעכע שאַפונגס־קראַפט זאָל נים פאַרברויכט ווערן אינגאַנצן אויף דער שאַפונג פון פּראָדוקטן און באַדינונגען וואָס ווערן פאַרברויכט אין דעם באַטרעפנדיקן שאַפונגס־פּעריאָד, נאָר אַז אַ טייל דערפון זאָל פאַרווענדט ווערן אויף עקספּאַנסיע, אויסבעסערונג א. אַז. וו. דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער געלט־מעכאַניזם דערגרייכט דעם דאָזיקן ציל אויף פאָלגנדיקן אופן: מיט די קוויטאַנציעס אויף אָפּגעטאָנענער אַרבעט אין אַ פריערדיקן פּעריאָד (געלט), קויפט ער נייע אַרבעט אין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד. אויב, אָבער, דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער געלט־מעכאַניזם ווערט, צוליב וועלכער עס איז סיבה, אויסגעשפּילט, איז ניטאָ קיין אורזאַך, פאַרוואָס עס זאָל נים קענען דערפונדן ווערן אַן אַנדער מעכאַניזם, וואָס זאָל דעם זעלבן ציל דערגרייכן אויף אַן אַנדער אופן. די הויפּט־ראָל דערביי שפּילט דאָך נים געלט, קאַפּיטאַל, נאָר רויער מאַטעריאַל און אַרבעטס־קראַפט; און כל זמן עס איז פאַראַן מאַטעריאַל און אַרבעטס־קראַפט צו קענען שאַפן אין אַ געוויסן פּעריאָד גענוג אויף דורכלעבן זיך און אויך אויף מאַכן אויסבעסערונגען און אויסשפּרייטונגען, איז די באַשאַפונג פון אַ פינאַנץ־מעכאַניזם וואָס זאָל מעגלעך מאַכן די דערגרייכונג פון דעם דאָזיקן ציל פאַר־העלטניסמעסיק אַ גרינגע זאַך.

און זי געפינט אויס נאָך עפּעס: ווי גרויס עס זאָל נים זיין דער אַקטועלער אַקומולירטער קאַפּיטאַל פון די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטן (די געלט־קוויטאַנציעס אויף אָפּגעטאָנענער אַרבעט אין אַ פריערדיקן פּעריאָד), שפּילט ער אין דעם פּראָצעס פון שאַפן נייע רייכטימער פונדעסטוועגן אַ סך אַ קלענערע ראָלע ווי דער קרעדיט־קאַפּיטאַל; און ווען עס קומט צו קרעדיט־קאַפּיטאַל איז דאָך קהל לכל הדעות אומפאַרגלייכלעך רייכער ווי דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם. זייענדיק אַ גרעסערער בטוח, קען קהל באַקומען גרעסערע קרעדיטן און אויף

בעסערע באַדינגונגען, סיי אין הינזיכט פון צינזן־ראַטעס און סיי אין הינזיכט פון אָפּצאָלונג־טערמינען.

אַט אַזוי דערטראַכט זיך ביסלעכווייז די אַלגעמיינע געזעלשאַפט צו די געדאַנקען און אמת׳ן בנוגע קאַפּיטאַל, וואָס סאָציאַליסטן האָבן העכער הונדערט יאָר כסדר זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן.

מיט איין וואָרט, די טענה פון די אידעאָלאָגן פון קאַפּיטאַליזם, אַז אָן קאַפּיטאַליסטן קען קיין קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרונג ניט פאָרקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק פאַלש. ז״ י, די דאָזיקע אידעאָלאָגן, האָבן דאָ פּשוט צענויפגעמישט די צוויי באַגריפן „אָפּשפּאָרונג״ און „אַקומולאַציע״. קיין קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע קען טאַקע אָן קאַפּיטאַליסטן ניט געמאָלט זיין; אָבער קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרונג קען אָן קאַפּיטאַליסטן און אָן דעם קאַפּיטאַליסטישן פינאַנץ־מעכאַניזם פאָרקומען נאָך בעסער ווי מיט אים. ערשט דעמאָלט ווען די געזעלשאַפט וועט זיך באַפרייען פון דער אַקומולאַציע פון ניט־באַשעפטיקטע קאַפּיטאַלן, וועט קומען אַ סוף צו די איבעררייסונגען אינעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרונג, וואָס די פּעריאָדישע קריזיסן פאַראורזאַכן, און דער דאָזיקער פּראָצעס וועט קענען אָנגיין אומגעשטערט, ניט־אונטערבראָכן און מיט אַ סך אַ שנעלערן טעמפּ ווי פריער.

מיר זעען, בכן, אַז דער ערשטער פון די צוויי הויפּט־געדאַנקען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרטיידיקונג האָט ניט אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דער לעבנס־דערפאַרונג.

אַנדערש איז אָבער מיט דעם צווייטן געדאַנק פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרטיידיקונג, מיטן געדאַנק וועגן פּריוואַט־איניציאַטיוו.

די פּראָבלעם: פּריוואַט־איניציאַטיוו

אַז סאָציאַליסטן רעכענען זיך צו ווייניק מיט פּריוואַט־איניציאַטיוו אַלס פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, — וועגן דעם קען ביי קיין רעאַליסטיש־דענקענדיקן מענטשן קיין ספק ניט זיין. סיי איינצלנע סאָציאַליסטן און סיי דער סאָציאַליסטישער געדאַנק בכלל

האָבן די דאָזיקע פראַגע, דאָרט וואו זיי האָבן איר ניט בעקאַנט פאַר־שוויגן, כסדר אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

צום בעסטן קען מען דאָס זען דערפון, וואָס די איינציקע קאָנ־קרעטע פראַגע אין שייכות מיט פּריוואַט־איניציאַטיוו אין אַ קאָלעק־טיוויסטישער געזעלשאַפט, וואָס האָט באַשעפטיקט די מוחות פון סאָציאַליסטישע דענקער, איז געווען: ווער וועט אין אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט טאָן די שמוציקע אַרבעט?

צו נעמען אַ קאַרדינאַלע מענשלעך־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעם און רעדוצירן איר צו דער פראַגע, ווער עס וועט אין אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט טאָן די שמוציקע אַרבעט, איז אַליין שוין אַ פאַרזוך זי צו באַגאַטעליזירן, צו מאַכן פון איר אַ חוזק.

די שמוציקע אַרבעט־פראַגע קען זייער גרינג געלייזט ווערן אויף מער ווי איין אופן. מ׳קען, למשל, באַדייטנד פאַרקירצן די אַרבעטס־שטונדן ביי שמוציקער אַרבעט, און דאָס אַליין וועט צוציען געוויסע עלעמענטן צו איר. אויך דאַרף ניט זיין שווער צו באַקומען וואָלונ־טירן די דאָזיקע אַרבעט צו טאָן. אויב אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געפינען זיך וואָלונטירן אויף באַקעמפן מגפות, אויף לעשן וואַלד־פייערן, אויף גיין אין מלחמה, — און אָפט אָן געצאָלט, — פאַרוואָס־זשע זאָל אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ניט מעגלעך זיין צו באַקומען וואָלונטירן אויף טאָן געוויסע אומאָנגענעמע אַרבעטן, ספּעציעל ווען די צאָל מענשן וואָס פאָדערן זיך אויף אָט דער אַרבעט איז פאַרהעלטניסמעסיק אַ קליינע און מיט דער צייט קען זי ווערן באַדייטנד נאָך קלענער? אין ערגסטן פאַל, קען מען פשוט צווינגען די בירגער צו דינען עטלעכע טעג אין יאָר אָדער אַ יאָר פון זייער לעבן אין אַרבעטס־באַטאַליאָנען, וועלכע זאָלן טאָן די שמוציקע אַרבעט. ווער נאָר אַזאַ אַרבעט־פליכט אַרויפגעלייגט ווערן אויף אַלעמען גלייך, אָן אויסנאַם, וועט זי ניט קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ פאָרם פון שקלאַפעריי, איבערהויפּט נאָך ווען די דינסט־צייט וועט זיין אַ באַגרעניצטע.

מיט איין וואָרט, די פראַגע פון די שמוציקע אַרבעט איז פאַר־העלטניסמעסיק גרינג צו לייזן. די פּראָבלעם פון פּריוואַט־איניציאַ־טיוו, אָבער, איז ניט בערך אַ טיפערע. זי רירט אָן בוכשטעבלעך

אַלע פאַזן פון עקאַנאָמישער טעטיקייט; זי דערגרייכט אין אַלע שפּעלטעלעך און פּאָרן פון עקאָנאָמישן לעבן כמעט אָן אויסנאַם.

דער זעלבסט־אינטערעס, די זאָרג פאַר זיך און פאַר דער אייגע־נער פאַמיליע, איז אַ גוואַלדיקער כוח, אַ גוואַלדיקע קראַפט וואָס טרייבט דעם יחיד צו אָנשטרענגונגען וועלכע טוען אויף ממש וואונדער. דער מאָטיוו פון אייגענעם געווינס מאַכט מענשן אויפפּאַסן אַז מאַ־טעריאַל און אַרבעט זאָל ניט גיין אין ניוועץ; אַז דער אינווענטאַר זאָל ניט צעשאַשטשעט ווערן; אַז די קוואַליטעט און די שיינקייט פון די פּראָדוקטן זאָלן צוטרעפן די פאָדערונגען און דעם געשמאַק פונם קאָנסומענט; אַז די באַדינונג פון דעם קונה זאָל צופרידנשטעלן דעם גרעסטן מפונק. אין הינזיכט פון באַדינונג זיינען די דערגרייכטע רעזולטאַטן באמת צו באַוואונדערן. דער באַדינונגס־דעוויז: „דער קונה איז תמיד גערעכט" . . . אַפילו ווען ער איז אומגערעכט, וואָס ווערט איצט אַלגעמיין אָנערקענט, איז דער בעסטער באַווייז ווי ווייט מיר זיינען אַוועק פון די מסחר־באַגריפן און מעטאָדן פונם אָריענטאַ־לישן באַזאַר וואו עס האָט געגאָלטן דער כלל, אַז אַ קונה דאַרף מען . . . אָפּשינדן.

געוויס, עס איז פאַראַן אויך אַ צווייטע, אַ נעגאַטיווע זייט, פון דעם דאָזיקן בילד. צוליב דעם עגאָאיסטישן זעלבסט־אינטערעס ווערן אָפט פּראָדוצירט סחורות פון אַ נידעריקער קוואַליטעט, ווערן אָפט פאַרקויפט מעדיצינען און שפּייזן וואָס גראָבן אונטער דאָס געזונט פון פאָלק, ווערן אָפט באַגאַנגען כל'ערליי שווינדלערייען א. אַז. וו. די אַלטע תרופה פון „קאַוועאַט עמפּטאָר", — זאָל, הייסט עס, דער קונה אַליין אַכטונג געבן, וואָס ער קויפט, איז אין די מאָדערנע קאָמ־פּליצירטע באַדינגונגען אַ קנאַפּע באַשיצונג פאַר דעם קאָנסומענט; דער קונה קען זיך קוים פאַנאַנדערקלייבן צי מ'נאַרט אים אָפּ אָדער ניט, און . . . ער ווערט טאַקע אָפּגענאַרט און באַשווינדלט אויף שריט און טריט.

די דאָזיקע שעדלעכע רעזולטאַטן פון דער פריי־קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ־סיסטעם זיינען אָן ספק חסרונות, וועלכע לאָזן זיך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. אָבער פאַר מענשן, וועלכע זיינען ניט געשלאָגן מיט דער בלינדקייט פון דאָגמאַטיזם, מוז פונדעסטוועגן

זיין קלאָר, אַז ווי גרויס אַט די חסרונות זאָלן ניט זיין ווערן זיי בטל בששים אַנטקעגן די גוואַלדיקע אויפטואונגען און דערגרייכונגען, וואָס דער פרייער שפּיל פון זעלבסט־אינטערעס האָט צו פאַרצייכענען אויף דער קרידעט־זייט פון זיין קאָנטאָ.

ניט וועגן קאַפּיטאַל גייט דאָ. אויבן האָבן מיר שוין געזען, אַז די געזעלשאַפט נויטיקט זיך ניט מער אין אַ ספּעציעלן קלאַס פון קאַפּיטאַל־אָפּשפּאָרער. דאָ גייט אפילו ניט וועגן דעם אונטערנעמער־קלאַס. דאָ גייט וועגן די סאַמע ברייטע פאָלקס־שיכטן, וועלכע באַשטייען פון מענשן ניט איבעריקס שלעכטע און ניט איבעריקס גוטע, נאָר פון דורכשניט־מענשן. די אַרבעט־דערגרייכונגען, די „עפּישיענסי" פון דער גוואַלדיקער מערהייט פון אַט די עלעמענטן הענגט אָפּ פון זייער ספּעציעלער אָנשטרענגונג, פון זעלבסט־אַרויפגעצוואונגענע אַרבעט־געוואוינהייטן. די סיסטעם פון קאָנקורענץ, פון פּריוואַטן אינטערעס, פון באַלוינט ווערן אין פּראָפּאָרציע צום אייגענעם אויפטו, טרייבט דעם דורכשניט־מענש אויפצוטאָן דאָס מערסטע און דאָס בעסטע וואָס ער איז ביכולת. מענשן מיט דורכשניטלעכער באַאָבאַכטונגס־קראַפט, — אויב זיי זיינען נאָר פריי פון פאָראורטייל, — קענען ניט פאַרפעלן צו באַמערקן אויף שריט און טריט דעם שאַפנדיקן כוח פונם פּריוואַט־אינטערעס, און זיי מוזן אָנערקענען דעם גרויסן בייטראַג וואָס אַט דער כוח מאַכט צום געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס.

אַז דער דורכשניט־מענש זאָל קענען זען די געזעלשאַפטלעכע „שיסל" אַזוי קלאָר און אַזוי נאָענט ווי זיין אייגענע פּריוואַטע „שיסל", — דאָס איז צופיל צו דערוואַרטן. אפילו צווישן אידעאַליסטן מיט אַ לעבהאַפטער פאָרשטעלונג־קראַפט איז זעלטן אַזוינעם אָנצוטרעפן, ווי זשע קען מען דאָס דערוואַרטן פון דעם דורכשניט־מענש? נאָך אַלעמען, זוכן כמעט אַלע מענשן אויסצומיידן כסדרדיקע, מאָנאָטאָנע אַרבעט — און גראָד אַט די אַרבעט איז דאָך אַזוי נויטיק פאַר אינדוסטריעלער פּראָדוקטיוויטעט. נאָך אַלעמען, באַזיצט דאָך דערצו יעדער מענש אַ געוויסע מאָס פוילקייט און גלייכגילטיקייט. און אויב ער זאָל וויסן, אַז וויפיל ער זאָל ניט אויפטאָן איז ער אַלץ זיכער מיט זיין „דזשאָב" און פון זיין געצאָלט וועט גאָרניט געמינערט

ווערן, — איז דען צו דערוואַרטן, אַז דאָס זאָל ניט ווירקן נעגאַטיוו אויף דער פּראָדוקציע און אויף דער באַדינונג? בלויז לעבנס־פרעמדע מענשן קענען אַזעלכע נסים דערוואַרטן.

דעריבער קען מען ניט נעמען דעם מאָמענט פון פּריוואַט־אינטערעס און, אַזוי צו זאָגן, אַרויסוואַרפן אים דורכן פענסטער צוזאַמען מיט האַק און פּאַק, דערצו נאָך מיט אַמאָל, און דערפון זאָל ניט אַרויסקומען אַ שאָדן פאַר דער געזעלשאַפט.

און פּרובירט מען איינפירן אַ קאָלעקטיוויסטישע געזעלשאַפט, מוזן געפונען ווערן אַנדערע מיטלען, וואָס זאָלן פאַרנעמען דאָס אָרט פונם פּריוואַט־אינטערעס. פון איין זייט מוזן געמאַכט ווערן קאָמפּראָמיסן מיט דעם פּריוואַט־אינטערעס גופא, דערמיט וואָס עס ווערן אין דער בייער אָרדנונג איינגעהאַלטן אומגלייכע שכירות פאַר אומגלייכע אויפטואונגען, ניט נאָר אין פאַרשיידענע פּראָפעסיעס און פאַכן, נאָר אויך אין איין־און־דיזעלביקע פאַכן. פון דער אַנדערער זייט, מוז אויפן פּלאַץ פון דער מעטאַפאָרישער בייטש פון נויט קומען די בייטש ממש, די בייטש פון נאַקעטער, ברוטאַלער רעגירונגס־צוואַנג.

אַז דאָס איז אַזוי, — ווייזט אונז די דערפאַרונג אין רוסלאַנד.

אַז דאָס וועט מוזן זיין אַזוי אומעטום, וואו עס וועט געמאַכט ווערן אַ פּאַרזוך איינצופירן אַ קאָלעקטיוויסטישע אָרדנונג אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, — דאָס זאָגט אונז דער שכל הישר, און אויך קאַרל מאַרקס האָט עס פאָראויסגעזאָגט. אין דער „קריטיק פון דער גאָטאַ פּראָגראַם” זאָגט מאַרקס אויסדריקלעך, אַז אין דער ערשטער פאַזע פון סאָציאַליזם קען מען קיין גלייכע הכנסות ניט דערוואַרטן; און דער געדאַנק וועגן אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט” איז דאָך אויך מאַרקס' דערפינדונג.

געוויס, מאַרקס האָט מסתמא זיך פאָרגעשטעלט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אַנדערש ווי זי זעט אויס אין דער היינטיקער רוסלאַנד. העכסט וואַרשיינלעך האָט ער גערעכנט, אַז דאָס וועט זיין אַ דיקטאַטור פון דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט איבער די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קלאַסן אָדער שיכטן, און אַז דאָס וועט זיין אַ

צייטווייליקע זאַך, וועט אָנהאַלטן אַ האַלב יאָר, אַ יאָר, העכסטנס אַ פּאָר יאָר, — די דיקטאַטור וועט, הייסט עס, אָרגאַניזירן און איינ־שטעלן די נייע אָרדנונג; אַלע, יעדנפאַלס די גוואַלדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, וועלן דערזען ווי גוט די נייע אָרדנונג איז, ווי אומפאַרגלייכלעך בעסער זי איז פון דער אַלטער אָרדנונג, און די דיקטאַטור וועט תיכף קענען אָפּטרעטן איר אָרט פאַר אַ דעמאָ־קראַטישער, פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער, אָרדנונג. אַז די דיק־טאַטור פון פּראָלעטריאַט וועט ווערן אַ דיקטאַטור איבערן פּראָלע־טאַריאַט, פריער פון אַ פּאַרטיי און נאָכדעם פון אַן איינצעלנעם דיק־טאַטאָר; אַז זי וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גאַנצער פילאָזאָפיע פון אַנטי־דעמאָקראַטיזם, וועלכע שפּעט־אָפּ פון דעם דעמאָקראַטישן פּראָצעס און פאַרהערלעכט דעם דיקטאַטאָר כמעט ביז צו אַ גאָט; אַז די דיקטאַטור וועט ווערן כמעט אַ זעלבסט־צוועק און וועט זיך פּערפּעטואירן, ווער קען וויסן אויף ווי לאַנג; אַז זי וועט מאַכן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אַ שקלאַפן־שטאַט, און פון די אַרבעטער שקלאַפן, וועלכע וועלן געצוואונגען ווערן צו בוקן זיך פאַר פאַר־שיידענע שוטרים און שומרים, פאַר אַ פּאַראַזיטישער ביוראָקראַטיע וואָס זויגט אויס דעם מאַרך פון זייערע ביינער, און פאַר דעם דיקטאַ־טאָר־גאָט, — אָט די „איינצעלהייטן" האָט מאַרקס אַזוי ווייט צוריק ניט געקענט פאָראויסזען. אָבער אַז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט האָט אין רוסלאַנד פאַקטיש דערפירט צו אָט אַזאַ צושטאַנד, — דאָס קען קיינער ניט אָפּלייקענען.

אַפילו אַזאַ פריינט פון סאָוועט־רוסלאַנד ווי ראַלף מ. אינגער־סאָל, דער רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער צייטונג „פּי. עם.", וועל־כער האָט פאַראַיאָרן באַזוכט רוסלאַנד, האָט באַריכטעט פון דאָרטן, אַז אַזאַ אומגלייכקייט אין באַלוינונג ווי אין רוסלאַנד איז ניט צו געפינען אין קיין קאַפּיטאַליסטישן לאַנד. אַפילו אַזאַ אַפּאָלאָגעט פון דעם סטאַלין־רעזשים ווי דזשאָזעף ע. דייוויס, דער געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, — וואָס דער הויפּט־צוועק פון זיין בוך „מישיאָן טו מאָסקאָו", כידוע, איז אָפּצושמירן דעם בלוטיקן סטאַלין־רעזשים מיט וויסן קאַלך כדי צו מאַכן אים אויס־זען ווייס און אומשולדיק ווי פריש־געפאַלענער שניי, — שרייבט אין

דעם זעלבן בוך וועגן סאָוועט־רוסלאַנד אַט וואָס: „. . . עס וועלן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, אַז די פאַרהערלעכונג („וואָירשיפ") פון אַ מענשן אָדער פון מענשן זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער פאַרהערלעכונג פון גאָט. די פילאָזאָפיע פון קאָמוניזם רעכטפאַרטיקט אַלע האַנדלונגען אויב זיי וועלן נאָר באַגאַנגען אין זיין נאָמען. פליכט צו דער פאַרטיי וועגט אַריבער יעדע באַטראַכטונג פון ערנ־האַפטיקייט אָדער לאָיאַליטעט. דער רעזולטאַט איז, אַז עס קען קען ניט זיין קיין צוטרוי אָדער גלויבן צווישן די פירער. קיין מענש קען ניט געטרויען קיין אַנדערן . . . פיזישע אויסבעסערונגען אין לעבנס־סטאַנדאַרד קענען בשום אופן ניט באַלוינען פאַר דער פול־שטענדיקער פאַרניכטונג פון דער פרייהייט פון געדאַנק און רעדע און פון דער הייליקייט פון דעם יחיד".

יאָ, אַפילו פיזישע אויסבעסערונגען אין דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן קענען ניט מכפּר זיין פאַר זייער פאַרשקלאַפונג. אָבער מיר וויסן דאָך זייער גוט, אַז קיין פיזישע אויסבעסערונגען אין דעם לעבנס־סטאַנדאַרד האָט זיך דעם סטאַלין־רעזשים אויך ניט איינגעגעבן צו דערגרייכן. אין פאַרגלייך מיט די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועט־אָרדנונג איז דער לעבנס־סטאַנדאַרד אין רוסלאַנד טאַקע געהעכערט געוואָרן, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם לעבנס־סטאַנדאַרד אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דער סאָוועטישער לעבנס־סטאַנדאַרד נאָך אַלץ ווייט, ווייט הינטערשטעליק.

איך ווייס, סאָציאַל־דעמאָקראַטן בכלל און מענשעוויקעס בפרט ווילן דער וועלט און זיך אַליין איינשמועסן, אַז פאַר דער סאָציאַליס־טישער פאַרזעעניש אין רוסלאַנד זיינען פאַראַנטוואָרטלעך בלויז די באַלשעוויקעס. לויט אַט־דעם בליק קומט אויס, אַז אַלץ איז אין דער רוסישער רעוואָלוציע געגאַנגען כשורה ביז די באַלשעוויקעס־מנוולים זיינען געקומען און פון אַלץ געמאַכט אַ תל; אַז דאָס האָט דער אשמדאי־סטאַלין, וועלכער האָט פאַרכאַפּט דעם סאָציאַליסטישן שם־המפורש, — חיים ליבערמאַנ'ס אַן אויסדרוק, — פאַרשלעפּט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע פון גן־עדן אין גיהנום אַריין.

ניט וועלנדיק ווי טאָן מיינע געגנאָסן־מענשעוויקעס, מוז איך אָבער זאָגן, אַז די דאָזיקע דערקלערונג פון דער באַלשעוויסטישער

דערשיינונג איז ריינער היסטאָרישער שונדיזם. אַט די דערקלערונג הויבט ניט אָן צו דערקלערן, ווי אַזוי פּאַרט איז פון אַ פּאַרזון אויפ־צובויען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג אַרויסגעקומען אַ סיסטעם פון פּאָליטישן באַנדיטיזם, אַ שקלאַפן שטאַט? דורך דערקלערן די באָל־שעוויקעס, בראש מיט סטאַלינ׳ען, פאַר פּאָליטישע באַנדיטן, ווערט דער ענין אין אמת׳ן קנאַפּ־וואָס אויפגעקלערט. נאָך אַלעמען, זיינען דאָך די קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס סאָציאַליסטישע אידעאַליסטן, וועלכע זיינען גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר זייער אידעאַל אָדער פאַר זייער פּאַרטיי און פירער, — ווי אַזוי זשע איז עס געקומען דערצו, אַז זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע באַנדיטן?

די אמת׳ע, די רעאַליסטישע דערקלערונג פון דער דאָזיקער דערשיינונג איז אַט וועלכע:

די פּראָבע צו עלימינירן דעם פּריוואַט־אינטערעס אַלס געזעל־שאַפטלעכן כח, האָט עס דערפירט דערצו, אַז סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שקלאַפן־שטאַט.

די ריקזיכטסלאָזע אָנטשלאָסנקייט פון די באָלשעוויקעס דורכ־צופירן זייער פּראָגראַם, ניט רעכענענדיק זיך דערביי מיט קיינע קרבנות מצד די פאָלקס־מאַסן, האָט עס געמאַכט פון זיי אַזעלכע פּאָליטישע באַנדיטן.

דער גרויסער חטא פון די באָלשעוויקעס באַשטייט אין דעם, וואָס אין דער דורכפירונג פון זייער פּראָגראַם שטעלן זיי זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום זאַך, — ניט פאַר דער פאַראָרימונג פון די מאַסן, ניט פאַר דער דערנידערונג פון זייער מענשלעכער חשיבות, ניט פאַר זייער פאַרשקלאַפונג, ניט אפילו פאַר דער פאַרניכטונג פון באַדייטנדע טיילן פון זיי.

דער גרויסער פאַרדינסט פון די מענשעוויקעס, ווידער, באַשטייט אין דעם, וואָס הגם אין דער טעאָריע האַלטן זיי זיך אָן דער פּראָגראַם פונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, איז אָבער דער אינסטינקט פון מענשלעכקייט אין זיי אַזוי שטאַרק, אַז ער דערלאָזט זיי ניט מקריב צו זיין דאָס פאָלק צום אידעאַל־פעטיש.

אָבער ווען די מענשעוויקעס מיינען, אַז אין זייערער אַ רעוואָ־לוציע וואָלט אַלץ צוגעגאַנגען כשורה, מאַכן זיי אַ געפערלעכן טעות.

נאָך אַלעמען, האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין ערגעץ קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע נאָך ניט דורכגעפירט.

היינט וויבאַלד דער פאַרזוך אַרויסצואוואַרפן דעם פּריוואַט־אינ־טערעס דורכן געזעלשאַפטלעכן פענסטער איז, מילד גערעדט, פאַר־בונדן מיט אַזעלכע גרויסע געפאַרן סיי פאַר דעם וואוילזיין און סיי פאַר דער פרייהייט און חשיבות פון די פאָלקס־מאַסן, זיינען סאָציאַ־ליסטן מחויב ניט בלויז אינסטינקטיוו, נאָר אויך באַוואוסטזיניק, אין דער טעאָריע, רעוויזירן זייער שטעלונג צום פאַקטאָר פון פּריוואַט־אינטערעס און זיך צו אַנטשליסן קיינמאָל ניט צו מאַכן דעם פאַרזוך צו עלימינירן אים אינגאַנצן, לפחות ניט פלוצלינג און ניט מיט אַמאָל.

דער מיטל־וועג

וואָס זשע קען מען דערפון דרינגען?

איז אפשר אַ פּלאַן, אַז די געזעלשאַפט זאָל זיך באַגרעניצן אויס־שליסלעך אויף פינאַנץ־רעפאָרמען, — אויסבעסערן דעם פינאַנץ־מעכאַניזם, געבן קרעדיטן אויף קליינע צינזן אָדער אינגאַנצן אָן צינזן צו יעדן איינעם וואָס וויל עפּעס קויפן, עפּעס בויען, עפּעס אונטערנעמען, — און לאָזן די אָרדנונג פון פּריוואַט־אונטערנעמונג אין אַלע אַנדערע הינזיכטן אינגאַנצן צו־רו?

זיינען טאַקע פאַראַן אַ היפּש ביסל עקאָנאָמיסטן, וואָס מיינען, אַז פינאַנץ־רעפאָרמען אַליין זיינען ביכולת צוריק אויפצושטעלן און איינ־צוהאַלטן אַ באַלאַנס צווישן אָפּשפּאָרונג און אינוועסטירונג, צווישן פּראָדוקציע און קאָנסומפּציע, צווישן דער צאָל מענשן וואָס זוכן אַרבעט און דער קאַפּאַציטעט פון דער אינדוסטריע זיי צו באַשעפ־טיקן.

דאָס איז אָבער אַ טעות. די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט אַרויסגעוואָרפן פון באַלאַנס ניט בלויז דעם פינאַנץ־מעכאַניזם, נאָר ביז אַ הויכן גראַד אויך דעם פּראָדוקציע־אַפּאַראַט. דעם שווער־פּונקט פון דעם קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם איז צו געפינען הויפּט־זעכלעך אין דעם, וואָס זיין אַנטוויקלונג האָט דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז די מעגלעכקייטן פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו

זיינען שטאַרק באַגרעניצט געוואָרן און ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער באַגרעניצט, אַלץ מער פאַרשמעלערט. וואָס פאַר אַ מעגלעכקייט, מישטוינס געזאָגט, האָט אַ נייער אונטערנעמער, אָדער אפילו אַ גרופּע אונטערנעמער, צו קאָנען דערפאָלגרייך קאָנקורירן קעגן אַ ריזיק־גרויסן געשעפט, אַ טראַסט, אַ מאָנאָפּאָליע? אַזעלכע געשעפטן זיינען ניט בלויז קאָנצענטראַציעס פון קאַפּיטאַל, נאָך אויך קאָנ־צענטראַציעס פון אָרגאַניזאַציע, פון דערפאַרונג, פון פּאַטענטן, גע־היימע פּראָצעסן א. אַז. וו. מיט קאַפּיטאַל אַליין קען מען קעגן די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונגען ניט קאָנקורירן. אַזעלכע אונטער־נעמונגען מוז די געזעלשאַפט קאָנטראָלירן, רעגולירן און סוף כל סוף נאַציאָנאַליזירן. מיט פינאַנץ־רעפאָרמען אַליין קען דאָ ווייניק אויפגעטאָן ווערן.

די סאָציאַליסטן, ווידער, מאַכן דעם טעות אין דער אַנדערער ריכטונג. זיי מיינען, אַז די פּריוואַט־איניציאַטיוו איז שוין אויס־געשפּילט גאָר אינגאַנצן, אין אַלע געביטן פון אונטערנעמונג. דאָס איז אַן איבערטרייבונג. עס זיינען פאַראַן גענוג געביטן, וואו די פּריוואַט־איניציאַטיוו האָט נאָך גענוג מעגלעכקייטן צו באַווייזן אירע וואונדער.

היינט וויבאַלד עס זיינען, פון איין זייט, פאַראַן געביטן, וואו פּריוואַטע אונטערנעמער האָבן מער ניט קיין מעגלעכקייט צו קאָנ־קורירן מיט די פאַרפונדעוועטע געשעפטן; און, פון דער אַנדערער זייט, זיינען פאַראַן געביטן, וואו פּריוואַטע אונטערנעמער קענען יאָ דערפאָלגרייך קאָנקורירן מיט עקזיסטירנדיקע געשעפטן, — ליגט דאָך כמעט אויבנאויף דער ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי די חולאת'ן פון אונזער צייט דאַרפן קורירט ווערן. פשוט:

די געזעלשאַפט אַלס גאַנצע דאַרף איבערנעמען יענע געביטן, אָדער לפּחות שאַפן קאָנקורענץ־אונטערנעמונגען קעגן זיי, וואו די פּריוואַט־איניציאַטיוו האָט מער קיין שאַנס ניט צו קאָנקורירן; און זי דאַרף לאָזן געמאַך יענע געביטן, וואו פּריוואַט־איניציאַטיוו האָט נאָך מעגלעכקייטן.

וויל מען דווקא באַנוצן די שפּראַך פון דעם סאָציאַליסטישן זשאַרגאָן, מעג מען זאָגן, אַז דער רעפאָרמיזם, וואָס באַגרענעצט זיך

אויף פינאַנץ־רעפאָרמען אַליין, איז אַ בורזשואַזער רעפאָרמיזם, אָבער יענער רעפאָרמיזם, וואָס שטרעבט אויך צו נאַציאָנאַליזירן די גרויסע, מאָנאָפּאָליסטישע געביטן, איז בפירוש אַ סאָציאַלסטישער רעפאָרמיזם.

אַן אויסגעצייכנטן, לעבעדיקן מוסטער פון אַט אַזאַ מין פּלאַן פון סאָציאַליסטישן רעפאָרמיזם שטעלט מיט זיך פאָר די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, ספּעציעל אין שוועדן. —

אין די ערשטע יאָרן פון זיין אַדמיניסטראַציע האָט פּרעזידענט רוזוועלט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון זעקס פּערזאָן אויסצופאָרשן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין אייראָפּע. די קאָמיסיע האָט שטודירט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אויף די' ערטער און האָט נאָכדעם צוגעשטעלט דעם פּרעזידענט אַ באַריכט, וועלכער איז אין יאָר 1937 אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ בוך אונטער דעם נאָמען: „רעפּאָרט אָוו די אינקווירי אין קאָאָפּערייטיוו ענטערפּרייז אין יוראָפּ". ווערן דאָרט דערציילט געוויסע זאַכן, וואָס עס קען גאָר ניט שאַטן דעם סאָציאַליסטישן לעזער ער זאָל זיך מיט זיי באַקענען. אָט זיינען עטלעכע פּונקטן, וועלכע איך הויב אַרויס פונם באַריכט און גיב זיי איבער אין אַן אייגענער איינטיילונג:

1) „די שוועדישע קאָאָפּעראַטיוון האַלטן, אַז קאָנקורענץ איז בעסער איידער אפילו אַ קאָאָפּעראַטיווע מאָנאָפּאָליע". דער ציל פון די דאָרטיקע קאָאָפּעראַטיוון איז אוממעגלעך צו מאַכן פּרייז־פיקסירונג דורכן פּריוואַטן מאָנאָפּאָליזם, איז פעסטצושטעלן אַ מאָס, אַ „יאַרד־סטיק" פון פּרייזן, מיט איין וואָרט — צו פאַרזיכערן יושרדיקע פּרייזן פאַר דעם קאָנסומענט. זיי האַלטן, אַז קאָאָפּעראַטיווע קאָנקורענץ איז אַ סך אַווירקזאַמער קאָנטראָל איבער מאָנאָפּאָליזם איידער אַנטי־טראָסט געזעצן.

2) דערפאַר גייען די קאָאָפּעראַטיוון נאָר אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואו זיי קענען העלפן רעדוצירן פּרייזן צום קאָנסומענט און פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון סחורות. אַריינגיין אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואו פּריוואַטע אונטערנעמער זיינען בעסער צוגעפּאַסט צו באַדינען די באַפעלקערונג, באַטראַכטן זיי אויסדריקלעך פאַר סאָציאַלער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט.

3) פון זייער דערפאַרונג האָבן זיי געלערנט, אַז דאָרטן וואו

קאָאָפּעראַטיווע קראָמען ווערן געעפֿנט, איבערהויפּט אין אַזעלכע ערטער וואו דער האַנדל איז ווייניק אַנטוויקלט, פֿאַלן פּרייזן באַ־דייטנדיק, אָפּט אַזוי פֿיל ווי 14 פּראָצענט. די פּריוואַטע קרעמער ווערן דורך די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען געצוואונגען צו רעדוצירן פּרייזן. בכלל, לערנען אַ סך די פּריוואַטע אונטערנעמער פֿון די קאָאָפּעראַטיוון און די קאָאָפּעראַטיוון לערנען זיך פֿון די פּריוואַטע אונטערנעמער. דערפֿון קומט אַרויס אַ טובה פֿאַר דעם קאָנסומענט.

4) אין געוויסע אונטערנעמונגען ווייזן זיך פּריוואַטע אונטער־נעמער אַרויס צו זיין פֿעאיקער, סיי אין הינזיכט פֿון באַדינונג און סיי אפֿילו אין הינזיכט פֿון פּרייז, איידער קאָאָפּעראַטיווע אונטער־נעמונגען. דאָס איז תמיד דער פֿאַל ביים פֿאַרקויף פֿון סחורות פֿון ספּעציעלער קוואַליטעט, פֿון ספּעציעלן כאַראַקטער, פֿון ספּעציעלן געשמאַק — ווי, למשל, זעלטענע עסנוואַרגן און געטראַנקען, מאָדע־פּראָדוקטן, קונסט־אַרטיקלען א. אַז. וו. אויך דאָרטן, וואו די מאָדערנע „מוירטשענדייזינג"־מעטאָדן פֿונם פּריוואַט־האַנדל זיינען זייער שטאַרק אַנטוויקלט, ווי אין די קייטן־קראָמען, קענען די קאָ־אָפּעראַטיוון מיט זיי ניט קאָנקורירן דערפֿאָלגרייך. אָט די אַלע געביטן מיידן די קאָאָפּעראַטיוון אויס, איבערלאָזנדיק זיי פֿאַר פּריוואַטע אונטערנעמער.

אָט דער פּלאַן פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין שוועדן, און אויך אין אַנדערע לענדער, איז אַן אויסגעצייכנטער מוסטער אין מיניאַטור, וואָס די געזעלשאַפֿט אַלס גאַנצע מעג קאָפּירן פֿאַר אירע ברייטערע צוועקן. ניטאָ קיין אורזאַך, פֿאַר וואָס אָט דער מאָדעל פֿון די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון זאָל ניט קענען באַנוצט ווערן אויך אין דער פּראָדוקציע, אין געזעלשאַפֿטלעכן מאַסשטאַב.

פּונקט אַזוי ווי אין געביט פֿון פֿאַרקויף, — זיינען אין דער געזעלשאַפֿט בכלל פֿאַראַן גענוג געביטן, וואו פּריוואַטע אונטערנעמער זיינען צום בעסטן צוגעפּאַסט צו באַדינען די באַפֿעלקערונג.

פּונקט ווי עס איז אַ נאַרישקייט צו גרינדן קאָאָפּעראַטיוון דאָרטן וואו פּריוואַטע אונטערנעמער קענען פֿאַרקויפֿן ביליקער און געבן בעסערע באַדינונג, — איז דאָס אַ נאַרישקייט אויך אין אַלע אַנדערע געביטן.

פונקט ווי די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון פּילן אויס די העכסט־נוצלעכע פונקציע פון אַ „יאַרד־סטיק" פון פּרייזן, — אַזוי קענען אויך געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין אַנדערע, ברייטערע געביטן אויספילן די דאָזיקע פונקציע.

פונקט ווי די קאָאָפּעראַטיוון לערנען זיך פון די פּריוואַטע אונ־טערנעמער, און פאַרקערט, — אַזוי קענען פּאַראַלעלע אונטערנעמונגען אין דער געזעלשאַפט בכלל דינען ווי קאָרעקטיוון איינע פאַרן אַנדערן — די קאָנקורענץ פון די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען וועט אויסקאָרעניען מאָנאָפּאָליסטישע טענדענצן אין די פּריוואַטע אונטער־נעמונגען, און די קאָנקורענץ פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען וועט ניט דערלאָזן אַז אין די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען זאָלן זיך באַפעסטיקן ביוראָקראַטישע אינקאָמפּעטענץ און גלייכגילטיקייט.

און פונקט ווי דער דואַליזם אין דעם קאָנסום־געביט נעמט זיך ניט דערפון, וואָס די קאָאָפּעראַטיוון זייַנען, רחמנא לצלן, רעאַקציאָנער, נאָר ער איז אַ נאַטירלעכער אויסוואוקס פון דערפאַרונג און איז בעסער צוגעפּאַסט צו דינען די פאָלקס־אינטערעסן, — אַזוי אויך איז עקאָנאָמישער דואַליזם, אָנגעווענדט אויף אַ געזעלשאַפטלעכן מאַסשטאַב, צום בעסטן צוגעפּאַסט צו דינען די נויטן פון פאָלק, אויסצומיידן סטאַגנאַציע און געזעלשאַפטלעכע פאַראָרימונג, צו פאַרגרינגערן און פאַרבעסערן די לאַגע פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

דער וועג פון עקאָנאָמישן דואַליזם

די עוואָלוציע וואָס פירט צו דער סיסטעם פון עקאָנאָמישן דואַליזם, מאַכט דורך אַן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון פיר עטאַפּן:

1) די אויסהאַלטונג פון אַרבעטסלאָזע — דורך „רעליף", „דאָול" א. אַז. וו.

2) די שאַפונג פון אַרבעטס־רעליף פאַר די אַרבעטסלאָזע.

3) די אונטערנעמונג פון בויטיקע, פּערמאַנענטע פּראָיעקטן, וואָס פאַר פּריוואַטע אונטערנעמער לוינען זיי זיך ניט.

4) דער אָנהויב פון אַ נייער קאָנקורענץ־סיסטעם, אין וועלכער דער קאָנקורענץ־קאַמף ווערט אַריבערגעטראָגן אויף אַ העכערער פלאַך, אויף דער פלאַך פון קאָנקורענץ צווישן געזעלשאַפטלעכע אונ־טערנעמונגען, אויף איין זייט, און פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אויף דער צווייטער זייט, — בערך אַט אַזוי ווי דאָס קומט פאַר צווישן די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען און די פּריוואַטע קרעמער אויפן געביט פון פאַרקויף.

דער ערשטער עטאַפּ. —

די באַזאָרגונג פון אַרבעטער מיט אַ מינימום שטיצע אין דער צייט ווען זיי קענען ניט קריגן קיין באַשעפטיקונג אין דער פּריוואַ־טער אינדוסטריע, — איז דער ערשטער טריט אויפן וועג צו דער נייער אָרדענונג.

צוזאַמען מיט דער גוואַלדיקער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, זיינען אויך די פּעריאָדישע קריזיסן, צו וועלכע די פּלאַנלאָזע אָרדע־נונג פירט, געוואָרן ריזיק אין זייער פאַרנעם און מאָוימדיק אין זייערע רעזולטאַטן. מיליאָנען מענשן פאַרלירן זייערע קוואַלן פון חיונה. ניט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע אַרבעטסלאָזן־פאַרזיכערונגס־פאָנדן, ניט די פּריוואַטע צדקה־אינסטיטוציעס זיינען בכח ממשותדיק צו לינדערן די נויט פון אַזוי פיל מיליאָנען נפשות.

די געזעלשאַפט אַלס גאַנצע ווערט געצוואונגען איבערצונעמען די באַשפייזונג פון די הונגעריקע, צו העלפן לפחות צוזאַמענהאַלטן די גופים און די נשמות ביז דער עקאָנאָמישער שטורם וועט אַריבער. די געזעלשאַפט קען מער ניט איבערלאָזן די אַרבעטסלאָזע „אויף גאָטס באַראָט", ווי זי פלעגט עס טאָן אין פריערדיקע סטאַדיעס פון קאַפּיטאַליזם. די צאָל אַרבעטסלאָזע, הונגעריקע און האַלב־הונגעריקע איז אַזוי גרויס, שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ גרויסע פּראָפּאָרציע פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אַז זייערע נויטן קענען מער ניט איגנאָרירט ווערן. פשוט, די סטאַביליטעט פון דער אָרדענונג געפינט זיך אין סכנה צוליב דעם. אפילו די הערשער גופא מוזן איינזען, אַז די געזעלשאַפט קען זיך מער ניט אַרויסדרייען פון איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו העלפן די אַרבעטסלאָזע.

עס קען זייער גרייכלעך זיין, אַז אין דער הינזיכט האָט די רוסישע רעוואָלוציע אויסגעאיבט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג. עס קען זיין, אַז דאָס האָט דער רוסישער מוסטער ניט דערלאָזן די הערשער פון דער וועלט בלייבן גלייכגילטיק צו די נויטן פון די פאָלקס־מאַסן אין זייערע לענדער. דערפון דאַרף אָבער ניט געדרונגען ווערן, אַז דער רוסישער מוסטער איז אַ גוטער און איז ווערט קאָפּירט צו ווערן פון אַנדערע לענדער. גיכער דאַרף עס פאַרשטאַנען ווערן אָט ווי אַזוי: די הערשער פון דער וועלט האָבן דערזען פון דער ווייטנס וואָס פאַר אַ מגפה עס בושעוועט אין רוסלאַנד, און זיי האָבן זיך אַנטשלאָסן אויף געוויסע סאַניטאַציע־מיטלען וואָס זאָלן פון אַזאַ מגפה פאַרהיטן.

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, ענדערט עס ניט דעם פאַקט גופא, אַז היינט־צו־טאָג איז קוים פאַראַן אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואו די געזעלשאַפט אַלס גאַנצע האָט זינט דעם גרויסן וועלט־קריזיס פון 1929 אויף זיך ניט גענומען די התחייבות צו זאָרגן פאַר די אַרבעטער אין צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט. און די דאָזיקע גרויסע רעפאָרם איז דורכגעפירט געוואָרן ניט דווקא דורך סאָציאַליסטישע אָדער אַרבעטער־רעזשימען. דאָס איז ספּעציעל אמת וועגן ענגלאַנד און אַמעריקע. אין ענגלאַנד איז די דאָזיקע רעפאָרם דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי,

און אין אַמעריקע אונטער דער הערשאַפט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, — און אַז אַט די ביידע פּאַרטייען זיינען ניט סאָציאַליסטיש און אפילו ניט „לייבאָר", דאַרף מען ניט צופיל ברייען.

דאָס, וואָס אַט די באַדייטנדיקע רעפאָרם איז דורכגעפירט געוואָרן אָן בוצלאָזע קאַמפן און צוזאַמענשטויסן, אָן בלוט־פאַר־גיסונגען און רעוואָלוציעס, נאָר דווקא דורך די הערשער אַליין, דורך זייערע פּאַרטייען, דאַרף ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַ חסרון. גראָד פאַרקערט, — דאָס איז אַ גרויסע מעלה. ווען נויטיקע געזעלשאַפט־לעכע רעפאָרמען ווערן דורכגעפירט פון קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען, פון (באַנוצנדיק דעם אויסדרוק פון דעם באַרימטן היסטאָריקער גוגליעלמאָ פערערא) „לעגיטימע" רעזשימען, — ווערן אויסגעמיטן טאָטאַליטאַריזם, גלייכשאַלטונג, דיקטאַטור, ברוטאַליזאַציע, וועלכע זיינען אומפאַרמיידלעכע נעבן־דערשיינונגען פון רעוואָלוציאָנערע אַקציעס.

יעדנפאַלס, די באַדייטונג פון דער דאָזיקער רעפאָרם ווערט ניט קלענער דערפון, וואָס זי איז דורכגעפירט געוואָרן פון קאַפּיטאַליס־טישע רעזשימען — אין אַמעריקע, מעג מען זאָגן, אפילו אָן דעם מינדעסטן דרוק מצד דער אַרבעטערשאַפט. די טיפערע, אימאַנענטע באַדייטונג פון דער רעפאָרם באַשטייט פאַקטיש אין דעם, אַז די געזעלשאַפט נעמט אויף זיך די זאָרג ניט בלויז צו העלפן די אַרבעטער אין צייט פון נויט, פון אַרבעטלאָזיקייט, נאָר אויך פאַר זייער חיונה בכלל, — און אויב און וויבאַלד די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם קען די מאַסן ניט געבן קיין חיונה, מוז עס אומפאַרמיידלעך פירן צו ווייטערע טריט אין דער עוואָלוציע פון סאָציאַלן רעפאָרמיזם.

— דער צווייטער עטאַפּ.

רעליף־שטיצע פירט אויטאָמאַטיש צו רעליף־אַרבעט.

כידוע, זיינען פאַראַן צוויי מינים אַרבעטלאָזיקייט. פאַראַן צייטווייליקע אַרבעטלאָזיקייט, און פאַראַן פאַרצויגענע אָדער, וואָס איז נאָך ערגער, כמעט־פּערמאַנענטע אַרבעטלאָזיקייט. די פּראָ־בלעם פון רעליף־צאָלונגען צו מענשן, וועלכע ליידן פון צייטווייליקער אַרבעטלאָזיקייט, איז פאַרהעלטניסמעסיק אַן איינפאַכע. אַן אַרבעטער אין אַ סעזאָן־אינדוסטריע, למשל, וועלכער איז אומבאַשעפטיקט אַ

טייל פונם יאָר, באַקומט רעליף־צאָלונגען נאָר אין דער צייט פון „סלעק". ווען דער סעזאָן הויבט זיך אָן, פאַלט ער אויטאָמאַטיש אַרונטער פון דער ליסט פון אַרבעטסלאָזע. דאָס זעלבע איז מיט אַן אַרבעטער, וועלכער האָט פאַרלוירן זיין „דזשאָב" אין איין פּלאַץ און נויטיקט זיך אין שטיצע ביז ער וועט באַקומען אַ „דזשאָב" אין אַן אַנדער פּלאַץ. אָט דער מין אַרבעטסלאָזיקייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר נאָרמאַלע צייטן.

אין צייט פון קריזיס, אָבער, האָבן מיר צו טאָן הויפּטזעכלעך מיט אַרבעטסלאָזיקייט פון דעם צווייטן טיפּ, — מיט פאַרצויגענער אַרבעטסלאָזיקייט. ווען אַן אַרבעטער פאַרלירט זיין דזשאָב אין אַזאַ צייט, האָט ער אַ קאַנפּע אויסזיכט צו קריגן אַן אַנדער „דזשאָב", איז ער פאַראורטיילט צו אַ לאַנגן פעריאָד פון אַרבעטלאָזיקייט. ביים צאָלן רעליף צו אַזעלכע אַרבעטסלאָזע געפינט זיך די געזעלשאַפט פנים אל פנים מיט דער ממשות'דיקער סכנה פון שאַפן אַ פערמאַנענטן קלאַס לײדיק־גייער. כדי ניט צו דערלאָזן דעם אויפקום און איינוואָרצלונג פון פויפּעריזם, פון אַ קלאַס אומזיסט עסער וואָס לעבט אויף קהלשער רעכענונג, איז די געזעלשאַפט געצוואונגען צו אונטערנעמען פאַרשיידענע פּראָיעקטן, ביי וועלכע די אַרבעטסלאָזע זאָלן אָוועקגעשטעלט ווערן צו דער אַרבעט.

דערמיט ווערן דערגרייכט צוויי צילן. ערשטנס, באַקומט די געזעלשאַפט כאָטש עפּעס פאַר דעם געלט וואָס זי צאָלט אויס, — ווי ווייניק דאָס זאָל ניט זיין. צווייטנס, ווערן פון די רייען פון רעליף־נעמער ביסלעכוויז עלימינירט די פּאַראַזיטישע עלעמענטן, און אַזוי אַרום ווערט פאַרמיטן די געפאַר פון באַשאַפן, אַזוי צו זאָגן, בידים, אַ קלאַס אומזיסטע עסער.

— דער דריטער עטאַפּ. —

אין דער טעאָריע דאַרף די אַרבעט־רעליף באַשטיין פון אַזעלכע פּראָיעקטן, וועלכע זאָלן ניט שטיין אין קאָנקורענץ מיט פּריוואַטע אונטערנעמונגען. אין דער פּראַקטיק, אָבער, איז דאָס אוממעגלעך צו דערגרייכן.

למשל, אַרבעטסלאָזע ווערן אָוועקגעשטעלט ביים ברוקירן גאַסן, בויען שאָסייען, שפּיל־פּלעצער, פּאַרקס א. אַז. וו. אַזעלכע אונטער־

געמונגוגען, זאָל עס הייסן, קאָנקורירן ניט מיט פּריוואַטע אונטערנעמער, וואָרים אָן געזעלשאַפטלעכער שטיצע וואָלטן זיי אינגאַנצן ניט אונטערנומען געוואָרן. פּאַקטיש, אָבער, וואָלטן אַ טייל, — לאָמיר זאָגן, אַ קלייגער טייל, — פון די דאָזיקע אַרבעטן אונטערנומען געוואָרן אָן רעגירונגס־שטיצע אויך, און דעמאָלט וואָלטן זיי געטאָן געוואָרן דורך פּריוואַטע קאָנטראַקטאָרן. דערמיט, וואָס די רעגירונג אַליין אונטערנעמט זיי, שטופּט זי אַרויס די פּריוואַטע אונטערנעמער פון נייע געביטן. די פּראָפיטאַבעלע אונטערנעמונגס־געביטן פאַרן פּריוואַטן אונטערנעמער, וואָס דער קריזיס האָט גוואַלדיק פאַרקלענערט, ווערן אויף אַזאַ אופן נאָך מער פאַרשמעלערט. צו די געביטן, וואו עס האָט שוין פריער ניט געלוינט פאַר פּריוואַטע אונטערנעמער עפּעס צו אונטערנעמען, קומען אַזוי אַרום צו נייע געביטן. און דאָס, ווידער, שטויסט דער רעגירונג אַריינצוגיין אין נייע אונטערנעמונגען, וועלכע טראָגן שוין ניט דעם כאַראַקטער פון צייטווייליקער אַרבעט־רעליף, נאָר פון פּערמאַנענטע אונטערנעמונגען. זי נעמט בויען שול־געביידעס, ביליקע וואוינונגען, וואַסער־קראַפט־פּראָיעקטן א. אַז. וו.

עס שאַפט זיך אַ מין פאַר׳כישופ׳טער קרייז, פון וועלכן עס איז אוממעגלעך אַרויסצוגיין. דאָס, וואָס די פּריוואַטע אינדוסטריע קען ניט געבן באַשעפטיקונג די אַרבעטסלאָזע, צווינגט דער רעגירונג צו ווערן אַן אונטערנעמער. יעדע נייע אונטערנעמונג מצד דער רעגירונג, ווידער, שטויסט אַרויס די פּריוואַטע אינדוסטריע פון נייע געביטן, און דאָס צווינגט דער רעגירונג צו גיין אין אַלץ נייע אונטערנעמונגען. די דאָזיקע אַנטוויקלונג דערפירט ביסלעכווייז אָבער זיכער צו דער סיסטעם פון עקאָנאָמישן דואַליזם, צו קאָנקורענץ צווישן די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, צום . . .

פערטן עטאַפּ. —

אָט איז אין די ערשטע יאָרן פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע געגרינדעט געוואָרן אין אַמעריקע די „פעדעראַל האוזינג אויטאָריטי“ (עף. אייטש. איי.), וועלכע האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו שאַפן נייע אַרבעט דורך געבן פאַמיליעס אַ מעגלעכקייט צו קויפן פאַר זיך

אייגענע וואוינונגען־הייזער אָדער צו רעמאָנטירן זייערע אַלטע הייזער.
די רעכענונג דערביי איז געווען אַזאַ: פאַראַן אין לאַנד מאַסן פאַמי־ליעס, וועלכע בויטיקן זיך אין הייזער און אין רעמאָנט, נאָר די פּריוואַטע אונטערנעמער קענען ניט נאָכקומען די אָרימע קעשענעס פון אַזעלכע פאַמיליעס, ניט אין הינזיכט פון הוצאה און ניט אין הינזיכט פון טערמינען פון אויסצאָלונג. די רעגירונג קען עס אָבער יאָ באַוויזן. זי צאָלט קלענערע צינזן אויף די היפּאָטעקן (מאָרט־גיידזשעס) אויף הייזער, און זי קען זיך פאַרגינען צו לאָזן די קויפער פון הייזער מאַכן אַ קליינע ערשטע איינצאָלונג פון צען פּראָצענט און דאָס איבעריקע אויסצאָלן אין צוואַנציק יאָר צייט.

דער פּלאַן איז אַן אויסגעצייכנטער. פון איין זייט זיינען פאַראַן ווער ווייס וויפיל פאַמיליעס וואָס לעכצן ממש נאָך אייגענע הייזער, און פון דער אַנדערער זייט גייען מאַסן בוי־אַרבעטער אַרום אָן אַרבעט. — וואָס זשע קען זיין לאָגישער, ווי אַז די רעגירונג זאָל נעמען און דורכפירן דעם העכסט נאַטירלעכן שידוך צווישן די קאָנסומענטן און די פּראָדוצענטן? אָבער דער פּועל־יוצא פון דעם איז אָט וועלכער: ראשית, שלאָגט די רעגירונג אונטער דעם באַנק־געשעפט. די באַנקירן מוזן נאָכקומען די רעגירונגס־באַדינגונגען, אָדער זיי פאַר־לירן „ביזנעס". דער קאַפּיטאַל אינוועסטירונגס־מאַרק ווערט דורך דעם נאָך מער איינגעשרומפּן. שנית, ווערן פּריוואַטע אונטערנעמער מער־וועניקער אַרויסגעשטויסן פונם בוי־געביט פון וואוינונגען־הייזער.

מחמת דעם, וואָס דער פ. ה. א.־געזעץ האָט געמאַכט באַדייטנדע קאָמפּראָמיסן סיי מיט די באַנקירן, סיי מיט די פּריוואַטע אונטער־נעמער, — דערמיט וואָס די רעגירונגס־הלוואות ווערן מערסטנס דורכגעפירט דורך דער פאַרמיטלונג פון די באַנקען גופא, און דער־מיט וואָס פּריוואַטע אונטערנעמער באַקומען הלוואות פון דער רעגי־רונג אויף די זעלבע באַדינגונגען ווי די קויפער פון הייזער, — איז די רעגירונגס־קאָנקורענץ אַ ביסל געמילדערט געוואָרן. פונדעסטוועגן איבט די דאָזיקע קאָנקורענץ אַלץ אויס אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף דעם גאַנצן הייזער־בוי־געשעפט. ספּעציעל שאַרף, אָבער, איז די רעגירונגס־קאָנקורענץ אין דעם געביט פון די אַזוי גערופענע „סלאָם־קלירענס"־פּראָיעקטן פון די גרויסע שטעט. אין אָט דעם געביט

פון פאַרזאָרגן אַנשטענדיקע וואוינונגען פאַר די סאַמע אָרימסטע שיכטן, זיינען די שטאָט־רעגירונגען געצוואונגען צו באַפרייען אַזעלכע הייזער, איבגאַנצן אָדער טיילווייז, פון שטייערן כדי צו קענען נאָכקומען די נידעריקע דירה־געלט וואָס אָט די שיכטן קענען צאָלן. דאָס האָט שוין איצט דערפירט צו דעם, אַז פּריוואַטע אונטערנעמער זיינען פאַקטיש איבגאַנצן פאַרטריבן געוואָרן פון אָט דעם געביט.

אַ צווייטע רעגירונגס־אונטערנעמונג, וואו די זעלבע טענדענץ ווייזט זיך אַרויס נאָך בולטער, איז דער טי־וויי־איי („טענעסי וועלי אויטאָריטי״)־פּראָיעקט. —

אין דער אונטערנעמונג פון דעם טי־ווי־איי־פּראָיעקט איז דער הויפּט־מאָטיוו געוועזן ניט די שאַפונג פון אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע, — די צאָל אַרבעטער וואָס זיינען ביי דעם דאָזיקן פּראָיעקט באַשעפטיקט איז אַ נישטיקע לגבי די גרויסע סומען וואָס ער קאָסט אָפּ, — נאָר צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס איז נויטיק פאַר דעם לאַנד בכלל און וואָס פּריוואַטע אונטערנעמער וואָלטן קיינמאָל ניט אונטערנומען.

אין דער ערשטער ריי האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן טיפער און ברייטער מאַכן דעם טענעסי־טייך כדי ער זאָל ווערן נאַוויגאַבל פאַר קריגס־שיפן, און צו פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן טענעסי־טאָל אין אַ צענטער פון קריגס־אינדוסטריע, צו וואָס ער איז פון דער נאַטור זייער גוט צוגעפּאַסט. אין דער צווייטער ריי איז דאָ אויך געגאַנגען וועגן אויפריכטן דעם באָדן פון דער גאַנצער געגנט, וואָס זיין פרוכטבאַרקייט איז צוליב געוויסע סיבות שטאַרק אונטערגעגראָבן געוואָרן, — וועגן „קאָנסערוואַציע״.

אָט אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג, וואָס שטעלט זיך ריינע „דעפענס״־ און קאָנסערוואַציע־צילן, איז דאָך לכתחילה גאָר ניט באַצוועקט געווען ווי אַ קאָנקורענץ־אונטערנעמונג צו פּריוואַטע אונטערנעמונגען. זי איז עס אָבער אין גיכן פאַרט געוואָרן. און אָט ווי אַזוי:

אויפבויענדיק אַ גאַנצע סיסטעם פון דאַמבעס צו קאָנטראָלירן די וואַסער־פלוסן פון דעם באַטרעפנדן טייך, איז געשאַפן געוואָרן אַ ריזיקע וואַסער־קראַפט, וועלכע האָט זיך ממש געבעטן מ׳זאָל איר ניט

לאָזן גיין לאיבוד, מ'זאָל איר אויסנוצן אויף שאַפן עלעקטריציטעט. און אַז עס איז געשאַפן געוואָרן עלעקטריציטעט, האָט עס די טי־ווי־איי גענומען פאַרקויפן צו יעדער שטאָט און שטעטל וואָס האָט עס נאָר געוואָלט באַנוצן.

אַזוי ווי די פּראָדוקציע פון עלעקטרישער קראַפט האָט דער טי־ווי־איי געקאָסט ביליקער ווי פּריוואַטע עלעקטריציטעט־קאָמפּאַניס, — וואָרים די הויפּט־הוצאה פון דער קאָנסטרוקציע פון די דאַמבעס איז דאָך פאַררעכנט געוואָרן אויף דעם חשבון פון „דעפענס" און פון „קאָנסערוואַציע", — איז די גאַנצע געגנט פון זעקס שטאַטן ממש פאַרפלייצט געוואָרן מיט ביליקער עלעקטריציטעט, און די פּריוואַטע קאָמפּאַניס האָבן געמוזט באַגעגענען די קאָנקורענץ פון דער טי־ווי־איי. דאָרטן, וואו דאָס איז פאַר זיי מעגלעך געווען, האָבן זיי אַרונטערגעלאָזן דעם פּרייז פון דער עלעקטרישער קראַפט, וואָס זיי האָבן פּראָדוצירט; און דאָרטן, וואו זיי האָבן עס ניט געקענט באַווייזן, זיינען זיי געווען געצוואונגען זייערע אינסטאַלאַציעס צו פאַרקויפן צו דער טי־ווי־איי און אינגאַנצן פאַרלאָזן דעם דאָזיקן געביט.

גענוי דאָס זעלבע, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דער טי־ווי־איי און מיט דעם הייזער־בוי, מוז פּאַרקומען מיט יעדער געזעלשאַפט־לעכער אונטערנעמונג. איבעראַל, וואו די געזעלשאַפט אונטערנעמט עפּעס, מוז די דאָזיקע אונטערנעמונג סוף־כל־סוף קומען אין קאָנקורענץ־צוזאַמענשטויס מיט פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

און אַזוי ווי די פּריוואַטע אינדוסטריע קען ניט באַזאָרגן קיין אַרבעט פאַר אַלעמען, און די רעגירונג איז געצוואונגען אַליין צו אונטערנעמען פּראָיעקטן כדי צו שאַפן אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע, און די רעגירונגס־אונטערנעמונגען הויבן אָן קאָנקורירן מיט פּריוואַטע אונטערנעמונגען, — מוז עס פירן צו דער שאַפונג פון אַ סיסטעם, וואָס מיר רופן „עקאָנאָמישער דואַליזם".

דער דאָזיקער פּראָצעס איז צייטווייליק איבערגעריסן געוואָרן. מולך, דער גאָט פון מלחמה, האָט פאַרשלונגען אין זיינע געדערים אַלע אַרבעטסלאָזע, און אַז עס זיינען ניטאָ קיין אַרבעטסלאָזע, דאַרף מען פאַר זיי ניט זוכן קיין אַרבעט און די רעגירונג אונטערנעמט ניט קיין נייע פּראָיעקטן. אויך אַ שטיקל צייט נאָך דער מלחמה וועט

מסתמא זיין געגוג אַרבעט צו פּראָדוצירן די אַלע זאַכן, פון וועלכע די ציווילע באַפעלקערונג מוז זיך אין מלחמה־צייט אָפּזאָגן. אָבער נאָכדעם ווי די לאַגע וועט זיך נאָרמאַליזירן, וועט ווידער קומען אַרבעטסלאָזיקייט, און דער פּראָצעס וואָס פירט צום עקאָנאָמישן דואַליזם וועט זיך ווייטער נעמען שפּינען.

***

דער עקאָנאָמישער דואַליזם איז ניט קיין אידעאַל, ניט קיין פּלאַן וואָס איז פון וועמען־עס־איז פאַרטראַכט געוואָרן. ער קומט פון זיך אַליין — פון דער נויט צו באַזאָרגן אַרבעט פאַר יענע, וואָס ווערן פון דער פּריוואַטער אינדוסטריע אַרויסגעשטויסן.

אַז די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען וועלן אויסקאָנקורירן אַ סך פּריוואַטע אונטערנעמונגען און אוממעגלעך מאַכן פאַר זיי צו בלייבן עקזיסטירן, — דאָס האָבן מיר שוין געזען. צי וועלן, אָבער, די פּריוואַטע אונטערנעמונגען אינגאַנצן אַראָפּ פון דער סצענע, — דאָס בלייבט נאָך אַ פראַגע.

אויב די פּריוואַט־איניציאַטיוו איז אַזאַ שטאַרקער כח, ווי מיר רעכענען, — און זי איז עס! — וועט די פּריוואַט־אינדוסטריע מיטן אייגענעם פרייען ווילן די סצענע ניט פאַרלאָזן. וועט מען איר נאָר פון דער סצענע ניט אַרונטערשלעפּן מיט גוואַלד, וועט זי שוין געפינען מיטלען און וועגן ווי אַזוי צו בלייבן ווייטער לעבן און — יאָ! — צו מאַכן זיך געזעלשאַפטלעך נוצלעך. אויב ניט אין איין געביט, — איז אין אַן אַנדערן. ניט אין דער גרויס־אינדוסטריע, — איז אין דער קליין־אינדוסטריע. ניט אין דער פּראָדוקציע, — איז אין דער דיסטריבוציע, — אין דער באַדינונג און אַז. וו. א. וו.

אין געוויסע הינזיכטן וועלן די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אפשר נאָך באַפרייען די פּריוואַט־איניציאַטיוו פון אַ סך מאָנאָפּאָליס־טישע פּענטעס און סטימולירן זי צו פרישער טעטיקייט. —

גייט די געזעלשאַפט אַריין אין דעם פינאַנץ־געשעפט, — וועלן קלענערע אונטערנעמער קענען באַקומען היפּאָטעקן און קרעדיטן אויף די זעלבע באַדינגונגען וואָס גרויסע אונטערנעמער. גייט זי אַריין אין דער פּראָדוקציע פון רוי־מאַטעריאַלן, — וועלן קליינע פאַברי־קאַנטן קריגן רויע מאַטעריאַלן אויף די זעלבע באַדינגונגען וואָס

גרויסע. נעמט זי איבער די דיסטריבוציע פון שפּיז, — ווען די קליינע קרעמער באַקומען צוגעשטעלט שפּייזוואַרג צו די זעלבע פּרייזן וואָס אַזעלכע גרויסע קייטן־קראָמען ווי די איי־ענד־פּי־קראָמען, למשל, א. אַז. וו.

אויף אַזאַ אופן ווען פאַר דער פּרייער פּריוואַט־איניציאַטיוו געעפנט ווערן בייע טעטיקייט־מעגלעכקייטן, און זי וועט זיך קענען נוצלעך מאַכן אין צווייען — סיי דורך איר קאָנקורענץ, וואָס וועט ניט דערלאָזן אַז די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען זאָלן אַריינפאַלן אין פוילקייט און סטאַגנאַציע, אין שלעכטער באַדינונג און אַ נידעריקערן לעבנס־סטאַנדאַרד; און סיי דורך דעם, וואָס אויף אַזאַ אופן ווערט אויסגעמיטן די טאָטאַלע פאַרשקלאַפונג פון דעם יחיד, וואָס יעדע טאָטאַלע סיסטעם מוז, משמעות, ברענגען מיט זיך.

אַז די דואַלע סיסטעם איז עלול אויסצומיידן די געפאַרן, וואָס לויערן אויף דעם יחיד מצד דער טאָטאַלער סיסטעם, קען מען זען פון די פאָלגנדיקע עטלעכע ביישפּילן.

בעמען מיר די מעדיצינישע פאַרזאָרגונג. אונטער דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם קען זיך באַזאָרגן מיט מעדיצין נאָר יענער, וועלכער קען באַצאָלן דערפאַר. דאָס טויג געוויס ניט. די נאַציאָנאַליזאַציע פון מעדיצין מאַכט אַ סוף צו אָט דעם צושטאַנד, אָבער זי ברענגט אַנדערע סכנות. אונטער איר קען די פּראַקטיק פון מעדיצין דעגענערירט ווערן אין אַזאַ אומפּערזענלעכער, מעכאַניסטישער סיסטעם, ווי אין דער אַרמיי, למשל, וואו פאַר יעדער מחלה הייסט דער דאָקטאָר איינגעבן ריצנאויל. אַ דואַלע סיסטעם, אָבער, קען קאָרעגירן די חסרונות פוןביידע סיסטעמען. די נאַציאָנאַלע מעדיצינישע פאַרזאָרגונג גיט מעדיצין פּריי צו יענע, וואָס ווילן זיך מיט איר באַנוצן, אָבער גלייכצייטיק לאָזט זי ווייטער עקזיסטירן די פּריוואַטע פּראַקטיק פאַר די וואָס ווילן דווקא מיט איר זיך באַנוצן.

פאַרשטייט זיך, דאָ גייט ניט וועגן פאַרזאָרגן מיט בעסערער מעדיצינישער באַהאַנדלונג, — אַ בעסערן דאָקטאָר און מער אויפמערקזאַמקייט, — די רייכע, וועלכע קענען באַצאָלן דערפאַר. דאָ גייט וועגן געבן אַ מעגלעכקייט צו „ראַטעווען זיך“ אפילו דעם אָרימסטן מענשן, וואָס ווען ער ווערט קראַנק איז ער גרייט אָפּצו־

שפּאָרן פון דאָס לעצטע פאַר דעם דאָזיקן צוועק. אַז אַ היפּשע צאָל קראַנקע קענען געהאָלפן ווערן ניט אַזוי דורך רעצעפּטן, ווי דורך געהעריקער אויפמערקזאַמקייט און פאַרשטענדעניש מצד דעם דאָקטאָר, ווייס יעדער מאָדערנער לעזער פון זיין טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג; און אַז אַזאַ מין אויפמערקזאַמקייט קען מען גיכער באַקומען פון דעם פּריוואַטן פּראַקטיקער איידער פון קהלשן, דאָס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין.

איצט לאָמיר נעמען אַביישפּיל פונם געביט פון פרייער שאַפונג. אַ שרייבער, למשל, האָט אָנגעשריבן אַ בוך. לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס איז אַ גרויס פּאָעטיש ווערק. וויל ער דאָס פאַרעפנטלעכן, מוז ער אונטער דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אָנקומען צו אַ פאַרלעגער. אַזוי ווי אויף פּאָעטישע ווערק זייַנען פאַראַן ווייניק בעלנים, און די אויסזיכט צו מאַכן אַ גוטן געשעפט דערביי איז אַ שוואַכע, וויל עס דער פּריוואַטער פאַרלעגער ניט אַרויסגעבן. איז געוויס גוט, ווען עס איז פאַראַן אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג, וואָס זאָל אַרויסגעבן ווערק ניט צוליב פינאַנציעלן דערפאָלג, און אפילו ניט צוליב אַ ברייטן אָפּגאַנג, נאָר צוליב דעם ווערט פון דעם ווערק גופא. אָבער אויב דער גאַנצער פאַרלאַג־געביט ווערט פולשטענדיק נאַציאָ־נאַליזירט, דעמאָלט ווערט די לאַגע אָפּט נאָך ערגער. דעמאָלט קען אפילו דאָס גרעסטע ווערק ניט פאַרעפנטלעכט ווערן, סיידן עס געפינט חן און לויאַליקייט אין די אויגן פון דעם ביוראָקראַט, וואָס האָט צו זאָגן איבער דעם ענין. אונטער אַ טאָטאַלער סיסטעם, קען דער שריפטשטעלער זיין ווערק ניט אַרויסגעבן אפילו אויף זיין אייגענעם חשבון, ווי ער קען עס טאָן אונטער דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם, וואָרים ניט נאָר קען ער ניט קריגן קיין פאַרלעגער, נאָר אַפילו ניט קיין פּאַפּיר, און ניט קיין דרוק, און ניט קיין איינבינדער. אַז דאָס מוז פירן צו דער פאַרשקלאַפונג פון דעם מענשלעכן גייסט, איז איבעריק צופיל צו ברייטן. די דואַלע סיסטעם, אָבער, פּאַרהיט פון אַזאַ פאַרשקלאַפונג. קודם כל, מאַכט זי מעגלעך, אַז ווערק, וואָס געפעלן ניט די אָפיציעלע משגיחים פון די רעגירונגס־פאַרלאַגן, זאָלן אויך קענען דערזען די ליכטיקע וועלט. ווידער, די קאָנקורענץ פון די פּריוואַטע פאַרלעגער פילט אויס די ראָלע פון אַ ווירקזאַמען קאָ־

רעקטיוו פון די מלוכה־פּאַרלאַגן. ווען אַ פּריוואַטער פאַרלעגער גיט אַרויס אַ בוך, וועלכער נעמט שטאַרק אויס סיי ביים לעזער־עולם און סיי ביי דער פרייער קריטיק, ווערט שוין דער מלוכה־פּאַרלאַג זיך פילן געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט דעם פאַרפאַסער פון דעם דאָזיקן ווערק, אפילו ווען ער געפעלט ניט, פּערזענלעך אָדער פּאָליטיש, די ביוראָקראַטן פון דעם דאָזיקן פאַרלאַג.

אַפילו אינם געביט פון דירעקטער פּראָדוקציע איז פאַראַן גאָר אַ סך צו זאָגן פאַר דער דואַלער סיסטעם אין פּרעפערענץ צו אַ פולשטענדיק נאַציאָנאַליזירטער אינדוסטריע. די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַרשפּרייט גאַנצע בערג מיט „ירמיה׳אַדעס" וועגן דעם, וואָס די בייטש פון עקאָנאָמישער נויט טרייבט אַלץ דעם אַרבעטער צו טאָן און צו ליידן אונטער דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם. וויפיל אמת עס זאָל ניט זיין אין אָט די רייד וועגן דעם צוואַנג פון נויט, האָט אָבער די רוסישע רעוואָלוציע געוויזן אַז אַ רעגירונגס־מאָנאָפּאָל איבער אַרבעט און ברויט קען זיין נאָך מער אונטערדריי־קעריש איידער די בייטש פון עקאָנאָמישער נויט פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם. פאַר אונזער אויג איז, למשל, אָפּט געשטאַנען דאָס בילד פון דער קאָמפּאַני־שטעטל, וואו די אַרבעטער האָבן ניט נאָר געאַרבעט פאַר דער באַטרעפנדער קאָמפּאַני, נאָר האָבן געוואוינט אין אירע הייזער, געקויפט זייערע הצטרכות׳ן אין אירע קראָמען, געטרונקען אין אירע שענקען א. אַז. וו.; און ווען די אַרבעטער האָבן זיך דער־וועגט אַרויסצוּוויזן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד קעגן די פּאַראַנדקעס פון דער „קאָמפּאַני", האָבן זיי זיך תיכף געפונען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן מיטלען אויסצוקומען די ערשטע וואָך. דאָס איז באמת אַ שוידערלעכע לאַגע פון פאַרשקלאַפט־זיין. אָבער פאַרט איז פאַר דעם אַנטשלאָסענעם אַרבעטער געווען אַ מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך אַפילו פון אָט אַזאַ מצרים, אויב ער האָט עס נאָר שטאַרק געוואָלט, ווארים עס זיינען דאָך אין לאַנד פאַראַן נאָך אַ סך קאָמפּאַניס, סיי מיט אייגענע שטעטלעך און סיי אָן אייגענע שטעטלעך, וואו אַן אַרבעטער קען קריגן באַשעפטיקונג. אין אָן אָרדענונג, אָבער, וואו די רעגירונג איז דער איין־און־איינציקער באַשעפטיקער פון אַרבעט, קען יעדער סימן ניט דווקא פון ווידערשטאַנד נאָר אפילו פון אומצור־

פרייהנקייט פאַראורטיילן אַן אַרבעטער טאַקע צו אַ הונגער־טויט ממש. גאָר אַנדערש איז אָבער אין דער דואַלער אָרדנונג. דאָרטן איז דער אַרבעטער באַרעכטיקט צו אַרבעט אין אַ געזעלשאַפטלעכער אונטער־נעמונג ווען ער פאַרלאַנגט עס, אָבער ער ווערט ניט קיין שקלאַף פון דער אונטערנעמונג אָדער פונם שטאַט; ער איז צו יעדער צייט פריי צו גיין אַרבעטן אין אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג, אויב דאָס געפעלט אים בעסער. די מורא צו פאַרלירן דעם גוטן אָדער דעם גויטיקן אַרבעטער קען, אגב, אָפּט טאַקע פירן צו בעסערער באַהאַנדלונג אין די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען.

ווען די באַדינונג־ און לאחדים־פאַרקויף־אונטערנעמונגען איז שוין אָפּגערעדט. רעגירונגס־מאָנאָפּאָליזם אין אָט דעם פעלד איז ניט נאָר ניט־ווינשנסווערט נאָר טאַקע בפירוש שעדלעך. די אָפּ־שאַפונג פון קאָנקורענץ אין אָט די געביטן מוז פירן צו די גרעסטע אומבאַקוועמלעכקייטן פאַר דער באַפעלקערונג. מאַכט מען די קראָמען אומאָפּהענגיק פון דעם גוטן ווילן און פאַטראָנאַזש פון דעם קאָנסומענט, וועט ער דאַרפן אַרומלויפן איבערן שטאָט זוכן וואָס ער האָט נויטיק, און ווען ער וועט עס שוין געפינען וועט ער דאַרפן שטיין מיטן הוט אין האַנט פאַר יעדן קלערק און זאָגן „אַ דאַנק” פאַר יעדער באַדינונג. פאַר אָט די געביטן איז די דואַלע סיסטעם ממש ווי באַשאַפן געוואָרן. נאָר דעמאָלט, ווען פאַראַלעל מיט די געזעלשאַפט־לעכע קראָמען וועלן אויך זיין פּריוואַטע קראָמען, קען מען דערוואַרטן אַזביידע מינים קראָמען זאָלן זוכן אויסצונעמען ביים קונה און מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אים צופרידן צו שטעלן.

מיט איין וואָרט, די דואַלע סיסטעם איז אין יעדער הינזיכט בעסער איידער אַ טאָטאַלע סיסטעם — בעסער סיי פאַר דעם וואוילזיין און סיי פאַר דער פרייהייט פון דעם איינצלנעם אין דער געזעלשאַפט.

דער הויפּט־צוועק פון דער דאָזיקער סיסטעם איז איינצוהאַלטן די מעלות פון קאָנקורענץ אָן אירע חסרונות. די חסרונות פון דער קאָנקורענץ־סיסטעם באַשטייען, כידוע, אין דעם, וואָס דער איינצלנער ווערט אָפּט צעמאָלן אונטער אירע רעדער. אָבער ווען די געזעל־שאַפט גאַראַנטירט אַ מינימום זיכערקייט פאַר יעדן איינעם, דעמאָלט וועט פון אַ קאַמף פאַר דעם שטיקל ברויט די קאָנקורענץ פאַרוואַנדלט

ווערן אין אַ קאַמף פאַר זאַכן וואָס געפינען זיך איבער און אויסער דעם מינימום.

און מ'דאַרף זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אָט דער מינימום וועט בלייבן שטיין פיקסירט אויף איין פונקט, — אויף זיכערקייט פון אַרבעט, אויסהאַלטונג אין צייט פון קראַנקהייט, עלטער א. אַז. וו. וואָס רייכער די געזעלשאַפט ווערט, אַלץ העכער וועט דער דאָזיקער גאַראַנטירטער מינימום ווערן. מיט דער צייט וועט אפשר יעדער איינער באַקומען פריי אַ דירה, עלעמענטאַרע עסנוואַרגן, אַ געוויסע מאָס באַקליידונג, לעבנס־פאַזיכערונג, קבורה א. אַז. וו. דעמאָלט וועט דער קאָנקורענץ־קאַמף באמת זיין באַגרענעצט אויף לוקסוס־זאַכן.

די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג אין אָט דער ריכטונג וועט שוין ניט פאָרקומען פון זיך אַליין. עס וועט מוזן געפירט ווערן אַ כסדרדיקער קאַמף דערפאַר, און אין אָט אַזאַ קאַמף קענען סאָציאַליסטן ספּעציעל זיך נוצלעך מאַכן. ווען אַ סאָציאַליס־טישע פאַרטיי אין אַמעריקע אָדער ענגלאַנד זאָל אויפהויבן אַ קאַמף, זאָגן מיר, פאַר אַ פרייער דירה פאַר יעדער פאַמיליע, וואָלט זי געקענט מער דערגרייכן פאַר דעם וואוילזיין פון די פאָלקס־מאַסן ווי דורך פראָפּאַגאַנדע פאַר „סאָציאַליזם" סתם.

וועט די סיסטעם פון עקאָנאָמישן דואַליזם פירן מיט דער צייט צו דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום, צו ריינעם סאָציאַליזם ?

אויף אָט דער פראַגע איז שווער צו ענטפערן. אין דער ווייטער צוקונפט, אפשר יאָ. אפשר דעמאָלט, ווען „פילאָזאָפן זיינען קעניגן, אָדער די קעניגן און פּרינצן פון דער וועלט האָבן דעם גייסט און די מאַכט פון פילאָזאָפיע, און פּאָליטישע גרויסקייט און חכמה באַ־געגענען זיך אין איינעם", — ווי סאָקראַטעס זאָגט אין פּלאַטאָ'ס „רעפּובליק". און אַז מ'ווייס וואָס פּלאַטאָ פאַרשטייט אונטער די באַגריפן „פילאָזאָפיע", „פּאָליטישע גרויסקייט" און „חכמה", קען מען זיך משער זיין ווי לאַנג עס קען נאָך דויערן ביז די מענטשהייט וועט זוכה זיין צו אַזאַ גאָלדענער צייט. אפשר דאַרף דויערן אַ קיימאַ־לן פון פינף הונדערט יאָר אויסצובילדן דאָס פאָלק, די דעמאָקראַטיע, צום סאָציאַליסטישן אידעאַל, איידער ער קען דערגרייכט ווערן, — ווי

ראַדבערטוס האָט געמיינט. און אפשר איז געווען גערעכט פריד׳ריך ענגעלס, ווען ער האָט אין אַ געשפּרעך מיט דעם באַרימטן רוסישן רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטין געזאָגט: „...מ׳קען פאַרווירקלעכן נאָר דאָס, וואָס איז שוין צייטיק געוואָרן אין לעבן און אין דער נשמה פון פאָלק . . .״ *) — און ביז דער סאָציאַליזם וועט „צייטיק ווערן אין דער נשמה פון פאָלק״ דאַרף נאָך אויך דויערן ווער ווייס ווי לאַנג.

ווען מיר זעען אָבער, ווי דער פאַרזוך איינצופירן ריינעם סאָציאַליזם האָט פאַרוואַנדלט רוסלאַנד אין אַ שקלאַפן־שטאַט; ווען מיר הויבן אָן חושד זיין, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ נאָענטע סמיכת־הפרשה צווישן ריינעם סאָציאַליזם און קאַזאַרמע־לעבן, וואָס זינט די טעג פון דער פאַרצייטיקער ספּאַרטאַ ביז דער דערפאַרונג מיט רוסלאַנד אין אונזערע אייגענע טעג איז עס גענוג דעמאָנסטרירט געוואָרן, — דעמאָלט דאַרף מען אין דעם שטרעבן צום ריינעם סאָציאַליזם גאָרניט זיין איבעריקס אומגעדולדיק. מיט באַגרעניצן זיך אויף סאָציאַלן רעפאָרמיזם קען מען, בנאמנות, מער דערגרייכן פאַר דעם וואוילזיין פון די פעלקער, און פאַר זייער פרייהייט אַוודאי.

*\
**

אַט־די־אַ לייזונג פון דער סאָציאַלער פּראָבלעם איז, ווי מיר דוכט זיך, אַנאַלאָגיש אין יעדער היגזיכט מיט דער מאָדערנער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. —

דער „אחרית הימים״ פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע מעג זיך זיין דער קאָסמאָפּאָליטיזם. ריין־לאָגיש איז ניטאָ קיין אורזאַך, פאַרוואָס די פעלקער זאָלן זיך ניט צוזאַמענשמעלצן אין איין מענשהייט. נאָך אַלעמען, זיינען דאָך פון באַזונדערע שבטים אַנטשטאַנען פעלקער; נאָך אַלעמען, האָבן מיר דאָך פאַר זיך גענוג ביישפּילן אין דער געשיכטע ווען באַזונדערע פעלקער זיינען פאַרשמאָלצן געוואָרן אין גרעסערע פעלקער און אין זייער באַוואוסטזיין איז מיט דער צייט אָפּגעווישט געוואָרן יעדער זכרון פון זייער פריערדיקער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט; נאָך אַלעמען, האָבן מיר דאָך פאַר אונזערע אויגן

*) זע זייט 436 פון ד. שוב׳ס זייער אינטערעסאַנטן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן ווערק „העלדן און מאַרטירער״.

דעם גראַנדיעזן, טילוויז דערפאָלגרייכן פּאַרזוך צוזאַמענצושמעלצן פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן אין איין נאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. יאָ, רייך־לאָגיש איז דאָס געוויס מעגלעך. די צרה איז אָבער, וואָס דאָס לעבן, דאָס אוממיטלבאַרע לעבן, ווערט ניט רעגירט דורך לאָגיק. די דערפאַרונג ווייזט, אַז יעדער פּאַרזוך צו אַסימילירן פעלקער, איבערהויפּט קעגן זייער ווילן, ברענגט ניט קיין גליקזעליקייט פאַר די פעלקער, נאָר פּירט, פאַרקערט, צו העכסט שעדלעכע רעזולטאַטן — צו ניוועלירונג, צו פאַרפלאַכונג, צו פאַרשקלאַפונג. דעריבער טאָקע האָט דער פּראָגרעסיווער געדאַנק אין משך פון בערך דעם לעצטן יאָרהונדערט זיך אָפּגעקערט פון דעם כלומרשט קורצן וועג פון לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אויף דעם וועג פון קאָסמאָפּאָליטיזם, און ער האָט זיך פאַרנומען אויף דעם לענגערן וועג פון לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם דורך אַנטוויקלען די קולטורן פון די באַזונדערע פעלקער.

גענוי דאָס זעלבע קומט פאָר מיט דער סאָציאַלער פּראָבלעם. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום און די איינפירונג פון פולשטענדיקער גלייכקייט, פאַרנעמט אין דער סאָציאַלער פּראָבלעם דעם זעלבן אָרט וואָס דער קאָסמאָפּאָליטיזם אין דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. און ווען מיר זעען ווי אַזוי דער פּאַרזוך צו דערנעענטערן דעם קץ אין דער סאָציאַלער פראַגע ברענגט מיט זיך אויך צו עקאָנאָמישער ניוועלירונג, צו פאַרפלאַכונג און צו פאַרשקלאַפונג, — דעמאָלט איז יעדער רעאַליסטיש־דענקענדער מענש מחויב זיך אָפּצוקערן פון אָט דעם כלומרשט קורצן וועג און זיך פאַרנעמען אויף דעם לאַנגן אָבער זיכערן וועג פון סאָציאַלן רעפאָר־מיזם, וועלכער פּירט גאָר איבער אַן אַנדער מאַרשרוט . . .

— ניט דורך דער געזעלשאַפט צום יחיד, נאָר פאַרקערט, דורך דעם יחיד צו דער געזעלשאַפט.

— ניט דורך גלייכקייט צו פרייהייט, וואָס ברענגט ניט קיין גלייכקייט און ניט קיין פרייהייט, נאָר . . . דורך פרייהייט צו וואויל־שטאַנד און סוף כל סוף מסתמא אויך צו גלייכקייט.

דער
סאָציאַליסטישער
אידעאַל

דער אָרט פון דעם אידעאַל אינם לעבנס־קאַמף

קאַרל מאַרקס׳ פּאַרזוך דורכצופירן אַ שידוך צווישן דעם סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל און דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, איז אפשר דער משונה׳דיקסטער קוריאָז אין דער געשיכטע פון דעם מענשלעכן געדאַנק.

די בעסטע דעקלערונג פון מאַרקס׳ פילאָזאָפישער שיטה, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, איז אַרויס פון דער פעדער פון גערג פּלעכאַנאָוו, איינער פון די בעסטע קענער פון מאַרקסיזם, ספּעציעל פון זיין פילאָזאָפישער זייט. אין זיין ווערק „פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט" *) פּרובירט פּלעכאַנאָוו אויפקלערן ווי אַזוי מאַרקס איז דערגאַנגען צו דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, אין וואָס עס באַשטייט מאַרקס׳ אייגענער ביטראָג צו איר, און וואָס פאַר אַ שלוסן ער האָט פון איר געצויגן אויף דער סאָציאָלאָגיע. לאָמיר איבערגעבן גאַנץ בקיצור די הויפּט־געדאַנקען, וואָס פּלעכאַנאָוו זאָגט דאָרט אַרויס.

די פילאָזאָפישע אַנטוויקלונג פון מאַרקסן האָט דורכגעמאַכט דריי סטאַדיעס.

אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון וועלכע צוואַנציק יאָר, איז מאַרקס געווען אַן אומבאַדינגטער אָנהענגער פון העגעל׳ס פילאָזאָפיע — פונם אידעאַליזם, וועלכער האַלט אַז דער מענש באַ־נעמט און דערקענט די וועלט און אירע דערשיינונגען ניט דורך די חושים נאָר דורך דעם שכל, דורך דעם טעאָרעטישן שכל, און דאָס צו וואָס דער שכל דערטראַכט זיך איז דער אַבסאָלוטער אמת.

*) איבערזעצט אין אידיש פון פ. היילפּערין און אַרויסגעגעבן אין 1936 אין פאַרלאַג „טאָמאַר" אין ווילנע.

אין די פּערציקער יאָרן טרעט מאַרקס אַריין אין דעם צווייטן פאַזיס פון זיין פילאָזאָפישער אַנטוויקלונג — אין דעם פּעריאָד פון זיין אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם טראַדיציאָנעלן העגעליאַניזם. אין אָט דעם פּעריאָד זעט שוין מאַרקס אין העגעלס פילאָזאָפיע אַ „ספּעקולאַטיוון אויסדרוק פון דער קריסטלעכער דאָגמע וועגן דער קעגנזעצלעכקייט פון גשמיות און רוחניות, פון גאָט און דער וועלט", וועלכע האָט „אין דער לייזונג פון אַלע פראַגן פאַרביטן די שפּראַך פון געזונטן פאַרשטאַנד אויף דער שפּראַך פון דעם ספּעקולאַטיוון פאַרשטאַנד, און די אמת׳ע פראַגן האָט זי פאַרוואַנדלט אין ספּעקולאַטיווע פראַגן". דעמאָלט האָט מאַרקס וועגן העגעליאַניזם שוין געשריבן אַזוי: „די העגעלישע פילאָזאָפיע איז אַן אָפּגעלעבטע, אַן אלמנה געבליבענע זקנה, וועלכע באַפּוצט מיט פאַרב איר קערפּער, וואָס איז ביז צו אַבסטראַקציע אויסגעמאָגערט, און זוכט זיך איבער גאַנץ דייטשלאַנד אַ פאַרערער". אין אָט דעם פּעריאָד האָט מאַרקס און ענגעלס זיך באַקאַנט מיט פייערבאַכס פילאָזאָפיע, וועלכע האָט פאַראורזאַכט אַן איבערקערעניש אין זייער וועלט־בליק. ענגעלס האָט גערעדט וועגן זיין און מאַרקס׳ באַקאַנטשאַפט מיט פייערבאַכן ווי וועגן דעם אַנטשיידענדן מאָמענט אין זייער פילאָזאָפישער אַנט־וויקלונג, ווי וועגן אַן איבעררייס מיט דעם, ווי וועגן „אַן אַקט פון זעלבסט־באַפרייאונג". „איך האָב גערעכנט, — שרייבט ענגעלס, — אַז מיר בלייבן שולדיק אַן ערן־חוב: פאַלקאָם מודה זיין זיך אין דער השפּעה, וואָס אויף אונז האָט געהאַט, מער איידער יעדער אַנדער פילאָזאָף פון דער נאָך־העגעלישער עפּאָכע, פייערבאַך . . ."

אין וואָס באַשטייט די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס פּלעכאַנאָוו זאָגט וועגן איר, אַז זי איז געווען דער פילאָזאָפישער יסוד דערפון, וואָס מ׳קען אָנרופן די וועלט־אַנשויאונג פון מאַרקס־ענגעלס, און וואָס איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער לערע פון לודוויג פייערבאַך, וועלכער איז געווען דער אומ־מיטלבאַרער פאָרגייער פון מאַרקסן?

פייערבאַכ׳ס הויפּט־געדאַנק באַשטייט אין דעם, אַז „די אמת׳ע שייכות פון דענקען צום זיין איז פאָלגנדיקע: דאָס זיין איז דער סוביעקט, דאָס דענקען — דער פּרעדיקאַט. דאָס דענקען איז באַ־

דינגט דורך דעם זיין, און נים דאָס זיין דורך דעם דענקען. דאָס זיין איז באַדינגט דורך זיך זעלבסט . . . האָט זיין יסוד אין זיך זעלבסט". „אין דער מחלוקת צווישן מאַטעריאַליזם און ספּיריטואַליזם, — האָט פייערבאַך געשריבן, — גייט עס אום דעם מענטשנס קאָפּ. ווײַבאַלד מיר האָבן זיך דערוואוסט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מאַטעריע, פון וועלכער עס באַשטייט זיין מאַרך, וועלן מיר שוין באַלד דערגיין צו אַ קלאָרן בליק אויך וועגן יעדער אַנדער מאַטעריע, וועגן מאַטעריע בכלל".

פּלעכאַנאָוו באַמערקט וועגן דעם אַט־וואָס: „שוין פון די געבראַכטע פייערבאַכ'ס ווערטער וועגן דעם מענטשנס קאָפּ זעט מען, אַז אין דער צייט, ווען ער האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער, איז די פראַגע וועגן דער מאַטעריע, פון וועלכער עס באַשטייט דער מאַרך, דורך אים געלייזט געוואָרן אין „ריין" מאַטעריאַליסטישן זינען. און אָט־די־אָ לייזונג פון דער פראַגע וואָלט אָנגענומען געוואָרן אויך פון מאַרקס־ענגעלס . . ."

אין דעם דריטן ענדגילטיקן פעריאָד פון זייער פילאָזאָפישער אַנטוויקלונג האָבן מאַרקס און ענגעלס געשאַפן אַ סינטעז צווישן די לערעס פון העגעלן און פייערבאַכן. צוריקווייזנדיק העגעלס אידעאַליסטישע דיאַלעקטיק, האָבן זיי אָבער ניט צוריקגעוויזן דעם דיאַלעקטישן פראָצעס. אויפן אָרט פון דער צוריקגעוויזענער אידעאַליסטישער דיאַלעקטיק האָבן זיי אויפגעשטעלט אַן אייגענע דיאַלעקטיק, אַ מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק, וועלכע זיי האָבן באַנוצט אום ווייטער צו באַאַרבעטן פייערבאַכ'ס פילאָזאָפיע.

פון העגעלס פילאָזאָפיע האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט, מחמת העגעל „האָט דעם געזעצגעבערישן שעפערישן שכל פאַרוואַנדלט אין אַבסאָלוטן גייסט. און אונזער אָרימע וועלט נעבעך האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ בלאַסער קאָפּיע פון עפּעס אַ גייסט אַ אינו־נראה. דער טרעגער פון דעם דאָזיקן אַבסאָלוטן גייסט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער מענטש, ריכטיקער דער פילאָזאָף, וואָס האָט איבערגענומען העגעלס לערע . . . דער פילאָזאָף האָט באַקומען זעלטענע שעפערישע פונקציעס. ער האָט אין זיין קאָפּ געטראָגן די לאַבאָראַטאָריע פון דער וועלט. וויסנשאַפט, רעליגיע, קונסט, רעכט, געזעלשאַפט און משפחה,

— דאָס אַלץ איז, דורכמאַכנדיק אַ ריי וואונדערלעכע דיאַלעקטישע פּראָצעסן, אַרויס שוין אין אַ פּאַרטיקער פאָרם פון דער לאַבאָראַ־טאָריע פון אונזער שכל . . .״ פאַר די פאָלקסמאַסן, הייסט עס, איז שוין גאָרניט געבליבן וואָס צו טאָן, ווי אָנצונעמען די דיקטאַטור פון שׂכל, „די זעלבסטהערשונג פונם גייסט״. די ספּעקולאַטיווע אַב־סטראַקטע פילאָזאָפיע האָט געדראָט צו פאַרוואַנדלען די קאָנקרעטע וועלט, דאָס קאָנקרעטע לעבן אין אַן אַבסטראַקציע אָן אַ נשמה, צו דער פרייד און דעם נוצן פון דעם הערשנדיקן אַבסאָלוטיזם, וועלכער האָט אין העגעלס פילאָזאָפיע אָנערקענט די אָפיציעלע פילאָזאָפיע פון דער פּרייסישער פּאָליצייאישער מלוכה. ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן זיך פון פראַנקרייך אַריבער־געגאָסן קיין דייטשלאַנד, ווען די דעמאָקראַטישע באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט ברייטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, ווען מאַרקס אַליין איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דאָזיקער באַוועגונג און פון דעם קאַמף קעגן דעם פּרייסישן אַבסאָלוטיזם, — דעמאָלט ווערט אין מאַרקסן אָפּגעקילט דער ענטוזיאַזם צו דער העגעלישער פילאָזאָפיע. ער פאַר־לאָזט „די פאַרכישופטע מלוכה פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע און פאַרבייט זיי אויף דעם שווערן פּראַקטישן קאַמף״. דערפאַר, הייסט עס, האָבן מאַרקס און ענגעלס זיך אָפּגעזאָגט פון העגעלס פילאָזאָפיע. אָבער פאַרוואָס האָבן מאַרקס־ענגעלס ניט געקענט אָנ־נעמען די פייערבאַכישע פילאָזאָפיע ווי זיי שטייט און גייט און האָבן זי געדאַרפט ווייטער אַנטוויקלען? איז דער תירוץ דערויף אָט וועלכער:

ביי פייערבאַכן האָט די פילאָזאָפיע זיך אַראָפּגעלאָזט פונם הימל פון אַבסטראַקציעס אויף דער רעאַלער ערד. ער נעמט זיין אויס־גאַנגס־פּונקט פונם רעאַלן מענטשן. בעת ביי העגעלן איז דער לעבעדיקער מענטש געווען אונטערטעניק צו דער טויטער אַבסטראַקציע, האָט פייערבאַך „דעם מענטש אָנערקענט פאַר דעם מהות, דעם יסוד פון דער גאַנצער מענטשלעכער טעטיקייט, פון די מענטשלעכע צושטאַנדן״. אָבער דער פייערבאַכישער מענטש גופא איז געווען צופיל אַלגעמיין, אַ צופיל אַבסטראַקטער וועזן. האָט מאַרקס גענומען דעם דאָזיקן אַבסטראַקטן מענטשן און פון אים געמאַכט אַ מענטש אַ רעאַלן, וואָס לעבט

אין אַ רעאַלער קלאַסנגעזעלשאַפט, אין אַ באַשטימטער עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכער סביבה, וואָס איר ריכטונג ווערט באַשטימט אין יעדער געגעבענער צייט און אין לעצטן סך־הכל דורך דעם אַנטוויק־לונגס־גאַנג פון דער עקאָנאָמיק.

מאַרקס האָט, משמעות, געגומען פייערבאַך'ס מענש, וואָס הגם ער איז געווען צו אַבסטראַקט איז ער אָבער געווען אַ פרייער מענש, און האָט אים ווידעראַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַן אונטערטעניק, אָבער אַן אונטערטעניקן שוין ניט צום אַבסטראַקטן שכל, נאָר . . . צו דער עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכער סביבה, און אַזוי אַרום איז ער ענדלעך געקומען צו זיין הויפּט פילאָזאָפיש־סאָציאָלאָגישן כלל, אַז . . .

„. . . דעריבער קען מען זאָגן, אַז די מענשהייט שטעלט זיך אַלעמאָל בלויז אויספירבאַרע אויפגאַבעס, ווייל ביים אויפמערקזאַמען באַטראַכטן ווייזט זיך אַלעמאָל אַרויס, אַז די אויפגאַבע גופא קומט נאָר דאָרט, וואו די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון איר לייזונג עקזיס־טירן שוין אָדער זיי געפינען זיך אין פּראָצעס פון זייער אַנטשטיין".

אָט דאָס זיינען די דריי עטאַפּן אין דער פילאָזאָפישער אַנט־וויקלונג פון מאַרקס־ענגעלס.

טשיקאָווע ביז גאָר איז פּלעכאַנאָוו'ס אויפקלערונג, פאַרוואָס מאַרקס־ענגעלס זיינען אין זייער פילאָזאָפישן איינשטעל דורכגעגאַנגען גראָד אָט־די אַנטוויקלונג און ניט קיין אַנדערע. לויט זיין מיינונג, זיינען מאַרקס־ענגעלס לכתחילה געוואָרן אַנהענגער פון העגעלס פילאָזאָפיע דערפאַר ווייל די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער פונם דע־מאָלטיקן דייטשלאַנד האָט אין זיך געהאַט אַן עלעמענט פון מעגלעכ־קייט און פון נויטווענדיקייט פאַר אַזאַ פילאָזאָפישער שיטה; און אַריבערגעגאַנגען צום מאַטעריאַליזם זיינען זיי ווידער אַמאָל דערפאַר, ווייל די געזעלשאַפטלעכע שטימונג פון דער צייט, די פּסיכאָלאָגיע פון דער געגעבענער עפּאָכע, וואָס ווערט אין לעצטן סך־הכל באַשטימט דורך דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער עקאָנאָמיק, האָט עס זיי אונ־טערגעזאָגט.

לפי דעם קומט אויס, אַז מאַרקס־ענגעלס זיינען ענדלעך דער־גאַנגען צו זייער פילאָזאָפישן וועלט־בליק ניט ווייל זיי האָבן זיך דערטראַכט צום אמת, נאָר גאָר ווייל די געגעבענע צייט האָט אין

דעם פראַקטישן קאַמף פאַר פראָגרעס זיך געגנויטיקט אין אַט אַזאַ פילאָזאָפיע, און אַז אַזאַ זאַך ווי אמת איז גאָר בכלל ניטאָ. יעדער עפּאָכע, אפשר גאָר יעדער יאָרצענדליק, — ווי דאָס איז פאָרגעקומען מיט דער פילאָזאָפישער אַנטוויקלונג פון מאַרקסן, — האָט זיך, זאָל עס הייסן, זיין אייגענעם אמת.

⁂

די פראַגע, צי דאָס זיין איז דער סוביעקט און דאָס דענקען דער פּרעדיקאַט; אָדער, רעדנדיק וואולגאַר: וואָס איז פריער באַשאַפן געוואָרן, דער קאָפּ אָדער דער געדאַנק, — די דאָזיקע פראַגע געהערט צום געביט פון מעטאַפיזיק, און עס זעט ניט אויס, אַז זי וועט ווען עס איז געלייזט ווערן. עס קען זיין, אַז דער געדאַנק האָט עקזיסטירט פריער פאַר דעם קאָפּ. פּונקט ווי עלעקטריציטעט האָט עקזיסטירט פריער פון דער עלעקטרישער דינאַמאָ, אַזוי קען זיין אַז אויך דער געדאַנק האָט עקזיסטירט נאָך איידער דער מענשלעכער קאָפּ איז באַשאַפן געוואָרן, און דער קאָפּ איז בלויז יענער דינאַמאָ, דורך וועלכן דער געדאַנק קומט צום אויסדרוק. ווער קען מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז דאָס איז ניט אַזוי? יעדנפאַלס, די דאָזיקע אַבסטראַקט־מעטאַפיזישע פראַגע אינטערעסירט מענשן פאַרהעלטניס־מעסיק גאַנץ ווייניק.

אָבער די פראַגע, צי דער מענשלעכער געדאַנק, — נאָכדעם ווי די קעפּ זיינען שוין פאַראַן און געדאַנקען קורסירן דורך זיי, — איז ניט מער ווי אַ אין־קייטן־געשמידעטער שקלאַף פון עפּעס אַן אַבסאָלוטן שכל, אָדער גאָר פון דער עקאָנאָמישער סביבה, — אינטערעסירט אונז ביז גאָר.

און ניט נאָר אינטערעסירט אונז די דאָזיקע פראַגע, נאָר זי רעגט אונז אויף און רופט אַרויס בייז בלוט. דער מענש, דער „האָמאָ סאַפּיענס", מוז רעוואָלטירן קעגן יעדער טעאָריע וואָס טיילט־צו זיין געדאַנק די ראָלע פון אַ מין „פּאַסיוון צושויער".

כ'ווייס, קיין פולשטענדיק־פּאַסיווער צושויער איז דער מענשלעכער געדאַנק ניט אפילו ביי די מאַטעריאַליסטן. עפּעס אַ שטיקל ווירקונג אויף דער אויסערלעכער וועלט איבט דער געדאַנק יאָ אויס,

אָבער דער געדאַנק קומט צום לעבן און ווירקן ערשט אַלס פּועל־יוצא פון אַ שפּירונג, — און די שפּירונג ביי זיי קומט פון מאַטעריע, פון מאַטעריעלע אייגנשאַפטן.

כ׳ווייס, אויך דער מאַרקסיזם האָט דורכגעמאַכט אַ געוויסע אַנט־וויקלונג אין דער ריכטונג פון אָנערקענען אַז דער מענשלעכער ווילן איבט פאַרט אויס אַ שטיקל ווירקונג אויף די אומשטענדן. בעת לכתחילה איז דער מאַרקסיזם אויסגעטייטשט געוואָרן אינם זינען, אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר אַליין איז געניגנד צו דערקלערן אַלע היסטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, איז ער שפּעטער שוין אויסגעטייטשט געוואָרן אינם זינען, אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז בלויז דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס זייט ביי זייט מיט אים זיינען פאַראַן מאַנכע אַנדערע ווייניקער־וויכטיקע פאַקטאָרן. אָבער שוין נאָך דער דאָזיקער מאָדיפיקאַציע, איז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר ביים מאַרקסיזם אַלץ געבליבן דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר.

און די דאָזיקע הנחות, וואָס רעדוצירן דעם מענשלעכן געדאַנק צו גייסטיקער אימפּאָטענץ, מוזן פון דעם שטאַלצן מענשן צוריקגע־וויזן ווערן, צוזאַמען מיט אַ סך ענלעכע טעאָריעס, וועלכע האָבן פּרובירט דערקלערן געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אויף דעם זעלבן אופן — דורך געאָגראַפיש־קלימאַטישע באַדינגונגען, דורך ביאָלאָגיע, דורך אַנטראָפּאָ־ראַסיסטישער פאַרערבונג א. אַז. וו. א. וו.

די צוריקווייזונג פון אַזעלכע טעאָריעס איז פולשטענדיק באַ־רעכטיקט, אויס דעם פּשוטן גרונט, וואָס זיי זיינען ניט באַשטעטיקט געוואָרן פון דער דערפאַרונג. פאַראַן גענוג פאָרשער, וועלכע זיינען נאָך גרינטלעכע אונטערזוכונגען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַנדערע פאַקטאָרן שפּילן אָפט אַ גרעסערע ראָלע אין געזעלשאַפט־לעכע דערשיינונגען איידער די עקאָנאָמיק, אַז דער כאַראַקטער פון דער עקאָנאָמיק גופא איז אין פאַרשיידענע היסטאָרישע פעריאָדן אָפט באַשטימט געוואָרן דורך אָבערגלויבנס, רעליגיע, וויסנשאַפט און אַנ־דערע גייסטיקע איינפלוסן. וואָס פאַר אַן איינפלוס די דערציאונג האָט אויף דעם מענשן, — קען מען, דוכט זיך, קלאָר אַרויסזען אין די רעזולטאַטן פון דעם מאַנאָפּאָליזם איבער דער דערציאונג פונם יונגן דור מצד די טאָטאַליטאַרע מלוכות פון אונזער אייגענער צייט.

אַז דער מענשלעכער געדאַנק איז ניט געפּענטעט דורך די עקאָנאָמישע אומשטענדן פון דער צייט, — דערויף זיינען פאַראַן באַווייזן לרוב.

האָבן דאָך דענקער אין פאַרשיידענע צייטן געדענקט סיי אידעאַליסטיש און סיי מאַטעריאַליסטיש. (פּלעכאַנאָוו אַליין באַמערקט, אַז די יסודות פאַר דעם מאַטעריאַליזם זיינען נאָך געלעגט געוואָרן אין פאַרצייטיקן גריכנלאַנד פון דעמאָקריטעס און טיילוויז פון די יאָנישע דענקער). האָט דאָך פּלאַטאָ שוין מיט עטלעכע־צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק געהאַט אַ גאַנץ פיינעם באַגריף וועגן דעם קלאַסן־קאַמף, ווי מ׳קען עס זען פון די פאָלגנדיקע ווערטער פון זיין „רעפּובליק״: „יעדע געוויינלעכע שטאָט, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, איז צעטיילט אויף צוויי שטעט — איינע די שטאָט פון די אָרימע, די צווייטע פון די רייכע, וועלכע שטייען אין קריג איינס מיטן צווייטן״. זיינען דאָך אין אונזער אייגענער צייט פאַראַן דענקער וואָס זייער געדאַנקען־גאַנג איז אַן אידעאַליסטישער, און אַנדערע וואָס זייער געדאַנקען־גאַנג איז אַ מאַטעריאַליסטישער, און יעדע פילאָזאָפישע שיטה האָט זיך אירע אָנהענגער. טאָ מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען מען באַהויפּטן, אַז מאַרקס גופא וואָלט אָן דער אַטמאָספערע פון דער צייט זיך ניט געקענט דערטראַכטן צום מאַטעריאַליזם? אַזאַ באַהויפּטונג איז, דוכט מיר, אַ באַליידיקונג פאַר מאַרקס׳ אָנדענק.

און ניט נאָר איינצלנע דענקער האָבן אין פאַרשיידענע צייטן באַוויזן אַריבערצוטרעטן די גרעניצן פון זייער צייט, נאָר אויך ריזיקע מענשן־מענגעס האָבן דאָס באַוויזן. וואָס דען זיינען די גרויסע רעליגיעס, אויב ניט אַן אויסדרוק פון מענשלעכן פאַרזוך זיך אַרויסצורייסן פון דער סביבה און אַ בליק צו טאָן אין דער צוקונפט? און מיר זעען דאָך, ווי די אידישע, די קריסטלעכע, די בודיסטישע און די קאָנפוציאַנישע רעליגיעס עקזיסטירט שוין אַזוי לאַנג טראָץ די ענדערונגען פון די עקאָנאָמישע אָרדנונגען וואָס זיינען פאַר דעם משך פון דער דאָזיקער צייט פאָרגעקומען, און מיר זעען אויך ווי די אָנהענגער פון די דאָזיקע רעליגיעס ציילן זיך אין די הונדערטער מיליאָנען און די דאָזיקע אָנהענגערשאַפט איז בשום אופן ניט באַגרעניצט אויף איין־איינציקן געזעלשאַפטלעכן

קלאַס ; צווישן די אָנהענגער זייערע געפינען זיך דאָך סיי אָרימע און סיי רייכע.

היינט מיט וועלכן שיין פון רעכט קען מען זאָגן, אַז די מענשהייט שטעלט זיך אַלעמאָל בלויז אויספירבאַרע אויפגאַבעס ? זיינען דען די רעליגיעס ניט קיין אויסדרוק פון מענשלעכע גלוסטונגען און האָפענונגען אויף ניט־אויספירבאַרע אויפגאַבעס ? און קען מען דען זאָגן אַז די ריזיקע צאָל אָנהענגער פון די רעליגיעס שטעלן מיט זיך ניט פאָר די מענשהייט ? מ׳קען אפשר זאָגן, אַז אָט אַזעלכע גלוסטונגען און האָפענונגען ווערן ניט מקויים איידער די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאָר זייער פאַרווירקלעכונג זיינען שוין פאַראַן, אָבער עס דאַרף, דוכט זיך, זיין קלאָר, אַז עס איז פאַלש צו באַהויפּטן אַז די מענשהייט שטעלט זיך ניט קיין ניט־אויספירבאַרע אויפגאַבעס.

און ניט נאָר דער געדאַנק, אויך דער מענשלעכער ווילן שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע.

איז, למשל, די עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק, טראָץ אַלע פאַרפאָלגונגען קעגן אים איבער דעם משך פון אַזאַ לאַנגן היסטאָרישן פעריאָד, ניט קיין באַווייז, וואָס אַזוינס מענשלעכער ווילן און עקשנות קענען דערגרייכן ? און וואָס איז עפּעס מכח דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע — איז זי דען ניט דורכגעפירט געוואָרן און איז זי דען ניט טיילוויז דערפאָלגרייך טראָץ דעם וואָס די עקאָנאָמיק אין רוסלאַנד איז נאָך ניט געווען רייף פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע ? די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן גע׳טענה׳ט אַז די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע מוז זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל, האָבן זייער טעות געמאַכט בלויז דערמיט וואָס זיי האָבן ניט גענומען אין באַטראַכט דעם מענשלעכן ווילן, וועלכער קען אַ סך שוועריקייטן בייקומען. געוויס, די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז געווען ניט־ווינשנסווערט, וואָרים דאָרט וואו די אָביעקטיווע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיינען נאָך ניט רייף פאַר סאָציאַליזם מוז אַ פאַרזוך אים איינצופירן פירן צו ליידן און פאַראַרימונג פון דער באַפעלקערונג. אָבער ניט־ווינשנסווערטקייט איז דאָך ניט דאָס זעלבע וואָס ניט־מעגלעכקייט.

אויב אַ יונגערמאַן, וואָס לעבט אין דעם גרעסטן וואוילטאָג, קען פרייוויליק אַוועקגיין אין מלחמה, לעבן אויפן פראָנט אין אַ לאָך

אין דער ערד, אין בלאָטע, נעץ און קעלט, אָפט אָן אַ ביסן ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער, און דערביי נאָך שרייען „הוראַ!" — דער־מאָלט מוז מען מאַכן דעם אויספיר, אַז צו דעם וואָס דער מענשלעכער ווילן קען דערגרייכן איז באמת גאָר קיין גרענעץ ניטאָ.

און וואָס איז עפּעס מכח דעם סאָציאַליזם גופא? האָבן ניט געטרוימט וועגן אים, געהאָפט אויף אים און געשטרעבט צו אים די אידישע נביאים, פּלאַטאָ און אַ סך אַנדערע דענקער און טרוימער אין פאַרשיידענע צייטן — אַ סך פריער איידער די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז געווען רייף פאַר אים? און ווען די צייט איז שוין רייף געוואָרן פאַר אַ מאַסנהאַפטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן זיך דען אין די סאָציאַליסטישע רייען ניט געפונען אַ באַדייטנדע צאָל מענשן וואָס די איינפירונג פון סאָציאַליזם וואָלט זיי פּערזענלעך פאַראורזאַכט עקאָנאָמישן שאָדן? און צווישן די וואָס האָבן גע־בראַכט די גרעסטע קרבנות פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל האָבן דען ניט די הויפּט־ראָלע געשפּילט דווקא קינדער פון רייכע עלטערן?

ווי אַזוי־זשע קען אָפּגעלייקנט ווערן דער אידעאַליסטישער כאַראַקטער פון דעם קאַמף פאַר דעם סאָציאַליזם? ווי אַזוי קען אָפּגעלייקנט ווערן, אַז די הויפּט אַנטרייב־קראַפט הינטער דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז ניט דער עקאָנאָמישער אינטערעס נאָר דער געפיל פון יושר, דער געפיל פון רחמנות, די פעאיקייט פון מענשן צו אידענטיפיצירן זיך מיט די באַ'עוול'טע און באַליידיקטע, דער „ואהבת לרעך כמוך"? פאַר עקאָנאָמישע אינטערעסן אַליין וואָלטן מענשן ניט געווען גרייט צו ברענגען אַזעלכע קרבנות ווי די מערסטע סאָציאַליסטן זיינען תמיד גרייט צו ברענגען פאַר זייער אידעאַל. מאַרקס אַליין וואָלט ניט אוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן פאַר דעם סאָציאַליזם, ווען דאָס וואָלט געווען אַ פראַגע פון בלויזן עקאָ־נאָמישן אינטערעס. מ'מעג זאָגן מיט זיכערקייט, אַז מאַרקס וואָלט מיט דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע געווען פּונקט אַזאַ גוטער סאָציאַליסט ווי מיט דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, — נישקשה, ער וואָלט שוין געפונען אַ פילאָזאָפישע דערקלערונג, ווי אַזוי דער אַבסאָלוטער גייסט דיקטירט ממש דעם סאָציאַליזם, — וואָרים סאָ־ציאַליזם איז געווען ביי אים אין בלוט, וואָרים סאָציאַליזם איז געווען זיין ווילן, ווי ביי אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן. אַ ראיה לדבר האָבן

מיר דערפון, וואָס אַ סאָציאַליסט איז מאַרקס געוואָרן נאָך איידער ער איז געווען אַ מאַטעריאַליסט.

דעריבער מיין איך, אַז אין עצם זיינען די מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן ניט קיין קלענערע מאמינים אין דעם אידעאַל ווי די אַנטי־מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן. זיי מיינען בלויז, אַז זיי זיינען מאַטעריאַליסטן. דער דאָזיקער טעות נעמט זיך ביי זיי דערפון, וואָס אין דער מאַרקסיסטישער סיסטעם איז פּראַקטישקייט אַזוי צונויפגעקניפּלט געוואָרן מיט מאַטעריאַליזם, אַז ווענדיק אָנהאַלטן די פּראַקטישקייט פון דעם מאַרקסיזם מיינען זיי, אַז זיי זיינען שוין אויך מחויב זיך צו האַלטן פאַר דעם מאַטעריאַליזם.

מאַרקס האָט אינעם סאָציאַליזם, אָן ספק, אַריינגעבראַכט עטלעכע העכסט־קאָנסטרוקטיווע, רעאַליסטיש־פּראַקטישע געדאַנקען, וועלכע האָבן געענדערט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. (אגב, דאָס אַליין באַווייזט, וואָס פאַר אַ ראָלע די פּערזענלעכקייט שפּילט אין לעבן). די דאָזיקע געדאַנקען קענען פאָרמולירט ווערן אָט אַזוי:

ערשטנס, — אַז מ'קען ניט איינפירן דעם סאָציאַליזם דורך שאַפן סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען אויף אַ באַגרעניצטן מאָסשטאַב, דורך סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס א. אַז. וו. — וויפיל קרבנות־גרייטקייט די איינצלנע סאָציאַליסטן זאָלן דערביי ניט אַרויסווייזן. דער סאָציאַליזם קען, הייסט עס, פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אין געזעלשאַפטלעכן מאַסשטאַב.

צווייטנס, — אַז דער סאָציאַליזם קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן פריער ווי דער קאַפּיטאַליזם וועט ניט צוגרייטן יענע פּראָדוקציע־אינסטרומענטן, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן אַז די געזעלשאַפט זאָל זיך שוין קענען באַגיין אָן דער ספּעציעלער פּריוואַט־איניציאַטיוו פון דעם איינצלנעם מענשן.

דריטנס, — אַז קיין ענדערונג אין אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג קען ניט פאָרקומען אָן אַ קאַמף; אַז אַ קאַמף קען ניט געפירט ווערן אָן אַן אַרמיי; און אַז די רעקרוטן פאַר אַזאַ אַרמיי קענען קומען הויפּטזעכלעך פון די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט וועלכן די קאַפּיטאַליסטן האָבן צונויפגעזאַמלט אין זייערע מילן און פאַבריקן.

די דאָזיקע געדאַנקען זיינען זייער רעאַליסטישע און די פּראַק־

טישע באַדייטונג זייערע פאַר דעם סאָציאַליזם קען קוים איבער־געשאַצט ווערן. פּראַקטישקייט, אָבער, מוז ניט דווקא גיין האַנט־אין־האַנט מיט מאַטעריאַליזם.

למשל, אַנשטעלן אַ קאַנאָן אַזוי אַז זיינע קוילן זאָלן ניט גיין אין גיוועץ און זאָלן טרעפן אין ציל, איז פּראַקטיש־נויטיק; אָבער קיין מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג פאָדערט זיך ניט דערויף. אַז פירן די פאַראייניקטע פעלקער איצט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט, און זיי פירן זי גאַנץ פּראַקטיש, מיט אויסרעכענונג, נעמענדיק אין באַטראַכט פּראָדוקטיווע, טאַקטישע, סטראַטעגישע און אויך פּסי־כאָלאָגישע פאַקטאָרן, און זיי האָבן אַלע אויסזיכטן די מלחמה צו געווינען, כאָטש קיין מאַטעריאַליסטישע אידעאָלאָגיע באַנוצן זיי ניט דערביי. געווי אַזוי קען געפירט ווערן דער קאַמף, אָדער גאָר די מלחמה, פאַר דעם סאָציאַליזם. רעכענענדיק זיך מיט די פּראַקטישע פאָדערונגען פון דעם קאַמף און פון דעם נצחון, נויטיקט ער זיך אָבער ניט גראַד אין אַ מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג.

צוגעמענדיק דעם פּראַקטישן צושטייער, וואָס דער מאַרקסיזם האָט צום סאָציאַליזם געבראַכט, קען אָבער די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג פאַרוואַרפן דעם מאַרקסיסטישן פּרוּוו קינסטלעך אַריינצו־קוועטשן דעם סאָציאַליזם אין אַ מאַטעריאַליסטישן יאָך, וואָס האָט ברייט צעעפנט טיר און טויער פאַר דער פאַרהערלעכונג פון גע־וואַלט, ציניזם און ברוטאַליזאַציע; קען זי דעם סאָציאַליזם צוריק אַוועקזעצן אויף דעם טראָן פון אידעאַל, דעם העכסטן טראָן אין באַזיץ פון דער מענטשהייט. און ניט נאָר קען זי, נאָר זי איז דאָס מחויב צו טאָן . . .

וואָרים צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם מאַטעריאַליזם איז אייגנטלעך פאַראַן אַ טיפער אינערלעכער ווידערשפּרוך און איינס שליסט אויס דאָס צווייטע;

וואָרים בעצם זיינען אפילו די מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן גופא אָנהענגער ניט פונם בלינדן, כמעט־פאַטאַליסטישן מאַטעריאַליזם, נאָר גאָר פון דעם פרייען מענטשלעכן ווילן.

אידעאַל און פּראַקטישקייט

אין איין הינזיכט איז דער סאָציאַל־רעוויזיאָניסטישער געדאַנק דער אמ'ער נאָכפאָלגער פון מאַרקסיזם — דאָס איז אין הינזיכט פון פּראַקטישקייט. צוזאַמען מיט דעם מאַרקסיזם, גלויבט דער סאָציאַל־רעוויזיאָניזם, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג טאָר זיך ניט האַלטן אָן אַבסטראַקטע טעאָריעס און פּרינציפּן וועגן אמת און יושר אַליין, נאָר מוז זיך רעכענען מיט דער לעבנס־דערפאַרונג און מוז צופּאַסן איר טאַקטיק צו דער ווירקלעכקייט, צום רעאַלן לעבן. און, — שוין ניט צוזאַמען מיטן מאַרקסיזם, נאָר אָן אים און קעגן אים, — האָט דער סאָציאַל־רעוויזיאָניזם די חוצפּה צו גלויבן, אַז אויב יענע רעאַליסטיש־פּראַקטישע געדאַנקען גופא וואָס מאַרקס האָט אַריינגעבראַכט אין דעם סאָציאַליזם שטעלן זיך אַרויס פאַר גאָרנישט קיין פּראַקטישע, אָדער פאַר ניט אינגאַנצן קיין פּראַקטישע, דאַרפן אויך זיי פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צוריקגעוויזן אָדער לפּחות מאָדיפיצירט ווערן. אָט אַזוי פאַרגלויבט אין פּראַקטישקייט איז ער!

אין די דריי רעאַליסטישע הויפּט־געדאַנקען, וואָס דער מאַרקסיזם האָט אַריינגעבראַכט אינם סאָציאַליזם, זוכט דער סאָציאַל־רעוויזיאָניזם, — טאַקע צוליב טעמים פון פּראַקטישקייט, — אַריינצוטראָגן די פאָלגנדיקע רעוויזיע:

אין דעם געדאַנק, אַז סאָציאַליזם קען ניט איינגעפירט ווערן דורך סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען אויף אַ באַגרעניצטן מאַסשטאַב, אַז פאַרווירקלעכט קען ער ווערן נאָר אין געזעלשאַפטלעכן מאַסשטאַב, שלאָגט ער פאָר די אויסבעסערונג, אַז . . .

— פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם קען מען טאַקע בלויז אין געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם, אָבער די סאָציאַליזאַציע אין געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם מוז ניט דווקא דורכגעפירט ווערן אין אַלע געביטן פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיע גלייכצייטיק און מיטאַמאָל. אויב

און וויבאַלד מיר האָבן אַ גוטן גרונט חושד צו זיין, אַז די מיטאַמאַ־ליקע סאָציאַליזאַציע פון אַלע עקאָנאָמישע געביטן מוז פירן צו טאָטאַליטאַריזם, ד. ה. צו שקלאַפעריי, זיינען מיר מחויב זיך צו באַגרעניצן אויף שטופנווייזער סאָציאַליזאַציע פון איינצלנע, באַזונדערע אינדוסטריען, הויפּטזעכלעך אַזעלכע וואָס זיינען ספּעציעל רייף פאַר דעם. טאָקע, הייסט עס, סאָציאַליזאַציע אין געזעלשאַפטלעכן פאַר־נעם, אָבער אַן אויסשליסלעכן געזעלשאַפטלעכן מאָנאָפּאָליזם און אָן טאָטאַלער סאָציאַליזאַציע אין אַלע עקאָנאָמישע געביטן מיטאַמאָל.

מיטן מאַרקסיסטישן געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם קען פאַרווירק־לעכט ווערן נאָר דעמאָלט ווען די געזעלשאַפט וועט זיך שוין קענען באַגיין אָן דער ספּעציעלער פּריוואַט־איניציאַטיוו פון דעם איינצלנעם מענטשן, איז דער רעוויזיאָניזם פולשטענדיק מסכים, אָבער ער איז מוסיף דערצו, אַז . . .

— ניט אין אַלע געביטן קען די געזעלשאַפט זיך שוין באַגיין אָן דער איניציאַטיוו פון דעם פּריוואַט־אונטערנעמער. נאָך מער: אין אַ סך געביטן, ספּעציעל אין דער באַדינונג, קען די פּריוואַט־איני־ציאַטיוו נאָך זייער לאַנג זיין נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט. דעריבער דאַרפן נאַציאָנאַליזירט ווערן בלויז יענע געביטן, וואו די פּריוואַט־אינדוסטריע האָט איר געזעלשאַפטלעכע נוצלעכקייט אינגאַנצן פאַר־לאָרן.

און וואָס איז שייך דעם דריטן מאַרקסיסטישן געדאַנק, אַז אָן ענדערונג אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג קען אָן אַ סאָציאַלער מלחמה ניט פאָרקומען, און אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז פון דער געשיכטע אַליין באַשטימט געוואָרן צו דינען אַלס די אַרמיי פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, — דעם דאָזיקן געדאַנק ווייזט דער סאָציאַל־רעוויזיאָניזם אינגאַנצן צוריק, מחמת . . .

— בלויז דער מיטאַמאָליקער, טאָטאַלער סאָציאַלער איבערברוך קען ניט אויסקומען אָן אַ געוואַלטזאַמען צוזאַמענשטויס און אָן אַרמיי. די שטופנווייזע עוואָלוציע פון דער געזעלשאַפט אין דער ריכטונג פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג, אָבער, קען גאַנץ פיין זיך באַגיין אָן אַזאַ צוזאַמענשטויס. די בהדרגה׳דיקע אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם נויטיקט זיך דעריבער ניט אין אַן אַרמיי פון פּראָלע־טאַריאַט, נאָר אין דער סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון מערערע

געזעלשאַפטלעכע שיכטן און קלאַסן. אַן אַרמיי פאַר אַ סאָציאַלער מלחמה קען אפשר צוגעשטעלט ווערן פון איין־איינציקן קלאַס, אָבער מערהייטן פאַר אַ בהדרגה'דיקן סאָציאַליזאַציע־קאַמף קענען פון איין קלאַס ניט צוגעשטעלט ווערן, ווי צאָלרייך דער דאָזיקער קלאַס זאָל ניט זיין; אַזעלכע מערהייטן קענען קומען פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע קלאַסן. אַזאַ קאַמף קען דעריבער ניט זיין אָריענטירט אויף דעם פּראָלעטאַריאַט אַליין.

די דאָזיקע רעוויזיע אין סאָציאַליסטישער טאַקטיק שטייט אין דעם זעלביקן שייכות צום מאַרקסיזם ווי דער מאַרקסיזם צו דעם אַזוי גערופענעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם. פריער איז געקומען דער מאַרק־סיזם מיט זיינע גרונט־הנחות, און זיי זיינען פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג כמעט אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרן הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז זיי גיבן דער באַוועגונג אַ פונדאַמענט פון פּראַקטישקייט. און איצט, ווען עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַנשטאָט פּראַקטישקייט האָט דער מאַרקסיזם דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג גאָר געבראַכט אַ נייעם מין אוטאָפּיזם, אַז ער האָט איר פאַרשלעפּט אויף די פאַרדרייטע וועגן פון דאָגמאַטיזם וועל־כער פרעסט־אויף דעם סאָציאַליסטישן קערן, קומט דער רעוויזיאָניזם און פּרובירט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַרויספירן אויף אַ וועג פון אמת'ן רעאַליזם, פון אמת'ער פּראַקטישקייט.

און פּונקט ווי די שאַרפע מאַרקסיסטישע קריטיק פון דעם אוטאָ־פּישן סאָציאַליזם האָט ניט באַדייט, אַז די מאַרקסיסטן זיינען געוואָרן אומטריי דעם סאָציאַליזם, אַזוי אויך באַדייט ניט די רעוויזיאָניסטישע קריטיק פון מאַרקסיזם, ווי שאַרף זי זאָל ניט זיין, אַז די רעוויזיאָ־ניסטן זיינען געוואָרן אומטריי דעם סאָציאַליזם. ביידע ריכטונגען זיינען בעצם געבליבן טריי דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. דער שטרייט צווישן זיי איז אַ מלחמת־מצווה אין אמת'ן זין פון וואָרט — אַ מלחמה צוליב און פאַר דעם סאָציאַליזם.

***

אָט דער געדאַנק דאַרף שטאַרק אונטערגעשטראָכן ווערן, וואָרים ניט איין סאָציאַליסט טראָגט זיך אַרום מיטן חשד, אַז די רעוויזיאָניסטן זיינען אייגנטלעך מער קיין סאָציאַליסטן ניט, אַז זיי האָבן זיך אָפּ־געזאָגט פון דעם סאָציאַליזם אָדער אים גאָר פאַרראַטן.

דער דאָזיקער חשד נעמט זיך דערפון, וואָס די רייד פון די סאָציאַליסטישע רעוויזיאָניסטן קלינגען כמעט אידענטיש מיט די רייד פון יענע פּראַגמאַטיקער, וועלכע גלויבן ניט אין קיין שום אידעאַל; וועלכע האַלטן, אַז דער בעסטער אידעאַל איז גאָרניט קיין אידעאַל; וועלכע מיינען, אַז עס דאַרף געטאָן ווערן דאָס וואָס דער מאָמענט פאָדערט, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם וואוהין דאָס קען פירן און כמעט ניט טראַכטנדיק וועגן דעם.

ניט נאָר גלויבן אַזעלכע פּראַגמאַטיקער ניט אין דעם כח און נוצלעכקייט פון אידעאַלן, נאָר זיי באַציען זיך נעגאַטיוו אפילו צו דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, צו יעדער עקאָנאָמישער גענעראַליזאַציע, צו יעדער עקאָנאָמישער טעאָריע.

סטואַרט טשייס, למשל, געהערט צו אַט דעם מין פּראַגמאַטיקער. אויף יעדן טעאָרעטיקער, אויף יעדן פּאָליטישן עקאָנאָם קוקט ער ווי אויף אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען. ער לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט אָפּצו׳חוזק׳ן פון דער „קלאַסישער" פּאָליטישער עקאָנאָמיע און זי מאַכן צו קליינגעלט — און אונטער „קלאַסישער" פּאָליטישער עקאָנאָמיע פאַרשטייט ער ניט עפּעס אַנדערש ווי די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע וויסנשאַפט בכלל. אַז מ׳דאַרף האָבן אָפּוועגער און אָפּמעסטער פון דאָס שוין אָפּגעטאָנענע, — בוכהאַלטערס און סטאַטיסטיקער, — דאָס פאַרשטייט סטואַרט טשייס. אָבער אונטער־ציען סך־הכל׳ען פון די באַזונדערע פאַקטן פון עקאָנאָמישער דער־פאַרונג, שאַפן כללים אין שייכות מיט דער דאָזיקער דערפאַרונג, — דאָס איז אין זיינע אויגן ניט נאָר אַן אַרויסגעוואָרפענע, נאָר זאַגאַר אַ שעדלעכע אַרבעט.

און סטואַרט טשייס איז ניט קיין אויסנאַם צווישן אַט דעם מין פּראַגמאַטיקער. טורמאַן וו. אַרנאָלד איז אַט אין דער הינזיכט אַ סך ערגער פון אים.

דער הויפּט־געדאַנק פון אַרנאָלד׳ס וויכטיקסטן ווערק, „פאָלקלאָר אָוו קעפּיטאַליזם", באַשטייט אין דעם, אַז ווען די פּראַקטיק פון טאָג־טעגלעכן לעבן שטויסט זיך אָן אויף די פאָראורטיילן אָדער אויף דער „טעאָלאָגיע" (וואָס ער רופט „פאָלקלאָר") פון אַ פאַרגאַנגענער צייט דאַרף מען זיך מיט זיי ניט שטאַרק צערעמאָניִרן; אַז מ׳דאַרף זיך ניט רעכענען מיט קיין פאַרהערלעכטן געדאַנק, פּרינציפּ אָדער

אידעאַל. אין דעם דאָזיקן ווערק טרעט אַרנאָלד אַרויס ווי אַ פּאַנאַ־טישער פּריסטער פון האַנדלונג, פון טאַט (וואָס ער רופט „אָרגאַני־זאַציע”), פון טאָן וואָס עס דאַרף געטאָן געוואָרן, אפילו ווען דערביי מוזן פאַרשוועכט ווערן די סאַמע עלעמענטאַרע באַגריפן פון פּשוט'ער ערלעכקייט. ביי אַרנאָלדן איז פּאַקטיש גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי ערלעך און אומערלעך, יושר'דיק און אום'יושר'דיק, גוט אָדער שלעכט. ניטאָ ביי אים אַזאַ זאַך ווי ווינשנסווערטקייט; בלויז נויטווענדיקייט עקזיסטירט פאַר אים, און דאָס נויטווענדיקע איז פאַר אים אויך דאָס ווינשנסווערטע.

אמת, אין דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט טוען סיי טשייס, סיי אַרנאָלד און סיי די גאַנצע פּלעיאַדע דענקער פון אָט דער פּראַג־מאַטישער שיטה זייער אַ גוטע און נוצלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. דערמיט, וואָס זיי באַקעמפן אַזוי שאַרף די פאַראורטיילן קעגן „גאָווערנמענט אין ביזנעס”, און זיי אַרגומענטירן אַזוי איבערצייגנדיק אַז אין דער איצטיקער צייט איז „גאָווערנמענט אין ביזנעס” פּאַק־טיש אַן אומפאַרמיידלעכקייט, מאַכן זיי אַ גרויסן ביטראַג צום סאָציאַלן פּראָגרעס. אָבער אַז עס פעלט זיי די ווייטע וויזיע און אַז זיי זיינען עפּעס ווי אימון צו אידעאַלן, דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל איינגעשלאָסן, — דאָס קען ניט געלייקנט ווערן.

און ווייל די רייד פון די סאָציאַליסטישע רעוויזיאָניסטן קלינגען אַזוי ענלעך אויף די רייד פון די פּראַגמאַטיקער, נעמען אַ סך סאָציאַ־ליסטן אָן, אַז די רעוויזיאָניסטן זיינען פלייש און בלוט פון דער דאָזיקער ריכטונג.

לעצטן יאָר, למשל, האָט מאַקס איסטמאַן אָפּגעדרוקט אין „ניו לידער” צוויי אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט אַרגומענטירט אַז די פּריוואַט־איניציאַטיוו האָט נאָך ווייט ניט אָפּגעלעבט איר געזעל־שאַפטלעכע נוצלעכקייט. מחמת איסטמאַן איז אַן אויסגעצייכנטער שרייבער מיט אַ גלענצנדן סטיל האָבן די דערמאָנטע אַרטיקלען זיינע געמאַכט אַ היפּשן רושם אויף סאָציאַליסטישע לעזער. באַ־געגענענדיק זיך צופעליק מיט איינעם פון די אַלטע סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: „נו, ווי געפעלן אייך עפּעס איסטמאַנס אַרטיקלען אין „ניו לידער”? איז ער געוואָרן אויסער זיך פון אויפרעגונג און האָט שאַרף געענטפערט: „מיט

מענשן וואָסריידן וועגן פּריוואַט־איניציאַטיוו איז ניטאָ וואָס צו דעבאַטירן״.

ווען ער ווערט ניט אַזוי אויפגערעגט, וואָלט דער באַטרעפנדער סאָציאַליסט מיר מסתמא געענטפערט אָט וואָס: „עס קען טאַקע זיין אַז די פּריוואַט־איניציאַטיוו איז נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעשפּילט. אָבער צי איז דאָס די עובדא פון אַ סאָציאַליסט צו באַטאָנען דווקא דעם דאָזיקן אַספּעקט פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג? דוכט זיך, די פליכט פון אַן אמת׳ן סאָציאַליסט איז צו ריידן בלויז און אויס־שליסלעך וועגן דעם, אַז די פּריוואַט־איניציאַטיוו האָט שוין פאַר־לאָרן, און מיט יעדן טאָג פאַרלירט זי אַלץ מער, איר פריערדיקע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג״.

דאָס, בין איך מודה, וואָלט געווען זייער אַ זאַכלעכע טענה. אָבער דערפון דאַרף מען נאָך ניט דרינגען, אַז די איסטמאַנס און די אַנדערע סאָציאַליסטישע רעוויזיאָניסטן זיינען געוואָרן אויס סאָ־ציאַליסטן. זיי שטעלן זיך אָפּ אַזוי אָפט אויף דער פּראָבלעם פּריוואַט־איניציאַטיוו דערפאַר ווייל די מאַרקסיסטן איגנאָרירן זי גאָר אינגאַנצן, ווייל די דאָזיקע פּראָבלעם איז פאַר זיי כמעט אַ פאַרבאָטענע טעמע, ווי די אויפרעגונג פון מיין באַקאַנטן סאָציאַליסטישן שריפטשטעלער באַשטעטיקט עס זייער גוט; דערפאַר, ווייל די סאָציאַליסטישע טאַקטיק רעכנט זיך מיט איר כמעט אינגאַנצן ניט. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט אַננעמען דעם רעוויזיאָ־ניסטישן אידייאישן איינשטעל, וועלן די רעוויזיאָניסטן טאַקע אויפהערן ריידן וועגן פּריוואַט־איניציאַטיוו, איבערלאָזנדיק די דאָזיקע טעמע פאַר די אמת׳ע קעגנער פון סאָציאַליזם.

ווען דער מאַרקסיזם מיט זיין נעגאַטיווער באַציאונג צו סאָציאַ־ליסטישע עקספּערימענטן אויף אַ קליינעם, באַגרעניצטן מאַסשטאַב איז אַרויסגעטראָטן אויף דער סאָציאַליסטישער אַרענע, איז ער געווען גענויגט צו באַציען זיך, מילד גערעדט, מיט ביטול אויך צו קאָ־אָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען בכלל. שפּעטער, אָבער, ווען דעם מאַרקסיזם איז געלונגען צו ווערן די הערשנדע ריכטונג אין דעם סאָציאַליזם, האָט ער זיין קעגנערשאַפט צו קאָאָפּעראַטיווע אונטער־נעמונגען אויפגעגעבן. אַן ענלעכע אַנטוויקלונג וואָלט אויך דער

סאָציאַליסטישער רעוויזיאָניזם דורכגעמאַכט, ווען זיין שיטה זאָל ווערן די הערשנדיקע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די רעוויזיאָניסטן וואָלטן דעמאָלט אויפגעהערט ריידן אַזוי פיל וועגן פּריוואַט־איניציאַטיוו. צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן וואָלטן זיי פאַרווענדט זייער ענערגיע און ענטוזיאַזם הויפּטזעכלעך אויף אויפדעקן יענע געביטן וואו די פּריוואַט־איניציאַטיוו איז שוין אויסגעשפּילט און וועלכע זיינען שוין רייף פאַר סאָציאַליזאַציע.

באַפרייענדיק זיך פון דעם מאַטעריאַליסטישן יאָך, וואָלט דער סאָציאַליסטישער אידעאַליזם ערשט ווי געהעריק געקענט שפּילן זיין ראָלע אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם. אָנערקענענדיק דעם גוואַל־דיקן כח און ווירקזאַמקייט פון דעם אידעאַל אין דעם לעבנס־קאַמף, וואָלטן סאָציאַליסטן געקענט קאָנסטרוקטיוו העלפן דעם דערפאָלג פון סאָציאַליזם אויף אַזעלכע אופנים וועלכע דער מאַרקסיזם האָט, צוליב זיין מעכאַניסטישער אויפפאַסונג פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, פאַרנאַכלעסיקט — דורך דערציען די אַרבעטער אין נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריען צו סאָציאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט; דורך ווירקן, אַז די באַדינונג פון סאָציאַליזירטע אינדוסטריען זאָל לפּחות ניט בלייבן הינטערשטעליק לגבי דער באַדינונג פון פּריוואַטע אינדוסטריען; און אפשר טאַקע אויך דורך אַנטמוטיקן צו הויכע פאָדערונגען מצד די אַרבעטער אין סאָציאַליזירטע אינדוסטריען, איבערהויפּט דעמאָלט ווען דאָס קען אַרויפשרויפן דעם פּרייז פון די פּראָדוקטן און העלפן דיסקרעדיטירן דעם סאָציאַליזאַציע־געדאַנק אין די אויגן פון די פאָלקס־מאַסן.

אָבער קיינמאָל און אונטער קיינע אומשטענדן וועלן די סאָציאַ־ליסטישע רעוויזיאָניסטן ניט אויפגעבן זייער איבערצייגונג, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג טאָר זיך ניט האַלטן פאַר אַבסטראַקטע טעאָריעס און דאָגמעס און אַז זי מוז איר טאַקטיק צופּאַסן צום רעאַלן לעבן; קיינמאָל וועלן זיי זיך ניט אָפּזאָגן פון זייער גלויבן אין פּראַקטישקייט, אין פּראַקטישן אידעאַליזם, ד. ה. אַז דער אידעאַל גופא דאַרף זיך רעכענען מיט פּראַקטישקייט, — אין וועלכער הינ־זיכט זיי זיינען די אמת'ע יורשים פון דעם מאַרקסיסטישן פּראַק־טישקייט־געדאַנק.

די באַדייטונג פון פּראַקטישקייט פאַר דעם סאָציאַליסטישן

אידעאַל קען בעסער פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערן דורך אַ פאַרגלייך מיט אַן אַנדער אידעאַל, וועלכערליידט שטאַרק דערפון וואָס ער רעכנט זיך ניט, אָדער רעכנט זיך ניט גענוג, מיט דער מענשלעכער נאַטור.

דאָס איז דער אידעאַל, אַז דער מענש איז מחויב צו קאָנטראָלירן, האַלטן אין צאַם זיינע חיה׳שע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן. קיינער קען דוכט זיך ניט אויסזעצן קעגן אָט דעם אידעאַל. אָן דעם דאָזיקן אידעאַל וואָלט דער מענש ווירקלעך ניט געשטאַנען קיין סך העכער פון דער חיה אָדער פון דער בהמה. אָבער ווען דער דאָזיקער אידעאַל ווערט דערפירט צום עקסטרעם, ווען ער ווערט באַנוצט אויף שאַפן אַ סיסטעם פון אַסקעטיזם, פרישות און נזירות, דעמאָלט פירט ער אָפט צו פאַרקערטע רעזולטאַטן איידער די וואָס מ׳האָט פון אים דערוואַרט — צו פערווערזיע, צו אויסגעלאַסנקייט.

געווי דאָס זעלבע מוז פאַרקומען מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. ווען סאָציאַליסטן רעכענען זיך ניט מיט דער מענשלעכער נאַטור, ווען זיי האַלטן זיך מיט דאָגמאַטישן פאַנאַטיזם ביי דעם געדאַנק אַז דער סאָציאַליזם דאַרף דורכגעפירט ווערן ביז צו זיין סאַמע ענדציל מיטאַמאָל, דעמאָלט מוז עס פירן צו אַ סיסטעם פון טאָטאַליטאַריזם, צו דער פאַרשקלאַפונג פון דער מענשלעכער פערזענלעכקייט, צו דער אונטערגראַבונג פון זיין חשיבות, — פונקט צום היפוך, הייסט עס, פון סאָציאַליזם, וועלכער שטרעבט צו דער באַפרייאונג פון דער מענשלעכער פערזענלעכקייט און צו דער דערהויבונג פון איר חשיבות.

און כדי אויסצומיידן אַזעלכע קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן אין דער צוקונפט, מוז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דעם וועג וואָס פירט אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם באַלויכטן מיט דעם עמוד־האש פון פראַקטישן אידעאַליזם.

קלאַסן
און
קלאַסן-קאַמף

וועלכער געזעלשאַפטלעכער קלאַס איז בטבע גענייגט צו רעוואָלוציאָנערישקייט?

סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן מאַכן אָפּט די באַהויפּטונג, אַז רעפאָרמיזם איז „קליינבירגערלעך". געוויינלעך ווערט די דאָזיקע באַהויפּטונג געמאַכט כלאחר־יד, — אַזוי זיך, פאַרבייגייענדיק, גיט מען אַ זאָג אָדער אַ שרייב: „דער קליינבירגערלעכער רעפאָרמיזם", — כלומרשט ווי דאָס וואָלט געווען אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, וועלכן מ'דאַרף גאָרניט באַווייזן. דער ענין איז אָבער ווייט ניט אַזוי איינפאַך, אַז ער זאָל קענען אָפּגעפּטר'ט ווערן מיט אַ פאַרבייגייענדיקער באַמערקונג.

וואָס, אייגנטלעך, ווערט אונטער דעם באַגריף „קליינבירגערלעך" פאַרשטאַנען? פשוט גערעדט: וועלכן געדאַנק דריקט דאָס דאָזיקע וואָרט אויס?

דער ענטפער אויף אָט דער פראַגע איז, אַז ער דריקט אויס צוויי געדאַנקען.

איין געדאַנק איז, אַז „קליינבירגערלעך" זיינען יענע, וואָס האָבן מורא פאַר ענדערונגען און זוכן מיט דער גרעסטער עקשנות צו בלייבן שטיין פאַרגליווערט אויף איין פונקט; יענע, וועמען עס פעלט פאַרנעם, שוואונג, וויזיע.

אַזוי ווי עס עקזיסטירט אַן אָנגענומענע פאַרשטעלונג, אָדער גאָר אַ פאָראורטייל, וועגן אַ געוויסן טיפּ פונם קליינבירגערטום, פונם נידעריקן מיטל־קלאַס, אַז די גייסטיקע הויפּט־כאַראַקטעריסטיק זיינע באַשטייט אין דעם, וואָס ער היט־אויף און קאָנאַזירט אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און קאָנווענציעס, ווי ער האָט זיי געפונען ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט, און ער קען אפילו אין דמיון זיך ניט פאַרשטעלן אַנדערע אינסטיטוציעס און

קאָנווענציעס, איידער די וואָס עקזיסטירן איצט, — הייסט עס, לויט דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז יעדער איינער וואָס באַזיצט די זעלביקע כאַראַקטעריסטיקעס איז . . . אַ „קליינבירגער".

דער צווייטער געדאַנק איז כמעט אַ ריין־עטימאָלאָגישער. ער מיינט צו זאָגן גאַנץ איינפאַך, אַז „קליינבירגערלעך" איז אַלץ, וואָס איז ניט־פּראָלעטאַריש.

לויט אָט דעם צווייטן געדאַנק קומט אויס, אַז יעדער באַגריף, פאָרשטעלונג, אידעאַל, וואָס שטימט ניט מיט די באַגריפן, פאָרשטעלונגען און אידעאַלן פון אַרבעטער־קלאַס, פונם פּראָלעטאַריאַט, איז . . . קליינבירגערלעך.

פרעגט מען, צי קענען די דאָזיקע צוויי באַגריפן אָנגעווענדט ווערן אויף רעפאָרמיזם, ספּעציעל אויף סאָציאַלן רעפאָרמיזם, מוז דער ענטפער זיין אַ קאַטעגאָרישער: ניין!

אַז די באַצייכענונג „קליינבירגער", אין זין פון ערשטן טייטש פונם וואָרט, קען ניט אָנגעווענדט ווערן אויף רעפאָרמיזם דאַרף, דוכט זיך, ניט שווער זיין איינצוזען. ניט דער רעפאָרמאַטאָר האָט מורא פאַר ענדערונגען און ניט ער וויל בלייבן שטיין אויף איין אָרט. ווען ער האָט ליב דאָס אַלטע און האָט מורא פאַר דאָס נייע, וואָלט ער דאָך קיין רעפאָרמאַטאָר ניט געווען. אַז געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס זיינען ניט קיין אייביקע קאַטעגאָריעס, און ווען זיי לעבן אָפּ זייער צייט אָדער נוצלעכקייט דאַרפן זיי אָפּ־טרעטן זייער אָרט פאַר נייע אינסטיטוציעס — אין דעם זיינען דער רעפאָרמאַטאָר און דער רעוואָלוציאָנער איינשטימיק. דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער צד־השווה צווישן זיי, מיט וואָס זיי ביידע אונטערשיידן זיך פון דעם טראַדיציאָנעלן קליינבירגער, וועלכער מיינט אַז געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען געשאַפן געוואָרן פון גאָט אַליין, זיינען הייליק אויף אייביקע אייביקייטן, און טאָרן ניט געענדערט ווערן. בלויז אין דער אָפּשאַצונג פון דער ווינשנס־ווערטער שנעלקייטס־ראַטע פון דעם פאָרווערטס־גאַנג צעגייען זיי זיך. בעת דער רעוואָלוציאָנער גלויבט, אַז דער בעסטער אופן אָנצוקומען צו אַ געגאַרטער דעסטינאַציע איז דער קירצסטער און גיכסטער וועג, — האַלט זיך דער רעפאָרמאַטאָר פאַר דער פאָלקס־

חכמה פון „טישע יעדיעש דאַלשע בודיעש", אַז פאַרנדיק מיט אַ לאַנגזאַמערן טעמפּאָ קען מען אַמאָל גיכער אָנקומען צו דער געווינשטער דעסטינאַציע איידער דורך אַ ווילדן געיעג. און ווי־באַלד דער אמת'ער אונטערשייד צווישן דעם רעפאָרמאַטאָר און דעם רעוואָלוציאָנער באַשטייט אין דער שנעלקייטס־ראַטע פון זייער גע־מיינזאַמען גאַנג אין אַ געוויסער ריכטונג, — דעמאָלט קען דער רעפאָרמאַטאָר בשום אופן ניט פאַרגליכן ווערן מיט דעם קליינ־בירגער, וועלכער רירט זיך איינגאַנצן ניט פון אָרט; דעמאָלט דאַרף מען אים פאַרגלייכן ניט מיט אַ שטייענדיקן, נאָר מיט אַ באַ־וועגנדיקן אָביעקט, וואָס באַוועגט זיך מיט אַ לאַנגזאַמען טעמפּ.

בכלל דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז דער פּאָלעמישער ווערט פון אַ פאַרגלייך איז אַ באַגרעניצטער, וואָרים דער נמשל איז זייער זעלטן גלייך צום משל. אָבער, ווייל מען זיך באַנוצן מיט אַ פאַר־גלייך, דאַרף מען אַכטונג געבן, אַז די פאַרגליכענע זאַכן זאָלן לפּחות זיין מער־ווייניקער פאַרגלייכבאַר, אַז זיי זאָלן ביידע באַזיצן געוויסע עלעמענטן פון ענלעכקייט. אָנווענדנדיק דעם דאָזיקן כלל אויף אונזער פאַל, דאַרף סיי דער רעוואָלוציאָנער און סיי דער רעפאָרמאַטאָר געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פאַרגלייכן ניט מיט סטאַטישע אָביעקטן, נאָר מיט אַזעלכע וואָס געפינען זיך אין אַ צו־שטאַנד פון באַוועגונג.

פאַרשטייט זיך, זיי ביידע מוזן ניט געברויכן דעם זעלביקן פאַרגלייך. יעדערער פון זיי קען געברויכן אַ פאַרגלייך, וואָס פּאַסט זיך בעסער אויפצוקלערן און צו באַקרעפטיקן זיין אייגענעם איינ־שטעל. למשל:

דער רעפאָרמאַטאָר וועט פאַרגלייכן דעם אונטערשייד צווישן זיין אייגענער קאָנצעפּציע פון געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג און דער קאָנצעפּציע פון דעם רעוואָלוציאָנער, זאָגן מיר, צו צוויי אויטאָ־מאָבילן, וועלכע פאָרן איבער דעם זעלביקן שאָסיי, אָבער איינער פליט 80 מייל אַ שטונדע און דער צווייטער פאָרט 40 מייל אַ שטונדע. פון אַט דעם פאַרגלייך וועט ער זוכן צו דרינגען, אַז געננוי ווי דער 40־מייליקער פאָרער קומט אָפּט אָן צו זיין דעסטי־נאַציע גיכער און אוודאי זיכערער ווי דער 80־מייליקער פאָרער,

אַזוי איז עס אויך בנוגע דעם לאַנגזאַמען רעפאָרמיסטישן וועג אין קאָנטראַסט צום שנעלן רעוואָלוציאָנערן וועג; און די טענה פונם רעוואָלוציאָנער אַז דעם רעפאָרמאַטאָר פעלט וויזיע וועט ער פאַר־גלייכן מיט די צוויי אויטאָמאָביל־טרייבער און ער וועט דערפון דרינגען, אַז עס איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט, ווער עס באַזיצט די אמת'ע וויזיע — דער וואָס פליט ווי אַ שד און פליט אָפט אַריין אין אַ קאַטאַסטראָפע, אָדער דער לאַנגזאַמער פאָרער, וואָס עס דויערט אים טאַקע לענגער אָנצוקומען צו זיין דעסטינאַציע אָבער דערפאַר מיידט ער אויס אומגליקן סיי פאַר זיך און סיי פאַר אַנדערע.

דער רעוואָלוציאָנער, ווידער, וועט באַנוצן אַן אַנדער פאַר־גלייך. דעם טעמפּ פון דעם רעפאָרמאַטאָר וועט ער פאַרגלייכן מיט אַ „פערד־און־וועגעלע”, און זיין אייגענעם טעמפּ וועט ער פאַר־גלייכן מיט אַ שנעלצוג, און ער וועט דרינגען, אַז הגם אַ שנעל־צוג שטויסט זיך אַמאָל צוזאַמען מיט אַן אַנדער צוג, איז אָבער די צייט פון דעם „פערד־און־וועגעלע” שוין לאַנג אַריבער און אויב מ'וויל בכלל היינטיקע צייטן ערגעץ־וואו אָנקומען מוז מען זיך באַנוצן מיט דעם שנעלצוג.

ביידע פאַרגלייכן הינקען שטאַרק אונטער, וואָרים פון דער באַוועגונג פון טויטע אויטאָמאָבילן, שנעלצוגן און וועגענער קען מען זייער ווייניק דרינגען אויף געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וואָס באַשטייען פון לעבעדיקע מענטשן, וועלכע ליידן פון געוויסע נויטן און ווערן באַהערשט פון געוויסע פאָרשטעלונגען און אידעאַלן. אָבער די שוואַכקייט פון אָט די פאַרגלייכונגען נעמט זיך פון דער שוואַכקייט פון פאַרגלייכן בכלל. אויף אַזוי ווייט, אָבער, ווי פאַר־גלייכונגען האָבן אַ געוויסן אָרט אין פאָלעמיק, מעג מען זאָגן, אַז די אויבן־געבראַכטע פאַרגלייכונגען, סיי פון דעם רעפאָרמאַטאָר און סיי פון דעם רעוואָלוציאָנער, האַלטן לפּחות אויס די פּראָבע פון עלעמענטאַרער אָרנטלעכקייט.

אָבער נעמען און פאַרגלייכן דעם רעפאָרמאַטאָר מיט דעם קליינבירגער איז פשוט ניט אָרנטלעך. וואָרים צווישן זיי איז ניטאָ די מינדעסטע ענלעכקייט אפילו. אַזאַ פאַרגלייך שטייט אויסער די גרעניצן פון אַנשטענדיקער פאָלעמיק. דאָס איז אייגנטלעך ניט מער

ווי אַ פאַרזוך צו וואַרפן שמוץ אויף אַ קעגנער דורך אויסנוצן אַ געוויסן פאָראורטייל. דאָס איז איינפאַכע זידלעריי.

ווי געזאָגט אויבן, דאַרף ניט זיין שווער איינצוזען ווי פאַלש עס איז צו באַצייכענען רעפאָרמאַטאָרן אַלס „קליינבירגער" אין זין פון ערשטן טייטש פונם וואָרט, ד. ה. אינם זין אַז אַ קליינ־בירגער איז דער, וואָס האָט מורא פאַר דאָס נייע און וויל איינ־האַלטן דאָס אַלטע. אַ סך שווערער, אָבער, איז צו באַווייזן ווי פאַלש עס איז צו באַשולדיקן סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרן אין קליינ־בירגערלעכקייט אין זינען פון דעם צווייטן טייטש פונם וואָרט, ד. ה. אַז שוין דערמיט אַליין וואָס איינער נעמט ניט אָן דעם רעוואָ־לוציאָנערן וועג שטעלט ער זיך מחוץ דער מחנה פונם פּראָלע־טאַריאַט, איז ער אַנטי־פּראָלעטאַריש. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דעם פאָראורטייל, וואָס האָט זיך איינגעבירגערט און היימיש געמאַכט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַז דער אַרבעטער איז, אַזוי צו זאָגן, פון נאַטור־אויס אַ רעוואָלוציאָנער און יעדער איינער וואָס איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער איז ניט נאָר אַ פרעמדער, אַ „קליינ־בירגער", נאָר שיעור אַ פאַררעטער פונם פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ „קאָנווענציאָנעלן ליגן", וואָס הגם ער האָט ניט אונטער זיך קיין פונדאַמענט אין דער ווירקלעכקייט, האָט ער אָבער געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און אויסרייסן די דאָזיקע וואָרצלען איז ניט קיין גרינגע אויפגאַבע.

וועלכע גרופּן, עלעמענטן, שיכטן אָדער קלאַסן זיינען באמת געניגט צו רעוואָלוציאָנערישקייט?

אַ נאַטירלעכע נייגונג צו רעוואָלוציאָנערישקייט ווייזן אַרויס, קודם כל, ראָמאַנטיקער, מענשן, וואָס מ׳קען אויף זיי זאָגן, אַז זיי באַזיצן די מענטאַליטעט פון „אַליס אין וואָנדערלענד".

דער מענש איז, כידוע, אַ האָפנונגסלאָזער טרוימער. יעדערער פון אונז טראָגט זיך אַרום מיט זיינע טרוימען און חלומות — חלומות און פאַנטאַזיעס אויף דער וואָר. אָבער ביי די מערסטע פון אונז ווערן די חלומות סוף כל סוף קאָנטראָלירט פון דעם שכל. ווען דער פאָדים פון דעם טרוים קרייציקט זיך מיט דעם פאָדים פון דער ווירקלעכקייט, פּרובירן מיר דערגרייכן עפּעס אַ באַלאַנס

צווישן טרוים אוןווירקלעכקייט. פאַראַן אָבער מענשן, וואָס דער פאַדים פון זייערע טרוימען קרייציקט זיך קיינמאָל ניט מיט דעם פאַדים פון דער ווירקלעכקייט. דוכט זיך, אין טאָג־טעגלעכן לעבן פירן זיי זיך אויף ווי יעדער אַנדער פראַקטישער מענש, אָבער זייער טרוים־לעבן וועבט זיך ביי זיי איינגאַנצן באַזונדער, אינגאַנצן אָפּגעשיידט און איזאָלירט פון דער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג. וועגן אַט אַזעלכע מענשן קען מען אפילו ניט זאָגן, אַז די צוויי נאַטורן וואָס „הויזן" אין זיי זייט ביי זייט זיינען געגליכן צו די צוויי פּאַראַלעלע רעלצן פון אַן אייזנבאַן, וועלכע קרייציקן זיך קיינ־מאָל ניט. די רעלצן פון דער באַן לויפן כאָטש אין איין־און־דער־זעלביקער ריכטונג. זייערע רעלצן אָבער לויפן מערסטנס גאָר אין אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו ברענגען כאָטש אַ פּאָר מוסטערן פון אַט אַזעלכע מענשן מיט אַן „אַליס־אין־וואָנדערלענד"־מענ־טאַליטעט.

אַנומלט האָב איך מיר אין אַ קאַפעטעריע צופעליק אָנגע־שטויסן אויף אַן אַלטן פריינט, וועלכן איך האָב שוין ניט געהאַט געזען אַ פּאָר יאָר צייט. מיר האָבן זיך צערעדט וועגן „אַלטע צייטן" א. אַז. וו. צום סוף דערציילט ער מיר בערך די פאָלגנ־דיקע מעשה:

„ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט פון מיינע סאַמע קינ־דערשע יאָרן אָן. מיין גאַנץ לעבן האָב איך געחלומט וועגן סאָ־ציאַליזם און וועגן אויסלעבן זיך סאָציאַליסטיש שוין איצט. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן די קאָאָפּעראַטיווע הייזער האָב איך מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג זיך אָנגעשלאָסן אַן איינער פון זיי. איז וואָס זאָל איך דיר דערציילן, ליבער פריינט? חיבוט הקבר איז אַ קינדער־שפּיל אַנטקעגן דעם, וואָס איך האָב זיך אָנגע־ליטן אין דער קאָאָפּעראַטיווער הויז. די דריי יאָר וואָס איך האָב דאָרט געוואוינט זיינען געווען ניט געלעבט נאָר געמאַטערט זיך. איך האָב ניט געקענט ניט עסן, ניט שלאָפן, ניט לייענען אין צייט. מיטינגען יעדע נאַכט ביז דריי אַזייגער פאַרטאָג. יעדער ברעקל 'פּריוועסי' איז פון מיין וואוינונג פאַרשוואונדן. מיין לעבן איז

געווען פול מיט טומל, רעש, צענקעריי, אפילו געשלעג. מיט איין וואָרט, מיין לעבן איז געוואָרן אַן אמת'ער גיהנום. האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ כח — אוי, וואָס פאַר אַ כח עס האָט זיך געפאָדערט דערויף! — און זיך אַריינגעקליבן אין אַ פּריוואַטער אַפּאַרטמענט־הויז. איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — די אויגן האָבן זיך מיר געעפנט. איך האָב געפילט ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ שרעקלעכן חלום און ער פילט זיך גליקלעך וואָס צום קאָשמאַר איז געקומען אַ סוף. איין אָוונט קלינגט אימיצער אַן דאָס גלעקל פון מיין וואוינונג. איך עפן די טיר, און עס קומט אַריין אַ מיטל־יאָריקער באַברילטער איד. איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו פרעגן אים ווער ער איז און וואָס ער וויל, האָט ער זיך אַליין פאָרגעשטעלט: 'דאָס בין איך דער לענדלאָרד פונם הויז. איך בין געקומען אַ קוק טאָן צי אַלץ ביי אייך אין אַפּאַרטמענט איז אין אָרדנונג'. 'אָ, דאָס זיינט איר דער לענדלאָרד?' — האָב איך אויסגעשריען. — 'קומט אַהער, ליבער מענש, וועל איך אייך אַרומנעמען און אַ קוש טאָן' . . ."

צוהערנדיק זיך צו אַט דער דראַמאַטיזאַציע פון זיין דערפאַרונג מיט אַ קאָאָפּעראַטיווער הויז, האָב איך זיך דערמאָנט, ווי דער זעלביקער פריינט האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק מיר דערציילט וועגן אַן אַנדער פּאַסירונג אין זיין לעבן. יענעם מאָל האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ „נייער" סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — אָן דער ס. ל. פּ. „נאָך אַלעמען, — האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט מיט יום־טוב'דיקייט אין דער שטים, — איז דאָך די ס. ל. פּ., איבערהויפּט זינט די ס. פּ. איז צעפאַלן געוואָרן, די איינציקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם". זיץ איך איצט אַנטקעגן אים, קוק אים אָן און וויל אים אַ פרעג טאָן: „אַט צוליב דעם דאַרפסטו עס אַזוי נויטיק האָבן די 'רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם' פון דער ס. ל. פּ. כדי צו קענען פאַלן דעם לענדלאָרד אויפן האַלז און כאַפּן אים קושן?" אָבער קענענדיק דעם באַטרעפנדיקן פריינט מיינעם, ווייס איך, אַז זיין דערפאַרונג מיט דער קאָאָפּעראַטיווער הויז האָט אפילו אויף דאָס מינדעסטע ניט אָפּגעשוואַכט זיין פאַרלאַנג נאָך אַ „רעוואָלציאָנערער פּראָגראַם".

און איך באַשליס אים גאָרניט צו זאָגן. נאָך וואָס איבערשלאָגן „די אַדוועטשורס אָוו אַליס אין וואָנדערלענד״?

נאָך אַ מוסטער פון אַ מענשן מיט אַן „אַליס אין וואָנדערלענד״־מענטאַליטעט איז מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס איז באַשעפטיקט אַלס שרייבער אין אַ טעגלעכער אידישער צייטונג.

מיט דער דאָזיקער צייטונג האָט געטראָפן אַ טשיקאַווע געשיכטע. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זי פאַרלוירן איר באַלעבאָס. די אַנגעשטעלטע פון דער צייטונג האָבן אַליין געקענט ווערן די באַלעבאַטים אירע. דאָך זיינען זיי אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען, ממש מיט אַ לאַמטערנע אין מיטן העלן טאָג, און געזוכט אַ באַלעבאָס, וואָס זאָל קומען און קיניגן איבער זיי. און אַז זיי האָבן אַזאַ באַלעבאָס ענדלעך געפונען איז זיי אַלעמען אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן און זיי האָבן פריי אָפּגעזיפצט.

פוילט זיך ניט מיין באַקאַנטער, נעמט און שרייבט אַן אַרטיקל, וועלכן ער צעשניידט אויף דריי טיילן און דרוקט אים אָפּ אין אַ סעריע פון דריי „קאָלומנס״, טאַקע וועגן דער דאָזיקער פּאַסירונג. און וואָס־זשע, מיינט איר, האָט אים די דאָזיקע פּאַסירונג געלערנט? — ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַז דער צייטונגס־געשעפט איז ווי געבוירן געוואָרן פּאַר... פּריוואַטע אונטערנעמער.

לייענט איר דאָס און איר פרעגט זיך: היתכן, ווייס דען ניט דער דאָזיקער מענש, אַז אַרבעטער אין אַן אַ שיעור אַנדערע אונטערנעמונגען מאַכן דורך די זעלביקע דערפאַרונג? ווייס ער דען ניט, אַז די זעלבע פּראָבלעמען מיט וועלכע די אַנגעשטעלטע פון דער צייטונג אָן אַ באַלעבאָס איז אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען, שטייען אויך פאַר די אַרבעטער פון יעדער קראָם, יעדן רעסטאָראַן, יעדן באַרבער־שאָפּ, יעדער פאַבריק און יעדער אַנדער אונטערנעמונג? ווען ער טרעפט זיך מיט אַן אַנגעשטעלטן פון אַן אַנדער אונטערנעמונג, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַן ענלעכע דערפאַרונג, וואָלט צווישן זיי פאָרגעקומען די זעלביקע סצענע ווי צווישן יענע צוויי אַנטיסעמיטישע קיסרים, וואָס יעדער פון זיי האָט גע׳טענה׳ט, אַז דיינע אידן זיינען גוטע, אָבער מיינע ניט... דעם זעלביקן פּנים טאַקע האָבן די אַרגומענטן פון דעם באַטרעפנדן שרייבער, מיט וועלכע ער

באַמיט זיך אויסצוברייען, אַז די צייטונג האָט אָן אַ באַלעבאָס ניט געקענט אויסקומען דערפאַר ווייל זיינע אידן, די קאַלעגן־שרייבער, טויגן כלומרשט אויף כפּרות. גראָד איז דער דאָזיקער שרייבער אַ גור־טער באַאָבאַכטער, — טאָ ווי זשע קומט עס, וואָס ער פאַרשטייט ניט צו ציען עפּעס אַ רעאַליסטישן שלוס פון אָט דער פאַסירונג, וועלכע ער האָט אַליין איבערגעלעבט און פון וועלכער ער אַליין האָט ניט ווייניק געליטן? ווי קומט עס, וואָס אויף דעם פּרינציפּיעלן איינ־שטעל זיינעם האָט די דאָזיקע פאַסירונג קיין שום ווירקונג ניט גע־האָט און זיין פּלירט מיט דעם באַלשעוויזם טרייבט ער ווייטער?

דער תירוץ איז, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך נאָך אַ פאַל פון אַן „אַליס אין וואַנדערלאַנד"־מענטאַליטעט, וואָס זיין פערזענלעכע לעבנס־דערפאַרונג איבט קיין שום איינפלוס ניט אויס אויף זיין טעאָרעטישן אָדער פּרינציפּיעלן איינשטעל. די פערזענלעכע דערפאַרונג און דער פּרינציפּיעלער איינשטעל פון אַזעלכע מענשן, וואָלט איך געזאָגט, איז געגליכן צו די צוויי זייטן פון אַ מטבע, וואָס זיי קענען גאָרניט אַ קוק טאָן איינער אויף דעם אַנדערנס צורה, אפילו ווען זיי זאָלן וועלן...

איז אָט אַזעלכע מענשן מיט אַן „אַליס אין וואַנדערלענד"־מענטאַליטעט ווייזן עס אַרויס אַ נאַטירלעכע נויגונג צו רעוואָלוציאָ־נערישקייט, וואָס איז די העכסטע פאָרם פון סאָציאַלער ראָמאַנטיק. אָבער אָט די ראָמאַנטיקער זיינען ניט באַגרעניצט אויף איין קלאַס; זיי קען מען געפינען צווישן אַלע קלאַסן!

נאָך אַ גרופּע אָדער עלעמענט, וואָס ווייזט אַרויס אַ נאַטיר־לעכע נויגונג צו רעוואָלוציאָנערישקייט איז — די אינטעליגענץ.

די אינטעליגענץ קומט ניט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, און אויך ניט פון דעם נידעריקן מיטל־קלאַס, נאָר הויפּטזעכלעך פון דעם העכרן מיטל־קלאַס — און גראָד זי שטעלט צו די מערסטע רעוואָ־לוציאָנערן.

טראַכט מען זיך אַריין אין דער פראַגע, פאַרוואָס גראָד קינדער פון וואוילהאַבנדע פאַמיליעס ווייזן אַרויס אַן אומגעדולד מיט די „לאַנגזאַמע פּראָצעסן פון דער געשיכטע", מוז מען געבן צוויי ענט־פערס אויף דעם.

איין ענטפער איז, אַז די אינטעליגענץ שטעלט־צו די וויכ־

טיקסטע און די מערסטע רעוואָלוציאָנערן צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס זי גיט בכלל אַרויס די מערסטע פירער און דענקער אין אַלע געביטן פון מענשלעכן שאַפן און אויפטו. דער געביט פון סאָציאַלער רעוואָלוציע איז, הייסט עס, אין אָט דער הינזיכט קיין אויסנאַם ניט, און עס איז ניטאָ וואָס צו וואונדערן זיך וואָס אויך דאָ גלאַנצט די אינטעליגענץ מער ווי אַלע אַנדערע גרופן אָדער שיכטן.

אַ צווייטער ענטפער איז, אַז דער דראַנג פון דער אינטעליגענץ צו רעוואָלוציע קוועלט־אַרויס פון אַ גאַנץ ערדישן, פּראָזאַאישן קוואַל; אַז זי איז אַן אויסדרוק פון דעם חשק פון דער אינטעליגענץ איבערצונעמען די געזעלשאַפטלעכע פירערשאַפט איבער דעם עקאָנאָמישן געביט. אויף דעם וועג פון גאַטירלעכער עוואָלוציע קען זי דאָס קוים האָפן צו דערגרייכן. ניט זי האָט דעם חשק אַריינצוטרעטן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן און בהדרגה'דיק זיך דערשלאָגן צום שפיץ, און ניט זי האָט די פעאיקייט פאַר דעם. אפילו אין דעם געשעפט פון זיין אייגענעם פאָטער גלוסט זיך ניט דעם אינטעליגענט אַריינצוטרעטן, וואָרים אפילו דאָרטן וועט דויערן אַ היפּשע צייט ביז ער וועט זיך אויסלערנען דעם פאָטערס געשעפט צו פירן ווי געהעריק. דער רעוואָלוציאָנערער וועג איז פאַר דעם אינטעליגענט אַ סך אַ גרינגערער. אויף אָט דעם וועג קען ער זיך גיכער דערשלאָגן צו דער פירערשאַפט פון דער אינדוסטריע — און, אָט־דאָס איז די אמת'ע סיבה פאַרוואָס די אינטעליגענץ רייסט זיך אַזוי שטאַרק אין די רעוואָלוציאָנערע רייען.

ניט גלויבנדיק אין מאַניסטישע דערקלערונגען און טעאָריעס וועגן די העכסט־קאָמפּליצירטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, בין איך געניגט אָנצונעמען, אַז ביידע ענטפערס גיבן טיילווייזע ענטפערס אויף דער פראַגע, פאַרוואָס די אינטעליגענץ גיט אַרויס אַזוי פיל רעוואָלוציאָנערן.

אָבער אויב און וויבאַלד דער צווייטער ענטפער אַנטהאַלט אין זיך אַ געוויסן טייל אמת, אַנטשטייט די פראַגע, צי לוינט זיך פאַר דער געזעלשאַפט צו מאַכן דעם בייט, — ד. ה. אַרויסצונעמען די פירערשאַפט איבער דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די הענט פון פריוואַטע אונטערנעמער און איבערגעבן זי אין די הענט פון דער אינטעלי־

גענץ. בקיצור זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז עס איז גאָר גאַרניט זיכער, צי די עקאָנאָמישע פירערשאַפט פון דער אינטעליגענץ וואָלט געווען אַ גרעסערע ברכה פאַר דער געזעלשאַפט ווי די פירערשאַפט פון די פריוואַטע אונטערנעמער. די וואולגאַר־סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט תמיד געזוכט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די קאַפּיטאַליסטן נעמען אַלץ צו פאַר זיך. דאָס איז אָבער אַ געוואַלדיקע איבערטרייבונג. אין אמת'ן פרעסן די קאַפּיטאַליסטן אויף בלויז אַ קליינעם טייל פון זייערע פּראָפיטן. דעם ווייט־ווייט גרעסטן טייל רעאינוועסטירן זיי דאָך אין אויסבעסערונגען, עקספּאַנסיע, אינווענטאַר א. אַז. וו. פאָרד, למשל, האָט זייַנע פּראָפיטן ניט אויפגעגעסן; ער האָט מיט זיי אויפגעבויט אַ גאַנצע „וועלט" — און דאָס דאָזיקע וועלטל איז דאָך אייגנטלעך „דאָס רייכטום פון דער נאַציע", וואָס די געזעלשאַפט קען קאָנפיסקירן אויב זי זאָל עס וועלן. דער חסרון פון דער פריוואַטער פירערשאַפט באַשטייט אין דעם, וואָס איר פעלט געזעלשאַפטלעכער פאַרנעם, וואָס יעדער באַזונדערער קאַפּיטאַליסט זאָרגט זיך בלויז פאַר זיין אייגענעם געשעפט אָבער די געזעלשאַפט אַלס גאַנצע מיט אירע פּראָבלעמען גייט אים קנאַפּ־וואָס אָן. אָבער אַז אין זיין אייגענעם ווינקל איז דער קאַפּיטאַליסט זייער „עפישיענט", דאָס קען קיין קלאָר־זעענדיקער מענש ניט לייקענען. צי וועט די אינטעליגענץ, אין איר נייער ראָליע אַלסווירטשאַפטלעכע פירער, אַלס די ביוראָקראַטיע פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין דער נייער אָרדנונג, זיין אַזוי „עפישיענט" ווי די פריוואַטע אונטערנעמער, — דאָס בלייבט נאָך אונטער אַ שטאַרקן פראַגע־צייכן. אָבער אויף דער דאָזיקער זייט פון דער פראַגע קענען מיר זיך דאָ לאַנג ניט אָפּשטעלן.

דאָ איז אונזער אויפגאַבע צו אונטערזוכן די פראַגע, וועלכע גרופּן עס ווייזן אַרויס אַ נייגונג צו רעוואָלוציאָנערישקייט. דעריבער מוזן מיר זיך דאָ באַנוגענען מיט קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז חוץ די מענשן מיט דער „אַליס אין וואָנדערלענד"־מענטאַליטעט איז אויך די אינטעליגענץ שטאַרק גענייגט צו רעוואָלוציאָנערישקייט.

וואָס איז שייך דעם אַרבעטער־קלאַס, דעם שטאַטישן פּראָלעטאַריאַט, מוז געזאָגט ווערן, אַז די באַהויפּטונג אַז ער האָט אַ באַטירלעכע נייגונג צו רעוואָלוציאָנערישקייט איז אַן איבערטרייבונג.

אָדער, בעסער געזאָגט, אַ לעגענדע, וואָס איז אַנטשטאַנען ביים סאַמע געבורט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס.

עס דאַרף געזאָגט ווערן אַז אין יענער צייט איז ווירקלעך געווען אַ גרונט אָנצונעמען די רעוואָלוציאָנערישקייט פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט אַלס אַ פאַקט. דעמאָלט האָט דער פּראָלעטאַריאַט באמת אַרויסגעוויזן שטאַרקע סימנים פון רעוואָלוציאָנערע נייגונגען. צוויי סיבות האָבן דערביי געשפּילט אַ געוויסע ראָל. —

די ערשטע סיבה איז, וואָס יעדער ניי־אויפגעקומענער געזעל־שאַפטלעכער קלאַס ווייזט אַרויס סימנים פון שטאַרקער וויטאַליטעט, אַקטיוויטעט און אומרואיקייט. אין דער כעמיע איז באַוואוסט, אַז אין דעם מאָמענט ווען אַן עלעמענט ווערט אָוועקגעריסן פון אַנדערע עלעמענטן, ווען ער געפינט זיך אין אַ „נאַסצענטן" צושטאַנד, ד. ה. אין אַ צושטאַנד פון געבוירן ווערן, פון קומען אויף דער וועלט אין אַ נייער פאָרם, איז ער ספּעציעל אַקטיוו. עס ווייזט אויס, אַז דאָס זעלבע איז אויך גילטיק בנוגע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן.

די צווייטע, די וויכטיקערע סיבה, אָבער, פאַרוואָס דער פּראָ־לעטאַריאַט האָט אין די ערשטע צייטן פון זיין אַנטשטיין אַלס קלאַס אַרויסגעוויזן קאָנטיקע סימנים פון אַ רעוואָלוציאָנערן געמיט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די לאַגע פון דעם אַרבעטער איז דעמאָלט ווירקלעך געווען אַ טרויעריקע. צום עקספּלואַטאַציע־אַפּעטיט פון דעם יונגן, קרעפטיקן קאַפּיטאַליזם איז דעמאָלט ווירקלעך קיין גרעניץ ניט געווען.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, איידער דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל דעה און צו אַ באַדייטנדן חלק אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די פעלקער. אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך פאָרט דערשלאָגן צו אַ פּאָזיציע פון ממשותדיקער שותפות אין דער געזעלשאַפט — טיילוויז דורך זיין אייגענעם קאַמף און טיילוויז דורך די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון פּראָדוקציע־שפע, — דאָס קענען בלויז שטאָק־בלינדע דאָגמאַטיקער לייקענען. און אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע ווי דער פּראָלעטאַריאַט האָט געוואונען אַלץ נייע פּאָזיציעס, איז שוואַכער געוואָרן זיין רעוואָלוציאָנערער אייפער.

ווי אַזוי די לאַגע פון דעם אַרבעטער האָט זיך געביטן צום

בעסערן, איז געגוג אַנצואווייזן אויף איין־איינציקן מאָמענט — אויף לעבנס־פאַרזיכערונג. אין דער צייט ווען קאַרל מאַרקס האָט פאַר־פאַסט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, למשל, איז געווים ניט געווען קיין איין־איינציקער אַרבעטער אויף גאָר דער וועלט, וואָס זאָל האָבן געהאַט אַ לעבנס־פאַרזיכערונגס „פּאָליסי". היינט־צו־טאָג זיי־נען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַליין פאַראַן העכער 120 מיליאָן איינצלנע אויסשטייענדיקע לעבנס־פאַרזיכערונגס־„פּאָליסיס" און אַז אַ היפּשע צאָל פון די דאָזיקע „פּאָליסיס" ווערן געטראָגן פון אַר־בעטער, ווייס יעדערער פון זיין אייגענער דערפאַרונג. לעבנס־פאַר־זיכערונג איז בלויז איין אַספּעקט פון זיכערקייט, אָבער זי קען אָן ספק דינען ווי אַ גוטער „אינדעקס" פון וואוילשטאַנד אין אַ סך אַנ־דערע היגזיכטן. דער „טשוואָק" פון דעם גאַנצן אַרגומענט אָבער איז, אַז ווען דער אַרבעטער טראָגט לעבנס־פאַרזיכערונג קען ער ניט וועלן אומברענגען די אינשורענס־קאָמפּאַני וואו ער מאַכט זיינע צאָלונגען; און ווען עס קלייבט זיך געלט פאַר אים אין די רעגי־רונגס־קאַסעס אויפן פאַל פון אַרבעטסלאָזיקייט און עלטער, קען ער ניט וועלן אומברענגען די דאָזיקע רעגירונג. ער קען עס ניט וועלן — און ער וויל עס טאַקע ניט.

אַז ער וויל עס ניט, זיינען פאַראַן באַווייזן לרוב.

יעדער איינער ווייס פון זיין אייגענער דערפאַרונג, אַז רייך־פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס זיינען וועניקער רעוואָלוציאָנער גע־שטימט איידער אָרגאַניזאַציעס פון געמישטע עלעמענטן. אַ פאַר־גלייך צווישן אַ טרייד־יוניאָן, וואָס איר מיטגלידערשאַפט איז דאָך אַן אויסשליסלעך־פּראָלעטאַרישע, און אַ סאָציאַליסטישן פאַראיין, וואָס באַשטייט פון געמישטע עלעמענטן, איז גענוג צו באַשטעטיקן די דאָזיקע טאַטזאַך.

זייער בולט ווייזט זיך די דאָזיקע טענדענץ אין דער בריטישער לייבאָר־פּאַרטיי. די דאָזיקע פּאַרטיי איז סאָציאַליסטיש־רעפאָרמיס־טיש הויפּטזעכלעך דערפאַר ווייל די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט איז אַ פעדערירטער טייל פון איר. וואָלט די פּאַרטיי געווען צוזאַ־מענגעשטעלט פון די אייגענע פּאַרטיי־דיסטריקטן אַליין, וואָלט זי געווים געווען אַ סך רעוואָלוציאָנערער ווי איצט. אַזוי לאַנג ווי

דער ריין־פּראָלעטאַרישער „טרייד־יוניאָן קאָנגרעס" איז אָנגעשלאָסן אָן דער פּאַרטיי אַלס באַזונדער קערפּערשאַפט. איז פאַראַן אַ שוואַכע אויסזיכט אַז די אינטעליגענץ זאָל די פּאַרטיי פאַרשלעפּן צו ווייט לינקס.

הגם די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ האָט מיט אַזוי פיל איבער־געבנקייט געהאָלפן און העלפט דער אַרבעטערשאַפט אין איר טאָג־טעגלעכן קאַמף, און אַלס פּועל־יוצא פון דעם עקזיסטירט אַ שטאַר־קער געפיל פון צוגעבונדנקייט סיי צו איר און סיי צום סאָציאַליזם בכלל, — ווייזט פונדעסטוועגן די אַרבעטערשאַפט אין דער אמת'ן אַרויס אַ ווידערווילן קעגן די פאַרזוכן פון דער אינטעליגענץ צו פאַר־שלעפּן איר צופיל לינקס אָדער גאָר אויף די באַריקאַדן.

טראַכטנדיק וועגן דעם געמיט פון דעם מאָדערנעם, — ניט פון דעם אַמאָליקן, — פּראָלעטאַריאַט, קומט מיר אויפן זינען אַ מעשהלע פון י. ל. פּרץ.

דאָס איז אַ מעשה פון צוויי חברים, בחורים, וועלכע האָבן געוואוינט צוזאַמען אויף איין קוואַרטיר. איין אָוונט האָבןביידע חברים זיך געקאַטשעט אויף די בעטן אין זייער איינזאַמער וואוי־נונג און זיך געלאַנגווײַליקט. איז איינער פון די חברים אַרויס־געקראָכן פון בעט, זיך אָפּגעראַזירט, זיך אויסגעסטראָיעט אין זיין שבת'דיקן מלבוש און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס אַריין. דער צווייּ־טער חבר האָט בעסער געוואָלט ווייטער זיך קאַטשען אין בעט. שפּעט ביינאַכט קומט דער ערשטער חבר צוריק אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער. ער וועקט זיין חבר, וועלכער ליגט אין בעט און שלאָפט אין זיין אַנטועכץ. ער דערציילט אים, ווי אַזוי ער האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ וואונדערלעכער מיידל, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געשוואָרן „אייביקע ליבע", ווי אַזוי זיי זיינען פאַר'קנס'ט געוואָרן א. אַז. וו. דער צווייטער חבר, וואָס הערט דאָס אַלץ, רייבט זיך די אויגן און פרעגט מיט פאַרוואונדערונג: אָט דאָס גאָר? און איך האָב דאָך שוין אייביקלעך אויסגעגעבן...

אָט דאָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן אינטעליגענט און דעם רעאַליסטישן אַרבעטס־מענטש. דער אינטע־ליגענט גיט אויס אייביקלעך . . . אין חלום, אָבער דער אַרבעטער

שטעלט זיך צופרידן מיט אַ ליבער, חנ'עוודיקער מיידל פון פלייש און בלוט, וועלכע ער קען אַרומנעמען, אַ קוש טאָן און ליב האָבן שוין איצט; וועגן די „אייניקלעך" טראַכט ער איצט אפילו ניט.

מיין איך ניט צו זאָגן, אַז דער רעפאָרמיסטישער איינשטעל איז בעסער פון דעם רעוואָלוציאָנערן בלויז דערפאַר, ווייל דער אַרבעטער איז בעצם זיין הויפּט־אונטערשטיצער. אַזאַ בלינדער נאָכ־פאָלגער פון דעם אַרבעטער בין איך ניט. אָבער ווען די רעוואָ־לוציאָנערן באַשולדיקן די רעפאָרמיסטן, אַז זיי זיינען כלומרשט פאַר־רעטער צום אַרבעטער־קלאַס, ווערט עס אַ פליכט אָנצואווייזן, אַז...

— גראַד דער אַרבעטער איז דער אמת'ער אָנהענגער פון דער רעפאָרמיסטישער שיטה;

— גענוי ווי דער עקאָנאָמישער קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט טראָגט בעצם אַ רעפאָרמיסטישן כאַראַקטער, אַזוי איז אויך דער סאָציאַליזם אירער אַ רעפאָרמיסטישער.

דער קלאַסן־קאַמף

דער טאָטאַליטאַרער שטאַט, וואָס איז אויפגעקומען פריער אין רוסלאַנד און נאָכדעם אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד; וואָס באַאיינפלוסט אין פאַרשיידענע גראַדן דאָס לעבן פון אַ סך לענדער, וואו ער האָט נאָך ניט אָפּגעהאַלטן קיין פולן זיג, — דער טאָטאַליטאַרער שטאַט איז דער געשפּענסט, וואָס יאָגט אָן אַ שרעק אין האַרץ פון יעדן פאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן, וועלכער האָט ליב דעם דעמאָקראַטישן לעבנס־שטייגער.

די מורא פאַר דער טאָטאַליטאַרער געפאַר, וואָס יעדער איינער וועלכער געניסט פון די ברכות פון דעמאָקראַטיע שפירט אינסטינקטיוו, איז אַ צוויייענדיקע.

צוערשט קומט די מיליטערישע געפאַר, וואָס דער טאָטאַליטאַרער שטאַט שטעלט מיט זיך פאָר. אויב דער פירער פון אַ מלוכה דאַרף ביי קיינעם ניט אָנפרעגן, וואָס פאַר אַ פּראָפּאָרציע פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה עס זאָל אויסגעגעבן ווערן אויף באַוואָפענונג; וויפיל מענטשן עס זאָלן שטיין אונטער וואָפן; ווען אַ מלחמה זאָל אָנגעהויבן ווערן א. אַז. וו. — דעמאָלט איז קיין לאַנד, וואָס דאַרף זיך יאָ אָנפרעגן וועגן אָט די אַלע פראַגן ביים פאָלק, ניט זיכער מיט זיין עקזיסטענץ. איין שיינעם פרימאָרגן קען עס באַפאַלן ווערן פון זיין טאָטאַליטאַרן שכן, און איידער עס וועט נאָך האָבן צייט אַרויסצושטעלן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד, וועט עס שוין זיין באַזיגט.

די צווייטע געפאַר מצד דעם טאָטאַליטאַרן שטאַט איז אַן עקאָנאָמישע. אויב דער פירער פון אַ מלוכה קען צווינגען די אַרבעטער פון זיין לאַנד אַרבעטן לענגערע שטונדן, לעבן אויף אַ נידעריקערן סטאַנדאַרד, פאָרן אין די וויטסטע פונקטן אויף אַרבעט וואָס איז זיי ניט צום האַרצן א. אַז. וו.; אויב אַרבעטער זיינען געצוואונגען צו טאָן אַלץ וואָס דעם דיקטאַטאָר פאַלט איין, אָדער וואָס ער האַלט פאַר

בויטיק, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פּראָטעסטירן, ווער רעדט שוין פון סטרייקן, — הײַנט, וואָס פאַר אַ געלעגנהייט האָט די דעמאָ־קראַטישע מלוכה, וואו אַרבעטער האָבן יאָ אַ רעכט ניט נאָר צו פּראָ־טעסטירן נאָר אויך צו קעמפן פאַר זייערע אינטערעסן אויף פאַר־שיידענע אופנים, סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש, צו קאָנקורירן מיט דעם טאָטאַליטאַרן לאַנד אויף דעם וועלט־מאַרק?

צו וואָס די מיליטערישע געפאַר פון טאָטאַליטאַריזם האָט גע־פירט, — דאָס זעען שוין איצט אַלע. די פאָלקס־מאַסן אין די דעמאָקראַטישע לענדער האָבן ביסלעכווייז איינגעזען די נויטווענדי־קייט צו באַוואָפנענען דאָס לאַנד, כדי צו קענען די געפאַר באַגעגענען. אפילו פּאַציפיסטן און סאָציאַליסטן האָבן זיך דערפילט געצוואונגען אויפצוגעבן זייער קעגנערשאַפט צו באַוואָפנונג, צו „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג".

וואָס איז אָבער מיט דער עקאָנאָמישער געפאַר, וואָס דער טאָ־טאַליטאַריזם שטעלט מיט זיך פאָר? אפילו ווען נאַצי־דייטש־לאַנד וועט אין דער איצטיקער מלחמה באַזיגט ווערן; אפילו ווען אַלע טאָטאַליטאַרע מלוכות זאָלן געצוואונגען ווערן זייער באַוואָפע־נונג צו באַגרעניצן, מאַכנדיק אויף אַזאַ אופן אַ סוף צו דער מיליטע־רישער געפאַר פאַר די שכנישע לענדער, — אפילו דעמאָלט וועט דאָך די עקאָנאָמישע געפאַר אַלץ בלייבן אַ רעאַלע! נאָך מער, אויב די טאָטאַליטאַרישע מלוכות זאָלן געצוואונגען זיין זייער הויפּט־ענערגיע צו פאַרווענדן אויפן אינערלעכן עקאָנאָמישן געביט, אַנשטאָט אויף אויסלענדישע אַוואַנטיורעס, — דעמאָלט קען די עקאָנאָמישע געפאַר פאַר די אַנדערע לענדער נאָך גרעסער ווערן.

ווי אַזוי וועט, אין דעם עקאָנאָמישן קאָנקורענץ־קאַמף, די דעמאָ־קראַטיש־רעגירטע מלוכה קענען „באַשטיין איר שטעטל" אַנטקעגן די טאָטאַליטאַרע מלוכות, אַנטקעגן די שקלאַפן־שטאַטן, וואו די אַר־בעטער האָבן קיין שום דעה ניט איבער זייערע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען? און וואָס דאַרף געטאָן ווערן, כדי די דעמאָקראַטישע לענדער זאָלן יאָ קענען אָנהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אויפן וועלט־מאַרק, און דאָך ניט דאַרפן אויפגעבן זייער דעמאָקראַטישע אָרד־נונג, זייערע פרייהייטן א. אַז. וו.?

אַט די פראַגן עגבערן די מוחות פון אַ סך פּאַראַנטוואָרטלעכע מענשן.

ניט איינער פון זיי, פון אַט די מענשן, ווערט אַרומגעכאַפּט פון אַ טיפן געפיל פון אַנטוישונג, פון אָפּהענטיקייט, פון פאַרצווייפלונג, און איז גרייט איינגאַנצן אויפצוגעבן דעם גלויבן אין דער צוקונפט פון דער דעמאָקראַטישער סיסטעם. אַנדערע, ווידער, ראַנגלען זיך קעגן דעם יאוש, ווילן זיך ניט אונטערגעבן, און זוכן מיטלען ווי אַזוי די דעמאָקראַטישע סיסטעם אויסצובעסערן, צו מאַכן זי לעבנס־ און קאָנקורענץ־פעאיק קעגן דעם טאָטאַליטאַריזם.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן, איז אַ קנאַפּער וואונדער, וואָס אַ סך מענשן, וועמעס הערצער פלאַטערן איבער דער צוקונפט פון דעמאָקראַטיע אין דער וועלט, הויבן אָן קוקן קרום אויף דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס ווערט געפירט צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. מורא האָבנדיק, אַז די דעסטרוקטיווע טענדענצן פון דעם קלאַסן־קאַמף קענען פירן צו דער פאַרניכטונג פון דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג, הויבן זיי אָן טראַכטן, אַז אפשר וואָלט געווען געזינטער פאַר אַלעמען, ווען קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון דעם צוזאַמענ־שטויס, פון דעם קאַמף צווישן די קלאַסן.

דער אַלטער אַמעריקאַנער פּראָגרעסיווער פּובליציסט, וויליאַם האַרד, איז איינער פון די רעקרוטן, וואָס זיינען לעצטנס אַריבערגע־לאָפן אין דער וואַקסנדער אַרמיי פון יענע, וואָס שלאָגן פאָר קלאַסן־קאָאָפּעראַציע אויפן אָרט פון קלאַסן־קאַמף. אין אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל איז ער מיט עטלעכע חדשים צוריק אַרויסגעטראָטן מיט פאָרשלאָגן מכח קלאַסן־קאָאָפּעראַציע, וואָס קענען ניט פאַרפעלן צו מאַכן אַן איינדרוק.

אַזוי ווי וויליאַם האַרד איז אָן ספק אַ וואַרימער אַנהענגער פון דעמאָקראַטיע, דערצו איז ער אַ פריינט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; און אַזוי ווי אויף אים קען ניט פאַלן קיין חשד, אַז ער איז געוואָרן אַ פאַשיסט, אַז ער איז אַריבער אין דעם לאַגער פון די אַנהענגער פון טאָטאַליטאַריזם, — איז כדאי זיך צוצוהערן צו זיינע ווערטער.

לאָמיר פריער איבערגעבן דעם תמצית פון זיינע אַרגומענטן,

און נאָכדעם וועלן מיר פּרובירן אויסגעפינען, צי ער איז גערעכט אָדער ניט.

איז דער קאַמף צווישן די קלאַסן שעדלעך פאַר דער נאַציע?

וויליאַם האַרד'ס אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין דעם נאָוועמבער־העפט (1940) פון דעם פּאָפּולערן חודש־זשורנאַל „רידערס דייַדזשעסט" הייסט: „אַרבעט און נאַציאָנאַלע אייניקייט". איבערגעגעבן בקיצור, זאָגט דאָרט האַרד אָט וואָס:

„די נאַציאָנאַלע אייניקייטן פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד זייַנען גוואַלדיק שטאַרק. אין איצטיקן מאָמענט זייַנען זיי אַ מיליטערישע געפאַר. וואָס איז נאָך וויכטיקער — זיי זייַנען אַלעמאָל אונזערע אינטעלעקטועלע און עקאָנאָמישע קאָנקורענטן. זיי שטרעבן — מיט גלויבן אין די אייגענע כחות און מיט אַנטשלאָסנקייט — צו באַהערשן דעם וועלט'ס פילאָזאָפישן געדאַנק און עקאָנאָמישע אויפפירונג אין ביידע וועלט־טיילן. געבן זיי אַ ווידערשטאַנד קענען מיר בלויז דורך שאַפן אַן אייגענע, העכערע, אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע אייניקייט".

„ . . . איין פאַרזוך נאָך דעם אַנדערן איז געמאַכט געוואָרן צו געפינען אַן איינהייטלעכן מאָטיוו און אַ געמיינזאַמע האַנדלונג צווישן באַלעבאָס און אַרבעטער, אָבער קיינער פון זיי איז ניט געניגנד אָנגענומען געוואָרן צו קענען ווערן אַ נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק, אַ נאַציאָנאַלע געוואוינהייט, אַ נאַציאָנאַלער ציל.

„איך וועל געבן אַן איבערבליק איבער די דאָזיקע פאַרזוכן, און צום סוף וועל איך פּרובירן מאַכן געוויסע פאָרשלאָגן.

„קאַפּיטאַל האָט — אונטער סאָציאַלן דרוק — פּרובירט מפצה זייַן אַרבעט דורך וואוילטעטיקייט. יאָרן לאַנג האָט זיך קאַפּיטאַל אָפּגעגעבן מיט „וועלפער"־טעטיקייט — מיט גרינדן גאָרטנס און גימנאַסטיק־פּלעצער . . . מאַנכע פון אונזערע ערגסטע סטרייקס זייַנען פאָרגעקומען אין מיטן פון דער גרויסמוטיקסטער „וועלפער"־אַרבעט. די גאַנצע פילאָזאָפיע פון „וועלפער"־טעטיקייט איז גיך פאַרגעסן געוואָרן.

נאָכדעם האָט די „וועלפער"־טעטיקייט אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ צו „פּראָפיט־שערינג" — ד. ה. געבן די אַרבעטער אַ חלק פון דעם

פּראָפּיט וואָס דער געשעפט מאַכט. דאָס האָט אָבער ניט געקענט ווערן קיין אַלגעמיינע לייזונג פון דער קאַפּיטאַל־אַרבעט־פּראָבלעם, וואָרים די דיווידענדן וואָס די מערסטע קאָרפּאָריישאָנס צאָלן־אויס זיינען אומבאַדייטנדיק. „ווען אַלע קאָרפּאָריישאָנס זאָלן אויפהערן צאָלן דיווידענדן צו זייערע אַקציאָנערן און די סומע אָוועקגעבן צו די אַרבעטער, וועט עס ניט באַטרעפן מער ווי אַ צען־פּראָצענטיקע הוספה אויף די שכירות".

דעמאָלט האָבן פילע קאָרפּאָריישאָן־עקזעקוטיוון גענומען טענה'ן אַזוי: די צרה מיט די אַלע פריערדיקע פּלענער איז, וואָס אַרבעט בלייבט ווייטער אַרבעט. עס איז נויטיק, אַז אַרבעט זאָל באַקומען אַ זין פאַר אייגנטום, אַ געפיל אַז עס פאַרמאָגט אַליין עפּעס. מיר וועלן דעריבער פּרובירן פאַרקויפן אונזערע אַקציעס צו אונזערע אַרבעטער.

דאָס האָט אויך ניט געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטן. די שוועריקייט איז, וואָס דער אינטערעס פון דעם אַרבעטער אין די אַקציעס קען זעלטן אַריבערוועגן זיין אינטערעס אַלס אַרבעטער. אויב אַן אַרבעטער פאַרדינט 1,000 דאָלאַר אַ יאָר אין שכירות און ער קויפט 10 אַקציעס, וועלכע ברענגען 5 דאָלאַר אַ יאָר דיווידענדן יעדע, — וועט ער באַקומען 1,000 דאָלאַר אין שכירות און 50 דאָלאַר אין דיווידענדן. איז וועלכע סומע וועט באַשטימען זיין פּסיכאָלאָגיע?

דער ענטפער איז קלאָר. דאָס פאַרקויפן פון אַקציעס צו אַר־בעטער . . . איז ניט די ענדגילטיקע לייזונג.

דאַן קומט אַרויס צום פאָדערגרונט דער פּרינציפּ פון „קאָלעק־טיוו באַרגיינינג" אַלס די לעצטע לייזונג. פאַקטיש איז עס געווען די פאָדערונג פון די אַרבעטער פאַר „קאָלעקטיוו באַרגיינינג", וואָס האָט אָפט אָנגערעגט די באַלעבאַטים אָנצונעמען די פּאָליטיק פון „וועלפער"־אַרבעט, „פּראָפיט־שערינג" און דאָס פאַרקויפן אַקציעס צו אַרבעטער. היינט איז „קאָלעקטיוו באַרגיינינג" דאָס געזעץ פון לאַנד און קיינער שלאָגט ניט פאָר דאָס אָפּצושאַפן. דאָס העכסטע, וואָס ווערט פאָרגעשלאָגן, איז, אַז דאָס געזעץ זאָל אין עטלעכע פּונקטן געענדערט ווערן.

„אָבער איז קאָלעקטיוו באַרגיינינג, פאַר זיך אַליין, די לייזונג ?" — פרעגט וויליאַם האַרד, און ער ענטפערט : „קלאָר, אַז ניט". פאַרוואָס ?

„די יוניאָנס אין די הייזער־בוי פאַכן, למשל, האָבן זיך קאָלעקטיוו „איינגעהאַנדלט" אַ גרויסע דעה אין דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג פון דער בוי־אינדוסטריע. פון אויבן־אויף, איז דאָס די דערגרייכונג פון אַ גרויסן אידעאַל. אויב קאַפּיטאַל און אַרבעט קענען קאָאָפּערירן אין דער פאַרוואַלטונג פון אינדוסטריע, שטייען מיר ניט ביי דער שוועל פון דעם מילעניום ? אין פּרינציפּ — יאָ. לאָמיר אָבער זען, צי דאָס איז אַזוי אין די הייזער־בוי־פאַכן אין דער פּראַקטיק.

דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט האָט צוזאַמענגעקליבן די ענטפערס פון אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. פון זיי קענען מיר צוזאַמענשטעלן אַ פולקאָמענעם מוסטער פון דעם מין אָפּמאַכן, וואָס ווערט אין דער איצטיקער צייט אונטערגעשריבן צווישן פילע אַסאָציאַציעס פון הייזער־בוי באַלעבאַטים און יוניאָנס.

„כדי צופרידן צו שטעלן די יוניאָנס, גייען די באַלעבאַטים איין אָט אויף וועלכע זאַכן :

„זיי וועלן ניט באַשטיין דערויף אַז ביים פאַרבן זאָל געברויכט ווערן די שפּריץ־באַרשט, נאָר וועלן אַכטונג געבן אַז עס זאָל געברויכט ווערן די האַנט־באַרשט — אַ לאַנגזאַמערער און טייערער אַרבעטס־מעטאָד. זיי וועלן ניט אָננעמען קיין אָפּגעפאַרבטע פאַדלאָגעברעטער ; אָדער אויב די ברעטער וואָס קומען אַריין זיינען געפאַרבטע וועלן זיי אָנשטעלן אַרבעטער אַרונטערצוקראַצן דאָס פאַרב און זיי פאַרבן פון דאָס ניי. זיי וועלן ניט באַנוצן קיין פּראָסטע אַרבעטער ביים אויסלאָדן פלאָמבינג־מאַטעריאַלן פון אויטאָ־טראָקס, נאָר זיי וועלן זען אַז אָט די פּראָסטע אַרבעט זאָל געטאָן ווערן פון הויך־באַצאָלטע פלאָמבער־באַלמעלאָכעס. זיי וועלן ניט דערלאָזן, אַז אַ סטאָליער זאָל צונאָגלען אַזויפיל ברעטער אָדער קאַרניזען פער טאָג ווי ער קען, נאָר אַ באַשטימטע צאָל. זיי וועלן ניט הערן דעם אַרכיטעקט, ווען ער וועט זאָגן אַז עס איז ניט נויטיק מער ווי איין

פלאַסט וואַפנע, און וועלן דינגען אַרבעטער צו לייגן דווקא דריי פלאַסטן און אַז. וו.

„און כדי צופרידן צו שטעלן די באַלעבאַטים, גייט די יוניאַן איין אויף אַזעלכע זאַכן ווי די פאָלגנדע:

„אירע מיטגלידער וועלן זיך אַנטזאָגן צו אַרבעטן פאַר אַ באַלע־באַס, וואָס איז ניט קיין מיטגליד פון דער באַלעבאַטים־אַסאָציאַציע. זיי וועלן זיך אַנטזאָגן צו אַרבעטן מיט מאַטעריאַל, וואָס האָט ניט באַקומען די גוטהייסונג פון דער באַלעבאַטים־אַסאָציאַציע. זיי וועלן זיך אַנטזאָגן צו אַרבעטן אויף אַרבעט, וואָס די באַלעבאַטים־אַסאָ־ציאַציע באַטראַכט אַז דער קאָנטראַקטאָר האָט עס אָנגענומען אויף אַ צו נידעריקן פרייז. זיי וועלן זיך אַנטזאָגן צו טאָן אַרבעט דירעקט פאַר אַן אייגנטימער פון אַ הויז און וועלן אַרבעטן בלויז דורך אַ קאָנטראַקטאָר, וועלכער וועט מאַכן אַ ריוח פון דער אַרבעט און צאָלן שטייערן צו דער קאָנטראַקטאָרס־אַסאָציאַציע״, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

צו וואָס אַזאַ מין „קאָלעקטיוו באַרגיינינג״ אין דער בוי־אינ־דוסטריע קען דערפירן, — ברענגט וויליאַם האַרד אַ באַווייז דורך אַ פאַרגלייך צווישן קליוולאַנד און לאָס אַנדזשעלעס.

„אין קליוולאַנד זיינען אין קראַפט אָט אַזעלכע מינים אָפּמאַכן צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער אין דער בוי־אינדוסטריע, וואָס זיינען אויבן באַשריבן געוואָרן; אין לאָס אַנדזשעלעס — ניט. אַ בריק־לייער אין קליוולאַנד פאַרדינט 1 דאָלאַר מיט 65 סענט פער שטונדע; אין לאָס אַנדזשעלעס פאַרדינט ער בלויז 1 דאָלאַר. די אַרבעטס־הוצאות פון בויען אַ זעקס־צימערדיק הויז אין קליוולאַנד באַטרעפן מיט 32 פראָצענט מער ווי אין לאָס אַנדזשעלעס. און וואָס איז דער רעזולטאַט דערפון? זינט דעם יאָר 1935 זיינען אויף יעדע הונדערט טויזנט נפשות אין קליוולאַנד געבויט געוואָרן 143 רעזי־דענץ־הייזער; אין לאָס אַנדזשעלעס, אָבער, ווערט פאַר דער זעלבער צאָל נפשות געבויט 2,056 הייזער. און די הייזער זיינען נויטיק אין קליוולאַנד פונקט אַזוי ווי אין לאָס אַנדזשעלעס! און די אַר־בעטער — וואָס האָבן זיי פון דעם געוואונען? פאַר יעדער שעה אַרבעט, וואָס דער קליוולאַנדער בריקלייער האָט געהאַט (צו $1.65),

האָט זיין ברודער־אַרבעטער אין לאָס אַנדזשעלעס געהאַט 14 שטונדן אַרבעט (צו 1 דאָלאַר), ד. ה. 14 דאָלאַר. וועמען איז בעסער?

„דער באַוויזענער סטאַטיסטישער פאַקט איז, אַז די הייזער־בוי אַרבעטער פון קליוולאַנד האָבן זיך קאָלעקטיוו „אויסגעבאַרגיינט" אַרבעטסלאָזיקייט און נויט. די דאָזיקע אַרבעטער קריגן באַצאָלט מער פער שטונדע און ווייניקער פער יאָר, ווי כמעט אין וועלכער עס איז אַנדער גרויסער שטאָט אין אַמעריקע".

„וואָס פאַר אַן אורטייל זאָלן מיר אַרויסטראָגן אויף אַזאַ מין „קאָלעקטיוו באַרגיינינג"? איז עס ניט זעלבסטמאָרד פאַר ביידע צדדים, ווי אויך אַ פאַרשווערונג צו „דערשטיקן" דעם מאַרק און אָפּשטעלן דעם פּראָגרעס?

„און איך פרעג ווייטער: ווי אַזוי קען אַ לאַנד וואָס איז דורכ־געפרעסן פון אַזעלכע קאָנטראַקטן האָפן צו קאָנקורירן מיט לענדער, אין וועלכע די מאַקסימום־פּראָדוקטיוויטעט פון יעדן איינעם איז גע־וואָרן אַ רעליגיע? לאָמיר נימ פאַרוועגדן אונזער גאַנצע צייט קוקנ־דיק אויף די אָפּשיילעכצע אויטאָקראַטישע פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון יענע לענדער. לאָמיר פאַרוועגדן אַ קאַפּיטשקע צייט אויף באַ־טראַכטן אַ פאַקט, וואָס איזווירקלעך אַ געפאַר פאַר אונז. יענע לענדער אַרבעטן, און זיי אַרבעטן פאַר קלענערע הוצאות".

„שלאָג איך פאָר זייערע עקאָנאָמישע רעגירונגס־מעטאָדן? ניין, פונקט פאַרקערט. דאָ איז אַמעריקע, און זי קען פאַרווירקלעכן וואודראָ ווילסאָנ'ס נבואה: „די העכסטע און בעסטע פאָרם פון „עפישיענסי" (די גרעסט־מעגלעכסטע רעזולטאַטן) איז די ספּאָנטאַנע קאָאָפּעראַציע פון אַ פרייען פאָלק".

וואָס־זשע איז די רפואה קעגן דער מכה? מר. האַרד שלאָגט פאָר אַ נייעם מין „קאָלעקטיוו באַרגיינינג", אַ . . . פּראָ־קאָנסיומער קאָלעקטיוו באַרגיינינג.

„אַזאַ זאַך ווי פּראָ־קאָנסיומער קאָלעקטיוו באַרגיינינג קען זיין — און זי איז אייגנטלעך פאַראַן", זאָגט האַרד.

„דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב דאָס געהערט קרעפטיק אויסגעדריקט, איז געווען דורך סינדי הילמאַן, דעם הויפּט פון דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן. אויף אַ קאָנווענשאָן פון

אַט דער אויסערגעוויינלעכער יוניאָן, מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָבן געוויסע גוט־מיינענדיקע לינקע סאָציאַליסטן פאָרגעשלאָגן די דורכ־פירונג פון אַרבעטס־באַדינגונגען, וואָס וואָלטן רואינירט די באַלע־באַטים. האָט הילמאַן אויסגעשריגן צו זיי:

„איר האָפט, אַז מיט דער צייט וועלן די אַרבעטער ווערן די באַלעבאַטים איבער אונזער אינדוסטריע. טראַכט זיך נאָר אַריין: ווילט איר צעשטערן דאָס הויז איידער איר קלייבט זיך אין אים אַריין? נאַרט זיך ניט אָפּ. עס איז בעסער פאַר אַלעמען — פאַר סאָציאַליסטן און פאַר ניט־סאָציאַליסטן — אַז דאָס דאָזיקע הויז זאָל זיין אַ גוט הויז איצט".

„די זעלבע טאַקטיק, מיט דעם זעלבן ציל, ווערט דורכגעפירט פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן. אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון אַט דער יוניאָן, „דזשאַסטיס", איז דאָ ניט לאַנג געווען געדרוקט אַ באַריכט, וואָס מאיר פערלשטיין, דער דירעק־טאָר פון דעם סאָוטהוועסטערן ראַיאָן פון דער יוניאָן, האָט צוגע־שטעלט צו דוד דובינסקי, דעם הויפּט פון דער יוניאָן. ער זאָגט דאָרט, אַז אין אַט דעם ראַיאָן „שטייען אויפן טאָג־אָרדנונג „אינדוס־טריעל אינדזשעניריגג און צייט־שטודיען" — און „די אַרבעטער, דורך זייער יוניאָן, באַווייזן אַז זיי זיינען גרייט צו העלפן אַנטוויקלען סיסטעמען, וואָס וועלן אַנטוויקלען „פעי־ראָלס".

און ניט נאָר אין געוויסע יוניאָנס איז צו געפינען די דאָזיקע טענדענץ פון „פראָ־קאָנסיומער קאָלעקטיוו באַרגיינינג". זי איז אויך פאַראַן ביי די אַרבעטער גופא, — זאָגט מר. האַרד. ער דערציילט וועגן אַזאַ פאַל:

די נאָן־בוש שו קאָ. פון מילוואָקי האָט לעצטנס געמאַכט אַ קאָנ־טראַקט מיט אירע אַרבעטער — וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין אַ קאָמפּאַני־יוניאָן — לויט וועלכן די אַרבעטער באַקומען פאַר זייער אַרבעט אַ געוויסן פּראָצענט פון דער קאָמפּאַני'ס פּאָרקויף־פּרייז פון די שיך. אויף אַזאַ אופן „ווערט די יוניאָן פאַראינטערעסירט אין דעם פאַרקויף. דער אַרבעטער הערט אויף צו זיין גייסטיק צוגע־שמידט צו דער מאַשין. ער שטעקט אַרויס זיין געדאַנק אין דעם מאַרק..."

„. . . אַט דאָס איז קאָלעקטיוו באַרגיינינג ניט קעגן דעם קאָנ־סומנעט נאָר פאַר אים״.

און אַט איז נאָך אַ פאַל:

בעלוויל, אילינאָי, איז אַמאָל געווען דער צענטער פון אויוון־פאַבריקאַציע פון לאַנד. פריער זיינען דאָרט געווען באַשעפטיקט 2,500 גוס־אַרבעטער. איצט איז דאָרט פאַראַן פולע באַשעפטיקונג בלויז פאַר 750 אַרבעטער. די אַרבעטער פון דער אינדוסטריע זיינען פולשטענדיק אָרגאַניזירט אין אַ. פ. אָוו ל. יוניאָנס. די „ענטערפּרייז פאַונדרי קאָ.״ פון בעלוויל האָט געוואָלט אַריבערקלייבן איר פאַבריק אין דער סאוט, וואו אַרבעטס־הוצאות זיינען קלענער. די אַרבעטער זיינען געקומען צום באַלעבאָס און אים געבעטן ער זאָל ניט אַרויס־ציען זיין פאַבריק פון שטאָט. זיי האָבן אים פאָרגעלעגט צו נעמען אַן אינטערעס אין דעם פאַרקויף פון די אויוונס, צו זען אַז די אויוונס זאָלן זיין בעסער געמאַכט, זאָלן קאָסטן ווייניקער א. אַז. וו., אויב ער וועט איינוויליקן אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך אַז ער וועט בלייבן אין בעלוויל די קומענדע צען יאָר. זיי האָבן אפילו פאָרגעשלאָגן אַריינצוטראָגן 175 טויזנט דאָלאַר אין דעם געשעפט אין דעם משך פון 5 יאָר צייט, און זיי האָבן אונטערגעשריבן וועקסלען פאַר דער דאָזיקער סומע.

דער באַלעבאָס האָט דעם פאָרשלאָג פון די אַרבעטער אָנגענומען. נאָך מער, ער האָט צוגענומען עטלעכע אַרבעטער פון זייערע וואָר־שטאַטן און זיי אַוועקגעשיקט פאַרקויפן אויוונס איבערן לאַנד — זאָלן זיי אַליין אויסגעפינען, וואָס דער קאָנסומענט פאַרלאַנגט און וויפיל ער איז גרייט צו באַצאָלן דערפאַר. און די רעזולטאַטן דער־פון זיינען גלענצנדע. דער באַלעבאָס זאָגט וועגן דעם אַזוי:

„וויכטיק זיינען ניט די 175 טויזנט דאָלאַר, וואָס די אַרבעטער האָבן אין געשעפט אַריינגעלייגט. וויכטיק איז, וואָס זיי זיינען געוואָרן מער פאַראינטערעסירט אין עקאָנאָמיע, אין עפישיענסי, אין פאַרגרע־סערטער פּראָדוקטיוויטעט ווי איך אַליין בין ווען עס איז געווען. און זיי ברענגען בסדר אַריין נייע פּלענער וועגן פאַרבעסערן די אויוונס. די חברה־לייט ווערן . . . פאַרקויף־באַוואוסטזיניק״.

בקיצור, מר. האַרד׳ס פּלאַן איז, אַז . . .

אַרבעטער זאָלן האָבן אַ געוויסן באַוואוסטזיניקן אינטערעס אין די פּראָבלעמען פון פאַרוואַלטונג, און זאָלן אַכטונג געבן אַז „אַט דער אינטערעס זאָל גיין אין דער ריכטונג פון דעם וואוילזיין פון דעם קאָנסומענט און פון דעם לאַנד — דורך פאַרבעסערטע פּראָדוקטן און געהעריקע מקחים".

ווען אַרבעטער וועלן צוגעלאָזן ווערן צו דער פאַרוואַלטונג; ווען זיי וועלן ווערן מער ווי אַרבעטער; ווען „זיי וועלן ווערן באַוואוסט־זינק איבער דער ראָל וואָס זיי שפּילן אין אונזער נאַציאָנאַלן שיק־זאַל"; און ווען באַלעבאַטים וועלן אָנהויבן באַגרייפן, אַז „די פאַר־וואַלטונג פון אַ געשעפט איז פאַרבונדן אויך מיט אַנדערע פליכטן חוץ צו פאַרדינען דיווידענדן פאַר אַקציאָנערן; ווען פאַרוואַלטער און אַרבעטער וועלן זיך פאַראייניקן צופרידן צו שטעלן די נויטן פון דעם קאָנסומענט, צו שאַפן מער און בעסערע פּראָדוקטן פאַר ביליקערע פּרייזן, — דעמאָלט וועט אונזער לאַנד ווערן שטאַרקער און שטאַרקער".

קעגן אַט אַזאַ פריוויליקער פאַראייניקונג „וועלן די כוואַליעס פון טאָטאַליטאַריזם קיין שליטה ניט האָבן".

און פאַר אַט דעם נייעם פּלאַן, פאַר אַט דער פּראָיעקטירטער שותפות צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, איז וויליאַם האַרד גרייט מקריב צו זיין אַפילו די יוניאָנס גופא, אויפצוגעבן דעם גאַנצן קלאַסן־קאַמף. ער זאָגט עס ניט קלאָר; מ'קען עס אָבער דרינגען פון די פאָלגנ־דיקע ווערטער זיינע:

אַט דער אמת — אַז אַרבעטער זאָלן ווערן וואָס מער קאָנסו־מענטן־באַוואוסטזיניק — הויבט אָן אַלץ מער פאַרשטאַנען צו ווערן. „דאָס דערקלערט פאַרוואָס פילע אַרבעטער־גרופּן ווילן אינגאַנצן קיין יוניאָנס ניט האָבן. זיי האָבן שוין אַ געניגנדיקן און צופרידנ־שטעלנדיקן געפיל פון קאָאָפּעראַציע מיט זייערע פאַרוואַלטער".

***

איז וויליאַם האַרד'ס פּלאַן אַ גוטער פּלאַן? קען ער דורכגע־פירט ווערן? ווי ווייט קען ער דורכגעפירט ווערן? קען דער דאָזיקער פּלאַן לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונזער צייט? איז ער אַ שמירה קעגן טאָטאַליטאַריזם? האָט דער קלאַסן־קאַמף

טאַקע אָפּגעלעבט זיין צייט? איז ער געוואָרן אַנטי־סאָציאַל? — אדרבא, לאָמיר זען.

די פּאָזיטיווע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס פון קלאַסן־קאַמף

אין דער טעאָריע קען קיינער גאַרניט האָבן קעגן וויליאַם האָרדס געדאַנק פון „פּראָ־קאָנסומער קאָלעקטיוו באַרגיינינג" — ד. ה. קעגן דעם, אַז די באַלעבאַטים און די אַרבעטער זאָלן זיך פּאַראייניקן און נעמען האַנדלען קאָלעקטיוו ניט קעגן קאָנסומענט נאָר פאַר אים. אין דער פּראַקטיק, אָבער, איז די זאַך פונקט קאַפויר — גראָד דאָרט וואו עס הערשט פולשטענדיקער שלום און קאָאָפּעראַציע צווישן באַלע־באַטים און אַרבעטער באַצאָלט דער קאָנסומענט דערפאַר דעם פּרייז.

דעם בעסטן באַווייז, ווי אמת דאָס איז, האָבן מיר פון דער הייזער־בוי־אינדוסטריע גופא. אָט די אַלע קאָנטראַקטן אין דער בוי־אינדוסטריע, וואָס האָרד ברענגט אַלס מוסטערן פון אַנטי־קאָנ־סומער קאָלעקטיוו באַרגיינינג, זיינען דאָך אַ רעזולטאַט טאַקע פון קאָאָפּעראַציע צווישן באַלעבאַטים און אַרבעטער. און די בוי־אינדוסטריע איז ניט די איינציקע אין דער דאָזיקער הינזיכט. אומעטום וואו עס עקזיסטירן מאָנאָפּאָליסטישע באַדינגונגען אָדער מעגלעכקייטן, עקזיסטירט אויך שלום און קאָאָפּעראַציע צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער . . . אויפן חשבון פון קאָנסומענט. אויב מיר זעען, אַז אַרבעטער ביי „פּאַבליק יוטיליטי"־געזעלשאַפטן, למשל, זיינען מערסטנס „קאָמפּאַני מיינדעד", ד. ה. זיי אידענטיפיצירן זיך מיט די אינטערעסן פון די קאָמפּאַניס, איז עס דערפאַר וואָס די פּאַרוואַלטער פון די דאָזיקע קאָמפּאַניס רייסן זיך ניט שטאַרק די קאָפּאָטע פאַר דעם קאָנסומענט און זיינען גרייט צופרידן צו שטעלן זייערע אַרבעטער אויף זיין רעכענונג.

ווען דער קאָנסומענט זאָל זיך לאָזן שינדן אַ פּעל, וואָלטן מיר אפשר געהאַט שלום ושלוה צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט ניט בלויז אין די מאָנאָפּאָליסטישע, נאָר אין אַלע אינדוסטריעס. דער קאָנסו־מענט קען זיך ניט פאַרלאָזן, אַז אַ פאַראייניקונג צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט וועט אָפּהיטן זיינע אינטערעסן. זיינע אינטערעסן קען דער קאָנסומענט אָפּהיטן בלויז דורך זיין אייגענעם כח אַלס קויפער,

אָדער, בעסער געזאָגט, דורך זיין פרייהייט זיך אָפּצוזאָגן פון קויפן ווען פּרייזן ווערן צו הויך. און דאָרט וואו דער קאָנסומענט האָט ניט די דאָזיקע פרייהייט, דאָרט וואו ער איז דורך מאָנאָפּאָליזם געצוואונגען צו צאָלן הויכע פרייזן אויף פּראָדוקטן אָן וועלכע ער קען בשום אופן ניט אויסקומען, — דאָרט מוז ער זיך פאַרלאָזן אויף דער געזעלשאַפט אַלס גאַנצער, וועלכע שטייט איבער אַלע קלאַסן און איבער אַלע קאָמבינאַציעס פון קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער, אַז זי זאָל דורך איר עקזעקוטיוון אַפּאַראַט, דורך דער רעגירונג, אים, דעם קאָנסומענט, קומען צו־הילף און באַשיצן.

ניין, דער קאָנסומענט קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף קאָמבינאַציעס פון באַלעבאַטים און אַרבעטער, אַז זיי וועלן שוין זאָרגן פאַר זיינע אינטערעסן. ער אַליין דאַרף אַכטונג געבן אויף זיינע אינטערעסן. נאָך מער, מען קען זאָגן, אַז דער קאָנסומענט איז גאָר דער אייג־ציקער שולדיקער אין דעם צוזאַמענשטויס צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. דער קאָנסומענט, מיט זיינע פאָדערונגען און קאַפּריזן, צווינגט די אונטערנעמער צו זוכן אַלץ נייע מיטלען און וועגן, ווי אַזוי דעם פּראָדוקט ביליקער צו מאַכן, — און דאָס פירט צו אַ קאַמף צווישן זיי מיט זייערע אַרבעטער.

***

אַז דער קאָנסומענט זאָל זיך קענען פאַרלאָזן אויף אַ קאָמבינאַציע פון באַלעבטים און אַרבעטער, — דאָס איז אויסגעשלאָסן. איצט לאָמיר זען, צי קען דער אַרבעטער אויפגעבן דעם קאַמף קעגן דעם אונטערנעמער־קלאַס און זיך פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף קאָאָפּעראַציע צווישן אים און זיין באַלעבאָס — אויף אַ מין „בורג־פרידן".

אַז די אַרבעטער וואָלטן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן מסכים געווען צו ווערן שותפים מיטן באַלעבאָס, — וועגן דעם דאַרף מען קיין ספק ניט ברייען. די צרה איז, וואָס דער באַלעבאָס קען ניט מאַכן זיינע אַרבעטער פאַר פולע שותפים, אפילו ווען ער זאָל דאָס וועלן.

קען אַ באַלעבאָס צאָלן שכירות זיינע אַרבעטער יעדע וואָך אין יאָר, אַלץ איינס צי ער האָט פאַר זיי אַרבעט אָדער ניט, — ווי ער טוט עס מיט אַן אמת'ן שותף זיינעם? ניט נאָר קען ער דאָס ניט באַוויזן אין סעזאָן־אינדוסטריען — ווי די קלאָוק־אינדוסטריע, למשל, — נאָר אַפילו אַזעלכע אינדוסטריען, וואָס פּראָדוצירן אַרטיקלען

וועלכע האָבן אַ כסדר'דיקן אָפּגאַנג אַ גאַנץ יאָר, קען ער דאָס אויך ניט באַווייזן. פּשוט דערפאַר ווייל ניט די צאָל פּראָדוקטן וואָס דער מאַרק פאָדערט איז קאָנסטאַנט, און ניט די מענשלעכע אַרבעט וואָס ווערט פאַרוועגדט אויף זייער אויסאַרבעטונג בלייבט די זעלבע.

ווייל מען ווי געהעריק פאַרשטיין די פּראָבלעם, דאַרף מען קודם כל פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. קיין שטריך כאַראַקטעריזירט ניט אַזוי די קאַפּיטאַליסטישע ווירט־שאַפטס־אָרדענונג ווי איר דינאַמישקייט. זי שטייט קיינמאָל ניט אויף איין אָרט. די לאַגע היינט איז אַנדערש ווי זי איז געווען נעכטן, און מאָרגן וועט זי זיין אַנדערש ווי היינט. דער דאָזיקער שטריך איז צוגלייך די מעלה פון דעם קאַפּיטאַליזם און אויך זיין חסרון.

וויליאַם האַרד'ס פּלאַן וואָלט געקענט אָנגעווענדט ווערן ווען באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, פון באַשעפטיקונג, פון דעם מאַרק בכלל וואָלטן געווען סטאַטישע, וואָלטן געשטאַנען אויף איין אָרט. ווען אַ פירמע וואָלט אַלעמאָל געהאַט דעם זעלבן סכום אַרבעט, ווען זי זאָל אַלעמאָל באַשעפטיקן די זעלבע צאָל אַרבעטער, ווען דער מאַרק וואָלט אַלעמאָל געפאָדערט די זעלבע צאָל פּראָדוקטן, — דעמאָלט וואָלט האַרד'ס פּלאַן געווען אַ גאַנץ גוטער. די מעשה איז אָבער, וואָס די באַדינגונגען זיינען ניט סטאַטיש, שטייען זעלטן אַ ווייל אויף אַן אָרט, נאָר זיי זיינען דינאַמיש ביז גאָר.

וויבאַלד דער אַרבעטער איז ניט אַבסאָלוט זיכער, צי ער וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן נאָך אַלץ ארבעטן ביי דער זעלבער פירמע, ביי וועלכער ער אַרבעט היינט, — קען ער זיך ניט צופרידנשטעלן מיט באַלאַנגען צו דער קאָמפּאַני־יוניאָן, וועלכע, אפילו ווען זי האָט אַן אמת'ע מאַכט, האָט זי אַ יורישדיקציע בלויז איבער דער פאַבריק פון דער באַטרעפנדער פירמע. ער מוז באַלאַנגען צו אַ יוניאָן, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן פאַך, וואָס האָט יורישדיקציע איבער אַלע פאַבריקן אין דעם געגעבענעם פאַך, אויך אויף יענע פאַבריקן, וואו עס וועט אים אפשר מאָרגן אויסקומען צו אַרבעטן.

און וויבאַלד עס גייט אָן אַ קאָנקורענץ־קאַמף צווישן איין אַר־בעטס־מאַרק און אַ צווייטן, — קען דער אַרבעטער ניט באַלאַנגען צו אַ לאָקאַלער יוניאָן, נאָר ער מוז באַלאַנגען צו אַ נאַציאָנאַלער יוניאָן,

וועלכע זאָל קענען קאָנטראָלירן אַלע אַרבעטס־מערק פון לאַנד און אַכטונג געבן אַז די קאָנקורענץ צווישן זיי זאָל לפחות ניט זיין קיין צו שאַרפע.

און וויבאַלד אַ נייע דערפינדונג אָדער אַן ענדערונג אין דער נאָכפראַגע קען מאַכן פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטער אין אַ געגע־בענער אינדוסטריע, און די אַרויסגעשפּיגענע אַרבעטער וועלן דאַרפן זוכן באַשעפטיקונג אין נייע אַרבעטס־געביטן, — מוזן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע אינדוסטריען זיין פאַרבונדן צווישן זיך; מוזן זיי זיין טעטיק אויך אויפן פּאָליטישן געביט, כדי צו זען אַז די געזעל־שאַפט אַלס גאַנצע זאָל זיי העלפן זיך צופּאַסן צו די נייע באַשעפטי־קונגען — דורך אַרבעטסלאָזן־פאַרזיכרונג א. אַז. וו.

אַט די אַלע טאַטזאַכן קענען מיר זען פון מר. האַרד'ס אייגענע ביישפּילן, וואָס ער ברענגט אין זיין אַרטיקל.

אַט האָט די „ענטערפּרייז פאַונדרי קאָ." מסכים געווען ניט אַריבערציען איר פאַבריק אין דער סאַוט און איז ווייטער געבליבן אין בעלוויל, אילינאָי. אָבער, וואָס מיינט איר, איז געוואָרן מיט די אַרבעטער פון דער סאַוט, וועלכע זוכן אַרבעט? וועלן זיי דען ניט געפינען קיין וועג ווי אַזוי זייער אַרבעטס־קראַפט אויסצונוצן? און וועט דאָס ניט סוף־כל־סוף ווירקן אויף די אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער אין בעלוויל?

און וואָס איז מכח יענע אויוון־אַרבעטער פון בעלוויל, וועלכע האָבן זייער אַרבעט פאַרלאָרן? מר. האַרד אַליין גיט אָן, אַז פריער זיינען דאָרט געווען באַשעפטיקט 2,500 אַרבעטער, און איצט איז דאָרט פאַראַן פולע באַשעפטיקונג בלויז פאַר 750. וואָס זשע איז געוואָרן מיט די איבעריקע אַרבעטער? זיינען זיי, קענען זיי, נאָך אַלץ בלייבן שותפים פון יענע פירמעס, וואו זיי זיינען אַמאָל געווען באַשעפטיקט אָבער וואו זיי ווערן איצט ניט מער באַשעפטיקט?

און אפילו די אַרבעטער פון דער בוי־אינדוסטריע — ווי מיינט איר, זיינען זיי אַלע טאַקע ניט מער ווי רעקעטירס אָדער אידיאָטן? פאַרשטייען ניט די בריקלייערס פון קליוולאַנד, אַז 14 דאָלער איז מער איידער 1 דאָלער מיט 65 סענט? ווען זיי זאָלן זיין זיכער, אַז אַרונטערלאָזנדיק די שכירות פון $1.65 אויף 1 דאָלער פער שטונדע וועלן זיי ווירקלעך האָבן 14 מאָל אַזוי פיל אַרבעט ווי זיי

האָבן איצט, שיקט זיך עס אַז זיי וואָלטן דאָס ניט געטאָן? עס קען דאָך זיין, אַז אפילו ווען זיי לאָזן אַרונטער די שכירות אויף ווייניקער ווי 1 דאָלער אַ שטונדע, וואָלטן זיי אין קליוולאַנד אַלץ ניט געהאַט אַזוי פיל אַרבעט ווי זייערע ברידער־אַרבעטער אין לאָס אַנדזשעלעס, — אפשר דערפאַר, ווייל לאָס אַנדזשעלעס איז אַ יונגע, וואַקסנדיקע שטאָט, וואו עס איז פאַראַן אַ גרעסערע נאָכפראַגע אויף נייע הייזער. מיט אַנדערע ווערטער: עס איז זייער מעגלעך און וואַרשיינלעך, אַז דאָס וואָס עס וועלן געבויט ווערן ווייניק הייזער אין קליוולאַנד איז ניט קיין רעזולטאַט פון די הויכע אַרבעטס־קאָסטן, נאָר גאָר פאַרקערט — אַז די שכירות אין קליוולאַנד זיינען הויך דערפאַר ווייל דאָרט איז פאַראַן ווייניק אַרבעט!

צוליב אָט די אַלע און אַנדערע סיבות קען דער אַרבעטער זיך ניט פאַרלאָזן אויף קאָאָפעראַציע מיט זיין באַלעבאָס, און ער מוז זיך פאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם כח, אויף זיין אייגענעם קאַמף.

צוליב אָט די אַלע סיבות וועט די קאָמפּאַני־יוניאָן פון דער נאָן־בוש שו קאָ. פון מילוואָקי, וועלכע מר. האַרד ברענגט אַלס אַ מוסטער פון קאָאָפעראַציע צווישן באַלעבאַטים און אַרבעטער, ניט אימשטאַנד זיין לאַנג צו באַשיצן די אינטערעסן פון די אַרבעטער דאָרט.

צוליב אָט די אַלע סיבות זיינען אַזעלכע יוניאָנס ווי די אַמאַלגאַמייטעד און די אינטערנעשאַנאַל, — וועלכע, ווי האַרד זאָגט, גלויבן אין קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע, — נאָך אַלץ געצוואונגען צו בלייבן עקזיסטירן אַלס קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס און צו פירן אַ כסדר׳דיקן, טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר זייערע מיטגלידער. וואָלטן זיי נאָר אויפגעגעבן זייער טעטיקייט אויף איין־איינציקן סעזאָן, — וואָלט אין איין הרף־עין גאַרנישט געוואָרן פון די אַלע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען פון אָט די אָרגאַניזאַציעס.

האַרד אַליין זאָגט, אַז פאַקטיש איז עס געווען די פאָדערונג פון די אַרבעטער פאַר „קאָלעקטיוו באַרגיינינג" וואָס האָט אָפּט אַנגערעגט די באַלעבאַטים צו אַ פּאָליטיק פון „וועלפער"־טעטיקייט, „פּראָפיט־שערינג" און אַקציעס־פאַרקויף צו זייערע אַרבעטער. ווי זשע קומט עס, וואָס ער פאַרשטייט ניט, אַז עס איז די זעלבע פאָדערונג פון די אַרבעטער פאַר „קאָלעקטיוו באַרגיינינג" (אין אַנדערע ווערטער — דער קלאַסן־קאַמף), וואָס צווינגט די באַלעבאַטים אויף

צו אָרגאַניזירן קאָמפּאַני־יוניאָנס, צו וועלן כלומרשט אַריינגיין אין אַ שותפות מיט זייערע אַרבעטער? און פאַר וואָס פאַרשטייט ער ניט, אַז אין דעם מאָמענט ווען די אַרבעטער זאָגן זיך אָפּ פון זייער זעלבסט־שטענדיקער קאַמף־פּאָליטיק, פון זייערע פרייע אָרגאַניזאַציעס, וועלן זי ווערן ניט די שותפים פון די באַלעבאַטים, נאָר . . . זייערע שקלאַפן?

יאָ, די אַרבעטער וואָלטן גריילעך זייער געוואָלט ווערן שותפים מיט די באַלעבאַטים. אָבער די צייט איז שוין אַוועק ווען זיי קענען ווערן שותפים מיט איינצלנע באַלעבאַטים. ווערן שותפים אין דער אינדוסטריע קענען זיי, אונטער איצטיקע באַדינגונגען, בלויז אויף איין וועג — אין דער אינדוסטריע אַלס גאַנצע, אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

און אַזוי לאַנג ווי זיי קענען אַט אַזאַ שותפות ניט דערגרייכן, איז דער קלאַסן־קאַמף זייער איינציקער וואָפן. אַרויסלאָזן פון די הענט דאָס דאָזיקע וואָפן, וואָלט באַדייט זיך אָפּזאָגן פון יעדער מין שותפות אין דער געזעלשאַפט, וואָלט געמיינט שקלאַפעריי.

***

היינט וויבאַלד אין דער פּריוויליקער דעמאָקראַטישער אָרדע־נונג איז ניטאָ קיין אַנדער וועג ווי אַזוי צו דערגרייכן כאָטש אַ גע־וויסע מאָס שותפות פאַר די מאַסן אין דער ווירטשאַפט סיידן דורך קלאַסן־קאַמף, דורך רייסן זיך ביי די טשופּרינעס, —

ווי אַזוי זשע וועט אונזער עקאָנאָמיע קענען ביישטיין די קאָנ־קורענץ פון די טאָטאַליטאַרע ווירטשאַפטן?

און ווי אַזוי וועט די דעמאָקראַטישע אָרדענונג זיך קענען דער־פאַלגרייך ווערן קעגן די ברוטאַלע טאָטאַליטאַרע כוואַליעס?

אויב אַט די פראַגן זעען אויס אַזוי הארב, — נעמט זיך דאָס פון דער פאַלשער קאָנצעפּציע וועגן קלאַסן־קאַמף, פאַר וועלכן עס האַלט זיך דער עקסטרעם־רעוואָלוציאָנערער געדאַנק; אַ קאָנצעפּציע, וואָס עס איז אים געלונגען צו פאַרשפּרייטן אַזוי ווייט, אַז זי ווערט אַפילו דערפאָלגרייך אויסגענוצט פון דער רעאַקציע פאַר אירע אייגענע צוועקן.

די רעוואָלוציאָנערע קאָנצעפּציע פון קלאַסן־קאַמף איז באַ־

וואוסט. דאָס בילד, וואָס זי שטעלט זיך פאָר וועגן דעם אויסגאַנג פון אַט־דעם קאַמף איז אַזאַ:

די אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן וועלן אַזוי לאַנג פירן דעם קאַמף איינע קעגן די אַנדערע, ביז עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען קיין קאָמפּראָמיס וועט מער ניט מעגלעך זיין, ווען איין צד אין דער מלחמה וועט מוזן פאַרניכטעט ווערן — און, פאַרשטייט זיך, אַז פאַרניכטעט ווערן וועט דער קליינצאָליקער קלאַס קאַפּיטאַליסטן און זיגן וועט דער גרויס־צאָליקער קלאַס פּראָלעטאַריער.

אָננעמענדיק אָט דעם בילד פון קלאַסן־קאַמף — אַז ער מוז זיך ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע, מיט אַ ווירטשאַפטלעכן צוזאַמענברוך, און אַז נאָכדעם וועט ער ברענגען מיט זיך די פאַראַרימונג און פאַרשקלאַפונג פון דעם יחיד בנוסח סאָוועט־רוסלאַנד, — איז אַ קנאָפּער וואונדער, וואָס אַזעלכע אמת'ע ליבעראַלן ווי וויליאַם האַרד זוכן מיטלען ווי אַזוי די דאָזיקע משוגעת אָפּצושטעלן באַצייטנס.

גליקלעכערווייז, איז די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע פאָרשטעלונג וועגן קלאַסן־קאַמף אינגאַנצן אַ פאַלשע. דער קלאַסן־קאַמף האָט נאָך דערווייל אין ערגעץ ניט דערפירט צו אַ געזעלשאַפטלעכער קאַטאַ־סטראָפע. דער קלאַסישער מוסטער פון אַן אומפּאַסנדיקן קלאַסן־קאַמף אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב איז שוועדן. דאָרט זיינען אַלע אַרבעטער אָרגאַניזירט אין יוניאָנס און אַלע באַלעבאָטים אין אַסאָ־ציאַציעס — פונדעסטוועגן האָט דאָס דאָרט ניט געפירט צו קיין נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. פאַרקערט, רעוואָלוציאָנערע, דעסטרוק־טיווע טענדענצן זיינען אין שוועדן שוואַכער ווי אין לענדער וואו דער קלאַסן־קאַמף געפינט בלויז אַ ספּאָראַדישן, ניט קיין אַלגעמיינעם אויסדרוק. דאָס זעלבע איז אמת, אין פאַרשיידענע גראַדן, וועגן אַלע לענדער, וואו דער קלאַסן־קאַמף ווערט געפירט אויף אַ גרויסן פאַר־נעם. אַ קאַטאַסטראָפישע אויפרייסונג איז געקומען גראָד אין רוס־לאַנד, אַ לאַנד וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז בכלל געווען אַ קליינע מינדערהייט פון פאָלק און דער קלאַסן־קאַמף האָט, נאַטירלעך, גע־שפּילט אַן אומבאַדייטנדיקע ראָלע.

די פאָרשטעלונג וועגן דעם קאַטאַסטראָפאַלן אויסגאַנג, צו וועלכן דער קלאַסן־קאַמף מוז פירן, איז פּשוט אַ פיקציע, אַ בלבול. די מעשה איז פונקט קאַפּויר. אין אמת'ן פילט דער קלאַסן־קאַמף אין

דער פרייער דעמאקראטישער אָרדענונג אויס אַ גויטיקע געזעלשאפט־לעכע פונקציע. דורך כסדר'דיקער וואכזאמקייט און קאמף, דערלאזט ער ניט אז די שרייענדע סאציאלע עוולות זאלן פארפעסטיקט ווערן, פירט ער דערצו אז די מאסן זאלן באקומען א געוויסן חלק פון יעדער אויסבעסערונג אין דער טעכנאלאגיע, פון יעדן וואוקס אין דער נאציאנאלער הכנסה, — און דערמיט העלפט דער קלאסן־קאמף די קאטאסטראפע צו פארמיידן.

דער קלאסן־קאמף פארשטארקט די סטאביליטעט פון דער געזעלשאפט אויף פארשיידענע אופנים. די אלע פארמען פון זעלבסט־הילף, וואס די ארבעטער־ארגאניזאציעס שאפן פאר זייערע מיטגלי־דער, זיינען א גוואלדיקער פאקטאר ביים העלפן איבערקומען די פעריאדישע קריזיסן — און וואס שטארקער דער ארגאניזירטער כח פון דער ארבעטערשאפט איז, אלץ א בעסערער אינסטרומענט איז ער פאר זעלבסט־הילף אין קריטישע צייטן, אלץ א ממשות'דיקערער סטאביליזירנדיקער געזעלשאפטלעכער כח איז ער.

דערמיט, וואס דער קלאסן־קאמף העלפט אפרייבן די שפיצן פון עקספלואטאציע, פון סאציאלער אומגלייכקייט — דערלאזט ער ניט צו סאציאלע קאטאסטראפעס.

דערצו איז דער קלאסן־קאמף, אגב, א באדייטנדער פראגרע־סיווער פאקטאר, וואס העלפט אין דער ראציאנאליזירונג פון דער אינדוסטריע — א פאקט, וואס ווערט ניט גענוג באטאנט אפילו אין ארבעטער־קרייזן.

די רעאקציאנערן מיינען, אז אלע ברכות פון פארגרעסערטער פראדוקטיוויטעט און געהעכערטן לעבנס־סטאנדארד איז צו פאר־דאנקען אויסשליסלעך דעם קאנקורענץ־קאמף. לויט זיי קומט אויס, אז עס איז די קאנקורענץ, וואס צווינגט איינצופירן פארבעסערטע מאשינען און ארבעטס־פראצעסן, און מאכט מעגלעך צו העכערן שכירות און פארקירצן ארבעטס־שטונדן. זיי מאכן זיך אבער ניט וויסנדיק וועגן דעם בייטראג, וואס דער אקטיווער, אדער אפילו פאטענציעלער, קאמף פון די ארבעטער־מאסן מאכט צו דער ראציא־נאליזירונג פון דער אינדוסטריע.

וואס פאסירט בעת ארבעטער פאדערן העכערע שכירות און קירצערע שטונדן? אויב די קאפיטאליסטן קענען נאכגעבן די

פּאַדערונגען אַרבעטנדיק מיט זייער עקזיסטירנדיקן פּראָדוציר־אַפּאַ־ראַט, טוען זיי דאָס; אויב אָבער ניט, זיינען זיי געצוואונגען זייער פּראָדוציר־אַפּאַראַט אויסצובעסערן — איינצושאַפן זיך די לעצטע מאַשינען און איינצופירן די בעסטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטס־מעטאָדן — כדי צו קענען בלייבן לעבן נאָכדעם ווי זיי גיבן נאָך די פּאָדערונגען פון די אַרבעטער.

אַזוי אַרום איז דער קלאַסן־קאַמף אין אמת'ן אַ מעכטיקער פּאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון די אינדוסטריעלע פּאַטענצן, וואָס פירט צו אַ גרעסערער נאַציאָנאַלער הכנסה און מאַכט אויך מעגלעך אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד פאַר די מאַסן.

אויף אַזאַ אופן העלפט דער קלאַסן־קאַמף די נאַציאָנאַלע אינ־דוסטריע אויך בייצוקומען די קאָנקורענץ פון די טאָטאַליטאַרישע אינדוסטריען אויף דעם וועלט־מאַרק.

ניט דער סעקטאָר, וואו עס ווערט געפירט דער דירעקטער קלאַסן־קאַמף, שטעלט מיט זיך פאַר אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט. פאַרקערט, אין אַט דעם סעקטאָר העלפט דער קלאַסן־קאַמף אָנצוהאַלטן אַ געזונטן באַלאַנס, וואָס קען ניט פאַרפעלן אויסצואיבן אַ סטאַבילי־זירנדיקע ווירקונג אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט. די געפאַר, וואָס לויערט אויף דער געזעלשאַפט, קומט גאָר פון אַ סעקטאָר, וואו קיין דירעקטער קלאַסן־קאַמף קען גאָרניט אָנגיין — פון דער וואַקסנדער אַרמיי אומבאַשעפטיקטע, וועלכע האָבן ניט קעגן וועמען צו סטרייקן, ביי וועמען צו פאָדערן עפּעס, סיידן פון דער געזעלשאַפט אַלס גאַנצע.

אַפילו אין אַט דעם סעקטאָר האָט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג אַ ווירקונג צום גוטן. דורך איר פאַרקירצונג פון אַר־בעטס־שטונדן, דורך העלפן אַרבעטסלאָזע מיטגלידער מיט אייגענע מיטלען, העלפט זי באַדייטנד אָפּצושוואַכן די שאַרפקייט פון דער אַרבעטסלאָזיקייט. אָבער די דאָזיקע פּראָבלעם קען ניט געלייזט ווערן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אַליין; זי מוז געלייזט ווערן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. די אומשולדיקע קרבנות פון דעם צופּאַסונגס־פּראָצעס, וואָס גייט כסדר אָן אין דער געזעלשאַפט, קענען ניט איבערגעלאָזט ווערן „אויף גאָט'ס באַראָט". ניט נאָר די סטאַביליטעט, נאָר דאָס לעבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג הענגט סוף־כל־סוף אָפּ פון איר פעאיקייט צו פאַרזאָרגן מיט חיונה אַט די קרבנות,

וואָס זיינען אומפאַרמיידלעך אין אַ „פרייער", ניט־פּלאַנירטער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע פראַגע איז באמת די „פּראָבלעם נומער איינס" פון אונזער צייט. אין אָט דער דערשיינונג ליגט פאַרשטעקט די אמת'ע געפאַר פאַר דער אָרדנונגסמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

אָבער ניט דורך אָפּשאַפן אָדער פאַרווערן דעם קלאַסן־קאַמף קען מען די דאָזיקע געפאַר בייקומען.

און ניט דורך אָפּשטעלן דעם קלאַסן־קאַמף קען מען באַקעמפן דעם טאָטאַליטאַריזם. די אונטערדריקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז, פאַרקערט, דער ערשטער שריט אויפן וועג פון אַ טאָטאַלי־טאַרער אָרדענונג, וועלכע אוזורפּירט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע פונקציעס אויך די פונקציעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

פאַרווערן מענשן זיך פאַראייניקן, כדי מיט געמיינזאַמע כחות צו קעמפן פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע — דאָס איז דאָך טאָטאַליטאַריזם ממש!

ראַטעווען די דעמאָקראַטישע סיסטעם דורך אָפּשטעלן דעם קלאַסן־קאַמף — איז דאָס זעלבע ווי אָפּשניידן דעם קאָפּ פון פּאַציענט כדי צו ראַטעווען אים פון אַ צאָן־ווייטאָג.

סאָציאַליזם
און
מאָראַל

ראַנד־באַמערקונגען וועגן אַ וויכטיק ווערק

פון די נייע פינף בענדער פון דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ס געזאַמלטע ווערק, וואָס זיינען דערשינען אין יאָר 1940, ציט די אויפמערקזאַמקייט פונם סאָציאַליסטישן לעזער קודם כל דער באַנד „סאָציאַליזם און מאָראַל״. ערשטנס — ווייל, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, איז עס די ערשטע אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט אין דער אָרימער סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור אין אידיש; צווייטנס — איז דאָס ווערק העכסט צייטלעך.

אין דער איינלייטונג צום ווערק פאָרמולירט דר. זשיטלאָווסקי, פון איין זייט, דאָס פּראָבלעם גופא, און, פון דער צווייטער זייט, די אויפגאַבע וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין זיין אַרבעט.

אָט ווי ער פאָרמולירט דאָס פּראָבלעם „סאָציאַליזם און מאָראַל״:

„. . . דער מאָראַלישער קולטור־צווייג טראָגט אין זיך אַ טאָפּלטן אידעאַל. איינמאָל איז דאָס אַן אינדיווידועל־מאָראַלישער אידעאַל. זיין פאָדערונג איז, אַז דער מענש זאָל באַטראַכטן פאַר דעם העכסטן חוב פון מענשלעכער חשיבות די אויסאיידלונג פון זיין כאַראַקטער, זיינע געפילן, זיינע באַוואוסטזיניקע שטרעבונגען און, ממילא, אויך זיינע האַנדלונגען סיי בנוגע צו זיך אַליין, סיי בנוגע צו זיינע מיטמענשן. דאָס איז איין זייט פון דעם מאָראַלישן אידעאַל. זיין צווייטע זייט איז ניט קיין אינדיווידועלע, נאָר אַ סאָציאַל־עטישע. דאָ ווערט געפאָדערט, אַז דורך די מאָראַלישע האַנדלונגען פון די מענשן זאָלן אַזוי איבערגעאַנדערשט ווערן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון מענש צו מענש, אַז די אומשטענדן און די געזעלשאַפטלעכע לעבנספאָרמען אין וועלכע יענע באַציאונגען דריקן זיך אויס, זאָלן האַרמאָנירן מיט די העכסטע פאָדערונגען פון גערעכטיקייט און מענשןליבע. און ניט נאָר דאָס. יענע ניי־געשאַפענע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן דאַרפן געבן דעם מענשן די מעגלעכקייט אויפצוהויבן זיך אין זיין מאָראַלישן שטרעבן צו דער העכסט־מעגלעכער הויך״.

און אַט ווי דר. זשיטלאָווסקי פאָרמולירט זיין אייגענע אויפגאַבע:

„מוסטערט מען דורך די כאַראַקטעריסטישע גרונט־שטריכן פון „יעדן" סאָציאַליזם, אַזוי באַמערקט מען תיכף, אַז צווישן דעם סאָציאַליזם און דער מאָראַל הערשן די ענגסטע באַציאונגען. עס ווערט אויך דאָ גערעדט פון פרייהייט, גערעכטיקייט און געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען אין וועלכע זיי זיינען פאַרקערפּערט. עס איז ווי זיי ביידע — דער סאָציאַליזם און די מאָראַל — וואָלטן געווען אַ צווילינג אויסגעטראָגן אין איין מוטער־טראַכט: דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק פון דער מענשהייט. עס איז ווי זיי וואָלטן זיך גענויטיקט איינער אין דעם אַנדערן".

„מיט דעם גורל פון דער ענגער פאַרבינדונג צווישן מאָראַל און סאָציאַליזם, ווי אויך מיט דעם אויפטו פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פאַר דער לייטערונג פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין וועלן מיר מער באַקאַנט ווערן, ווען מיר וועלן זען ווי זיי זיינען אַרויסגעטראָטן אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם . . . "

הגם דער הויפּט־ציל פון דעם ווערק איז צו באַווייזן די ענגע, אינערלעכע פאַרבינדונג וואָס עקזיסטירט צווישן סאָציאַליזם און מאָראַל, האָט אָבער דר. זשיטלאָווסקי אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט די פּראָבלעם מאָראַל גופא. מיר וועלן זיך דאָ מוזן באַנוגענען מיט ברענגען איין־איינציקן אויסצוג, וואָס גיט אַ קורצע פאָרמולירונג פון דער מאָראַל־פּראָבלעם בכלל. אָט איז ער:

„. . . אין אַ מאָראַלישן אויפפיר, — זאָגט דר. זשיטלאָווסקי אויף זייט 175, — שפּילט אַ ראָליע ניט נאָר די עצם נאַטור, „וואָס אין בלוט", נאָר אויך דער ראַציאָנעלער, אידייאישער איינשטעל, די געדאַנקען, דער אמת, אַזוי ווי יעדער איינער פאַרשטייט אים, אָדער גלויבט אין אים באמונה שלימה. און אָט די געדאַנקען קענען אָנטאָן אַ צוים אויף די נאַטירלעכע נייגונגען און טרייבן זיי אין אַ געוויסער ריכטונג".

„. . . די מאָראַלישע אידייען האָבן אין זיך אַ באַוועגנדע קראַפט, וואָס קאָן אויך גובר זיין דעם איינגעבוירענעם מהות, מיט יענע מאָראַלישע אָדער אַנטי־מאָראַלישע געפילן און „וועלעגישן", וואָס פליסן נאַטירלעך פון אים אַרויס.

„אָט פאַרוואָס עס איז אַזוי וויכטיק, אַז דער מאָראַלישער באַ־

וואוסטזיין פון דער מענשהייט, ווי אַ באַזונדער, זעלבסטשטענדיקער צווייג פון דער מענשלעכער קולטור זאָל אַרויסברענגען קלאָרע גרונט־פּרינציפּן סיי פאַר דער אינדיווידועלער מאָראַל, סיי פאַר דער סאָציאַלער און זיי לאָזן ווירקן אין אַ מענשנ׳ס נשמה, זי זאָל זיך צו־פּאַסן צו זיי און סוף־סוף אינגאַנצן באַהערשט ווערן פון זיי.

„וועגן משה רבנו דערציילט די לעגענדע, אַז מען האָט געבראַכט זיין בילד צו די „חכמי הפרצוף”, און זיי האָבן באַשטימט, אַז דאָס איז אַ בילד פון אַ גזלן. ווען מען האָט דאָס איבערגעגעבן משה רבנו, האָט ער מודה געווען, אַז דאָס איז אמת: בטבע איז ער אַ גזלן. ער האָט אָבער איבערגעבראָכן זיין גזלנישע באַטור.

„און פּונקט ווי אײדעלע מאָראַלישע אידייען קאָנען גובר זיין אַן אַמאָראַלישן כאַראַקטער, אַזוי קאָנען מאָראַלישע אידייען פון אַן אכזרישן איינשטעל (עס זיינען דאָך דאָ אויך אַזעלכע!) פאַרשטיקן און פאַרטויבן אין דער נשמה די שטים פון דער איינגעבוירענער איידלקייט, ערלעכקייט און גוטסקייט . . .”

אמת, — זאָגט אונז דר. זשיטלאָווסקי מיט אַ בלעטל פריער, — די צאָל מענשן, ביי וועלכע עס הערשט אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן זייערע נאַטירלעכע געפילן און די פאָדערונגען פון דער מאָראַל, איז זייער קליין. „גאָר הויכע עטישע נאַטורן, וועמעס האַנדלונגען און געדאַנקען ווערן תמיד דיריגירט פון יענע מענשלעך־מאָראַלישע געפילן, וואָס שטעקן אין זייער בלוט — מענשנליבע, רחמנות אויף די אונטערדריקטע און באַ׳עוול׳טע; אַ נאַטירלעכע אמתידיקייט, אַ כמעט פיזישע אוממעגלעכקייט צו זיין פאַלש; אַ שאַרפער חוש פאַר גערעכטיקייט; אַ שטרענגער פליכט־געפיל, וואָס מאַכט מעגלעך די העכסטע מסירת־נפש, — אַזוינע עטישע נאַטורן, . . . אַזוינע קדושים וטהורים, לויט דעם מהות מענש זייערן, זיינען זייער זעלטן . . .”

אָבער — איז דער גאַנצער גייסט פון בוך אונז מחייב צו דרינגען, — אַז־די מאָראַלישע האַנדלונגען און געדאַנקען, וואָס ביי די זעלטענע מענשלעכע נאַטורן זיינען זיי אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון זייער הויכן מהות־מענש, דאַרפן געהאַלטן ווערן פאַר די אויגן פון אַלע איבעריקע מענשן ווי אידעאַלן, ווי אידעאַלע מוסטערן, וואָס מ׳דאַרף זיך מיען זיי נאָכצוטאָן, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן און כחות. אַט זיי זיינען דאָס די געדאַנקען, וואָס קענען אָנטאָן אַ צוים אויף די

נאַטירלעכע בייגונגען פון דעם דורכשניט־מענש, אפילו ווען זיי זיינען ניט אַזעלכע געהויבענע ווי ביי די יחידי־סגולה; אַז זיי זיינען דאָס די אידייען, וואָס קענען גובר זיין אַנטי־מאָראַלישע געפילן.

די פאַרשפרייטונג פון די דאָזיקע געדאַנקען, אידייען און אידעאַלן, — אַט־דאָס איז דער ציל פון דר. זשיטלאָווסקי׳ס בוך „סאָציאַליזם און מאָראַל״.

דאָס איז די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, און עס דאַרף געזאָגט ווערן אַז בכלל האָט ער די דאָזיקע אויפגאַבע דורכגעפירט גלענצנדיק — מיט דעם עכט־זשיטלאָווסקישן טיפן אַנאַליז; מיט דעם עכט־זשיטלאָווסקישן סטיליסטישן חן; מיט דער עכט־זשיטלאָווסקישער הסברה פון די שווערסטע אַבסטראַקט־פילאָזאָפישע ענינים, וועלכע האָט, דוכט מיר, קוים אַ גלייכן צו זיך אין דער אידישער פובליציסטיק.

אין אונזער טרויעריקער, מאָראַל־דורשטיקער צייט קען דאָס דאָזיקע ווערק ניט פאַרפעלן צו ווירקן, דערהויפט אויף דעם סאָציאַליסטישן לעזער, ווי אַ פרישער שפריי־רעגנדל, וואָס פאַלט אויף די פאַרשמאַכטע ליפּן פון אַ פאַר׳חלש׳טן אין דער מדבר.

***

דאָס מיינט אָבער בשום אופן ניט, אַז דער לעזער איז מחויב אָנצונעמען אַלץ, וואָס דר. זשיטלאָווסקי זאָגט אין „סאָציאַליזם און מאָראַל״, ווי אַ מין תורת משה, אויף וועלכער מ׳טאָר ניט פרעגן קיין קשיות. גראָד פאַרקערט. גראָד צו אַזאַ בוך, וואָס פילט אויס אַזאַ שרייענדיקע נויט סיי פון אונזער ליטעראַטור און סיי פון אונזער צייט, דאַרף מען שטעלן די העכסטע פאָדערונגען, דאַרף מען צוגיין מיט דער שטרענגסטער קריטישער מאָס.

קודם כל וויל איך אָנווייזן אויף עטלעכע קלענערע חסרונות.

1) דאָס ווערק ליידט שטאַרק דערפון, וואָס דער מחבר האָט זיך ניט געגעבן גענוג מי, פון די באַזונדערע קאַפּיטלען — וועלכע זיינען פריער דערשינען ווי אַרטיקלען אין „טאָג״ — אויסצושמידן איין גאַנצע זאַך. דאָס שפּירט זיך פון די אומנויטיקע איבערחזרונגען אין פאַרשיידענע טיילן פון בוך. ספּעציעל רייסט די אויגן דאָס, וואָס די דריי אַרטיקלען „צוויי וועלטן״, „די הייליקייט פון מענש־לעכן לעבן״ און „די רעוואָלוציאָנערע מאָראַל״, זיינען ווי פאַר־

יתום׳טע פאַרוואַלגערט געוואָרן צום סוף פון בוך אונטער דעם נאָמען „ביילאַגן״. דאָס זיינען גאָרניט קיין ביילאַגן; דאָס זיינען לעגיטימע קאַפּיטלען פונם ווערק. שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די דאָזיקע אַרטיקלען האָבן ניט געקענט אַריינגעגלידערט ווערן אין דעם קערפּער פון בוך — אָדער ווי באַזונדערע קאַפּיטלען, אָדער ווי טיילן פון אַנדערע קאַפּיטלען.

2) עס פעלט אין בוך אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן פּרודאָנ׳ען. ווי אַזוי מ׳קען אין אַ בוך וועגן „סאָציאַליזם און מאָראַל״ דעם פייערדיקן פּרעדיקער פון דעם געדאַנק אַז „אייגנטום איז גנבה״, דעם נביא פון דער „רעליגיע פון גערעכטיקייט״, פּרודאָנען, אָפּפּטר׳ן מיט איין־איינציקן פּאַראַגראַף און מיט נאָך עטלעכע שורות דאָ און דאָרט, — דאָס איז פּשוט אומפאַרשטענדלעך.

דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן אין באַצוג צו פּעטער קראָפּאָטקין, וועלכער איז אין בוך גאָר אינגאַנצן באַ׳עוול׳ט געוואָרן. ד״ר. זשיטלאָווסקי דערמאָנט אים בלויז מיט עטלעכע ווערטער, אי דאָס צוזאַמענגעפּאָרט מיט נאָך אַ סאָציאַליסטישן דענקער, מיט קאַוטסקין.

3) לויט דער ברייטקייט פון דער טעמע, לויט דער ריזיקער קאַנווע וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעצויגן אויף זיין מאָל־ברעט, איז דאָס ווערק צו קורץ, צו קאָנדענסירט, צו אָפּגעכאַפּט. ספּעציעל איז דאָס אמת וועגן דעם ערשטן העלפט פון בוך, וועגן די ערשטע דרייצן קאַפּיטלעך, וואָס דעקן אַ היסטאָרישן מהלך פון צוויי אַ האַלב טויזנט יאָר סאָציאַליזם, אָנהויבנדיק פון די נביאים ביז צו מאַקס שטירנער. לייענענדיק דאָס ווערק, באַקומט מען אָפּט דעם געפיל, ווי דער מחבר האָט איבער אַ ריזיקן שטח אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע פּונקטן און פּינטעלעך, אָבער צווישן זיי, צווישן די באַזונדערע פּונקטן, האָט ער איבערגעלאָזט אומבאַזעצט, אומבאַוואוינט גרויסע מדבריות־שטחים, וואָס אין דעם בילד אַלס גאַנצן שטעלן זיי מיט זיך פאָר בלויזן, חללים.

4) דאָס בוך האָט ניט קיין אינדעקס צום סוף. אין אַ ווערק, וואָס דעקט אַ פּעריאָד פון קאַרגע דריי טויזנט יאָר, וואָס דערמאָנט אַזוי פיל נעמען, איז דאָס פעלן פון אַן אינדעקס אַ גרויסע אומבאַקוועמלעכקייט פאַר דעם לעזער.

דאָס אַלץ זיינען חסרונות, קען מען זאָגן, ריין־אַרכיטעקטאָנישע,

וועלכע מ׳קען אָפּ׳פּטר׳ן בקיצור. אָבער אין דר. זשיטלאָווסקי׳ס בוך ווערן באַרירט צוויי פונדאַמענטאַלע, עיקר־פראַגן, וועלכע דאַרפן דיסקוטירט ווערן באריכות.

מאַרקס און מאַרקסיזם

איינס פון די חידושים, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט אַריינגע־בראַכט אין זיין ווערק, — און ער פּאַרווענדט אַ סך מי דאָס צו באַ־ווייזן, — איז אַז קאַרל מאַרקס אַליין איז . . . קיין מאַרקסיסט ניט געווען; אַז ער איז, יעדנפאַלס, ניט געווען קיין מאַרקסיסט אין דעם זינען ווי ענגעלס און שפּעטערע דענקער פון דער מאַרקסיסטישער ריכטונג האָבן דעם טערמין „מאַרקסיסט" פאַרשטאַנען.

עס הייסט, לויט דר. זשיטלאָווסקי, אַז אָנגעפאַנגען זיין טעאָרע־טישן וועג האָט מאַרקס טאַקע אַלס אמתער „מאַרקסיסט", אָבער פאַרענדיקט האָט ער אים אַלס „מאָראַל־פילאָזאָף, אַלס קאָנסעקווענטער אידעאַליסט אין דער מאָראַל־פילאָזאָפיע"; אַז דער מאַרקס פון דעם שפּעטערדיקן „קאַפּיטאַל" איז גאָר אַן אַנדערער ווי דער מאַרקס פון דעם פריערדיקן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

„אין דעם 'קאָמוניסטישן מאַניפעסט', — זאָגט דר. זשיטלאָוו־סקי אויף זייט 106, — ווערט דער מענטש דערטרונקען אין דעם קלאַסן־היפּוך פון בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. די „מענשלעכע באַפרייאונג" ווערט פאַרוואַנדלט אין דער באַפרייאונג פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט . . . " אָבער אין „קאַפּיטאַל" „האָבן מיר פאַר אונז אַ גאַנץ אַנדער קאַרל מאַרקס. עס ווערט ווידער גערעדט וועגן דעם „מענטש" און „מענשלעכקייט"... עס ווערט גערעדט וועגן דער איצטיקער געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצעס, וואָס מישט זיך אַריין אין דעם גאַנג פון דעם קלאַסן־קאַמף. און עס טרעט ווידער אויף דער גרויסער באַדייט פון דער מענשלעכער מאָראַל".

און דר. זשיטלאָווסקי ברענגט מערערע אויסצוגן פון „קאַפּי־טאַל", וואו מאַרקס רעדט וועגן דער געזעלשאַפט אַלס גאַנצע אפילו אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואו ער רעדט וועגן מענש־לעכער בילדונג, גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג, און וועגן

דער מענשלעכער נאַטור בכלל; וואו (אין דריטן באַנד) ער רעדט שוין זאָגאָר וועגן אַ „ממשלה פון פרייהייט" אין דער סאָציאַליסטישער צוקונפט, וואָס ליגט „אויף יענער זייט פון דער ספערע פון ... מאַטעריעלער פּראָדוקציע", אויף יענער זייט פון דער ביז־סאָציאַליסטישער „ממשלה פון נויטוועגדיקייט", אַ צוקונפט, ווען די אַרבעטנדיקע מענשהייט וועט פריי ווערן (דר. זשיטלאָווסקי'ס ווערטער) „פאַר אַ מאָראַליש חשובערן, מענשלעכן לעבן אין די העכערע עולמות פון דער ריין גייסטיקער שאַפונג לשמה".

וואָס איז דאָ דר. זשיטלאָווסקי אייגנטלעך מחדש?

אַז מאַרקס האָט באַזעסן דעם נביאישן גלויבן אין אַ „באחרית הימים", ווען די מענשהייט וועט אַריינטרעטן אין אַ „ממשלה פון פרייהייט", — דאָס איז קיין נייעס ניט. כמעט אַלע שרייבער וועגן מאַרקסן און מאַרקסיזם ווייזן אָן אויף דעם — ווער לשבח, און ווער לגנאַי. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם ענין, למשל, מאַקס איסטמאַן אין זיין בוך „סטאַלינס ראַשיאַ ענד די קרייסיס אין סאָשיאַליזם", וואָס איז אַרויס אין 1940:

„מאַרקס האָט געירשנט זיין פילאָזאָפישן גלויבן פון העגעלן. עס איז אַ גלויבן, אַז די וועלט אַנטוויקלט זיך דורך איר אייגענער נויטוועגדיקער באַוועגונג, און דורך אַ „דיאַלעקטישער' פּראָצעדור, 'פון דאָס נידעריקע אין דאָס העכערע'. ער האָט דעם דאָזיקן מין אַנטוויקלונג צוגעשריבן צו אַ וועלט וועלכע ער רופט אָן, להיפוך צו העגעלן, 'מאַטעריעלע'. אָבער ער האָט ניט דעפינירט, און האָט ניט געקענט דעפינירן, דאָס וואָרט 'העכער' בלויז אין אַ מאַטעריעלן זינען. ער האָט מיט 'העכער' געמיינט מער אידעאַלער...". דאָס איז ניט קיין וויסנשאַפט. „עס איז פונקט דער היפוך דערפון — עס איז רעליגיע. עס איז פרימיטיווער, ניט־באַשטעטיקטער און ניט־באַשטעטיקבאַרער גלויבן אין דעם, וואָס איינעם ווילט זיך אַז עס זאָל מקויים ווערן".

דער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט אין דער צוקונפט, צוזאַמען מיט אַ באַוואוסטזיניקער שטרעבונג צו דערנענטערן די דאָזיקע צייט, — דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן סאָציאַליסט. און ווען איך זאָג דאָס, מיין איך טאַקע יעדן סאָציאַליסט ממש, אָן שום אויסנאַם —

ניט נאָר מאַרקסן, נאָר אויך באַקונינען, ניעטשאַיעוון און שטירנערן, צוזאַמען מיט אַלע מאַרקסיסטישע דענקער, איינגעשלאָסן לענינען אויך. ווען ניט אַט דער גלויבן, וואָלטן זיי דאָך קיין סאָציאַליסטן ניט געווען.

אַט דער גלויבן איז דער צד־השוה פאַר אַלע סאָציאַליסטן, די סאָציאַליסטישע דענקער איינגעשלאָסן; אַט דער גלויבן איז דער כאַראַקטעריסטישער, קלאָרער סימן, דער סימן מובהק, לויט וועלכן מ'קען אונטערשיידן דעם סאָציאַליסטישן דענקער פון אַנדערע דענקער. דער סאָציאַליסטישער דענקער איז אין אמת'ן ניט קיין דענקער אין דעם געוויינלעכן זינען — ער איז אַ נביא־דענקער.

וואָס עס איז דער גייסטיקער מהות פון דעם נביא, דאָס האָט אונדז אחד־העם דערציילט אין זיין עסעי „כהן ונביא". לאָמיר דאָ ברענגען אַ קורצן אויסצוג פון דער דאָזיקער עסעי:

„. . . אַ געוויסע מאָראַלישע אידייע פילט אָן זיין (דעם נביא'ס) גאַנצן וועזן, באַהערשט זיין יעדן געפיל און איבערלעבונג, נעמט אַרום זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט . . . זיין גאַנץ לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין קאַמף מיט זיין גאַנצן כח פאַר דעם דאָזיקן אידעאַל . . . "

אָבער טראָץ אַט דער הויכשעצונג און פאַרערונג פון דעם נביא, זאָגט אחד־העם, אַז

„בעצם איז דער נביא אַן איינזייטיקער מענש . . .", אַ גיגאַנט, אָבער . . . „אַ שמאָל־קעפּיקער גיגאַנט".

צי קען מען דעם נביא אָנרופן „איינזייטיק" און „שמאָל־קעפּיק", איז אַ פראַגע, וואָס לאָזט זיך דעבאַטירן. אָבער איין זאַך איז זיכער: אָן אַזאַ מין „איינזייטיקייט" און „שמאָל־קעפּיקייט" קען קיינער קיין סאָציאַליסט ניט זיין. און דאָס איז אַוודאי אויך אמת וועגן די סאָציאַליסטישע דענקער.

לייענענדיק אין דר. זשיטלאָווסקי'ס בוך די אויפקלערונג וועגן מיכאַילאָווסקי'ס „סוביעקטיוון מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע" — ווי אַזוי מיכאַילאָווסקי פאָדערט פון דעם פאָרשער, „אַז ער זאָל צו דער אָביעקטיווער פאָרשונג צוטרעטן מיט אַ קלאָרן צוויי־איניקן אידעאַל: שטרעבן צו דעם אָביעקטיוון אמת אין דעם ליכט פון זיין סוביעקטיוון מאָראַלישן אידעאַל פון יושר", — אין קעגנזאַץ צו הערבערט ספּענ־

סער׳ס פאָדערונג, „אַז דער סאָציאָלאָג זאָל זיך ניט רעכענען מיט קיין „אידעאַלן״ און סוביעקטיווע איינשטעלענישן, נאָר זאָל ריין אָביעקטיוו שטודירן די גרונט־געזעצן פון דעם אַלוועלטלעכן „פּראָגרעס״, סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער מענשלעכער געזעלשאַפט, און וואוהין די געזעצן פון „עוואָלוציע״ מוזן אומפאַרמיידלעך פירן, צי דאָס שטימט אײן מיט די אָדער יענע סוביעקטיוו־מענשלעכע וואונשן, אָדער ניט״, — לייענענדיק דאָס האָב איך מיר געטראַכט: דאָ איז אייגנטלעך גאָר ניטאָ קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייט צווישן מיכאַילאָווסקין און ספּענסערן; דאָס איז דאָך בלויז אַ געטרייע שילדערונג פון אַ היס־טאָרישן פאַקט — ספּענסער, מיט זיינע רייד, כאַראַקטעריזירט אַלע ניט־סאָציאַליסטישע דענקער און פאָרשער; מיכאַילאָווסקי, אָבער, כאַראַקטעריזירט מיט זיינע רייד די סאָציאַליסטישע דענקער און פאָרשער.

אַז מאַרקס איז צוגעטראָטן צו זיין פאָרשונגס־אַרבעט מיט דעם „סוביעקטיוון מאָראַלישן אידעאַל פון יושר״; אַז ער האָט געגלויבט באמונה שלימה אין אַ בעסערער, גליקלעכער צוקונפט פאַר דער מענשהייט, און טאַקע געשטרעבט צו איר, נאָך איידער ער האָט זיך גענומען פאַר דער אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז די אָביעקטיווע אַנטוויק־לונג פון דער געזעלשאַפט פירט אומפאַרמיידלעך צו אַזאַ גליקלעכער צוקונפט, — דאָס איז ניט זייער שווער צו באַווייזן. און אויסזוכן ערגעץ־וואו אין מאַרקס׳ ווערק אַ שטעל, וואו ער דריקט אויס זיין גלויבן אין דעם „באחרית הימים״, אין אַ „ממשלה פון פרייהייט״ — דאַרף אויך ניט זיין זייער שווער פאַר אַ בקי אין מאַרקסן. ניט אין דעם באַשטייט דער חידוש, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט דאָ אויפגעטאָן. ניי איז בלויז, וואָס דר. זשיטלאָווסקי מיינט, אַז דאָס איז שוין גענוג צו מאַכן מאַרקסן פאַר אַ „קאָנסעקוועקנטן אידעאַליסט אין דער מאָראַל־פילאָזאָפיע״.

אָבער דאָס האָט דר. זשיטלאָווסקי בשום אופן ניט באַוויזן — צוליב דעם פּראָסט־פּשוטן טעם, ווייל דאָס קען איבערהויפּט ניט באַוויזן ווערן.

אַזעלכע „ווייניקע אָבער וואָגיקע״ באַמערקונגען וועגן „מענש־לעכקייט״, וואָס דר. זשיטלאָווסקי געפינט אין מאַרקס׳ שריפטן, —

וועלכע זיינען אין אמת'ן ווידערשפּרוכן צו מאַרקס' אַלגעמיינעם טעאָרעטישן איינשטעל, — קען מען געפינען ביי אַלע סאָציאַליסטישע דענקער, ספּעציעל אין זייער פּאָלעמיק. אָבער וואָס באַווייזט דאָס? דאָס באַווייזט בלויז, אַז מאַרקס איז געווען אַ סאָציאַליסט.

אַזעלכע שטעלן קען מען געפינען ניט נאָר אין „קאַפּיטאַל", נאָר אויך אין דעם פּאָלעמישן טייל פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" גופא. אין איין אָרט פון מאַניפעסט ווערט געזאָגט:

„איר (די בורזשואַזיע) ווערט אויפגעשווידערט פון אונזער אַבזיכט אָפּצושאַפן פּריוואַט-אייגנטום. אָבער אין אייער עקזיסטירנ־דער געזעלשאַפט איז פּריוואַט-אייגנטום שוין אָפּגעשאַפט געוואָרן פאַר ניין־צענטל פון דער באַפעלקערונג; זיין עקזיסטענץ פאַר די צענטל איז אינגאַנצן אַ רעזולטאַט פון זיין ניט־עקזיסטענץ אין די הענט פון די ניין־צענטל".

און נאָך אַן אָרט פון מאַניפעסט ווערט געזאָגט אַזוי:

„ער (דער בורזשוי) האָט אַפילו ניט קיין חשד, אַז דער אמת'ער ציל צו וועלכן עס ווערט געשטרעבט (פון די קאָמוניסטן־סאָציאַליסטן) איז צו מאַכן אַ סוף צו דעם סטאַטוס פון דער פרוי ווי אַ בלויזער אינסטרומענט פון פּראָדוקציע".

און פאַרענדיקט ווערט די פּאָלעמיק קעגן דער בורזשואַזיע אָט ווי אַזוי:

„אויפן אָרט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט, מיט אירע קלאַסן און קלאַסן־קעגנזאַצן, וועלן מיר האָבן אַן אַסאָציאַציע, אין וועלכער די פרייע אַנטוויקלונג פון יעדערן איז דער באַדינג פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון אַלעמען".

אויך דאָ טרעט שאַרף אַרויס אַ זאָרג פאַר די באַזיצלאָזע ניין־צענטל פון דער „באַפעלקערונג" (דאָס וואָרט „פּראָלעטאַריאַט" ווערט דאָ ניט באַנוצט), ווי אויך פאַר דער פרוי (ניט פּראָלעטאַרישער פרוי, נאָר פרוי בכלל); אויך דאָ ווערט אויסגעדריקט דער גלויבן אין דעם „באחרית הימים".

אָבער נעמען אַזעלכע אויסצוגן און פון זיי דרינגען, אַז מאַרקס איז געווען אַן אידעאַליסט אין דער מאָראַל־פילאָזאָפיע, — דאָס איז אַן איבערטרייבונג.

מיט דעם זעלביקן מעטאָד וואָלט מען געקענט באַווייזן, אַז אויך שטירנער איז געווען אַן אידעאַליסט אין דער מאָראַל־פילאָזאָפיע. איך האָב נאָר אַ בלעטער געטאָן שטירנער'ס „דער איינציקער און זיין אייגנטום״, און אַט וועלכע שטעלן איך האָב דאָרט געפונען:

אויף זייט 34 (פון דער אידישער איבערזעצונג פון דר. י. א. מעריסאָן): „ווען אָבער די ,קליינע אייגנטימער' וואָלטן זיך באַדענקט, אַז דאָס גרויסע אייגנטום איז אויך זייערס, וואָלטן זיי זיך רעספּעקט־פול אַליין דערפון ניט אויסגעשלאָסן . . . דער בירגערלעכער אייגנטימער איז באמת ניט מער ווי אַן אייגנטומלאָזער, אַן איבעראַל אויסגעשלאָסענער. אַנשטאָט וואָס די וועלט האָט אים געקענט געהערן, געהערט אים ניט אַמאָל דער קליינער פּונקט, אויף וועלכן ער דרייט זיך אַרום״.

אויף זייט 346: „. . . איך טרעט ניט צוריק מיט פּחד פאַר דיין אָדער אייער אייגנטום, נאָר איך קוק אויף דעם אַלעמאָל ווי אויף מיין אייגנטום, אין וועלכן איך געפין גאָרנישט וואָס צו „רעספּעקטירן״. טוט, איך בעט אייך, דאָס זעלבע מיט דאָס, וואָס איר רופט מיין אייגנטום! מיט אַזאַ קוק אויף דער זאַך וועלן מיר אַם לייכטסטן קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג איינע מיט די אַנדערע״.

און אויף זייט 296: „. . . ווען דער אינטערעס וואָס מען נעמט אין דער (סאָציאַלער) פראַגע, וואָלט געווען ווייניקער ליידנ־שאַפטלעך און פאַרבלענדט, וואָלט מען צוליב דער געזעלשאַפט ניט געלאָזט אַזוי פיל אויסן אויג די איינצלנע, און מען וואָלט איינגעזען, אַז אַ געזעלשאַפט קען ניט ווערן ניי, כל זמן די טיילן, וועלכע שטעלן זי צונויף, בלייבן די זעלביקע אַלטע . . .״

באַווייזן דען ניט די דאָזיקע אויסצוגן, אַז שטירנער האָט זיך געזאָרגט פאַר די אָרעמע, נויטליידנדע און אונטערדריקטע, און אַז ער האָט געשטרעבט צו אַ בעסערער וועלט? אָבער פונדעסטוועגן איז פאָרט אמת, אַז שטירנער האָט אין דעם סאָציאַליזם אַריינגע־בראַכט דעם עגאָאיסטישן מאָמענט, „ווי דעם פירנדיקן שטערן אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַלטער וועלט״, ווי דר. זשיטלאָווסקי דריקט זיך אויס.

דאָס זעלבע איז אויך אמת וועגן מאַרקסן. טראָץ דעם, וואָס

ער האָט געגלויבט אין דעם נביאישן „באחרית הימים״, אין דעם סאָציאַליסטישן קץ; אין דעם, אַז די געזעלשאַפט אַנטוויקלט זיך פון דאָס נידעריקע אין דאָס העכערע', — האָט ער אָבער געהאַלטן, אַז מאַטעריעלע כחות, און ניט מאָראַלישע, באַוועגן די אַנטוויקלונגס־רעדער פון דער געשיכטע; און אין דער פראַקטישער סטראַטעגיע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט ער אויפן אָרט פון דעם אידעאַל אַריינגעבראַכט דעם מאָמענט פון אינטערעס, וואָס איז אַ גליד־שוועסטערקינד, אויב ניט קיין לייבלעכער ברודער, פון שטירנער'ס עגאָאיזם.

אי, מאַרקס האָט אין די ווייניקע (וויינט צו ווייניק!) שטעלן גערעדט וואָגיק וועגן ,מענשלעכקייט' און וועגן אַ ,ממשלה פון פרייהייט'? — קען מען דערויף זאָגן דאָס, וואָס דר. זשיטלאָווסקי זאָגט וועגן קאַוטסקי'ן:

„אויף אַ זייער הויכן טראָן זעצט קאַוטסקי אַוועק די מענשלעכע מאָראַל אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט. ער שטעלט אָבער אַוועק דעם זייער הויכן טראָן מחוץ פון דעם היסטאָרישן קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט. פאַר דעם פראַקטישן באַטייט פון דער מאָראַל אין דעם סאָציאַליסטישן קאַמף בלייבט ביי קאַוטסקין, אין תוך אַריין, אַלץ ווי געוועזן . . . אין דעם ,קאָמוניסטישן מאַניפעסט.'

גאָלדענע ווערטער! אָבער, באמנות, די דאָזיקע ווערטער זיינען אַ סך, אַ סך בעסער אָנגעמאָסטן אויף מאַרקסן איידער אויף קאַוטסקין.

מיט דעם פולסטן רעספּעקט פאַר זשיטלאָווסקי'ס בקיאות אין מאַרקסן, דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז פרידריך ענגעלס האָט פאַרשטאַנען מאַרקס' עצם־אויפטו וועניקסטנס אַזוי גוט ווי דר. זשיטלאָווסקי. איז דאָך ענגעלס געווען מאַרקס' פריינט, חבר און מיטשאַפער; ער האָט דאָך רעדאַגירט, צוזאַמענגעשטעלט, אויסגעבעסערט מאַרקס' פאַרבליבענע מאַנוסקריפּטן פאַר דעם צווייטן און דריטן באַנד „קאַפּיטאַל״, וואָס מאַנכע טיילן פון זיי זיינען באַשטאַנען בלויז פון אָנגעוואָרפענע נאָטיצן און ענגעלס האָט זיי געדאַרפט איבערשרייבן און אַנדערע קאַפּיטלען אינגאַנצן אַליין אָנשרייבן. און אַז ענגעלס זאָגט אין „אַנטי־דיורינג״, אַז פאַר די אוטאָפּיסטן איז סאָציאַליזם

געווען דער אויסדרוק פון אַבסאָלוטן אמת, שכל און יושר, אָבער פאַר מאַרקסן איז סאָציאַליזם געוואָרן דער אומפאַרמיידלעכער עטאַפּ אין עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, — האָט ער געוויס געוואוסט וואָס ער האָט גערעדט.

ניין, ‚מאַרקסיזם׳ איז ניט גאָר עפּעס אַנדערש פון מאַרקס׳עס טעאָרעטישן איינשטעל. העכסטנס, קען מען זאָגן, אַז מאַרקסיזם איז אַן איבערטרייבונג, אַ וואולגאַריזאַציע פון מאַרקס׳עס געדאַנקען — אַן איבערטרייבונג, וואָס האָט דערגרייכט איר הויך־פּונקט אין דעם באָלשעוויזים. אָבער עס קען ניט אָפּגעלייקנט ווערן, אַז דער מאַרקסיזם איז מאַרקס׳עס לעגיטים קינד. און ניט דערפאַר ווייל ער טראָגט זיין נאָמען, נאָר דערפאַר, ווייל מאַרקס איז געווען דער ‚דערפינדער׳ פון די מאַרקסיסטישע געדאַנקען, ווייל ער האָט דער ערשטער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אָוועקגעשטעלט אויף דעם גליטש פון אינטערעס, און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון מאַרקסיזם איז געווען ניט מער ווי אַ לאָגישער פּועל יוצא פון מאַרקס׳עס געדאַנקען — און די דאָזיקע געדאַנקען זיינען אַזוי ווייט פון אידעאַליזם אין דער מאָראַל־פילאָזאָפיע ווי מערב איז פון מזרח.

מאָראַל — פּראָלעטאַרישע אָדער אַלמענשלעכע ?

וועגן דעם באָלשעוויזם און זיין מאָראַל, אָדער, ריכטיקער, זיין מאָראַללאָזיקייט, זאָגט דר. זשיטלאָווסקי אין זיין בוך „סאָציאַליזם און מאָראַל" אַט־וואָס :

„. . . פאַר אונז, — האָט לענין געזאָגט, — איז מאָראַל אונטער־געאָרדנט אונטער די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף".

(אַזוי ווי אין דער יעזואיטישער מאָראַל, אַזוי) „אויך אין דער באָלשעוויסטישער מאָראַל האָבן מיר צו טאָן מיט אַ רעליגיעז־פאַלשער, אַנטי־הומאַנער הייליקייט, מיט אַ גאָט אַ „מולך" וואָס אויב ער פאָדערט ניט קיין מענשלעכע קרבנות, שטעלט ער זיך אָבער ניט אָפּ פאַר זיי, אפילו ווען זיי דאַרפן געציילט ווערן אין די מיליאָנען ; אַן עבודה־זרה, וואָס איז מתיר אַלע אומגערעכטיקייטן, אַלע מנובלימשע מעשים, אויב דאָס ווערט געפאָדערט אין דער אָדער יענער צייט פון דעם געצנדינסט, לויט דעם יעדע־צייטיקן איינזען פון די „כהנים".

דער גאָט „מולך" פון דער באָלשעוויסטישער מאָראַל איז „די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט".

„גאָר אַ גרויסער פאַרברעכן (פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד) איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען האָט גענומען בויען דעם סאָציאַליזם אויף די ליידן פון די מאַסן . . . "

„. . . ביי זיי (ביי די באָלשעוויקעס) איז דער מענש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרייפל פון „אַ מאַשין" . . . ניט די „מאַשין" דאַרף צוגעפּאַסט ווערן צום שרייפל, נאָר דער שרייפל צו איר : לאָזט ער זיך צופּאַסן, שטעלט מען אים אַריין אויף דעם פּאַסיקן אָרט ; אַלאַ ניט — פיילט מען אים צו, און נאָך פּשוטער איז : מען וואַרפט אים אַרויס. אַ דאגה אַ שרייפל ? !

„עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער־קריג און דער טעראָ־

ריסטישער קאַמף מצד דער סאָציאַליסטישער מאַכט מיט אַזאַ מאוימ־דיקער אכזריות, וואָס האָט אפשר קיין גלייכן ניט צו זיך אין די בלוטיקסטע בלעטער פון דער מענשלעכער געשיכטע . . . ״

„און ווי אַן ענטפער אויף אַלע פּראָטעסטן סיי אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד האָט זיך געטראָגן דער שטרענגער קול פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור:

„זייט וויסן, אַז אָט דאָס איז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. אָט דאָס איז איר רעכט און גערעכטיקייט. זי שליידערט־אָפּ פון זיך אפילו יענע כלומר׳שטע „הומאַנע״ כללים, וואָס ווערן אָפּגעהיט אין אַ געוויינלעכן קריג. עס איז שוין מער ניט קיין פראַגע פון „הומאַניטעט״ און פון אַלע אַנדערע מינים „סענטימענטאַליטעט״. דאָס איז אַ פראַגע פון מאַכט און ניט פון קיין אַנדער זאַך. מיר האָבן די מאַכט, און זאָל נאָר איינער פּרוּווון אויפהויבן אַ פינגער אַנטקעגן אונז, אָדער צוואַרפן אונז אַ קרומען בליק!״

און . . . „אויף דער באָלשעוויסטישער מאָראַל האָט די רעאַק־ציאָנערע וועלט געענטפערט מיט פונקט אַזאַ יעזואיטישן איינשטעל, מיט דעם „צוועק, וואָס הייליקט אַלע מיטלען״. דער צוועק איז שוין אָבער געווען דער פאַשיזם און דער נאַציזם. זיי שטרעבן צו זייערע צילן און קעמפן מיט די זעלביקע מעטאָדן, וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן אין דער באָלשעוויסטישער פּראַקטיקע . . . ״

„אַזוי אַרום האָבן וועלט־קריג, בירגער־קריג, באָלשעוויסטישער טעראָר, פאַשיזם און נאַציזם . . . באַשאַפן די העכסטע גייסטיקע נויט פון אונזער לעבן, די נויט אין דעם ווידער אויפקום פון דער מענש־לעכער מאָראַל״.

זייער גוט און זייער שיין געזאָגט!

אָבער בעת מען לייענט די דאָזיקע ווערטער, עגבערט אין מוח די גאַנצע צייט אַ האַרבע קשיא:

אויב אַזוי, — דאַרף דאָך יעדער סאָציאַליסט זוכן אָפּצוגרעניצן זיך פון די באָלשעוויקעס דורך צענדליקע מאָראַלישע מאַזשינאַ־ליניעס, אָפּצוזונדערן זיך פון זיי דורך אַן אַ שיעור (פאַרשטייט זיך, ניט מיליטערישע, נאָר מאָראַלישע) „סאַניטאַרע קאָרדאָנען״? טאָ ווי־זשע קומט עס, וואָס גראָד דר. זשיטלאָווסקי פּראָטעגיזירט מיט

זיי מער ווי אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן — גייט מיט זיי אין פאַר־אייניקטע פראָנטן, אין קולטור־פראָנטן א. אַז. וו.?

יעדן מאָל, ווען איך טראַכט וועגן דעם, דערמאָן איך זיך אַ מעשה וועגן מאיר אַנשל ראָטשילד.

אַ פּאַראָרימטער קרוב איז געקומען בעטן שטיצע ביי ראָטשילדן. רופט זיך אָפּ צו אים מאיר אַנשל: ווייסט דאָך, קיין געלט גיב איך קיינעם ניט, און דיר וועל איך אויך ניט געבן. איך וועל אָבער טאָן פאַר דיר עפּעס, וואָס אויב דו וועסט נאָר פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס אויסצונוצן, וועט עס דיר אַריינברענגען אַ סך, אַ סך מער ווי דו אַליין האָסט ווען געקענט רעכענען צו קריגן ביי מיר. מאָרגן אין דער פרי וועל איך דיר מיטנעמען אויף דער בערזע, און דאָרטן וועל איך זיך דורכשפּאַצירן מיט דיר אָרעם־אין־אָרעם. דאָס איבע־ריקע וועט זיך שוין וועגדן אָן דיר אַליין. כך הווה. אַזוי שנעל, ווי מ'האָט דערזען דעם נייעם פאַרשוין גייענדיק געאָרעמט מיט ראָט־שילד'ן, זיינען הענדלער און ספּעקולאַנטן מכל המינים אים באַפאַלן ווי די פליגן, ניט געפרעגט קיין קשיות, געגעבן אים קרעדיט, און ... ער איז געהאָלפן געוואָרן.

דאָס זעלבע קומט פאַר צווישן די קאָמוניסטן און דר. זשיטלאָוו־סקי'ן. די קאָמוניסטן, די מאָראַלישע אביונים, קומען צו אים, צום גייסטיקן ראָטשילד, בעטן הילף. קיין אייגן „געלט", קיין טעאָרע־טישע הסכמה גיט זיי דר. זשיטלאָווסקי ניט. נאָר וואָס דען? ער טוט אין קלייניקייט: ער שפּאַצירט זיך דורך אויף דער אידישער גאַס מיט די קאָמוניסטן אָרעם־אין־אָרעם — און דאָס איבעריקע טוען שוין די קאָמוניסטן אַליין. פאַרלאָזט זיך אויף זיי; יענע ווייסן שוין ווי אַזוי דאָס אויסצונוצן.

און פרעגט מען די פראַגע: ווי אַזוי קען דר. זשיטלאָווסקי פּועל'ן ביי זיך צו גיין אין פּראַקטישע ענינים צוזאַמען מיט די קאָמו־ניסטן, בעת אין דער טעאָריע רעדט ער ווי דער אומקאָמפּראָמיס־לעכסטער קעגנער זייערער (ווי מיר זעען דאָס פון די אויבן־געבראַכטע ציטאַטן), מוז מען ענטפערן דערויף אַזוי:

ערשטנס: דר. זשיטלאָווסקי העלפט די קאָמוניסטן, ווייל ער

וויל די העלפן — געגנוי אַזוי ווי ראָטשילד האָט געוואָלט זיין קרוב העלפן; און

צוויטנס: דר. זשיטלאָווסקי'ס גרייטקייט צו העלפן די קאָמור־ניסטן אין פּראַקטישע ענינים און טעטיקייטן, איז אַ באַוויז, אַז אויך זיין טעאָרעטישער בנין איז עפּעס ניט אין גוטער אָרדענונג; אַז ער אַליין איז ביי זיך נאָך ניט זיכער, וואו ער האַלט אין דעם ענין מאָראַל — צי גלויבט ער טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין־איינציקע מאָראַל, אַן אַלמענשלעכע, אָדער ער גלויבט, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ מאָראַל, אָדער אַ צוגאָב צו איר — — אַ פּראָלעטאַרישע, אָדער אַ סאָציאַליסטישע?

***

פּלוצלונג, גאָר אומדערוואַרט, הויבט דר. זשיטלאָווסקי אָן צו ריידן גאָר ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער מאַרקסיסט, רחמנא לצלן.

אָט וואָס ער זאָגט אויף זייט 69:

„אין דער אמת'ן נעמט יעדער געזעלשאַפטלעכער קלאַס אויף די אַלגעמיין־מענשלעכע מאָראל אויף זיין שטייגער, טראָגט אַריין זיינע הגהות צו איר, באַרייכערט זי מיט נייע צוגאָבן אָדער מיט דעם אָדער יענעם אָראָפּנעמען פון איר, — אַלץ כפי דעם אידעאַל פון מענשלעכער השיבות, וואָס אַרבעט זיך אויס ביי דעם געגעבענעם קלאַס, אין דער ערשטער ליניע, אַ דאַנק זיין עקאָנאָמישער ראָליע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיין לאַגע אין אים, זיינע ספּעציעלע קלאַסן־אינטערעסן און זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַלץ אָט דעם. די אַלגעמיין־מענשלעכע מאָראַל זיינען די גרונט־מאָטיוון, וואָס יעדער קלאַס שפּילט אויס אין זיינע אייגענע וואַריאַציעס . . .”

אָבער אַזוי ווי, כידוע, דער טאָן מאַכט די מוזיק, איז ווען מען גיט זיך אָפּ צו פיל מיט דעם באַזונדערן טאָן, מיט די „אייגענע וואַריאַציעס”, ווערן גאָר גיך די גרונט־מאָטיוון פאַרטרונקען אין דעם ים פון די „אייגענע וואַריאַציעס”, ביז מען הערט די גרונט־מאָטיוון שוין גאָר אינגאַנצן ניט אין דעם אָרקעסטער.

ווי אַזוי דאָס קומט פאָר, זעען מיר טאַקע אין דר. זשיטלאָוו־סקי'ס בוך גופא. אין דעם קאַפּיטל „די פּראָלעטאַרישע מאָראַל

דערהויבט דעם מענשן" ווערן די דאָזיקע „אייגענע וואַריאַציעס" שוין מגולגל אין אַ פולשטענדיקער פּראָלעטאַרישער, אָדער סאָציאַליס־טישער, מאָראַל, מיט אייגענע „געבאָטן, חשיבות'ן און הייליקייטן".

לאָמיר דאָ בקיצור איבערגעבן די סאָציאַליסטישע „געבאָטן, חשיבות'ן און הייליקייטן", על פּי נוסח דר. זשיטלאָווסקי.

1) „אָנשטאָט דער אויטאָריטעט פון דער קירך און פון דער פאַרהייליקטער רעליגיעזער טראַדיציע פאָדערט זי („די סאָציאַליס־טישע שיטה אין דער מאָראַל") די אויבערהערשאַפט פונם מענש־לעכן שכל און פון דעם פרייען מענשלעכן פאָרשן . . . די מאָראַל ווערט פאַרוועלטלעכט. זי ווערט אָפּגעטיילט פון דעם רעליגיעזן גלויבן. זי איז ניט טעאָלאָגיש, נאָר אַנטראָפּאָלאָגיש . . . "

2) „אָנשטאָט דעם אַסקעטיזם, דער הייליקייט פון פייניקן דעם גוף, דעם שטרעבן צו ריינער רוחניות, הויבט די סאָציאַליסטישע מאָראַל אויף די חשיבות פון דער מענשלעכער נאַטור . . . און עס ווערט געפאָדערט אַזאַ סדר פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואו יעדער יחיד זאָל קאָנען אַנטוויקלען אַלע זיינע פעאיקייטן און השלמות און זיך אויסלעבן אין זיי: פיזיש, אינטעלעקטועל, עסטע־טיש און מאָראַליש".

3) „האַנט אין האַנט מיט אַט דער ווידעראויפריכטונג פון דעם פיזישן זיין, פון דעם מענשלעכן פלייש־און־בלוט, גייט אויך די מאָ־ראַלישע הויכשעצונג פון דער מענשלעכער פיזישער אַרבעט . . ."

4) „דאָס פירט צו דער פאָדערונג אָפּצושאַפן די קלאַסן־איינ־טיילונג אין דער געזעלשאַפט, ווי אויך דעם פאַנאַנדערשייד צווישן פיזישער אַרבעט און גייסטיקער . . ."

5) אָנשטאָט דער הייליקייט אָדער חשיבות פון „געבן צדקה" ווערט געפאָדערט די פולע אָפּשאַפונג פון אָרעמקייט, עלנט, נויט, אומזיכערע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ און דער זאָרג פאַר דעם מאָרגן".

6) . . . עס „ווערט געפאָדערט די פולע אַלגעמיינע סאָלידאַ־ריטעט. ניט: „יעדער איינער פאַר זיך אַליין", נאָר „יעדער איינער פאַר אַלעמען און אַלע פאַר יעדן איינעם".

7) „דאָס מוז פירן, ווי אַ הייליקע מאָראַלישע פאָדערונג, צו דער אָפּלייקענונג פון דעם „הייליקן פּריוואַט־אייגנטום־רעכט" . . .

8) „אַנשטאָט דער „הייליקייט" פון דער פאַמיליע און דער פאַרשקלאַפונג אָדער אומגלייכער שטעלונג פון דער פרוי, ווערט פראָקלאַמירט דער פרינציפּ פון דעם פרייען געפּיל, ווי אַ באַזיס פאַר אַ פאַר־פאָלק־לעבן און די פולע גלייכשטעלונג פון דער פרוי מיט דעם מאַן אין דער געזעלשאַפט".

9) „אַנשטאָט דער הייליקייט פון „פאָטערלאַנד" . . . פאָדערט די סאָציאַליסטישע מאָראַל, שוין פון די אַלט אידישע נביאים אָן, אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אַלע פעלקער און לענדער און דעם אייביקן פרידן צווישן זיי.

10) „ועל כולם ווערט אָט די סאָציאַליסטישע מאָראַל . . . באַקרוינט מיט דעם מאָראַלישן חשיבות־שטאַנדפונקט, וועלכן קאַרל מאַרקס האָט אַריינגעטראָגן אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט: די העכערשאַצונג פון אַ לעבן אין דער „ממשלה פון פריי־הייט", וואו עס ווערט ניט געשטרעבט צו אַ וועלכן עס איז „דרויסנ־לעכן נוצן" און מאַטעריעלע עשירות, נאָר צו אַ לעבן צוליב „יענער מענשלעכער קראַפט, וואָס טראָגט איר ציל אין זיך גופא", ד. ה. צוליב דעם פרייען אויסדרוק פון דעם מענשנס גייסטיקע באַשאַפונגס־כחות".

„אָט דאָס אַלץ אינאיינעם איז דאָס סיסטעם פון דעם סאָציאַ־ליסטישער מאָראַל . . ."

עס איז גענוג צוצורירן זיך צו דעם דאָזיקן אימפּאָזאַנטן בנין, אַז ער זאָל איינפאַלן ווי אַ סוכה.

כדי צו זען, צי די דאָזיקע צען „געבאָטן, חשיבות'ן און הייליקייטן" זיינען טאַקע באמת סאָציאַליסטישע, אָדער פּראָלעטאַרישע, דאַרף מען זיי בלויז קאָנטראָלירן מיט איין־איינציקער פראַגע: קען אַ ניט־סאָציאַליסט זיך אונטערשרייבן אונטער זיי, אָדער ניט?

מעסט מען די דאָזיקע „געבאָטן, חשיבות'ן און הייליקייטן" מיט אָט דער מאָס, קען מען גרינג זען, אַז בלויז אונטער דריי פון די פונקטן (4, 5 און 7) קען אַן אַנטי־סאָציאַליסט זיך ניט אונטער־שרייבן. אונטער די אַנדערע זיבן פונקטן, אָבער, קען אַ ניט־סאָ־ציאַליסט זיך אונטערשרייבן פונקט אַזוי ווי אַ סאָציאַליסט. פשוט

דערפאַר, ווייל דאָס זיינען „געבאָטן" ניט פון סאָציאַליזם, נאָר פון דעם פראָגרעסיוון מענשלעכן געדאַנק.

פראָגרעסיווע ניט־סאָציאַליסטן — און אַז אַזעלכע זיינען פאַראַן, קען דאָך ניט געלייקנט ווערן — קענען אָנערקענען (און פאַקטיש טוען זיי דאָס טאַקע) „די אויבערהערשאַפט פון דעם מענשלעכן שכל און פון דעם פרייען מענשלעכן פאָרשן" (פונקט 1) ; זאָגן זיך אָפּ פון דעם אַסקעטיזם (2) ; באַציען זיך מיט הויכשעצונג צו מענש־לעכער פיזישער אַרבעט (3) ; שטעלן זיך איין פאַר דעם פרינציפּ: „יעדער פאַר אַלעמען און אַלע פאַר יעדן איינעם" (6) (אין צייט פון מלחמה, למשל, ווערט דער דאָזיקער פרינציפּ אַלגעמיין דורכ־געפירט) ; פאָדערן „די גלייכשטעלונג פון דער פרוי מיט דעם מאַן אין דער געזעלשאַפט" (8) ; שטעלן זיך איין פאַר אייביקן פרידן (9) ; און, אויף זייער אופן, שטרעבן זיי אויך צו פאַרהעלפן „דעם פרייען אויסדרוק פון דעם מענשנס גייסטיקע באַשאַפונגס־כחות" (10).

[פון דער אַנדערער זייט, קען מען געפינען גענוג סאָציאַליסטן, וואָס וועלן זיך ניט אונטערשרייבן אונטער אַלע צען פונקטן, וועלכע דר. זשיטלאָווסקי פּראָקלאַמירט אַלס סאָציאַליסטישע. רעליגיעזע סאָציאַליסטן, למשל, וועלן ניט מסכים זיין צו אָנערקענען די אויבער־הערשאַפט פונם מענשלעכן שכל איבער דער רעליגיעזער טראַדיציע. זיי וועלן זיך אויך ניט אָפּזאָגן אינגאַנצן פון דעם אַסקעטיזם (פּאַק־טיש, האָט דער סאָציאַליזם בכלל ביז אויף היינטיקן טאָג זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרייט פון אַ געוויסער מאָס אַסקעטיזם). פון דער הייליקייט פון דער פאַמיליע האָבן זיך נאָך אויך ניט אַלע סאָציאַ־ליסטן אָפּגעזאָגט.]

און אונטערשרייבן זיך אונטער די מערסטע פון דר. זשיטלאָוו־סקיס „געבאָטן" קענען פראָגרעסיווע ניט־סאָציאַליסטן פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זיינען גאָרניט קיין סאָציאַליסטישע, ווייל אין דער אמת׳ן זיינען זיי „געבאָטן" אַלמענשלעכע ; געבאָטן, וואָס ווערן דיקטירט פון דער מענשלעכער מאָראַל, פון יענע אַלמענשלעכע מאָראַלישע פּרינציפּן וועלכע דער מענשלעכער געוויסן האָט אין משך פון די

דורות אָנערקענט און געהייליקט, פון יענע פּרינציפּן וועלכע דר. זשיטלאָווסקי ברענגט אָבער און ווידער אין זיין ווערק:

1) האָב ליב דעם צווייטן ווי זיך אַליין.

2) וואָס דיר איז ניט ליב, טו ניט דעם אַנדערן.

3) דו זאָלסט דעם אַנדערן אַלעמאָל באַטראַכטן ווי אַ זעלבסט־צוועק, און אים קיינמאָל ניט באַנוצן ווי אַ מיטל צוליב אַ צוועק.

4) האָב רעספּעקט פאַר דעם אַנדערנס ווילן, ווי פאַר דיין אייגענעם.

דר. זשיטלאָווסקי אַנערקענט, אַז „די מאָראַל איז אַן אייביקער צוויג אין דער מענשלעכער קולטור". ענגעלסן קריטיקירט ער זייער שאַרף, נאָכסאָל ער צעמישט דעם אייביקן עצם ענין מאָראַל „מיט דעם שולחן־ערוך אירן, דעם היסטאָריש זיך בייטנדיקן". קיין סאָציאַליסטישע מאָראַל, זאָל עס הייסן, איז טאַקע ניטאָ, אָבער דר. זשיטלאָווסקי איז, משמעות, מסכים מיט ענגעלסן, אַז אַ סאָציאַליס־טישער שולחן ערוך איז יאָ פאַראַן.

דאָס איז אָבער איינפאַכע זעלבסט־נאַרעריי. די אַלע פּונקטן פון דעם ענגעלס־זשיטלאָווסקישן סאָציאַליסטישן שולחן־ערוך קענען אין אמת'ן דערפירט ווערן צו דער אַלמענשלעכער מאָראַל, וואָס איז ניט דער פּראָדוקט פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, נאָר פון דעם אַלמענשלעכן געדאַנק.

דער סאָציאַליזם האָט ניט געשאַפן קיין אייגענע מאָראַל, און ער האָט ניט געשאַפן קיין אייגענעם מאָראַלישן שולחן־ערוך. דער סאָ־ציאַליסטישער געדאַנק זוכט בלויז אויסצושפּרייטן די אַלגעמיין־מענשלעכע מאָראַל אויף אַ נייעם געביט, אויף דעם עקאָנאָמישן.

גערעכט איז קאַרל קאַוטסקי, ווען ער זאָגט (ציטירט פון דר. זשיטלאָווסקי'ס בוך):

„. . . דער מענש, ווי אַ מאָראַלישער מהות, איז געגנוג הויך. די גאַנצע געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף . . . האָט נאָר פאַרטונקלט און פאַרהויקערט דעם מאָראַלישן מהות מענש . . . די סאָציאַלע רעוואָ־לוציע, וואָס וועט אָפּשאַפן די קלאַסן און די קאָנפליקטן צווישן פעל־

קער, וועט ערשט מעגלעך מאַכן, אַז דעם מענשנס מאָראַלישע נאַטור זאָל זיך ווידער אויסגלייכן. „מיר האָבן אָבער קיין ברעקל גרונט ניט צו דערוואַרטן, אַז מיר וועלן דערביי דערגרייכן אַ העכערע עטיק, איידער די וואָס ליגט אין דער מענשלעכער נאַטור שוין גאָר פון אָנהויב אָן". „די מאָראַלישע כחות, וואָס זיינען לעבעדיק אין דעם מענשן פון אָנהויב אָן, זיינען דורכאויס גענוג פאַר העכערע לעבנס־פאָרמען, וויבאַלד די עקאָנאָמישע פונדאַמענטן פאַר זיי וועלן געוואונען ווערן".

דער גלויבן אָדער ניט־גלויבן אין סאָציאַליזם הענגט, לויט אַט דעם בליק, אָפּ אָן איינעמס אָפּשאַצונג, צי די עקאָנאָמישע פונדאַמענטן פאַר אַ סאָציאַליסטישן לעבן זיינען שוין פאַראַן, אָדער ניט. האַלט איינער, אַז ניט נאָר זיינען ניט פאַראַן קיין עקאָנאָמישע פונדאַמענטן פאַר אַ לעבן פון עקאָנאָמישער גלייכקייט, נאָר עס זיינען דערצו אויך ניטאָ די פסיכאָלאָגישע פונדאַמענטן דערפאַר, און אַז זיי וועלן קיינ־מאָל ניט זיין, און אַז דער פרואוו איינצופירן סאָציאַליזם מוז אומ־פאַרמיידלעך פירן צו געזעלשאַפטלעכער סטאַגנאַציע און פאַראָרעמונג, — אויב איינער האַלט אַזוי, דעמאָלט איז ער פולשטענדיק באַרעכטיקט צו זיין אַ קעגנער פון סאָציאַליזם — אַרויסגייענדיק טאַקע פון דעם צווייטן פונקט פון דר. זשיטלאָווסקיס שולחן־ערוך, פונם שטאַנד־פונקט פון אַנטי־אַסקעטיזם, פונם שטאַנדפונקט אַז יענע געזעלשאַפט־לעכע אָרדענונג איז די בעסטע, וואָס גיט די בעסטע מעגלעכקייט, אַז „יעדער יחיד זאָל קענען אַנטוויקלען אַלע זיינע פעאיקייטן און השלמות און זיך אויסלעבן אין זיי . . . "

טאָמער, אָבער, האַלט איינער, אַז אַזעלכע פונדאַמענטן, סיי פסיכאָלאָגישע און סיי עקאָנאָמישע, זיינען יאָ פאַראַן, — איז זיין פליכט צו זיין אַ סאָציאַליסט און צו אַרבעטן פאַר דער פאַרווירק־לעכונג פון סאָציאַליזם — ווידער אַמאָל, אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט פון דער אַלמענשלעכער מאָראַל.

דער סאָציאַליזם האָט ניט געשאַפן, ניט קיין אייגענע מאָראַל און ניט קיין אייגענעם מאָראַלישן שולחן־ערוך. עס איז אַ גרויסער ספק, צי אַלע פונקטן פון דעם זשיטלאָווסקישן שולחן־ערוך זיינען אפילו היסטאָריש פאַרבונדן מיט דעם סאָציאַליזם. און דער סאָציאַליזם

נויטיקט זיך ניט אין אַן אייגענער מאָראַל. די אָפּשאַפונג פון שקלאַ־פעריי, למשל, האָט זיך ניט געניטיקט אין אייגענע מאָראַלע פּרינציפּן; און די אָפּשאַפונג פון לוין־שקלאַפעריי נויטיקט זיך אויך ניט אין זיי. די אַלגעמיין־מענשלעכע מאָראַל, די אַלגעמיין־מענשלעכע מאָראַלישע פּרינציפּן זיינען ברייט גענוג צו דעקן אויך די אָפּשאַפונג פון עקאָנאָמישער אומגלייכקייט. די מעגלעכקייט פון דער אָפּשאַפונג פון עקאָנאָמישער אומגלייכקייט הענגט בלויז אָפּ אָן דעם, צי די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און פון דעם מענטשן האָט שוין באַשאַפן די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דעם, אָדער ניט.

דר. זשיטלאָווסקי איז פולשטענדיק גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז „די העכסטע גייסטיקע נויט פון אונזער לעבן איז דער ווידער־אויפקום פון דער מענשלעכער מאָראַל".

אָבער ווי אַזוי קען דאָס דערגרייכט ווערן? זיכער ניט דורך אויפשטעלן סאָציאַליסטישע שולחן־ערוכ'ס. דער אויפשפּיל פון אַזעלכע „אייגענע וואַריאַציעס" קען בלויז שאַפן אַ נייעם מיראַזש, וואָס וועט בלויז פאַרטונקלען און פאַרשטעלן די זון, די ליכטיקע זון פון אַלמענשלעכער מאָראַל.

די ווידער־אויפשטעלונג פון דער מענשלעכער מאָראַל קען ניט דערגרייכט ווערן דורך „קידנעפּן" אַלמענשלעכע מאָראַלישע פּרינ־ציפּן און זיי אַרויסגעבן אַלס סאָציאַליסטישע; און אוודאי ניט דורך דערקלערן יעדן ניט־סאָציאַליסט פאַר אַ מאָראַליש־אומווירדיקן מענשן.

די ווידער־אויפשטעלונג פון דער מענשלעכער מאָראַל קען זייער פיל פאַרהאַלפן ווערן דורך דעם, וואָס די מענשלעכע מאָראַל וועט צוריק אַריינגעבראַכט ווערן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַלס איר פירנדיקן פּרינציפּ; דורך דעם, וואָס עס וועט קלאָר געמאַכט ווערן, אַז ווען מ'זאָגט: סאָציאַליזם און מענשלעכקייט חד הוא, קען ניט געמיינט ווערן דערמיט, אַז צוליב סאָציאַליזם מעגן איגנאָרירט ווערן די אנערקענטע כללים פון מענשלעכקייט, נאָר פאַרקערט, אַז אָן מענשלעכקייט איז סאָציאַליזם בלויז אַ פּלאַן פון עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע אָן אַ נשמה, אָן אַ מענשלעכן אינהאַלט.

אָט דאָס איז די שרייענדיקע נויט פון אונזער צייט. אָבער איך

האָב מורא, אַז, טראָץ אַלע מעלות פון זיין בוך, האָט דר. זשיטלאָווסקי די עצם פראַגע נאָך מער פארפלאָנטערט.

***

די פראַגע, צי עס איז פאַראַן אַן אייגענע סאָציאַליסטישע מאָראַל, אָדער אפילו אַן אייגענער סאָציאַליסטישער שולחן־ערוך, איז אייגנטלעך זייער אַן איינפאַכע, אָבער פון דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע הענגט זייער אַ סך אָפּ פאַר דער צוקונפט פון דער מענשהייט.

אויב מ׳נעמט אָן, אַז עס איז פאַראַן בלויז אַן אַלמענשלעכע מאָראַל, און דער סאָציאַליזם איז בלויז אַן אויספלוס פון איר, — דעמאָלט ווערן סאָציאַליסטן און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ניט באַפרייט פון דעם חוב צו קאָנטראָלירן און צוימען זייערע געפילן און מעשים דורך די פאָדערונגען פון דער דאָזיקער מאָראַל.

אויב אָבער מ׳נעמט אָן, אַז דער סאָציאַליזם האָט געשאַפן אַן אייגענע מאָראַל, — דעמאָלט איז שוין זייער גרינג אָנצונעמען, צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, אַז די נייע מאָראַל איז מבטל די אַלטע מאָראַל, און אַז מ׳איז מער ניט מחויב מיט איר זיך צו רעכענען. פונקט ווי דער הייליקער פּוילוס האָט צוליב דער אמונה אין יעזוסן בטל געמאַכט די דינים, מצוות און עבירות פון תורת־משה, אַזוי זיינען סאָציאַליסטן וואָס גלויבן אַז דער סאָציאַליזם האָט אַן אייגענע מאָראַל מסוגל בטל צו מאַכן די געזעצן פון דער מענשלעכער מאָראַל — און מיר זעען, אַז די באָלשעוויקעס טוען דאָס טאַקע. און פונקט ווי די קריסטן האָבן דורך דעם וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די דינים פון תורת־משה זיך אָפּגעשפּאָלטן פון די אידן און געוואָרן אַ נייע רעליגיעזע סעקטע, — אַזוי אויך האָבן די באָלשעוויקעס דורך זייערע פאַרברעכנס קעגן דער אַלמענשלעכער מאָראַל זיך אויסגעשלאָסן פון דער סאָציאַליסטישער חבר׳שאַפט.

וואָס העכער עס איז דער פּעדעסטאַל, אויף וועלכן מ׳שטעלט דעם סאָציאַליזם אַוועק, אַלץ טיפער ווערט דער אָפּגרונט אין וועלכן ער מוז סוף כל סוף אַריינפאַלן.

ענגעל׳ס אַרגומענטן, אַז דער סאָציאַליזם האָט אַן אייגענע מאָראַל, האָט דר. זשיטלאָווסקי זייער גלענצנדיק צעקלאַפּט. דערמיט האָט

ער באַדייטנדיק אונטערגעשניטן דעם פּעדעסטאַל, פון וועלכן דער סאָציאַליזם מוז אַרונטערפאַלן און געניזוק׳ט ווערן. אָבער ביז אַ גאַר גרויסן גראַד האָט דר. זשיטלאָווסקי נעגאַטיווירט זיין אייגענעם אויפטו, דורך דעם, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אַן אייגענעם סאָציאַליסטישן שולחן־ערוך, וואָס דער גלויבן אין אים איז ניט קיין סך וועניקער געפערלעך ווי דער גלויבן אין אַ פולשטענדיק אייגענער סאָציאַליסטישער מאָראַל.

אָט דער גלויבן אין אַ סאָציאַליסטישן שולחן־ערוך שטערט, לויט מיין מיינונג, דר. זשיטלאָווסקין איינצוזען, אַז די באָלשעוויקעס מיט זייערע מנובלימשע מעשים האָבן זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון דער סאָציאַליסטישער משפחה, און אַז יעדע האַנדלונג וואָס העלפט אויפהויבן זייער פּרעסטיזש אויף דער אַרבעטער־גאַס איז אין אמת׳ן אַ פאַרברעכן קעגן דער מענשלעכער מאָראַל.

זיינען אידן
אַ פּאַראַזיטיש
פאָלק?

פאַרעלטערטע געדאַנקען וועגן
„פּראָדוקטיווער" אַרבעט

דעם 31טן מאַי, 1940, אויף דעם יערלעכן צוזאַמענפאָר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין דעטראָיט האָט חיים גרינ־בערג געהאַלטן אַ פאָרטראַג אויף דער טעמע: „אידישע עקאָנאָמיק — אַ פאַראַזיטישע?", און אין „אידישן קעמפער" פון 4טן אָקטאָבער איז די דאָזיקע אַרבעט דערשינען אין דרוק.

האָב איך דעם דאָזיקן פאָרטראַג געלייענט מיט דעם העכסטן אינטערעס.

שוין דער פאַקט גופא, וואָס אַ ציוניסט (חיים גרינבערג), אַ פירער פון אַ ציוניסטישער פאַרטיי (פועלי ציון), האָט פאַר אַ קער־פערשאַפט מיט אַ ציוניסטישער אידעאָלאָגיע (אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד), געקענט האַלטן אַ פאָרטראַג, אין וועלכן ער האָט צוריקגעשליידערט די באַשולדיקונג, אַז די אידן פון די גלות־לענדער זיינען געזעלשאַפטלעכע פאַראַזיטן, און ער האָט די דאָזיקע באַשולדיקונג פאַרשריבן אויף דער קאָנטאָ, פון איין זייט, פון פּרימי־טיוון סאָציאַליזם און, פון דער אַנדערער זייט, פון אידישן אינפעריאָ־ריטעט־קאָמפּלעקס, — דאָס איז העכסט אינטערעסאַנט.

אייגנטלעך, וואָלט עס גאָרניט געדאַרפט באַטראַכט ווערן פאַר אַזאַ גרויסן חידוש. דער געדאַנק וועגן פּראָדוקטיוויזירן די אידן אין זייערע וואוין־לענדער, ד. ה. אין די גלות־לענדער, האָט מיט ציוניזם לחלוטין גאָרניט צו טאָן. גראָד פאַרקערט. אין דעם סאַמע פונדאַ־מענט פון ציוניזם ליגט איינגעמויערט ווי אַ ווינקל־שטיין די הויפּט־הנחה, אַז אין גלות קען דאָס אידישע לעבן ניט נאָרמאַליזירט ווערן אין קיין שום הינזיכט — ניט קולטורעל, ניט שפּראַכלעך, ניט פּסיכאָלאָגיש, און אודאי ניט עקאָנאָמיש; אַז דאָרט, וואו אַ פאָלק

לעבט ניט אין באַשטימטע געאָגראַפישע גרענעצן, איז פאַר אים אוממעגלעך אויפצושטעלן וועלכע־עס־איז אַנדערע גרענעצן — ניט קיין שפּראַכלעכע, ניט קיין קולטורעלע, ניט קיין רעליגיעזע און ניט קיין עקאָנאָמישע. אָבער צוליב זיין קריטיק פון דעם אַבנאָרמאַלן לעבן אין גלות איז פאָרגעקומען אַ געוויסע היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונג צווישן ציוניזם און פּראָדוקטיוויזאַציע, הגם ווען די ציוניסטן וואָלטן זיך טיפער אַריינגעטראַכט אין דער פראַגע, וואָלטן זיי גרינג איינגעזען, אַז זיי טאַנצן דאָ אייגנטלעך אויף אַ פרעמדער חתונה. דעריבער האָט חיים גרינבערג׳ס פאָרטראַג מיך אַזוי פאַראינטערעסירט און דער־פרייט.

משעמות, טאָקע נאָר אין אַמעריקע קען עס פּאַסירן, אַז אַ ציו־ניסט זאָל אויף אַ ציוניסטישן צוזאַמענפאָר קענען האַלטן אַט־אַזאַ פאָרטראָג — אין אַמעריקע, וואו דער אידעאָלאָגישער דאָגמאַטיזם האָט ניט אַזאַ שליטה ווי אין דער אַלטער וועלט.

אָבער דר. חיים זשיטלאָווסקי דענקט, כידוע, אַנדערש. ער האַלט, אַז יעדעס פאָלק איז מחויב צו פירן אַן אייגענע, פולשטענדיק־באַלאַנ־סירטע עקאָנאָמיע — כמעט אַן אויטאַרכיע, מעג מען דאָס אָנרופן. ער מיינט, אַז עס איז מעגלעך פאַר אַ פאָלק צו פירן אַ זעלבסטשטענ־דיקע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ אפילו ווען עס לעבט ניט אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, אין באַשטימטע געאָגראַפישע גרעניצן, און אַז ער איז דאָס מחויב צו טאָן; און וויבאַלד די אידן טוען דאָס ניט, זיינען זיי פּאַראַזיטן אויף די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן. איז דר. זשיטלאָווסקי אַרויסגעטראָטן מיט אַ סעריע אַרטיקלען קעגן חיים גרינבערג׳ס פאָרטראָג.

אין דער דעבאַטע, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט פאַרפירט (אין וועלכער ער האָט, אגב, אויך אַריינגעצויגן יעקב לעשצינסקי׳ן און מיך) באַנוצט ער זיך מיט אַ נייער פּאָלעמישער „טעכניק”. אַנשטאָט אַנצוגעבן אייגענע אַרגומענטן און ראיות, נעמט ער זיך צו־הילף ניט קיין קלענערע לייבן ווי אַדאַם סמיט און קאַרל מאַרקס. מיט דער הילף פון אַזעלכע ריזן, קען מען שוין באמת גיין אין מלחמה מיט אַ מינימום ריזיקע.

ווייס איך ניט, וואָס די חברים גרינבערג און לעשצינסקי דענקען וועגן אָט דער „טעכניק", אָבער וואָס איז שייך מיר פּערזענלעך, וויל איך זאָגן, אַז אין דער הינזיכט בין איך אַ גוואַלדיקער „חצוף". איך ווער ניט נתפּעל פאַר אויטאָריטעטן. איך ווייס, אַז דוקא די גרויסע מענשן האָבן אַ נייגונג צו איינזייטיקייט און איבערטרייבונג לטובת זייער באַליבטער שיטה אָדער טעאָריע; אַז אויף יעדער אויטאָריטעט, וואָס זאָגט „טאָג" איז פאַראַן אַן אַנדער אויטאָריטעט וואָס זאָגט „נאַכט"; אַז די וויסנשאַפט און דער מענשלעכער געדאַנק שטייען ניט פאַרגליווערט אויף איין פּונקט, און וואָס עס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אמת נעכטן קען היינט אָדער מאָרגן שוין באַטראַכט ווערן פאַר פאַלש; און אַז פאַקטן, עמפּירישע דערפאַרונג, שטייען העכער פון אַלע אויטאָריטעטן.

דער לעצטער פּונקט איז אין מיינע אויגן דער סאַמע וויכטיק־סטער. פאַקטן און דערפאַרונגען שטייען העכער פון אַלע אַרגומענטן און ראיות וואָס זיינען באַזירט אויף פאָרמעלער לאָגיק; פאַקטן און דערפאַרונגען זיינען די סצילאַ און כאַריבדיס, וואָס אויב די אויטאָ־ריטעטן שטויסן זיך אָן קעגן זיי, מוזן זיי צעשמעטערט ווערן און זינקען, אַמאָל טאַקע שפּורלאָז.

אַז די וויט גרעסטע מערהייט אידן האָרעווען שווער אויף זייער שטיקל ברויט, איז אַ פאַקט, — אָט אַזאַ פאַקט, לאָמיר זאָגן, ווי צוויי און צוויי איז פיר. נאָר אַ לעבנס־פרעמדן מענשן, וועלכער לעבט זיך אויס אין אַ טעאָרעטישן וואַקוואַם, קען איינפאַלן די דאָזיקע טאַטואַך אַפּצולייקענען. ווען איינעם זאָל, למשל, איינפאַלן צו לייק־קענען אַז צוויי און צוויי איז פיר, וואָלט מען גענומען צוויי בעבלעך און נאָך צוויי בעבלעך, זיי איבערגעציילט צוזאַמען, און דערמיט וואָלט פאַר יעדן פאַרשטענדיקן מענשן דער ענין געווען פאַרענדיקט. אין דער וועלט פון סאָציאַלע דערשיינונגען, אָבער, איז די זאַך ניט אַזוי איינפאַך. אָט האָט יעקב לעשצינסקי געציילט, איבערגעציילט און אָנגעציילט, וויפיל אידן עס לעבן פון יגיע־כפּים — אָבער אויף די, וואָס האָבן (אגב, נאָך אין זייערע אינגלשע יאָרן) זיך אַריינגענומען אין קאָפּ דעם קרומען געדאַנק, אַז אידן פירן אַ פּאַראַזיטישע עקזיס־

טענק, ווירקט עס פאַרט ניט. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי, איז אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, וואָס עס איז ניט אַזוי גרינג צו ענטפערן אויף איר. אָבער ווען די רייד פון דר. זשיטלאָווסקי און פון אַלע אַנדערע אויטאָריטעטן וואָס ריידן אַזוי ווי ער, אַז אידן זיינען פּאַראַ־זיטן, שטויסן זיך אָן אויף די פאַקטן פון אידישער פּראָדוקטיוויקייט, ווערט פון זיי דאָס, וואָס ס'ווערט פון אַ כוואַליע וועלכע קלאַפּט זיך אָן אויף אַ מעכטיקן פעלז — ניט מער ווי שוים. מיט טעאָרעטישע פּלפּולים קען מען קיין פאַקטן ניט ענדערן.

טשיקאַווע ביז גאָר איז, אַז ווען דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך גע־נויטיקט אין אַן עדות צו באַווייזן אַז אידן זיינען פּאַראַזיטן, האָט ער שוין קיין בעסערן עדות ווי קאַרל מאַרקס ניט געקענט געפינען. האָט דאָך מאַרקס געשריבן: „. . . די כימערישע נאַציאָנאַליטעט פון די אידן איז די נאַציאָנאַליטעט פון דעם סוחר, פון דעם קאַפּיטאַ־ליסט אין אַלגעמיין . . . די מאָדערנע וועלט איז אידיש ביז צום מאַרך פון אירע ביינער; די בורזשואַזע וועלט איז אינגאַנצן דורכ־געדרונגען מיט דעם אידישן קאָמערציעלן גייסט. די גאַראַנטיע פון דער זעלבסט־עמאַנציפּאַציע פון אונזער צייט ליגט אין דער באַפרייאונג פון קאָמערציאַליזם און געלט, און דאָס מיינט שוין אויך פון דער פּראַקטישער, רעאַלער אידנהייט" — נו, דאַרף מען נאָך אַ מער אָביעקטיוון, אַ מער אומפּאַרטייאישן באַאָבאַכטער פון דעם אידישן לעבן, אַ גרעסערן קענער און פאַרשטייער פון דער אידישער גע־שיכטע, ווי מאַרקס איז געווען? !

דאָ בעט זיך צו פרעגן די זעלבע קשיא, וואָס רש"י האָט געפרעגט אויף קרח'ן: „מאַרקס שפּיקח היה מה ראה לשטות זו?" — מאַרקס האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז קאַפּיטאַליזם איז אַן אומ־פאַרמיידלעכע, נויטיקע סטאַדיע אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. טאָ פאַר וואָס־זשע קומט עס די אידן, אַז מ'זאָל זיי האַלטן פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די זינד פון דעם קאַפּיטאַליזם? אויב אפילו מ'זאָל אָננעמען, אַז אידן האָבן געהאָלפן דעם קאַפּיטאַליזם אַריינפירן און אַנטוויקלען, האָבן זיי דאָך דערביי בלויז געשפּילט די ראָליע פון אַן אינסטרומענט פון דער געשיכטע, פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג!

און וואָס זיינען דאָס פּאַר אַ רייד „אידישער קאָמערציעלער גייסט?” מאַרקס האָט דאָך געזאָגט, אַז גייסט איז אַ קינד פון עקאָנאָמישע אומשטענדן, — האָט ער דאָך געמעגט וויסן, אַז אויב די עקאָנאָמישע אומשטענדן וועלן זיך ענדערן, וועט אויך דער אידישער „גייסט” זיך ענדערן.

דער ענטפער אויף אָט די פראַגן איז: מאַרקס איז ניט געווען בלויז אַ וויסנשאַפטסמאַן; ער איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער. צווישן דעם רעוואָלוציאָנער און דעם וויסנשאַפטסמאַן אין מאַרקסן איז אָנגעגאַנגען אַ כסדר'דיקער שטרייט, און מ'קען ניט זאָגן, אַז דער וויסנשאַפטסמאַן האָט אַלעמאָל מנצח געווען דעם רעוואָלוציאָנער. די סתירות, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון מאַרקס' ווערק, פון זיין גאַנצער לעבנס־אַרבעט, זיינען לעבעדיקע עדות, אַז דער קאַמף צווישן דעם רעוואָלוציאָנער און דעם וויסנשאַפטסמאַן האָט תמיד געברויזט אין אים.

למשל: פון איין זייט, האָט מאַרקס פּרובירט באַווייזן, אַז סאָציאַליזם מוז קומען פון זיך אַליין, ווי אַ נויטווענדיקער עטאַפּ אין דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע; פון דער אַנדערער זייט, האָט ער געשטרעבט אויפצובויען אַ באַוועגונג, וואָס זאָל באַוואוסטזיניק קעמפן פאַר דער דורכפירונג פון סאָציאַליזם. פון איין זייט, האָט ער געוואוסט, אַז די פראַנקרייך פון יאָר 1871 איז ניט געווען גרייט פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, און ער האָט אַנטמוטיקט דעם פאַרזוך אויפצושטעלן אַ קאָמונע אין פּאַריז; פון דער אַנדערער זייט, האָט ער געשטיצט די קאָמונע און די קאָמונאַרן נאָכדעם ווי די פּאַריזער קאָמונע איז פראָקלאַמירט געוואָרן. פון איין זייט, האָט מאַרקס גאָרניט געהאַט אַנטקעגן די איינצלנע קאַפּיטאַליסטן און, ווי דר. זשיטלאָווסקי זאָגט, „ער האָט אויך קיינמאָל ניט באַטראַכט דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס בכלל פאַר אַ פּאַראַזיטישן קלאַס”; פון דער אַנדערער זייט, האָט ער זיי אָנגערופן גנבים און רויבער. איז שוין דער חידוש ניט אַזוי גרויס, וואָס מאַרקס האָט, פון איין זייט, פאַרשטאַנען, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז געווען אַ היסטאָריש־נויטווענדיקער עטאַפּ אין דער

עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און, פון דער אַנדערער זייט, האָט ער די שולד פאַר דעם קאַפּיטאַליזם אַרויפגעוואָרפן אויף די אידן.

אָבער ווי די מעשה זאָל ניט זיין — צי מאַרקס׳ פאָראורטייל קעגן אידן האָט זיך גענומען פון זיין רעוואָלוציאָנערן געמיט, פון דעם „פרימיטיוון סאָציאַליזם״, הייסט עס, צי פון דעם אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס פון אַ אידן וועלכער האָט אומבאַוואוסטזיניק געזוכט צו אַנטלויפן פון זיך אַליין און „פאַרגעסן״ אַז ער איז אַ איד, אָדער גאָר פון ביידע אינאיינעם, — יעדנפאַלס, אַלס עדות צו באַשטעטיקן אַז אידן זיינען פּאַראַזיטן איז ער אַבסאָלוט פּסול.

און, בכלל, וואָס פאַר אַן אויטאָריטעט איז מאַרקס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע? וואָס האָט ער אַזוינס מחדש געווען אין דער נאַציאָנאַלער טעאָריע, אַז ער זאָל קענען באַטראַכט ווערן פאַר אַן אויטאָריטעט? אפשר דאָס, וואָס ער איז געווען אַ דייטשער שאָוויניסט און האָט געשריבן, אַז די „עמאַנציפּאַציע פון דעם דייטש איז די עמאַנציפּאַציע פון דעם מענטשן״? אפשר דאָס, וואָס ער האָט געזידלט די סקאַנדינאַווישע פעלקער און די סלאַווישע פעלקער און זיי אָנגערופן נידעריקע ראַסן? און אפשר דאָס, וואָס ער האָט אין דעם פאַל פון די אידן פאַרביטן פאָלק אויף קלאַס, פאַררעכענענדיק דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פאַר איין קלאַס? בסך־הכל (ווי מאַקס איסטמאַן האָט זיך ערגעץ־וואו אויסגעדריקט, מיט אַנדערע ווערטער) איז מאַרקס, מיט זיין טעאָריע אַז די געשיכטע פון דער מענשהייט איז די געשיכטע פון דעם קלאַסן־קאַמף אין איר, אונז נאָך שולדיק אַ דערקלערונג, פון וואַנען עס האָבן זיך בכלל גענומען פעלקער אויף דער וועלט און ווי אַזוי זיי עקזיסטירן ביז אויף היינטיקן טאָג, — היינט וואָס פאַר אַן אויטאָריטעט איז ער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע? אַ גרויסער מאַגן־ספּעציאַליסט מוז דאָך ניט דווקא זיין אויך אַ גרויסער פּסיכיאַטער!

אייגנטלעך האָט די פראַגע, צי אידן זיינען פּאַראַזיטן, גאָרניט וואָס צו טאָן מיט דער ברייטערער פראַגע, וואָס עס איז אַזוינס „פּראָדוקטיווע״ אַרבעט און וואָס עס איז „אומפּראָדוקטיווע״ אַרבעט. קיינער קען גאָרניט אויסזעצן קעגן דעם, אַז מ׳זאָל באַטראַכטן אַלס

אומפּראָדוקטיוו יענע אידן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַזעלכע פּרנסות, וואָס ווען גוים גיבן זיך אָפּ מיט זיי ווערן זיי אויך באַטראַכט אַלס אומפּראָדוקטיוו. אין דער הינזיכט, ווי אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, פאָדערן אידן ניט קיין פּריווילעגיעס; אַלץ וואָס זיי פאָדערן איז גלייכבאַרעכטיקונג, גלייכקייט מיט דעם ניט־איד. ווייטער גאָרניט.

אויב דער גויאישער קלאַוויר־אַרבעטער — נעמענדיק אַדאַם סמיט'ס ביישפּיל, וואָס דר. זשיטלאָווסקי ברענגט — איז פּראָדוקטיוו בלויז דעמאָלט ווען ער אַרבעט אין אַ פאַבריק וואָס פּראָדוצירט קלאַ־ווירן פאַר דעם מאַרק, אָבער ווען ער מאַכט אַ קלאַוויר אויף פּריוואַט־באַשטעלונג איז ער שוין אומפּראָדוקטיוו, — דעמאָלט קען מען גאָר־ניט האָבן קעגן דעם, אַז די אידישע אַרבעטס־פרוי וואָס מאַכט קליידער אויף פּריוואַט־באַשטעלונג, דער אידישער שניידער וואָס פאַרריכט און פּרעסט אַלטע קליידער, דער אידישער שוסטער וואָס פאַרריכט אָפּגעטראָגענע שיך, דער אידישער פאַרבער וואָס פאַרבט אויס פּריוואַטע וואוינונגען א. אַז. וו., זאָלן אויך באַטראַכט ווערן פאַר ניט־פּראָדוקטיווע אַרבעטער, אפילו דעמאָלט ווען זיי נעמען די באַטרעפנדע באַשטעלונגען ניט אָן אַליין, נאָר אַרבעטן פאַר אַנדערע, וועלכע נעמען די באַשטעלונגען אָן; און, פאַרשטייט זיך, דער אידישער אַרבעטער וואָס איז באַשעפטיקט אין האַנדלס־געביט (בוכהאַלטערס, ביוראָ־אַנגעשטעלטע מכל המינים א. אז. וו.) איז דאָך שוין אַוודאי אַ פּאַראַזיט גמור!

מיט דער ספּעציעלער אידישער פראַגע האָט עס גאָרניט צו טאָן.

אָבער אַזוי ווי דר. זשיטלאָווסקי האָט די דאָזיקע, אין אמת'ן זייטיקע, פראַגע אין דער דיסקוסיע אַריינגעבראַכט, און ער פאָדערט אויף מ'זאָל באַווייזן די פאַלשקייט פון אַדאַם סמיט'ס טעאָריע פון פּראָדוקטיווער אַרבעט וועלכע קאַרל מאַרקס האָט אונטערשטיצט, דערצו נאָך טוט ער עס מיט אַ געוויסער בראַוואַדאָ (אדרבא, ווייזט וואָס איר קאָנט!" — שרייבט דר. זשיטלאָווסקי — אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען אָן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט), — בלייבט אונז ניט קיין אַנדער ברירה ווי די אַרויספאָדערונג אָנצונעמען.

איך שטעל זיך אונטער צו זאָגן, אַז אָט די טעאָריע פון אַדאַם

סמיט איז ניט נאר פאלש, נאר — געברויכנדיק אן אמעריקאנער גאסן־אויסדרוק, — „קאקאיד״, ווילד.

ווען איך זאל ארייננגיין צום שוסטער וואס פארריכט די שיך פאר מיין פאמיליע און זאגן דעם איטאליענישן ארבעטער וואס ער באשעפטיקט אז ער איז א פאראזיט; אדער ווען איך זאג דאס זעלבע דעם אידישן פיינטער, וואס פארבט מיין דירה, דעם מיטגליד פון דער פיינטערס יוניאן, וועלכער איז אויסגעשמירט פון קאפ ביז די פיס אין פארב און אין וועמעס בלוט דער בליי־גיפט פון די פארבן ארבעט שוין „מעשים״, — וואלטן זיי ביידע אויסגע׳בטל׳ט אלע וויסטע חלומות צו מיין קאפ. און זיי וואלטן געווען אבסאלוט גע־רעכט!

דאס אליין, מוז איך זאגן, איז פאר מיר פערזענלעך א בעסערער באוויז, אז אדאם סמיט׳ס טעאריע איז פאלש, איידער אלע טעארע־טישע דריידלעך און פלפולים צוזאמענגענומען. אבער, האט ניט מורא, איך וועל ברענגען „טעארעטישע״ ראיות אויך.

דר. זשיטלאווסקי שרייבט:

„יא, די ,רעוויזיע׳ פון דעם ענין ,פראדוקטיווע ארבעט׳ איז גאר א וואוילער ענין. בתנאי מען זאל ניט פארגעסן צו רעכענען זיך מיט דעם פאקט, אז עס איז פאראן אויף דער וועלט אזא מין זאך, ווי אן עקאנאמישע וויסנשאפט און א געשיכטע פון דער דאזיקער וויסנשאפט. אין זיי האט דאך גראד די פראגע, וואס אזוינס איז פראדוקטיווע ארבעט, געשפילט גאר א וויכטיקע ראלע. פארגעסט מען אן אט דעם פאקט, און רעכנט מען זיך ניט מיט די ארבעטן פון די עקאנאמישע פארשער, קאן מען גאנץ גרינג ארייננפאלן אין גאנץ היפשע טעות׳ן!״

זייער ריכטיק! אבער מ׳דארף אויך ניט פארגעסן, אז די עקאנאמישע וויסנשאפט האט זיך ניט אפגעשטעלט ביי דעם וואס אדאם סמיט האט געזאגט מיט קארגע צוויי הונדערט יאר צוריק און וואס קארל מארקס האט געזאגט מיט קארגע הונדערט יאר צוריק, און אויב מ׳איגנארירט די געשיכטע פון דער דאזיקער וויסנשאפט זינט יענער צייט מוז מען ארייננפאלן איז נאך גרעסערע טעות׳ן.

און נאך א תנאי דארף געשטעלט ווערן: אויב די לעבנס־

דערפאַרונג פון די לעצטע קאַרגע צוויי הונדערט יאָר האָט באַוויזן, אַז אַדאַם סמיט׳ס טעאָריע איז פאַלש, זאָל זיין אַלגעמיינע גרויסקייט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע דעם לעזער גיט אָפּשרעקן און זאָל ער ציען דערפון די לאָגישע קאָנסעקווענצן; און אויב מאַרקס האָט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק אונטערגעהאַלטן סמיט׳ס טעאָריע, — משמעות דערפאַר, ווייל זי האָט זיך זייער גוט געפּאַסט צו זיין ווערט־טעאָריע, — זאָל דער לעזער דערפון ניט דרינגען, אַז די לעבנס־פאַקטן זיינען „ליגנער".

און איצט לאָמיר צוטרעטן צו די ראיות גופא. אָבער אַנשטאָט אַנצוגעבן אייגענע אַרגומענטן און באַווייזן, וועל איך באַנוצן דעם זעלבן מעטאָד וואָס דר. זשיטלאָווסקי און לאָזן ריידן פאַר איך אַז אַנערקענטן אויטאָריטעט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אמת, דער באַטרעפנדער פּאָליטישער עקאָנאָם איז אַוודאי ניט געווען אַזאַ אָריגי־נעלער עקאָנאָמישער דענקער ווי אַדאַם סמיט און קאַרל מאַרקס, אָבער אַ קענער פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט און פון איר גע־שיכטע איז ער געווען איינער פון די גרעסטע, און געקענט האָט ער די דאָזיקע געשיכטע אינגאַנצן, ביז צום היינטיקן טאָג, וואָרים ער איז געשטאָרבן ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. און נאָך מעלות האָט אָט־דער פּאָליטישער עקאָנאָם פאַרמאָגט — ער איז דערגאַנגען צו וויסנשאַפטלעכע שלוסן און סך־הכל׳ען דורך דעם וועג פון אויספאָרשן עקאָנאָמישע איינצל־דערשיינונגען, און ניט דורך אויפשטעלן פריער אַלגעמיינע פּרינציפּן און נאָכדעם ערשט זוכן די איינצל־דערשיינונגען וואָס זאָלן די פּרינציפּן באַשטעטיקן; דערצו האָט ער געשריבן קלאָר און איינפאַך, אַזוי אַז ניט מענשן מיט אויסערגעוויינלעכער אַקאַדעמישער בילדונג, נאָר יעדער אינטעליגענטער מענש מיט שכל־הישר קען אים פאַרשטיין.

דאָס איז דער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע פ. וו. טאַוסיג.

קאַרגע זעכציק יאָר איז טאַוסיג געווען אַ לערער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אַ מורה־דרך אין עקאָנאָמישע פראַגן — אַלס פּראָפע־סאָר אין האַרוואַרד אוניווערזיטעט, אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „קוואָרטערלי דזשוירנאַל אָוו עקאָנאָמיקס",

אַלס פּאַרזיצער פון טאַריף־קערפּערשאַפטן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַלס פּראָפעסאָר פון אַ רייע וויסנשאַפטלעכע ווערק.

איינס פון זיינע גרויסע ווערק איז דאָס צוויי־בענדיקע טעקסט־בוך איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אונטער דעם נאָמען „פּרינסיפּלס אָוו עקאָנאָמיקס". אין אָט דעם ווערק איז פאַראַן אַ קאַפּיטל וואָס הייסט „וועגן אַרבעט אין פּראָדוקציע", וואו די פראַגע פון „פּראָ־דוקטיווער אַרבעט" ווערט באַהאַנדלט און וואו אַדאַם סמיט'ס אויבן־דערמאָנטע טעאָריע ווערט אינגאַנצן צוריקגעוויזן. מיר וועלן דאָ איבערגעבן דעם דאָזיקן קאַפּיטל אַביסל פאַרקירצט, און נאָכדעם ווי דער לעזער וועט האָבן איבערגעלייענט וואָס פּראָפעסאָר טאַוסיג זאָגט וועגן דער דאָזיקער פראַגע, וועלן מיר ערשט קענען ווי געהעריק זען, צי זיינען אידן טאַקע באמת פּאַראַזיטן, אָדער זיי זיינען אַזעלכע נוצלעכע מענשן פון דער געזעלשאַפט ווי זייערע ניט־אידישע שכנים.

דער מאָדערנער בליק אויף דער פּראָבלעם „פּראָדוקטיווע ארבעט"

§ 1.

די שייכות פון אַרבעט צו פּראָדוקציע מעג אויסוויזן איינפאַך. דאָך האָט עס פאַראורזאַכט אַ סך מיינונגס־פאַרשיידנקייט צווישן טיפע דענקער, און ברענגט אַרויף אַ סך דעליקאַטע פראַגן.

רייכטום ווערט באַצייכנט, אַלס באַשטייענדיק פון יענע סחורות וואָס זיינען ניט פריי. דער דאָזיקער טערמין באַציט זיך קודם כל אויף ממשות'דיקע, מאַטעריעלע זאַכן. אַ סך אַרבעטער באַשאַפן ניט קיין רייכטום אין אָט דעם זינען. אַזעלכע זיינען: באַדינער, פּאָליציסטן, לערער, אַדוואָקאַטן, ריכטער, קריגס־לייט (סאָלדאַטן, מאַטראָסן), קירך־לייט, דאָקטוירים, שרייבער, אונטערהאַלטער (שפּילערס, אַקטיאָרן, קאָמעדיאַנטן, מוזיקער, זינגער, טענצער).

פילע פון די פריע שרייבער איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, איבערהויפּט די ענגלישע שרייבער פון אַדאַם סמיט ביז דזשאָן סטוארט מיל, האָבן געהאַלטן, אַז נאָר אַזעלכע אַרבעטער וואָס שאַפן מאַטעריעלע זאַכן זיינען פּראָדוקטיוו; אַלע אַנדערע זיינען אומפּראָדוקטיוו.

דאָס האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו אַ סך שוועריקייטן און ווידערשפּרוכן. פון איין זייט, זיינען פאַררעכנט געוואָרן אַלס פּראָדוקטיווע אַרבעטער ניט בלויז די וואָס אַרבעטן דירעקט אויף מאַטעריאַלן און פורעמען זיי, נאָר אויך אַלע, וואָס פירן־אָן מיט דער דאָזיקער אַרבעט — דער באַלעבאָס, דער פאָרמאַן, דער אינזשעניר, די לערער וואָס האָבן דעם אינזשעניר אויסגעבילדעט א. אַז. וו. פון דער אַנדערער זייט, זיינען פאַראַן אַרבעטער, וועלכע שאַפן מאַטעריעלע זאַכן, אָבער די דאָזיקע זאַכן ווערן אויסשליסלעך געברויכט פון אַזעלכע אַרבעטער וואָס ווערן פאַררעכנט אַלס ניט־פּראָדוקטיווע. דער מוזיקער, למשל, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ ניט־פּראָדוקטיווער אַרבעטער; וואָס איז אָבער מכּח דעם בעל־מלאכה, וואָס האָט

געמאַכט דאָס פידל פאַר דעם מוזיקער? ער האָט דאָך לכל הדעות געשאַפן אַ מאַטעריעלע סחורה! זאָל ער באַטראַכט ווערן אַלס פּראָ־דוקטיווער אַרבעטער, אין דער צייט ווען דער שפּילער פאַר וועמען ער האָט דעם אינסטרומענט געמאַכט ווערט באַטראַכט אַלס אומ־פּראָדוקטיווער אַרבעטער? און וואָס איז מכח די אַרבעטער וואָס בויען שיפן פאַר דעם פלאָט און וואָס מאַכן ביקסן און קאַנאָנען פאַר דער אַרמיי — זאָלן זיי באַטראַכט ווערן אַלס פּראָדוקטיווע אַרבעטער אין דער צייט ווען די מאַטראָסן און די סאָלדאַטן ווערן פאַררעכנט אַלס ניט־פּראָדוקטיוו?

.2 §

כדי צו געפינען אַ ליזונג צו די דאָזיקע שוועריקייטן און ווידערשפּרוכן, האָבן פּאָליטישע עקאָנאָמען זיך דערטראַכט צום גע־דאַנק, אַז דער צוועק און ציל פון פּראָדוקציע איז צופרידן־צו־שטעלן מענשלעכע פאַרלאַנגען — סאַטיספאַקציעס, אוטיליטעטן.

באַרעכנט נאָר: אַן אַרבעטער שאַפט דאָך אייגנטלעך אַליין גאָרניט. ער שאַפט ניט און קען ניט שאַפן קיין נייע מאַטעריע. דער סכום מאַטעריע אין דער וועלט הענגט ניט אָפּ פון דעם מענשנס קאָנטראָל; ער קען ניט צולייגן אָדער אַראָפּנעמען קיין איין־איינציקן אַטאָם פון דעם דאָזיקן סכום. אַלץ וואָס דער מענש קען טאָן איז — בייטן פאָרמען און קאָמבינאַציעס; און אָט דאָס טוט ער אין דער פּראָדוקציע. ער פאָרעמט און פאָרעמט־איבער מאַטעריעלע זאַכן. ער מאַכט זיי איבער אין אַזעלכע פאָרמען, אין וועלכע זיי דינען זיינע פאַרלאַנגען.

די אופנים, אויף וועלכע דער מענש ברענגט צו־שטאַנד אוטילי־טעטן אָדער סאַטיספאַקציעס זיינען פאַרשיידענע. ניט נאָר פאַרזייט ער פלאַנצן, גראָבט אויס פון דער ערד קוילן, אייזן, קופּער; ניט נאָר ענדערט ער זייערע פאָרמען און פּאַסט זיי צו פאַר מענשלעכן געברויך — נאָר זיי ווערן אויך טראַנספּאָרטירט צו די פּלעצער, אָפט זייער ווייטע, וואו זיי גרייכן צו די הענט פון יענע וועמענס פאַר־לאַנגען זיי שטעלן סוף־כל־סוף צופרידן. זיי ווערן געקויפט דורך סוחרים פון איינע מענשן און פאַרקויפט צו אַנדערע; און צווישן די הענדלער איז פאַראַן אַ צעטיילונג פון אַרבעט — איינע קויפן

אַגולנע און פאַרקויפן עס צו די לאחדים־פאַרקויפער, און די צווייטע זעצן אַפּ די פּראָדוקטן צו די קאָנסומענטן. הגם אַז די מענשן פורע־מען ניט קיין פּראָדוקטן, טראָגן זיי אָבער־ביי צו זייער אוטיליזאַציע; זיי טראָגן־ביי דאָס וואָס ווערט אָנגערופן אין דער עקאָנאָמיע „פּלאַץ־אוטיליטעט".

און אַזוי ווי די עסענץ פון פּראָדוקציע איז דאָס, וואָס זי פירט צו סאַטיספאַקציעס אָדער אוטיליטעטן, איז דערפון געדרונגען, אַז יעדע אַרבעט אָדער אָנשטרענגונג וואָס פירט צו אוטיליטעט איז פּראָדוקטיוו.

קיין ספק, עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע גראַדאַציעס אין דער וויכטיקייט פון די פאַרלאַנגען וואָס ווערן צופרידנגעשטעלט פון פאַרשיידענע אַרבעטער. וויכטיקער פון אַלץ זיינען די לעבנס־הצטרכות'ן; נאָכדעם קומען באַקוועמלעכקייטן; און ערשט נאָכדעם לוקסוסן. ווען מיר זאָלן זיין געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון די לייס־טונגען פון אַ טייל פון די פּראָדוצירער, וואָלטן מיר צום סאַמע לעצט זיך אָפּגעזאָגט פון די, וואָס באַזאָרגן אונז מיט שפּייז, באַקליידונג און אַ דאַך איבערן קאָפּ; אָבער ווער קען זאָגן מיט באַשטימטקייט, צי וואָלטן מיר ניט איינגעהאַלטן ביזן סוף אויך די לייסטונגען פונם דאָקטאָר וואָס פאַרהיט אונזער געזונט און דעם לערער וואָס האַלט־אויף די דערציאונג אויף וועלכער אונזער ציוויליזאַציע האַלט זיך? יעדנפאַלס, דער אונטערשייד צווישן זאַכן אַבסאָלוט־נויטיקע און זאַכן אָן וועלכע מ'קען זיך באַגיין, איז בשום אופן ניט דער זעלבער ווי צווישן מאַטעריעלע און ניט־מאַטעריעלע קוואַלן פון אוטיליטעטן.

דעריבער קומען מיר צום שלוס, אַז אַלע יענע, וועמעס אַרבעט עס שטעלט צופרידן פאַרלאַנגען — אַלע יענע וואָס זיינען גורם סאַטיספאַקציעס אָדער אוטיליטעטן — דאַרפן פאַררעכנט ווערן אַלס אָנטיילנעמער אין פּראָדוקציע און דאַרפן אָנגערופן ווערן פּראָדוקטיווע אַרבעטער.

מיר קומען צום שלוס, אַז רייכטום באַשטייט ניט בלויז פון זאַכן, וואָס מ'קען האַלטן און אָנזאַמלען, נאָר פון אַלע זאַכן און לייסטונגען וואָס שטעלן צופרידן מענשלעכע פאַרלאַנגען און וואָס מ'קען ניט באַקומען פריי. אין דעם ווערן שוין איינגעשלאָסן אויך יענע לייס־

טונגען, וועלכע אַדאַם סמיט און זיינע נאָכפאָלגער האָבן אַנגערופן אומפּראָדוקטיווע. מענשן האָבן אַ פאַרלאַנג פאַר די דאָזיקע לייסטונגען (סוירוויסעס) און זיי שאַצן זיי אָפּ זייער הויך, לייסטונגען וואָס קומען צו־שטאַנד אַלס פּועל־יוצא פון מענשלעכער אָנשטרענגונג. אויך ניט־מאַטעריעלער רייכטום איז אַן „עקאָנאָמישע סחורה", אַרום וועלכער עס אַנטשטייען עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

§ 3.

עס איז קלאָר, אַז עס זיינען פאַראַן מענשן, וואָס שטייען מחוץ דעם גדר פון פּראָדוקטיווער טעטיקייט. בעטלער, גנבים, שווינדלער, לא יוצלח'ס („נע'ער־דו־וועלס") זיינען פּאַראַזיטן. וויפיל אָנשטרענגונג זיי זאָלן ניט פאַרווענדן, וויפיל „אַרבעט" זיי זאָלן ניט טאָן, קען מען דאָס אוודאי ניט אָנרופן פּראָדוקטיווע אַרבעט. זיי טראָגן גאָרניט־ביי; זיי פּרובירן פּשוט אָוועקנעמען זאַכן פון אַנדערע.

אַן אַנדער פראַגע אַנטשטייט אין שייכות מיט אַזעלכע אַרבעטן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַן ספק צווייפלהאַפטע אַספּעקטן, הגם דאָס געזעץ פאַרווערט זיי ניט און דער וואָס גיט זיך אָפּ דערמיט פילט אפשר ניט באַוואוסטזיניק אַז ער איז גורם שאָדן. צעפּויקן דורך שרייענדיקע רעקלאַמעס ווערטלאָזע רפואות, וועלכע זיינען אָפּט שעד־לעך; פאַרקויפן און פּראָדוצירן איינ'שיכור'נדיקע געטראַנקען — קענען אַזעלכע טעטיקייטן פאַררעכנט ווערן אַלס פּראָדוקטיווע?

אַזעלכע פאַלן מעגן זיין שווינדל און אָפּנאַרעריי; זיי קענען אָבער פונדעסטוועגן זיין צופרידנשטעלונגען פון אמת־געשפּירטע מענשלעכע פאַרלאַנגען.

שווינדל און אָפּנאַרעריי מיינט, ווען איינער באַקומט ניט דאָס וואָס ער האָט דערוואַרט אָדער וואָס מ'האָט אים געמאַכט צו דער־וואַרטן. אין אַ געוויינלעכער קניה ווערט דער פאַרקויפער געזעצ־לעך ניט פאַרפליכטעט צו גאַראַנטירן די זאַך וואָס ער פאַרקויפט. ד'ערביי גילט דער כלל פון „קאַוועאַט עמפּטאָר" — זאָל דער קויפער אַליין אַכטונג געבן, מ'זאָל אים ניט אָפּנאַרן. אָבער דאָרט וואו עס ווערט געגעבן אַ גאַראַנטיע, אָדער אַ גענויע באַשרייבונג וואָס איז גלייך צו אַ גאַראַנטיע, קען דער קויפער קלאָגן דעם פאַרקויפער אין געריכט אויב מ'האָט אים אָפּגענאַרט.

דער אונטערשייד וואָס דאָס געזעץ מאַכט איז געגוי דער זעלבער וואָס דער עקאָנאָם וואָלט געמאַכט. די פאַלשע מעדיצין מעג זיך זיין קאָלירט וואָסער אָדער „פאַרשטעלטער" אַלקאָהאָל. אָבער אַזוי לאַנג ווי דער קונה וויל אַזוינס, און קויפט עס ווייל ער האָט אַ געפיל אַזאַ, אַז דאָס וועט אים טאָן גוטס, לעגט דער פאַרקויפער עפּעס־צו צום סכום פון סאַטיספאַקציעס. די מעשה איז אַנדערש, וואו דער קויפער וויל איין זאַך, און ער ווערט אָפּגענאַרט צו נעמען אַן אַנדער זאַך; וואָרים דעמאָלט ווערן זיינע געשפּירטע פאַרלאַנגען ניט צו־פרידנגעשטעלט. איינצווישן איז דער פאַל, וואו דער קויפער ווייס אַלייך ניט געגוי וואָס ער וויל, און ער ווערט איינגערעדט צו קויפן דאָס וואָס דער אַנדערער וויל פאַרקויפן. דאָ איז אָפּט שווער צו ציען אַ ליניע. איז דער קונה אַ נאַר, אָדער האָט מען אים אָפּגענאַרט? איז דער פאַרקויפער אַ פּשוטער ליגנער, אָדער פאַרלויבט ער בלויז זיין סחורה אַ קאַפּיטשקע צופיל? וואָס דאָס געזעץ קען טאָן, איז העלפן מאַכן די לאַגע קלאָר; און דאָס איז ספּעציעל נויטיק דאָרט, וואו די קאָנסעקווענצן פון דער מיספאַרשטענדעניש זיינען ערנסטע. דעריבער האָבן מיר געזעצן וועגן „פורער שפּייז און פורע מעדי־קאַמענטן", און געזעצן וואָס פאָדערן אַז די קאָמפּאָזיציע פון „רפואות" זאָל געגוי אָנגעגעבן ווערן אויפן צוגעקלעפּטן צעטעלע.

דאָרט וואו עס ווערט ווירקלעך געשפּירט אַ פאַרלאַנג, מוז די אַרבעט וואָס שטעלט עס צופרידן אָנערקענט ווערן פון דעם עקאָנאָ־מיסט אַלס פּראָדוקטיווע; און דאָס, אַפילו ווען די ענדגילטיקע רעזולטאַטן דערפון זאָלן זיין שעדלעכע. דער שיינקער איז אַ פּראָ־דוקטיווער אַרבעטער, הגם ער איז דער פאַרשפּרייטער פון עפּעס וואָס איז אָפּט גורם עלנד. אַריינצולאָזן זיך אין חקירות וועגן דעם ענדלעכן עפעקט אויף מענשלעכן וואוילזיין, וואָלט אויפגעהויבן אַ ריי פראַגן, וואָס האָבן דירעקט מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע ניט צו טאָן.

עס זיינען פאַראַן פיזיאָלאָגן, וואָס גלויבן אַז פלייש, הגם מענשן האָבן עס ליב, איז אומנויטיק אַלס שפּייז און פאַראורזאַכט אָפּט קראַנקהייט. אַנדערע באַהויפּטן, אַז טיי און קאַווע זיינען שעדלעך. עס איז ניט די אויפגאַבע פון דעם עקאָנאָמיסט צו אַנטשיידן ווער

פון זיי עס איז גערעכט אדער אומגערעכט. אזוי לאנג ווי א פערזאן וואס קויפט א זאך אדער א דינסט־לייסטונג באגערט עס באמת, איז די ארבעט וואס שטעלט צופרידן זיין פארלאנג פראדוקטיוו.

אין דעם פאל פון א „געמבלינג־הויז", פון דעם פראפעסיאנעלן „געמבלער", למשל, איז שוין גאר שווער צו באשטימען צווישן פראדוקטיווער ארבעט און ניט־פראדוקטיווער ארבעט. פון איין זייט, האבן מענשן אן ספק א פארלאנג, כמעט אן אינסטינקט, צו וועלן „געמבלען", איינשטעלן, — הגם פון שטאנפונקט פון פערמאנענטן וואוילזיין מעג זיך זיין ווינשנסווערט אז אט די ליידנשאפט זאל געהאלטן ווערן אין צאם, — און די צופרידנשטעלונג פון דעם דאזיקן פארלאנג ווייזט אויס צו זיין א פראדוקטיווע מלאכה. פון דער אנדערער זייט, אבער, אויף אזוי ווייט ווי ביידע צדדים פון דעם „שפיל" זוכן בלויז צוצונעמען איינער דעם אנדערנס געלט, און קימערן זיך ניט פאר דעם שפיל אן און פאר זיך, איז זייער טעטיקייט פשוטע גנבה און רויבעריי.

הגם א פארלאנג מעג צופרידנגעשטעלט ווערן דורך ארבעט, מיינט עס נאך ניט אז דאס פירט אלעמאל צו גליק, אדער צום ריכטיקן סארט גליק. די ארבעט, וואס גיט א געוויסע לייסטונג מעג, אין די אויגן פון דעם עקאנאמיסט, זיין שטרענג פראדוקטיוו, אבער עס קען זיין, אז עס וואלט געווען בעסער ווען אזעלכע פראדוקטיווע ארבעטן זאלן אינגאנצן ניט געטאן ווערן. דער עקאנאמיסט קען אן ספק מאכן זיין ביישטייער צו דער לייזונג פון דער פראגע, וועלכע טעטיקייטן עס זאלן פארבאטן ווערן דורכן געזעץ און וועלכע ניט, אבער דאס וואס ער זאגט וועגן דעם איז בשום אופן ניט דאס לעצטעווארט.

§ 4.

דער טייטש, וואס מיר גיבן צום ווארט „פראדוקטיוו", ווערט ווייטער אילוסטרירט דורך איינער פון יענע פראפעסיעס, וועלכע אדאם סמיט האט געהאלטן פאר ניט־פראדוקטיוו — דאס געזעץ. צוזאמען מיט דעם אדוואקאט גייט אויך דער ריכטער, דער פאליציימאן, דער טורמע־וועכטער — אלע יענע, וואס האבן צו טאן מיט דער אדמיניסטראציע פון געזעץ. זייערע לייסטונגען זיינען, אין א

געוויסן זינען, ניט נויטיק. זיי טראָגן ניט־ביי דירעקט צו דער פּראָ־דוקציע פון מאַטעריעלע סחורות אָדער צו דער לייסטונג פון „סויר־וויסעס" אָדער אוטיליטעטן פאַר קאָנסומענטן. דאָך ווייזט די דער־פאַרונג פון אַלע פעלקער, אַז אין אַ קאָמפּליצירטער געזעלשאַפט קען מען ניט אויסקומען אָן דער אַרבעט פון דער לעגאַלער פּראָ־פעסיע. הגם זי איז ניט קיין בייטראָגנדיקער פאַקטאָר צו די פּראָצעסן פון פּראָדוקציע, איז זי אָבער אָן אומפאַרמיידלעכע צוטשעפּעניש צו איר. קיין ספק, אַ שלעכט־אויסגעאַרבעטע לעגאַלע סיסטעם פאַר־אורזאַכט מער אַרבעט פון דעם דאָזיקן מין, ווי עס וואָלט נויטיק געווען אונטער אַ בעסערער סיסטעם, און דער באַאָבאַכטער וואָס איז פריי פון פאָראורטייל מוז שטעלן די פראַגע, צי דאָס געזעץ פון אונזערע מאָדערנע געמיינשאַפטן אַרבעט אַזוי גוט ווי ער וואָלט גע־קענט און געדאַרפט אַרבעטן. אָבער אַ שלעכטער אינסטרומענט, כאָטש ער פאָדערט מער אַרבעט ווי אַ גוטער אינסטרומענט, איז פונ־דעסטוועגן פאַרט נוצלעך.

דאָס זעלביקע איז גילטיק אויך בנוגע דער אַרמיי און דעם פלאָט. דער נאָענטער ציל פון דעם סאָלדאַט'ס אַרבעט איז פאַרניכטונג. ער מוז אויסגעהאַלטן ווערן פון די אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעל־שאַפט; ער טראָגט ניט־ביי דירעקט צו איר וואוילזיין. דאָך איז מיליטערישער שוץ געווען אַ באַדינג פאַר דעם כסדר'דיקן אָנגאַנג פון פרידלעכער אינדוסטריע, אָן וועלכער מ'האָט אין גאַנצן פאַרלויף פון דער מענשלעכער געשיכטע קיינמאָל ניט געקענט אויסקומען. דער סאָלדאַט, ווי דער פּאָליציימאַן, איז נויטיק צוליב די שלעכטע ליידנשאַפטן פון דעם מענשן. און אפילו דאָרט, וואו פאַרטיידיקונג איז ניט נויטיק און באַוואָפענונג ווערט אָנגעהאַלטן צוליב פּוסטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ אָדער צוליב אַ זינלאָזן באַגער איבערצושטייגן אַנדערע לענדער, מוז דער סאָלדאַט פונדעסטוועגן אַלץ פאַררעכנט ווערן פאַר פּראָדוקטיוו, אין דעם זינען וואָס ער טוט דאָס וואָס מענשן ווילן אַז ער זאָל טאָן, און וואָס זיי באַצאָלן אים דערפאַר. די אַרמיי און פלאָט מעגן זיין ניט מער ווי געפערלעכע שפּילצייג. אָבער מענשן זיינען ניט וועניקער נאַריש ווען זיי באַצאָלן פאַר גע־שמאַקלאָזע אָרנאַמענטן אָדער פאַר וואולגאַרער אונטערהאַלטונג. עס

איז ניט דעם עקאָנאָמיסט׳ס עסק צו זיין אַ ריכטער און משפּט׳ן איבער דעם מענשנס געשמאַק.

עס איז געוויס פאַראַן אַ סיטואַציע, ווען מיליטערישע מאַכט איז, פון שטאַנדפּונקט פון דעם פּאָליטישן עקאָנאָם, בפירוש אומפּראָדוקטיוו. דאָס איז דעמאָלט ווען זי ווערט געברויכט אויסשליסלעך אויף אַנגריף. אַ פּיראַט איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין פּראָדוקטיווער אַרבעטער. צום אומגליק, אָבער, זיינען אַ סך פון די העלדן פון דער געשיכטע געווען ניט בעסער פון פּיראַטן. באַטראַכט מען די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, למשל, מוז מען זאָגן: קיין ספק, טיף־ליגנדע היסטאָרישע כחות האָבן געהאָלפן ברענגען די מלחמות פון דעם נאַפּאָלעאָנישן פּעריאָד. אַ צוזאַמענשטויס איז געווען אומפאַרמיידלעך צווישן דער אַלטער פעאָדאַלער געזעלשאַפט־אָרדנונג און דער נייער אָרדנונג וואָס איז אויפגעשטאַנען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָבער דער דאָמינירנדיקער גייסט פון נאַפּאָלעאָנען האָט דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס, אין זיינע לעצטע סטאַדיעס, פאַרוואַנדלט אין פּשוטער אַגרעסיע, אַפשוואַכנדיק דערמיט אויך די פאַרטיידיקונגס־קראַפט קעגן אַגרעסיע. די פאַרטיידיקונג, דער שוץ, איז טאַקע געווען נויטיק; דאָך איז די גאַנצע אָנשטרענגונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן סיי אין דעם אַנגריף און סיי אין דער פאַרטיידיקונג געווען אַ פּרוכטלאָזע פאַרשווענדונג פון מענשלעכער אַרבעט.

אַט דער בליק אויף מיליטער־לייט קען אפשר באַטראַכט ווערן אַלס פלאַך, איינזייטיק. פילע דייטשן, אין וועמעס היינטיקער ציוויליזאַציע צוגרייטונג צו מלחמה שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע, וועלן דאָס מסתמא אַזוי באַטראַכטן. כדי דאָס אויסצומיידן, זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז די בלויזע עקאָנאָמישע זייט פון דער פראַגע איז ניט די איינציקע וואָס דאַרף גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט. ניטאָ נאָך אַ פראַגע, וואָס זאָל אַזוי קלאָר אַרויסברענגען די נויט צו באַטראַכטן פּראָבלעמען וועלכע זיינען טיילווייז עקאָנאָמישע פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן אויך, ווי די דאָזיקע פראַגע. אַפילו ווי אַ פּראָבלעם פון עקאָנאָמיקע אַליין, איז דער אינדוסטריעלער פּראָגרעס פון דער מענשהייט געגאַנגען איבער טשיקאַווע וועגן. ציוויליזאַציע איז געגאַנגען פאָרווערטס אויפן פולווער־וואָגן, ווי אין אונזער בירגער־

קריג. אַגרעסיע גופא האָט מאַנכמאָל געפירט צו גליקלעכע רע־זולטאַטן. די ענגלענדער האָבן גענומען באַזיץ פון אינדיע אין אַ גייסט פון פלינדעריי; דאָך האָט זייער הערשאַפט, הגם באַזירט אויף מאַכט, אַ סך מיטגעהאָלפן ברענגען מאַטעריעלן וואוילזיין פאַר די פעלקער פון אינדיע. און אויך אין די צוזאַמענשטויסונגען צווישן ציוויליזירטע פעלקער, וואָס זייער אורשפּרונג זאָל ניט האָבן געווען, איז אָפט אַ בעסערע אָרדנונג און אַ העכערער וואוילזיין אַרויסגע־קומען פון מלחמות, וואָס עס האָט אויסגעוויזן אַז זיי האָבן ניט געהאָט קיין באַרעכטיקטע אורזאַכן. דער ערנסטער לעזער וועט אַוודאי איבערטראַכטן וועגן די דאָזיקע אַלע פונקטן, און דאָס וועט אים פירן אויפן וועג פון קוואַליפיצירן און אינטערפּרעטירן וואָס דאָ איז גע־זאָגט געוואָרן וועגן דער שייכות פון באַוואָפענונג און מלחמה צום פּרינציפּ וואָס ליגט הינטער דער קאָנצעפּציע פון פּראָדוקטיווער אַרבעט.

§ 5.

עס בלייבט אונז נאָך צו באַטראַכטן פראַגן וועגן דער שייכות פון געוויסע מינים אַקטיוויטעטן צו דער פּראָדוקטיווקייט פון אַרבעט. זאָלן געוויסע געשעפט־טואונגען וואָס גייען אָן אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט פאַראורטיילט ווערן אַלס אומפּראָדוקטיווע?

ווען געוויסנלאָזע פּערזאָנען פּאַרדרייען מענשן דעם קאָפּ און נעמען ביי זיי געלט, כלומרשט פאַר „אינוועסטירונג“ אָדער ספּעקולאַציע, און סוף־כל־סוף מאַכן זיי אַ ויברח מיט דעם געלט, איז קלאָר, אַז זייער „אַרבעט“, הגם זי מעג זיך זיין סיסטעמאַטיש און אָנגעשטרענגט, איז אַ שווינדלערישע. ניט נאָר זיי אַליין, נאָר די אָנגעשטעלטע וואָס זיי באַשעפטיקן (אַלץ איינס צי זיי זיינען באַוואוסטזיניקע מיטהעלפער אין די שווינדלערייען אָדער אומשולדיקע) זיינען אומפּראָדוקטיוו. עס ווערט אָבער באַהויפּטעט, אַז אַחוץ אַזעלכע „אָפּעראַציעס“ וועלכע זיינען אַזוי אויגנשיינלעך שווינדלעריש אַז דאָס געזעץ דערקלערט זיי פאַר פאַרברעכנס, זיינען פאַראַן ניט ווייניק אַנדערע, וואָס הגם זיי שטייען אין די גרענעצן פון געזעץ איז אָבער זייער עקאָנאָמישער עפעקט פאַקטיש דער זעלבער. די דאָזיקע באַהויפּטונג ווערט געמאַכט, כדי צו נעמען אַ באַקאַנטן ביישפּיל,

אויפן רעכענונג פון ספעקולאטיווע טראנזאקציעס אין אלגעמיין. אין אונזער הויך־ארגאניזירטער מאדערנער געזעלשאפט ווערט א ריזיק גרויסער סכום פון קויף און פארקויף געטאן בלויז צוליב דער דער־ווארטונג אז דער פרייז פון די סחורות וועט שטייגן. איינער קויפט ווייץ אדער באוול, וועלכע ער דארף ניט און וועלכע ער זעט קיינמאל ניט אן אין די אויגן; אזוי שנעל ווי דער פרייז שטייגט פארקויפט ער עס, און ער לעגט אריין אין קעשענע דעם „פראפיט" וואס ער האט ביי דער דאזיקער טראנזאקציע געמאכט. איז עפעס א ביישטראג צום סכום פון אוטיליטעטן געמאכט געווארן דורך אט אזא טראנ־זאקציע? די „אפעראציעס" פון דעם מין וואס ווארפן זיך צום שטארקסטן אין די אויגן קומען פאר אויף די ווערט־פאפירן בירזשעס, וואו קניות און מכירות אויף א ריזיקן מאסשטאב ווערן געמאכט אן א שום קענטיקן סימן אז זיי זאלן עפעס האבן צוגעלעגט צו פראָ־דוקציע אדער צו געזעלשאפטלעכער הכנסה. דער דאזיקער געשעפט פאדערט, כידוע, א פארצווייגטן אפאראט — בראוקערס, קלוירקס, באאמטע, און אייגענע פעריאדישע פרעסע. און אויב די „סטאק־בראוקערס" זיינען א פאראזיטישער קלאס, מוזן דאך זייערע אנגע־שטעלטע אויך באטראכט ווערן פאר אזעלכע, פונקט ווי דאס איז דער פאל מיט די אנגעשטעלטע פון דעם פשוט'ן שווינדלער.

און די דאזיקע באהויפטונג איז געטריבן געווארן נאך ווייטער. א גרויסער טייל פון דעם, וואס ווערט געוויינלעך אנגערופן „גע־שעפט", איז אויך באצייכנט געווארן אלס אומפראדוקטיוו. ניט בלויז ספעקולאנטן, נאר באנקירן וואס „הענדלען" סטאקס און באנדס (דאס דארף פארשטאנען ווערן: זיי קויפן און פארקויפן ווערט־פאפירן אויף באשטעלונג פון זייערע דעפאזיטארס, נעמען זיי אן אלס משכנות פאר הלוואות א. אז. וו. — נ. פ.), און די וואס אפערירן אין „ריעל־עסטייט", קויפן און פארקויפן לאנד פאר פראפיט, ווערן באשריבן אלס פאראזיטן. נאך מער, סאציאליסטישע שרייבער דער־קלערן פאר בעצמ'דיק אומפראדוקטיוו אלע געשעפטסלייט, פון יעדן מין, — דאס הייסט, אויף אזוי ווייט ווי זיי טוען ניט קיין דירעקטע ארבעט פון פארוואלטונג און השגחה.

די פראגן, וואס זיינען דא אויפגעהויבן געווארן, קענען ניט

פאַרענטפערט ווערן, איידער מ׳באַטראַכט מאַנכע זייער קאָמפּליצירטע ענינים. אָבער דער אופן, אויף וועלכן די דאָזיקע פראַגן דאַרפן באַהאַנדלט ווערן און דער כאַראַקטער פון די ענטפערס וואָס מ׳דאַרף זוכן, קען גלייך אָנגעדייט ווערן.

וואָס איז שייך ספּעקולאַציע, איז די באַשולדיקונג אַז זי איז אומפּראָדוקטיוו, טיילוייז באַרעכטיקט. כאָטש מאַנכע ספּעקולאַטיווע טראַנזאַקציעס אין פּראָדוקטן און ווערט־פּאַפּירן דינען אַ נוצלעכן צוועק, זיינען אָבער אַנדערע הויפּטזעכלעך בלויזע „געוועטן״, ענלעך אין זייער עקאָנאָמישן עפעקט צום וואָולגאַרן „געמבלען״. אורטיילנדיק לויט דער פּראָבע וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט — צי די אַרבעט לעגט עפּעס צו צום סכום אוטיליטעטן — זיינען אַלע וואָס גיבן זיך אָפּ מיט בלויזער געוועט־ספּעקולאַציע אומפּראָדוקטיווע אַרבעטער, איינגעשלאָסן די אַרבעטער וואָס פירן־אויס די באַשטעלונגען.

די זעלבע מאָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויף די אַקטיוויטעטן פון געשעפטסלייט. אָבער הגם די גרעסטע צאָל ספּעקולאַטיווע מסחרים ברענגט וואַרשיינלעך ניט קיין שום נוצן, האָט אָבער דער גרעסטער טייל פון די טואונגען פון געשעפטסלייט גרויס אוטיליטעט. די אָנקלאַגע פון די סאָציאַליסטן, וועלכע באַהויפּטן אַז זיי זיינען איבערוויגנדיק אומפּראָדוקטיוו, כאַפּט זייער שטאַרק אַריבער די מאָס. די פונקציע פון דעם פאַרוואַלטער אָדער פירער פון אינדוסטריע איז פון הויכן נוץ אין דער פּראָדוקציע. ער טראָגט־ביי ממשות׳דיק צו דער שפע פון פּראָדוקטן און דער צופרידנשטעלונג פון מענשלעכע באַגערן. עס איז אָבער פונדעסטוועגן פאַרט אמת, אַז אין יעדן צענטער פון אינדוסטריע קען מען געפינען געװיס מענשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט „עסקים״, וואָס זייערע טואונגען זיינען בעצם פּאַראַזיטיש.

עס איז דער ציל פון דער לעגאַלער סיסטעם אונטער וועלכער מיר לעבן — די סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום — צו פאַרבאָטן פּאַראַזיטישע טואונגען. ניט בלויז פיזישער איבערפאַל, נאָר אויך שווינדל און אָפּנאַרעריי ווערן פאַרבאָטן און באַשטראָפט. אין אַלגעמיין, ווערט דער דאָזיקער ציל פון דעם געזעץ דערגרייכט. דער

וואָס פאַרדינט זיין חיונה אויף אַ געזעצלעכן אופן טראָגט געווייגלעך עפּעס־ביי צום גאַנצן סכום פון סאַטיספאַקציעס. ער טוט דאָס, פאַר וואָס אַן אַנדערער איז צופרידן אים צו באַצאָלן, ער שאַפט אוטיליטעטן, און דעריבער איז ער אַ פּראָדוקטיווער אַרבעטער.

דער פאַקט, וואָס ביים קריטיקירן די סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום גייען די סאָציאַליסטן צו ווייט און זיי איבערטרייבן היפש, דאַרף אונז ניט בלינד מאַכן בנוגע דעם פאַקט, אַז עס עקזיסטירן געלעגנהייטן צו ציען חיונה אָדער אפילו אַנצוקלייבן אַ פאַרמעגן, ניט מחוץ פון די גרעניצן פון געזעץ, אָבער דאָך פון אַזאַ מין סאָרט וואָס דער פּאָליטישער עקאָנאָם מוז באַטראַכטן אַלס פּאַראַזיטיש און דעריבער אומפּראָדוקטיוו.

מאַנכע געלעגנהייטן פון דעם מין קומען פון אומפּולקאָמענהייטן אין די עקזיסטירנדיקע געזעצן. געזעצלעכע פּראָצעדורן, וועלכע האָבן אַמאָל אויסגעוויזן צו פאַרהעלפן דאָס אַלגעמיינע וואוילזיין, האָבן, צוליב ענדערונגען אין עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אויפגעהערט צו זיין הילפבאַר, אָדער זיינען נאָר טיילווייז הילפבאַר.

עס איז אָפט אוממעגלעך פאַר די בעסטע ריכטער, אפילו נאָך דער פיינסטער אָפּוועגונג פון די רעזולטאַטן, צו אַנטשיידן קלאָר צווישן אָפּעראַציעס וואָס זיינען אין לעצטן סך־הכל הילפבאַר אין דער צו־פרידנשטעלונג פון מענשלעכע פאַרלאַנגען, און אַזעלכע אָפּעראַציעס, וואָס זיינען עס ניט. צווישן פאָלק הערשט אַ נעפּלהאַפטער באַ־וואוסטזיין, אַז געוויסע מענשן גיבן זיך אָפּ מיט „לעגיטימע" גע־שעפטן, בעת אַנדערע וואָס טוען דוכט זיך די זעלבע זאַך, זיינען „ניט לעגיטים", זיינען „ספּעקולאַנטן". אָבער ציען אַ גענויע ליניע צווישן זיי איז שווער פאַר דעם געשעפטסמאַן, ווי אינטעליגענט ער זאָל ניט זיין, ניט ווייניקער ווי פאַר דעם ריכטער אָדער דעם פּאָ־ליטישן עקאָנאָם. דאָס זעלבע איז אמת וועגן דעם געזעץ בנוגע שווינדל און אָפּנאַרעריי. אַזוי לאַנג ווי מענשן זיינען פריי אויס־צוקלייבן פאַר זיך אַליין און האַנדלען לויט זייער אייגענעם אורטייל, וועלן די וואָס זיינען כיטרע און וואַכזאַם מאַכן אַ בעסערן „מסחר", איידער די וואָס זיינען שטומפּיק און ניט וואַכזאַם. און עס וועט זיין שווער צו אַנטשיידן, צי איינער נאַרט אָפּ דעם צווייטן, אָדער ער

לאָזט אים בלויז אַליין אַנטשיידן, וואָס עס איז בעסער פאַר זיין אייגע־נעם אינטערעס. די וואַרשיינלעכקייטן זייגען, אַז כדי צו זיכערן די גרויסע אַלגעמיינע טובה, וואָס קומט פון פּריוואַט־אייגנטום און פון קאָנקורענץ, וועלן מיר תמיד מוזן דערלויבן אַזעלכע טואונגען וואָס געפינען זיך אויף דער גרעניץ צווישן דאָס פּראָדוקטיווע און דאָס רויבערישע. אויב דאָס געזעץ ברענגט דערצו, אַז אַרבעט ווערט אָנגעווענדט אין אַלגעמיין אויף דער סאַטיספאַקציע פון פאַרלאַנגען; אויב די סיסטעם אַלס גאַנצע אַרבעט גוט, און די רויבערישע אָפּע־ראַציעס זיינען בלויז אירע „לויזע עקן", — איז עס גלייכער זיי אָנצונעמען אַלס אומפאַרמיידלעך און צו באַלאַנסירן זיי מיט דעם אַלגעמיינעם גוט. אַבסאָלוטע פּערפעקציע אין מענשלעכע באַציאונגען איז ניט צו דערוואַרטן.

עד כאן פּראָפעסאָר טאַוסיג.

***

געוויס, פּראָפעסאָר טאַוסיג איז ניט געווען קיין סאָציאַליסט. ער האָט געהאַלטן אַז פּריוואַט־אייגנטום און קאָנקורענץ פירן צו ווינשנסווערטע רעזולטאַטן. אָבער אַדאַם סמיט איז אויך ניט געווען קיין סאָציאַליסט, און ניט פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט איז ער געקומען צו זיין טעאָריע פון „פּראָדוקטיווער אַרבעט". אפילו קאַרל מאַרקס, — ווי דר. זשיטלאָווסקי אַליין זאָגט אונז, — האָט אונטער־שטיצט אַדאַם סמיט'ס טעאָריע וועגן פּראָדוקטיווער אַרבעט ניט פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט און ניט פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט נאָר „פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט" (סיי די ווערטער און סיי די אונטערשטרייכונג זיינען דר. זשיטלאָווסקי'ס).

מיט זיין גלענצנדן אַנאַליז פון דעם ענין האָט פּראָפ. טאַוסיג אונז באַוויזן, אַז פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז אַדאַם סמיט'ס (און במילא אויך קאַרל מאַרקס') ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס „פּראָדוקטיווע אַרבעט" איז, ניט קיין ריכטיקער. דערצו זאָגט ער אונז, אַז די אויספירונגען צו וועלכע ער קומט זיינען ניט בלויז זיינע אייגענע, נאָר אַז פּאָליטישע עקאָנאָמען בכלל האָבן זיך צו זיי דערטראַכט, — און אַז פּראָפעסאָר טאַוסיג האָט געוואוסט וואָס „פּאָ־ליטישע עקאָנאָמען" האָבן געזאָגט, דאָס קען קיינער ניט אָפּלייקענען.

איז דאָס אידישע פאָלק אומפּראָדוקטיוו ?

נאָכדעם ווי דער לעזער האָט איבערגעלייענט דאָס, וואָס פּראָפעסאָר טאָוסיג האָט געשריבן וועגן „פּראָדוקטיווער אַרבעט", דאַרף פאַר אים, דוכט זיך, ווערן קלאָר, אַז חיים גרינבערג האָט אין זיין פאָרטראָג אייגנטלעך געזאָגט דאָס זעלבע וואָס פּראָפ. טאָוסיג.

פּראָפ. טאָוסיג זאָגט: „. . . רייכטום באַשטייט ניט בלויז פון זאַכן, וואָס מ'קען האַלטן און אַנזאַמלען, נאָר פון אַלע זאַכן און לייסטונגען וואָס שטעלן צופרידן מענשלעכע פאַרלאַנגען און וואָס מ'קען ניט באַקומען פריי"; און: „. . . אַלע יענע, וועמעס אַרבעט עס שטעלט צופרידן פאַרלאַנגען. . . דאַרפן פאַררעכנט ווערן אַלס אָנטיילנעמער אין פּראָדוקציע און דאַרפן אָנגערופן ווערן פּראָדוקטיווע אַרבעטער". חיים גרינבערג, ווידער, טרעט אַרויס קעגן די, וואָס האַלטן, אַז „ווער עס פּראָדוצירט ניט קיין זאַכן, וואָס האָבן אַ לענג, אַ ברייט און אַ גרעב, וואָס מען קען זיי אָנטאַפּן מיט די הענט און נאָכדעם נוצן אָדער פאַרנוצן — אין דער פאָרם פון שפּייז, בגדים, וואוינונגען א. אַז. וו. — דער איז אַ פּוסטע־פּאַסניק און אַן אומזיסט־עסער"; און: „אונטער פּראָדוקטיווער אַרבעט דאַרף מען פאַרשטיין יעדע באַשעפטיקונג, וואָס באַפרידיקט מענשלעכע באַדערפענישן. . ."

ווי מ'קען זען, איז דער הויפּט־געדאַנק בייביידן פּאַקטיש אידענטיש. דאָך איז אַ געוויסער אונטערשייד צווישן זיי יאָ פאַראַן. דאָרט וואו פּראָפ. טאָוסיג זאָגט: „. . . דער צוועק און ציל פון פּראָדוקציע איז צופרידן־צו־שטעלן מענשלעכע פאַרלאַנגען — סאַטיספאַקציעס, אוטיליטעטן", זאָגט חיים גרינבערג: „ווער זשע איז אייגנטלעך אַ פּאַראַזיט? קיין איין־איינציקער מענש, וואָס איז באַשעפטיקט מיט עפּעס אַזוינס, פון וואָס דיינע מיטמענשן האָבן נוצן אָדער הנאה. . .", און אין אַן אַנדער אָרט געברויכט ער דעם אויסדרוק: „. . . וואָס ברענגט צו סאָציאַל־נוצלעכע רעזולטאַטן".

לויט מיין מיינונג, וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ווען פּראָפעסאָר טאַוסיג וואָלט אינגאַנצן אויסגעלאָזן די „אוטיליטעטן” און געבליבן בלויז ביי די „סאַטיספאַקציעס”. אָן די „אוטיליטעטן” איז דער געדאַנק איינפאַכער און קלאָרער. אָבער בעת דער באַגריף „אוטיליטעטן” איז אַ ברייטער און איז כולל אין זיך סיי נוצלעכקייט און סיי צופרידנשטעלונג פון פאַרלאַנגען, זיינען אָבער די אויסדרוקן „נוצלעך” און „סאָציאַל־נוצלעכע רעזולטאַטן” אַ סך שמעלערע באַגריפן. עס וואָלט דעריבער געווען אַ סך בעסער ווען חבר גרינבערג באַנוצט זיך ניט מיט זיי. „נוצלעך”, „סאָציאַל־נוצלעך” א. אַז. וו. שטייען אייגנטלעך אין ווידערשפּרוך צום הויפּט־געדאַנק, וואָס חבר גרינבערג האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען — צום געדאַנק, אַז קיינער איז ניט קיין בר־סמכא צו באַשטימען, וואָס עס איז נוצלעך און וואָס עס איז שעדלעך; אַז די פּשוטע צופרידנשטעלונג פון מענשלעכע פאַרלאַנגען איז שוין אַליין „סאָציאַל־נוצלעך”.

אויסלאָזנדיק פּראָפ. טאַוסיג׳ס „אוטיליטעטן” און חבר גרינבערג׳ס „סאָציאַל־נוצלעכע רעזולטאַטן”, און נעמענדיק דעם גרונטגעדאַנק פוןביידן — וועלכער איז, ווי מיר האָבן געזען, איין־און־דערזעלבער — מוז מען פון זייער קריטישן אַנאַליז וועגן „פּראָדוקטיווער אַרבעט” קומען צום פאָלגנדן אויספיר:

פּראָדוקטיוו איז יעדע אַרבעט, וואָס שטעלט צופרידן מענשלעכע פאַרלאַנגען — בתנאַי (1) אַז די דאָזיקע אַרבעט איז געזעצלעך ניט פאַרבאָטן, און (2) אַז דער קאָנסומענט זאָל זיין פולשטענדיק פריי צו באַשטימען פאַר זיך אַליין, וועלכע פאַרלאַנגען ער וויל צופרידןשטעלן פריער און וויפיל ער איז גרייט פאַר זיי מקריב צו זיין.

צוטרעטנדיק צו דער עצם־פראַגע פון דער דיסקוסיע, — צי אידן זיינען פּאַראַזיטן אויף די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן, — מיט אָט די צוויי מאָסן, קענען מיר ערשט זען, ווי פאַלש די דאָזיקע באַשולדיקונג איז.

געזעצלעכקייט

ווען דער קאָלעקטיווער געזעלשאַפטלעכער געוויסן פּראָקלאַמירט די צופרידנשטעלונג פון אַ געוויסן מענשלעכן פאַרלאַנג אַלס שעדלעך,

און פאַרוואַרט עס דורך אַ גאַנצן — דעמאָלט מוז יעדערער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער צופרידנשטעלונג פון דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, פאַררעכנט ווערן אַלס אומפּראָדוקטיוו.

דער דאָקטאָר וואָס „פאַרשרייבט", און דער אַפּטייקער וואָס פּילט־אויס, אַ רעצעפּט, אין וועלכן עס ווערט צוגעמישט אַ געוויסע דאָזע אָפּיום, זיינען ביידע פּראָדוקטיווע אַרבעטער, וואָרים דאָס געזעץ פאַרוואַרט ניט דעם געברויך פון אָפּיום פאַר מעדיצינישע צוועקן. אָבער זאָל איינער פאַרקויפן דעם זעלבן אַרטיקל צו אַן אָפּיום־רויכערער, דעמאָלט איז ער שוין באַשטימט אַן אומפּראָדוקטיווער אַרבעטער, וואָרים דאָס געזעץ פאַרווערט אויסדריקלעך די דאָזיקע שעדלעכע געוואוינהייט.

ווען דער פאַרקויף פון אַלקאָהאָלישע געטראַנקען איז ניט פאַרבאָטן דורכן געזעץ, איז יעדער איינער וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער פּראָדוקציע, דיסטריבוציע, און פאַרקויף פון אַזעלכע געטראַנקען, אַ פּראָדוקטיווער אַרבעטער. אָבער ווען „פּראָהיבישאָן" איז געוועזן דאָס געזעץ פון לאַנד, דעמאָלט איז יעדער איינער וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער צופרידנשטעלונג פון דער מענשלעכער שוואַכקייט פאַר איינ׳שיכור׳נדיקע געטראַנקען געווען אַ „בוטלעגער", אַן אומפּראָדוקטיווער מענש.

דער „מ׳מעג" און דער „מ׳טאָר ניט" איז, פאַרשטייט זיך, אַן אַנדערער אין פאַרשיידענע צייטן און אומשטענדן. וואָס „מ׳מעג" אין איין צייט, „טאָר מען ניט" אין אַן אַנדער צייט. דעריבער קענען די באַגריפן „פּראָדוקטיוו" און „ניט־פּראָדוקטיוו" אויך ניט פאַרבלייבן קאָנסטאַנט פאַר אַלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן.

אַז עס וועט קומען די צייט, ווען קויפן סחורה ניט פאַר אייגענעם געברויך, נאָר פאַר פאַרקויף צו אַנדערע מיט אַ ריוח, וועט פאַרבאָטן ווערן, — דעמאָלט וועט יעדער איינער, וואָס וועט זיך אַלץ אָפּגעבן מיט דער דאָזיקער באַשעפטיקונג, מוזן באַטראַכט ווערן פאַר אַ „בוט־לעגער", פאַר אַן אומפּראָדוקטיוון מענשן. אָבער אַזוי לאַנג ווי דאָס איז ניט פאַרבאָטן, האָט קיינער קיין מאָראַליש רעכט ניט אָנצורופן דעם פּעדלער, דעם קרעמער א. אַז. וו. „אומפּראָדוקטיוו", און אוודאי ניט „פּאַראַזיטיש". און ווייבאַלד דער סוחר, דער קרעמער בכלל איז

ניט „אומפראדוקטיוו". דעמאלט איז, נאטירלעך, ניטא קיין שום אור־זאך, ניט אין לאגיק און ניט אין יושר, אנצורופן דעם אידישן סוחר און קרעמער „אומפראדוקטיוו".

פארשטייט זיך, דער „מ'מעג" און דער „מ'טאר ניט" בייטן זיך ניט פון די אומשטענדן אליין. די ענדערונגען שפרינגען ניט ארויס פארטיקע, אט אזוי ווי די געטין פון חכמה איז ארויסגעשפרונגען א פול־דערוואקסענע פון צעאוס' שטערן. ארום זיי ווערט געפירט א כסדר'דיקער קאמף, און אין היץ פון קאמף ווערן געברויכט אויס־דרוקן און שימף־ווערטער, וואס קענען נאר בארעכטיקט ווערן פון דעם סוביעקטיוון שטאנדפונקט פון די באטייליקטע אין דעם קאמף. אזוי, למשל, רופט דער „פראהיבישאניסט" אן יעדן פארקויפער פון אלקאהאלישע געטראנקען „מערדער", „פארשפרייטער פון עלנד, אומ־גליק" א. אז. וו. און דער סאציאליסט רופט אן יעדן אונטערנעמער און יעדן סוחר „עקספלואטאטאר", „בלוט־זויגער", פיאווקע". אבער דער ווויסנשאפטסמאן, דער פאליטישער עקאנאם, קען בשום אופן ניט אננעמען דעם שטאנדפונקט פון דעם פראפאגאנדיסט. ער קען זיך ניט רעכענען מיט ווונשן און שטרעבונגען; ער מוז זיך רעכענען בלויז און נאר מיט דער ווירקלעכקייט. און אויפן סמך פון דער ווירקלעכקייט מוז ער קומען צום אויספיר, אז

— אפשר דארף טאקע זיין אזוי ווי די דאזיקע מענשן זאגן, אבער דערווייל איז ניט אזוי; אפשר זיינען די דאזיקע מענשן נביאים פון א בעסערער צוקונפט, ווען עס וועט טאקע זיין אזוי, אבער דער־ווייל איז פארט ניט אזוי — און ווייבאלד עס איז דערווייל ניט אזוי, קען ניט און טאר ניט דער שיינקער באטראכט ווערן פאר א „מער־דער", און דער סוחר קען ניט און טאר ניט באטראכט ווערן פאר א „פיאווקע".

און מיט אידן קען דא ניט געמאכט ווערן קיין שום אויסנאם — ניט לטובה און ניט לרעה.

זעט איר, ווען עס גייט וועגן טאן זאכן, וואס זיינען אומגעזעצלעך, דארף מען זיך ניט איינשטעלן צו שטארק פאר אידישער גלייכבארעכ־טיקונג מיט ניט־אידן. אויב א איד זאל, צוליב דעם „למה יאמרו הגוים" און צוליב דעם „כל ישראל ערבים זה בזה", זיך צוריקהאלטן,

למשל, פון אונטערצינדן זיין געשעפט, אדער פון קויפן גע׳גנב׳עטע סחורה, — איז ניט כדאַי זיך אפצועסן דאָס האַרץ דערפון, וואָס דער באַטרעפנדער איד איז ניט פריי צו האַנדלען אַזוי ווי אַ ניט־איד וואָלט אפשר זיך געפילט פריי צו האַנדלען אין דער זעלבער לאַגע און אומשטענדן. מיט אַנדערע ווערטער, עס קען די אידן גאַרניט שאַטן ווען זיי זאָלן זיך אָפזאָגן פון דעם רעכט אויף אַ גלייכער פראַפאָרציע פאַרברעכער מיט ניט־אידן.

אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן לעגיטימע געזעצלעכע טעטיקייטן, מעג דער איד דערמיט זיך אָפגעבן פונקט אַזוי ווי דער ניט־איד.

די פרייהייט פון קונה

וואָס איז שייך דער פרייהייט פון דעם קונה אויסצוקלייבן, וואָס פאַר אים איז בעסער, געזינטער און גלייכער, — דאָ איז דער אידישער סוחר אַ סך, אַ סך ווייניקער פאַראַזיטיש פון דעם ניט־אידישן סוחר.

דער קונה איז ניט פריי, ניט בנוגע אויסוואַל און ניט בנוגע מקח, אין יענע עקאָנאָמישע געביטן, וואו עס הערשט אַ באַדינגונג פון פולשטענדיקן אָדער טיילווייזן מאָנאָפּאָליזם. אין אַזעלכע געביטן איז דער קונה געצוואונגען צו קויפן וואָס מ׳גיט אים און ער מוז צאָלן דעם פרייז וואָס מ׳פאָדערט פון אים. אידן זיינען, כידוע, פון אַט אַזעלכע געביטן כמעט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן. ניט זייענדיק באַשיצט דורך מאָנאָפּאָליסטישע באַדינגונגען, איז דער אידישער קרעמער געצוואונגען צוזאַמענצוברענגען אַ גרעסערן אויסוואַל פון סחורות, וואָס זאָל „פאַרנעמען דאָס אויג״ פון דעם קונה, און ביים באַשטימען דעם פאַרקויף־פרייז מוז ער זיך כסדר רעכענען מיט די קאָנקורענץ־באַדינגונגען פון דעם פרייען מאַרק — במילא איז דער אידישער סוחר ווייניקער פאַראַזיטיש פון דעם ניט־אידישן סוחר.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע אידישע סוחרים זיינען פריי פון מאָנאָפּאָליזם, און ניט אַלע גויאישע סוחרים זיינען מאָנאָפּאָליסטן. דער פאַרגלייך איז אַ רעלאַטיווער. עס קען פונדעסטוועגן ניט גע־לייקנט ווערן, אַז, אין אַלגעמיין גענומען, זיינען אידן ווייניקער מאָנאָ־

פּאַליסטיש ווי ניט־אידן, — און אויף אַזוי ווייט זיינען זיי אויך ווייניקער פּאַראַזיטיש.

אַזוי איז די לאַגע ווען מ׳פאַרגלייכט אידישע סוחרים אַלס יחידים מיט גויאישע סוחרים אַלס יחידים. אָבער ווען מ׳פאַרגלייכט, פון שטאַנדפּונקט פון דער פרייהייט פונם קונה, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק מיט די ניט־אידישע פעלקער, — דעמאָלט זיינען אידן שוין גאָרניט קיין פּאַראַזיטן לגבי יענע!

באַטראַכט נאָר, וואָס פאַר אַ באמת־פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ די ניט־אידישע פעלקער פירן. —

פון איין זייט קומען די גרויסע בערן, די אימפּעריאַליסטישע פעלקער. זיי זיינען שוין גאָרניט צופרידן צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן אין אַ „פרייען מאַרק". אין זייערע קאָלאָניעס אָדער פּראָטעקטאָראַטן דערלויבן זיי מערסטנס ניט דאָס אויפקומען פון אינדוסטריע, כדי צו קענען אַנהאַלטן אַ מאָנאָפּאָליע אויף אינדוסטריעלע פּראָדוקטן; און אין אַנדערע לענדער, איבערהויפּט די קלענערע, זוכן זיי, און באַקומען עס געוויינלעך, פאַרשיידענע פּריווילעגיעס פאַר זייערע סוחרים, ד. ה. פאַר זייערע פּראָדוקטן. דאָס איז אמת וועגן אַלע גרויסע פעלקער. וואָס באַטייט דען די „נייע אָרדענונג", פאַר וועלכער היטלער פירט איצט זיין אוואַנטוריסטישן קאַמף, אויב ניט אַזאַ אָרדענונג, אין וועלכער דייטשלאַנד זאָל פאַרווערן אינדוסטריע אין אַלע אַנדערע לענדער פון איראָפּע און צווינגען זיי צו צאָלן אַזעלכע פרייזן פאַר דייטשע פּראָדוקטן, וואָס דייטשלאַנד אַליין וועט באַשטימען?

פון דער אַנדערער זייט, אָבער, איז דער פּאַראַזיטיזם ניט באַגרעניצט אויף די גרויסע פעלקער אַליין. אַ סך פון די קלענערע פעלקער נוצן־אויס זייער סטראַטעגישע פּאָזיציע, און זיי לעקן אויך אָפּ אַ גאַנץ פעטן ביינדל פון דעם אַלגעמיינעם אימפּעריאַליסטישן שפּיל. וויפיל הונדערטער מיליאָנען פראַנק האָט עס פּוילן, למשל, באַקומען פון פראַנקרייך בלויז צוליב איר סטראַטעגישער לאַגע אויף דעם שאַך־ברעט פון איראָפּע! און וויפיל הונדערטער מיליאָנען האָט עס ענגלאַנד אַריינגעזונקען אין די באַלטישע לענדער, אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, אין די באַלקאַנען־לענדער! און וויפיל חוב־

דערטער מיליאָנען מעלקן עס איצט די דרום־אַמעריקאַנישע לענ־
דער פון דעם רייכן „אַנקל־סעם״, פאַר דער „טובה״ וואָס זיי דער־
לויבן אים צו פאַרטיידיקן זייער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט!

און אויף אַזוי וויט ווי די האַרעפּאַשנע מאַסן זיינען טיילן פון
זייערע באַטרעפנדע פעלקער, גענימן זיי דאָך אויך פון די אייזנ־
באַנען און אַנדערע פאַרבעסערונגען וואָס ווערן דורכגעפירט מיט די
אויסלענדישע געלטער.

פאַרגלייכט מען דאָס אידישע פאָלק מיט אַט די אַלע ניט־אידישע
פעלקער, — זעט מען ערשט ווי לעכערלעך עס איז די באַשולדיקונג
אין פאַראַזיטיזם קעגן אידישן פאָלק.

עס געדענקט זיך, אַז ערשט ניט לאַנג צוריק האָט מוסאָליני׳ס
איטאַליע געליען אַלבאַניע פופציק מיליאָן לירעס. אַט דאָס האַלב־
ציוויליזירטע, איין־איינציק מיליאָניק פאָלק קען, צוליב זיין צופע־
ליקער פּאָזיציע אויף דער מאַפּע, באַקומען הלוואות אין די הונדער־
טער מיליאָנען. נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מכח דעם 16—17
מיליאָניקן אידישן פאָלק? האָבן מיר דאָך אויך אונזערע נאַציאָנאַלע
פּראָיעקטן. מיר האָבן, אין דער ערשטער ריי, דעם ארץ־ישראל־
אויפבוי; דאַן קומען פאַרשיידענע טעריטאָריאַליסטישע פּראָיעקטן;
חוץ דעם עמיגראַציע־פּראָיעקטן לרוב — פאַר וואָס־זשע קען דאָס
אידישע פאָלק ניט באַקומען אַ נאַציאָנאַלע הלוואה כאָטש פון איין־
איינציקן מיליאָן דאָלאַר? וואָס מיר נעמען ניט אַרויס פון די אייגע־
נע קעשענעס, דאָס האָבן מיר ניט. קיינער העלפט אונז ניט, און
קיינער געטרויט אונז ניט. אפילו אויף רעליף אין דער איצטיקער
קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע קענען מיר דאָך אין ערגעץ קיין סענט ניט
באַקומען; ווען דער „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ האָט געמוזט אַנט־
לייען אַ פאַר מיליאָן דאָלאַר, האָט די סומע געמוזט גאַראַנטירט ווערן
פון עטלעכע אידישע גבירים פערזענלעך. אַלס פאָלק, האָבן אידן
קיין קרעדיט ניט אפילו פון אַ פאַר מיליאָן דאָלאַר — וואָס פאַר אַ
חוזק!

נעמען אַזאַ פאָלק און אים אָנרופן פאַראַזיטיש, איז באמת די
גרעסטע באַליידיקונג, אויב ניט טאַקע אַ פאַרברעכן.

מיט אַ סך מער רעכט מעג מען זאָגן, אַז...

צווישן אַ וועלט פון רויבערישע, פּאַראַזיטישע פעלקער, איז דאָס אידישע פאָלק כמעט דאָס איינציקע ניט־פּאַראַזיטישע פאָלק!

***

געוויס טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז מאַכט־פּאָרהעלטענישן שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין דער היינטיקער וועלט איידער יושר. שטאַרקערע פעלקער פון אונז מוזן אָפט עפּעס אָראָפּלאָזן פון זייער רעכט. פון שטאַנדפּונקט פון אַבסטראַקטן יושר, איז ניטאָ קיין אורזאַך, פאַר וואָס יאַפּאַן, למשל, זאָל זיין באַרעכטיקט צו אַ קלענערן פלאָט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, און דייטשלאַנד — פון ענגלאַנד. פונדעסטוועגן האָבן מיר געזען, ווי יאַפּאַן האָט אַ לענגערע צייט מסכים געווען זיך צו באַנוגענען מיט אַ פלאָט, וואָס זאָל שטיין אין דער פּראָפּאָרציע פון 3 צו 5 לטובת די פאַראייניקטע שטאַטן, און היטלער האָט מסכים געווען צו האָבן אַ פלאָט בלויז אַ דריטל די גרויס פון דעם ענגלישן פלאָט.

מיר אידן דאַרפן, נאַטירלעך, זיך אויך רעכענען מיט אונזער ספּעציעלער לאַגע אומעטום אין דער וועלט אַלס מינדערהייט. מיר טאָרן ניט אַרויסלאָזן פון אויג דעם פאַקט, אַז באַדייטנדע מינדערהייטן פון אַלע פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן, טראָגן זיך אַרום מיט קנאה אין זייערע הערצער און מיט רויבערישע אַפּעטיטן אויף אונזער האָב־און־גוטס; דעריבער וואָלט אפשר געווען „קלוג" פון אונזער זייט „ניט צו רייסן די אויגן" ביי די גויאישע רויבער.

אָבער, אַז מ'זאָל אונז, צוליב אונזער פאַקטישער מאַכטלאָזיקייט, אָנרופן פּאַראַזיטן, — דאָס האָבן מיר בשום אופן ניט פאַרדינט.

און מיר טאָרן ניט אַריינפאַלן אין אַזאַ אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, אַז מיר זאָלן גאָר קענען צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די וואָס שטייען גרייט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אונז צו באַרויבן, זיינען נאָך גערעכט אויך!

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון יושר — געוויס, פון דעם יושר פון דער צייט, — מוזן מיר פּראָקלאַמירן, אַז אונזער האָב־און־גוטס איז ניט אַנגערויבט געוואָרן, נאָר איז פאַרהאָרעוועט געוואָרן דורך שווייס און בלוט.

פון שטאַנדפּונקט פון אָט דעם יושר דאַרפן מיר זיך אויך אָפּ־

פּראַקטישער אידעאַליזם

זאָגן פון זוכן אין דער געשיכטע אַפּאָלאָגעטישע דערקלערונגען, ווי אַזוי מיר זיינען געקומען צו דער לאַגע אַז דער סוחרים־עלעמענט ביי אונז איז אַ גרעסערער ווי ביי אַנדערע פעלקער.

מיר זיינען מחויב צו האַלטן הויך די פּאַן, אויף וועלכער דער לויטערסטער יושר האָט מיט פייערדיקע בוכשטאַבן אויפגעשריבן די פּאָליגדע ווערטער:

— אַלץ מיט וואָס דער איינצלנער גוי מעג זיך באַשעפטיקן, מעג דער איינצעלנער איד אויך!

צי קענען אידן פּראָדוקטיוויזירט ווערן — און ווי אַזוי?

פון שטאַנדפּונקט פון יושר, האָבן מיר געזען, האָט קיינער ניט קיין מאָראַלע רעכט צו פאָדערן פון אונז, אידן, מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער פרייהייט צו קאָנקורירן מיט אונזערע גויאישע שכנים אויף אַ באַזיס פון גלייכקייט. ווי האַלט עס אָבער מיט דער דאָזיקער פראַגע פונם שטאַנדפּונקט פון פּראַקטישקייט — לוינט זיך פאַר אידן אויפצוגעבן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין די שטעט און זיך צוריקציען אויפן לאַנד? וואָלט עס געווען „גוט פאַר אידן", ווען זיי אַלע ציען זיך צוריק פון מסחר און ווערן אַרבעטער?

אַז דאָס איז ניט גוט פאַר אידן אַלס יחידים, — וועגן דעם קענען, דוכט זיך, קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. דער שטאָטישער מענש לעבט געוויס אַ סך בעסער און ער אַרבעט ווייט ניט אַזוי שווער ווי דער דאָרפישער. און דער מיטל־קלאַס־מענש, אפילו דער „ווינט־מענש", געניסט אין סך־הכל פיל מערער פון די גיטער פון דער געזעלשאַפט איידער דער אַנגעדונגענער האָרעפּאַשניק. אַזוי ווי אידן באַזיצן גרויסע פעאיקייטן פאַר דעם פרייען קאָנקורענץ־קאַמף, וואָלט זייער צוריקציען זיך פון אים אָן ספק געווען אַ גרויסער קרבן פאַר אידן אַלס יחידים.

אָבער צי וואָלט עס טאַקע געווען גוט פאַר אידן אַלס אַ כלל; צי וואָלט די אידישע לאַגע אין דער וועלט בעסער געוואָרן, ווען אידן גיבן פרייוויליק אויף זייערע פּאָזיציעס פון עקאָנאָמישער מאַכט, — דאָס בלייבט נאָך אונטער אַ פראַגע־צייכן.

וואָס דער אידישער כלל וואָלט דורך דעם פאַרלאָרן, דאָס קען מען זיך גרינג משער זיין. ער וואָלט פאַרלאָרן אַ סך פון זיין מאַכט אָפּצואוועהרן אַטאַקעס פון שונאים, צו העלפן זיך אַליין, צו העלפן

ברידער־אידן אין אַנדערע לענדער, צו טאָן נאַציאָנאַל־קאָנסטרוקטיווע אַרבעט א. אַז. וו. וואָס, אַ שטייגער, וואָלט געוואָרן פון די אידן אין מזרח־אייראָפּע אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר ווען ניט די פאַר־שיידענע הילפס־אַקציעס פון די אַמעריקאַנער אידן און, הויפּטזעכלעך, די פּריוואַטע הילף וואָס זיי האָבן געשיקט זייערע קרובים אויף יענער זייט ים? ווען די אַמעריקאַנער אידן וואָלטן געווען פּאַרמער, וואָלטן זיי, מסתמא, געווען ביכולת צו העלפן זייערע קרובים אין אייראָפּע געגנוי אַזוי ווי די אידן פון סאָוועט־רוסלאַנד האָבן געהאָלפן די אידישע קרבנות פון היטלעריזם . . .

קענען מיר זיך, אַלזאָ, משער זיין וואָס דער אידישער כלל וואָלט דורך „פּראָדוקטיוויזאַציע" פאַרלאָרן. אָבער וואָס וואָלט דער אידישער כלל געוואונען דורך „פּראָדוקטיוויזאַציע"? וואָלט אַלס פּועל־יוצא פון דעם אָפּגעשטאָרבן די שנאה צו אידן, וועלכע איז דורות־אַלט? די געשיכטע לערנט אונז עפּעס אַנדערש. זי לערנט אונז, אַז וואָס מיר זאָלן ניט טאָן, ווי מיר זאָלן זיך ניט אויפפירן, האָט מען אונז אַלץ פיינט.

פאַרזענלעך בין איך דעריבער איבערצייגט, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם רעכט אויף פרייער קאָנקורענץ איז פאַר אידן ניט נאָר ניט ווינשנסווערט נאָר אַפילו ניט צוועקמעסיק.

אָבער לאָמיר אָננעמען אויף אַ מאָמענט — „פאַר די סעיק אָוו די אַרגומענט", ווי מ'זאָגט עס אין ענגליש, — אַז דאָס קען יאָ ברענגען גוטס דעם אידישן כלל. דעמאָלט בלייבט נאָך אַלץ די פראַגע: צי קאָן אַזאַ זאַך דורכגעפירט ווערן, און ווי אַזוי קען עס דורכגעפירט ווערן? אונזערע „סאָציאַלע אינזשינערן", בידוע, שענקען זייער ווייניק אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראַקטישער זייט פון דער פראַגע. פאַר זיי איז אַ פּלאַן אַליין שוין גענוג. פאַר דעם אידישן פאָלק, אָבער, אויף וועמעס פּלייצעס אַזעלכע פּלענער דאַרפן דורכגעטראָגן ווערן, איז די פּראַקטישע זייט פון דער פראַגע גראָד זייער וויכטיק.

קען די פּראָדוקטיוויזאַציע פון אידן אין די גלות־לענדער דורכ־געפירט ווערן? און ווי אַזוי קען זי דורכגעפירט ווערן? — אָן די ענטפערס אויף אָט־די פראַגן הענגט אין אמת'ן אָפּ אויך דער ענטפער

אויף דער פראַגע צי פּראָדוקטיוויזאַציע איז ווינשנסווערט און צוועק־מעסיק בכלל.

***

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל די אידן פון אונזער אייגענער אַמעריקע. —

אַ גוטער פערט־חלק פון אונזער פאָלק האָט אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר איבערגעוואַנדערט פון דער אַלטער וועלט אין דער נייער. הגם כמעט אַלע אַריבערגעקומענע זיינען אויף יענער זייט ים געווען לופט־מענשן אָדער פוסט־און־פּאַסניקעס, איידימס אויף קעסט, — איז די גוואַלדיקע מערהייט זייערע געוואָרן דאָ אַרבעטער. פאַרוואָס? ניט דערפאַר, ווייל אימיצער האָט זיי געזאָגט, אַז צו זיין אַן אַרבעטער איז בעסער אָדער ערלעכער און חשוב'ער איידער צו זיין אַ לופט־מענש. נאָר פשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. כדי צו לעבן אין דער נייער וועלט, האָבן זיי געמוזט זיך אַליין מפרנס זיין; און אַזוי ווי צוליב זייער פרעמדקייט אין לאַנד, צוליב זייער ניט פאַרשטיין די שפראַך און אַז. וו., האָבן זיי צו קיין אַנדער פרנסה ווי אַרבעט ניט געטויגט, און פּלוצעם צום אַרבעטן זיינען געשטאַנען גרייט — זיינען זיי געוואָרן אַרבעטער.

כמעט אַלע אידישע אימיגראַנטן זיינען אַריין אין שאָפּ, אָבער ווייט ניט אַלע זיינען אין אים פאַרבליבן. פּראָפעסאָר מאָריס קאָהען'ס אויספאָרשונג פון אידישע פרנסות אין אַמעריקע שטעלט פעסט סטאַטיסטיש דאָס, וואָס יעדער גוטער באַאָבאַכטער האָט שוין לאַנג געוואוסט. און דאָס איז — אַז דער שאָפּ, אין וועלכן דער אידישער אימיגראַנט איז אַריין, איז געווען ווי אַ פעסל אָן אַ דאַך, וואָס כאָטש אין פעסל זיינען כסדר אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַלץ נייע אַרבעטער, איז אָבער די גרעסטע צאָל פון זיי אַרויסגעפאַלן דורך דעם אָפענעם דאַך; אַז אונזער פאָלק אין אַמעריקע באַשטייט שוין מער ניט פון אַ מערהייט פון אַרבעטער, נאָר פון מיטלקלאַס־מענשן; אַז אין דער צוקונפט וועט עס ווערן נאָך מער אַזוי, וואָרים די היגע־געבוירענע אידישע יוגנט טראַכט אפילו ניט וועגן גיין אין די שעפּער און ווערקשטאַטן.

ווי אַזוי און פאַרוואָס איז דאָס געשען?

צוויי פאקטארן האבן בייגעטראגן צו דער דאזיקער אנטוויקלונג אין דעם אידישן לעבן אין אמעריקע.

ערשטנס, דאס וואס דער איד איז בטבע אן אינדיווידואליסט, אן אונטערנעמער, און דארט וואו עס איז נאר פאראן א מעגלעכקייט וועט ער בעסער ארבעטן שווערער און פארדינען ווייניקער, אבי צו זיין „פאר זיך", אבי ניט צו האבן קיין באלעבאס איבער זיך. און וואו נאך האט דער איד געהאט אזא גלענצנדע געלגנהייט אויסצונוצן די דאזיקע פעאיקייטן זיינע, ווי אין אונזער ריזיקער מדינה, מיט איר 130־מיליאניקער באפעלקערונג, מיט אירע קאלאסאלע רעסורסן, מיט איר גרויסן הינטערלאנד, מיט איר אומבאגרענעצטן מארק?

צווייטנס, זיינען אידישע ארבעטער ארויסגעפאלן פון די שעפער צוליב דעם, וואס זיי זיינען מער אגרעסיוו, מער קעמפעריש געשטימט אידער זייערע גויאישע חברים־ארבעטער. אוודאי קומט מיר סקילה פאר ארויסברענגען אזעלכע ווערטער, אבער דאס איז פארט דער ריינער אמת. וואס איז, למשל, געווארן פון דעם ציגארן־פאך, ביי וועלכע אזוי פיל אידן זיינען געווען באשעפטיקט מיט א דרייסיק יאר צוריק? איז דען דער דאזיקער פאך ניט פארטריבן געווארן צו די שפאנישע און אנדערע ניט־אידישע ארבעטער דורך די סטרייקס פון די אידישע ציגארן־מאכער אין ניו־יארק? איז עס ניט א פאקט, אז א גרויסע צאל אידישע פאבריקאנטן באיקאטירן אידישע ארבעט? און פארוואס, מיינט איר, טוען זיי דאס? אפשר דערפאר ווייל זיי האבן פיינט אידן, אדער דערפאר ווייל אידישע ארבעטער פאדערן מער און קעמפן אנטשלאסענער פאר זייערע רעכט? די זעלבע דערשיינונג קומט פאר אפילו אין די יוניאניזירטע אינדוסטריען אויך. אט האב איך מיט א שטיקל צייט צוריק אנגעטראפן מיינעם א לאנדסמאן, וועלכער איז באשעפטיקט אין איינער פון די נאדל־אינדוסטריען, און אט וואס ער האט מיר געזאגט: „ס'איז שלעכט, מיין פריינט! איך בין א גוטער ארבעטער אין מיין פאך, פונדעסטוועגן קען איך אין סעזאן ניט אויסארבעטן מער ווי דרייסיק דאלער א וואך. און אין דער צייט, ווען מיר, פון דעם אידישן לאקאל־יוניאן, פאדערן, אז אין דעם נייעם אפמאך מיט די באלעבאטים זאלן די שכירות געהעכערט ווערן, איז דער איטאליענישער לאקאל אינגאנצן גלייכגילטיק

צו אונזער פאָדערונג. פאַר די איטאַליענער זיינען די איצטיקע שכירות גענוג. צוזאַמען מיט די איטאַליענישע מענער אַרבעטן אין די שעפּער זייערע ווייבער און זייערע קינדער, און 25 דאָלאַר אַ וואָך איז פאַר זיי איבערגענוג. אָבער אונזער איינער פעכניעט פון הונגער און האַרץ־קלעמעניש ביי אַזעלכע פאַרדינסטן, מישטוינס געזאָגט".

איך לאָז דאָ איגנאָנצן אויס די פראַגע, צי די גרעסערע אידישע קעמפערישקייט איז אַ מעלה אָדער אַ חסרון אַן און פאַר זיך. פון דעם שטאַנדפונקט, אָבער, פון אָנהאַלטן די אידישע אַרבעטס־פּאָזי־ציעס און שאַפן נייע אַרבעטס־פּאָזיציעס איז עס אָן ספק אַ גרויסער חסרון. אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז פאַראַן אַ געזעץ, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער „גרעשעם געזעץ", וואָס שטעלט פעסט, אַז „ביליקע" געלט פאַרטרייבט פון צירקולאַציע „טייערע" געלט. דאָס זעלבע איז אויך אמת וועגן אַרבעט. ביליקע אַרבעט מוז, מיט דעם צוואַנג פון אייזערנעם עקאָנאָמישן געזעץ, פאַרטרייבן טייערע אַרבעט. מיט טייערער אַרבעט קענען אידן ניט אָנהאַלטן זייערע אַרבעטס־פּאָזיציעס. מיט טייערער אַרבעט וועלן אידישע אַרבעטער מוזן אַרויסגעטריבן ווערן פון די אַרבעטער־רייען און אַריינגעטריבן ווערן אין די רייען פון נידעריקן מיטלקלאַס. און אַט אַזוי קומט עס טאַקע פאָר.

און אויב פּראָדוקטיוויזאַציע איז די איינציקע רפואה פאַר אַלע אידישע מכות, דאַרפן די וואָס גלויבן אין דער רפואה זיין מוטיק גענוג צו אָנערקענען, אַז די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די אידן קען ניט דורכגעפירט ווערן אַנדערש ווי דורך צוואַנג, דורך געוואַלט.

דער אידישער מיטקלאַס־מענש, וואָס הגם אין די ערשטע יאָרן פלאָגט ער זיך גענוג אָן אין זיין געשעפט אָבער ער האָט פאָרט אַ מעגלעכקייט מיט דער צייט צו דערגרייכן אַ העכערן עקאָנאָמישן ניווא, וועט מיט זיין אייגענעם פרייען ווילן בשום אופן ניט אויפגעבן זיין פּריווילעגירטע עקאָנאָמישע פּאָזיציע און אַוועקגיין צו דער אַרבעט אויף דער ערד, — סיידן דער פּאַשיזם פון דרויסן וועט אים צווינגען דערצו.

און דער אידישער אַרבעטער וועט ניט בייטן זיין נאַטור און וועט ניט ווערן וועניקער קעמפעריש דערפאַר ווייל זיין אַגרעסיוויטעט

גראבט אונטער די אידישע ארבעטס־פאזיציעס, — סיידן מ'וועט אים צווינגען דערצו, אפשר טאקע דורך אן אייגענעם, אידישן פאשיזם.

מיט איין ווארט, פראדוקטיוויזירן די אידישע מאסן קען מען בלויז דורך געוואלט. קיין אנדער וועג איז נישטא. איז אפשר וואלט געווען א פלאן, אז אונזערע „פראדוקטיוויזאטארס" זאלן דאס אפן אנערקענען, און זיך נעמען פאר דער גרינדונג פון א אידי־שער פאשיסטישער פארטיי, וואס זאל זיך שטעלן פאר אן אויפגאבע צו צווינגען אידישע ארבעטער צו ארבעטן פאר ביליקערע שכירות ווי די גויאישע ארבעטער, כדי אידן זאלן ניט פארלירן זייערע אר־בעטס־פאזיציעס? אגב, מעג מען אננעמען, אז עס וועלן זיך געפינען גענוג אידישע קאפיטאליסטן, וואס וואלטן גערן פינאנצירט אזא פארטיי. יעדנפאלס, אן אזא באוועגונג קענען די אידישע ארבעטס־פאזיציעס ניט נאר ניט אויסגעברייטערט ווערן נאר אפילו ניט אנגעהאלטן ווערן אין זייער איצטיקן פארנעם.

מיר מוזן דעריבער קומען צום אויספיר, אז פאר אונז שטייען צוויי ברירות. —

איין ברירה איז — לאזן גיין ווי עס גייט. אויב א אידישער ארבעטער קען פארבעסערן זיין לאגע דורך פארלאזן די פאבריק און אריינגיין אין עפעס א געשעפט, זאל ער עס טאן בכבוד גדול! און אויב א געוויסע צאל קליינע אידישע געשעפטסלייט קען ניט אויס־האלטן די שארפע קאנקורענץ און איז געצוואונגען צו גיין צוריק אין פאבריק אריין — זאל זי! אויב עס זיינען ניטא קיין מעגלעכקייטן צו מאכן א לעבן ביי אדוואקאטור אדער מעדיצין, וועלן אידישע יונגע־לייט זיך אליין נעמען פאר אנדערע פרנסות — ווי עס קומט טיילווייז שוין איצט פאר.

פארשטייט זיך, אז קיינער קען גארניט האבן קעגן דעם, אז מענשן וואס ווילן זיך איבערשיכטן און קענען דאס מיט די אייגענע מיטלען ניט באווייזן, זאלן געשטיצט ווערן — בתנאי אז אזעלכע אונטערנעמונגען זאלן האבן כאטש עפעס אן אויסזיכט אויף דערפאלג. און אוודאי איז עס אונזער פליכט צו העלפן איבערשיכטן יענע אידן, אין אייראפע, וועלכע זיינען דורך געוואלט אדער דורך אומשטענדן

אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָזי־ציעס.

די אַנדערע ברירה איז — פון איין זייט, דורך געוואַלט פאַר־טרייבן אידן פון יענע פרנסות, וואָס ווערן פון אַ פּרימיטיוו־סאָציאַ־ליסטישן שטאַנדפּונקט באַטראַכט אַלס „פּאַראַזיטישע"; און, פון דער אַנדערער זייט, צווינגען אידישע אַרבעטער ניט צו זיין אַזעלכע אומקאָמפּראָמיסלעכע רעוואָלוציאָנערן, וואָרים דערמיט באַרויבן זיי די אידישע אַרבעטער פון זייער אַרבעט.

אָבער אויב אונזערע „פּראָדוקטיוויזאַטאָרס" זיינען ניט גרייט איינצוגיין אויף פּאַשיזם, וואָלט בנאמנות געווען אַ סך געזינטער ווען זיי הערן אויף זיך וואַרפן מיט אַזעלכע עפּיטעטן ווי „בלוטזויגער", „פּיאַווקעס", „פּאַראַזיטן" א. אז. וו. קיין „פּראָדוקטיוויזאַציע" וועלן זיי דערמיט אפילו אויף איין שריט ניט דערנענטערן. דאָס איינציקע וואָס זיי קענען דערמיט דערגרייכן, איז — נאָך מער אָנצושטעקן אידן מיט דעם עקלהאַפטסטן און אָפּשיילעכסטן מין היפּאָקריטסטווע, וואו מ'רעדט מיטן מויל איינס און לעבן לעבט מען גאָר אינגאַנצן אַנדערש; און נאָך קראַנקער צו מאַכן דעם אַזוי אויך פּסיכיש־צורודערטן אידישן פאָלקס־מענש.

דער אידישער קרעמער

זיץ איך מיר אין סאַבוויי און קוק אַריין אין אַ ציימונג. איך הויב אויף די אויגן פון דער ציימונג אויף אַ ווייל, און באַמערק אַז גלייך לעבן מיר זיצט קאָהן, דער אייגנטימער פון אַ „קענדי סטאָר" אין דעם געגנט וואו איך וואוין.

„שלום עליכם!" „עליכם שלום!"

„ווי קען עס אַ איד, וואָס האָט אַ „קענדי סטאָר" אין ברוקלין, זיך פאַרגינען אין מיטן העלן טאָג פאָרן אין דער סאַבוויי אין ניו־יאָרק?" — פרעג איך אים.

„אַ פראַגע איז דאָס אַ גוטע! — זאָגט ער מיט אַ שמייכל, — נאָר די מעשה פון דער זאַך איז, אַז איך האָב שוין מער ניט קיין „קענדי סטאָר". שוין איבער אַ יאָר אַז איך האָב פאַרקויפט מיין סטאָרקע און בין אַוועק צוריק אין שניידער־שאָפּ".

„היתכן, — זאָג איך צו אים, — ווי נעמט עס אַ איד אַ „ביז־נעס־מאַן", און גייט אַוועק צוריק אין שאָפּ אַריין? מילא, אַז איר האָט פאַרקויפט דאָס קרעמל, דאָס פאַרשטיי איך. מסתמא איז געקומען איינער און האָט געגעבן אַ גוטן מקח, האָט איר פאַרקויפט. אָבער פאַרוואָס האָט איר ניט איינגעהאַנדלט עפּעס אַן אַנדער קרעמל, ווי עס איז די טבע פון אַ איד אַ קרעמער אין אַמעריקע?"

„וועגן דעם איז פאַראַן זייער אַ סך צו ריידן", זאָגט ער, און ער פוילט זיך ניט און נעמט ריידן.

„איר ווייסט דאָך די גליקן פון אַ „קענדי סטאָר"־אייגנטימער! ווי אַן עבד כנעני האָרעוועט מען פון זיבן אַזייגער פאַרטאָג ביז איינס אַזייגער ביינאַכט, אַכצן שטונדן אין מעת־לעת, צוזאַמען מיטן ווייב. דאָס ווייב טוט אַ טובה, וואָס זי לאָזט אַפּ אויף אַ פּאָר שעה יעדן נאָכמיטאָג זיך צושפּאַרן אַביסל. אַניט, וואָלט מען דאָס גאָר ניט געקענט אַריבערטראָגן. און אַט אַזוי שלאָגט מען זיך אַרויס פון די

כחות יעדן טאָג אין יאָר, מיט דער אויסנאַם פון די איינציקע דריי טעג ראש־השנה און יום־כיפור.

„און ווי אַזוי מ'לעבט, דאַרף איך דאָך אייך ניט דערציילן. איר ווייסט דאָך, ווי איך האָב געוואוינט אין די צוויי קליינע „לעכלעך" הינטער דער סטאַרקע מיטן ווייב און מיט די צוויי קינדער. מ'קען ניט אפילו אַמאָל זיך אָוועקזעצן און אָפּעסן צוזאַמען, ווי מענשן. מ'זעט ניט אָן די ליכטיקע וועלט. מ'קען קיינמאָל ניט גיין ערגעץ־וואו צוזאַמען. מ'איז אַזוי ווי באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

„אַלס צוגאָב צו אָט דער קאַטאָרזשנער האָרעוואַניע, דרייט כסדר דער מוח מיט צאָלן דירה־געלט, צאָלן „בילס", צאָלן דעם „מאָרט־גיידזש", צאָלן פּראָצענטן, כאַפּן אַ גמילות־חסד; איינקויפן סחורה, אַזעלכע וואָס זאָל ניט בלייבן ליגן אויף די פּאָליצעס, און קויפן אין גלייכן געלט א. אַ. וו. א. אַ. וו. מ'דאַרף דערצו האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער — ווי איך זעט מיך אַ לעבעדיקן!

„און גליקלעך איז דער, וואָס קען באַגעגענען אַלע צאָלונגען, און נאָך אָפּצאָלן אַ חוב דערצו.

„אָבער אַז איר זעט ווי אַזאַ קרעמערל לעבט זיך דורך ווי עס איז, גיט זיינע קינדער אַ גוטע דערציאונג, און שפּאָרט נאָך אָפּ אַ פּאָר דאָלאַר אויך — זייט וויסן, אַז דאָס איז „קישקע־געלט"; וואָרים אַזאַ קרעמערל לעבט אייגנטלעך ניט, ער האָט גאָר ניט קיין צייט צו לעבן.

„אָבער דאָס אַלץ איז בלאָטע לגבי די גייסטיקע יסורים, וואָס אָט אַזאַ קרעמער לעבט איבער.

„בדידי הוא עובדא, — זאָגט ער. — ניט איין מאָל האָט גע־טראָפן, אַז נאָכדעם ווי איך האָב שוין צוגעמאַכט דאָס קרעמל און בין אַריינגעקומען זיך לעגן שלאָפן, האָב איך געפונען מיין חנה'לען אַ באַוואָשענע אין טרערן. זי פלעגט קלאָגן אויף איר פינסטערער דאָליע, וואָס זי איז אַזוי פאַרשאָלטן אַז זי דאַרף וואוינען „אין די בעק פון אַ סטאָרקע"; וואָס זי קען ניט פירן אַ לייטישן, באַלעבאַטישן לעבן, ווי אַנדערע מענשן, ווי איר אייגענע שוועסטער; וואָס זי האָט אַ מאַן אַ שלומיאל, וואָס קען אַ קאַץ אַן עק ניט פאַרבינדן, און קען ניט מאַכן אַ לעבן פאַר ווייב און קינד אַן דעם ווייב'ס הילף; וואָס זי קען קיינמאָל ניט אַביסל „זיך פאַרליפטערן די אויגן" — גיין ערגעץ,

באַזוכן ווענמען; וואָס זי קען ניט אַפילו אַמאָל אין אַ גאַנצע גיין צוזאַמען מיטן מאַן אין די „מואוויס" א. אַ. וו.

„דעם איינציקן גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס איך פלעג האָבן, איז געווען ווען חברה פלעגט זיך אין די ווינטערדיקע אָוונטן פאַרקלייבן ביי מיר אין סטאָרקע און פירן דעבאַטעס וועגן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, וועגן ארץ־ישראל און בירא־בידזשאַן, וועגן קלאַסן־קאַמף, פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם א. אַ. וו. איך אַליין פלעג אויך נעמען אָנטייל אין די דעבאַטעס, און האָב זיך געפילט אויפן זיבעטן הימל פון גליק. אָבער אַפילו אָט דער פאַרגעניגן איז מיר פאַרשטערט געוואָרן. איין מאָל, ווען איך האָב אַ קאָמוניסט גוט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און ער האָט מער גאָרניט געהאַט וואָס צו ענטפערן, איז ער אַרויסגעפאָרן מיט אָט אַזעלכע רייד: 'ווי קומט איר גאָר איבגאַנצן זיך מישן אין אַזעלכע ענינים, וואָס זיינען נוגע בלויז פּראָלעטאַריער, אַז בסך־הכל זיינט איר דאָך גאָר אַ בורזשוי און איר מאַכט אַ לעבן פון פּראָפיט, פון מערוועוערט! ?'

„איר וועט מיר גלויבן, צי ניט ? — אָט אין יענעם מאָמענט האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף פון מיין ביזנעס־קאַריערע און גיין צוריק אין שאָפּ אַריין. קיין זאַך האָט מיר אַזוי ניט פאַרברענט, ווי אָט די רייד פון דעם קאָמוניסט. געדולדיק האָב איך אַריבערגעטראָגן דעם שווערן לעבן פון אַ 'קענדי סטאָר' אייגנטימער, די ביטערע פאָרוואורפן פון דער ווייב, אָבער די רייד פון דעם קאָמוניסט זיינען געווען איבער מיינע כחות! אַזוי ווייט איז עס שוין געקומען ? — האָב איך זיך געזאָגט — אַז איך, וואָס האָב געקעמפט קעגן צאַריזם אין רוסלאַנד, און אין אַמעריקע בין איך אַלעמאָל געווען אַ יוניאָן־מאַן און אַ סאָציאַליסט, בין פסול מצרף צו ווערן צו אַ מנין פון אַרבעטער ? — און איך האָב באַשלאָסן: אַפּצושניידן! און גלייך נאָכדעם האָב איך מיין באַשלוס דורכגעפירט!"

„נו, און ווי גייט עס אייך איצט ? איז אייך אין שאָפּ בעסער ווי אין דער 'קענדי סטאָר' ?" — גיב איך אים אַ פרעג.

„שייך בעסער! — זאָגט ער, — מעלדט איך, אַז עס איז שוין גאָר ביטער היינטיקע צייטן צו זיין אַן אָפּערייטאָר ביי שניידעריי. די שכירות זיינען אַפילו ניט קיין שלעכטע, נאָר וואָס טויגן שכירות

אויפן פּאַפּיר אַז קיין אַרבעט איז ניטאָ, אַז אין דורכשניט אַרבעט מען ניט מער ווי אַ העלפט פונם יאָר? און דאָס איז שוין גוט".

„טאָ ווי ושע לעבט איר זיך דורך מיט אַזעלכע פאַרדינסטן?" פרעג איך אים.

„ס'איז טאַקע ניט פויגלדיק, נאָר מ'מאַטערט זיך ווי עס איז דורך. עטלעכע הונדערט דאָלאַר איז מיר איבערגעבליבן פון דער קרעמל — עסט מען דאָס ביסלעכווייז אויף. וואָס ווייטער וועט זיין, ווייס איך אַליין ניט. וועל מסתמא זיין געצוואונגען אָפּצונעמען מיין אסתר'קען פון קאַלעדזש און שיקן זי אַרבעטן. ס'שניידט ביים האַרצן פון דעם געדאַנק. איינגאַנצן איז זי זיבעצן יאָר אַלט און זי לערנט זיך זייער גוט. נאָר, ס'איז דען דאָ אַן אַנדער ברירה?

„דערפאַר אָבער ווייס איך איצט פון אַ לעבן. אַז איך גיי אַוועק אין שאַפּ, זאָג איך מיין חנה'לען: 'איך פאָר אין קאַנטרי' — און אין פאַרגלייך מיט דער 'קענדי סטאָר' איז דער שאַפּ טאַקע אין אמת'ן אַ דאַטשע. מ'אַרבעט־אָפּ די עטלעכע שטונדן דאָרט, און נאָכדעם איז מען פריי ווי דער פויגל — מ'גייט אין די 'מואוויס', מ'גייט אויף באַזוך, מ'קומט צו מיר. מ'ווייס פון אַ לעבן! און גיי איך אַריין אין אַ סטאַרקע קויפן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן אָדער אַ גלעזל סאָדע־וואַסער, דערפיל איך זיך ווי אַ כראַביע אין פאַרגלייך מיט דעם קרעמער, וועלכער איז פאַרשקלאַפט טאָג און נאַכט צו דער וויס־טער פרנסה זיינער.

„די הויפּט־זאַך איז, וואָס מ'פילט זיך ווי אַ מענטש. איך בין חשוב'ער געוואָרן אין מיינע אייגענע אויגן. די גוטסקייט פון דער ווייב צו מיר איז אין לשער; זי ווייס פשוט ניט וואָס צו טאָן פאַר מיר. היינט, ווען איך קום צווישן אַרבעטער — אין דער יוניאָן, אויף דער אַרבעטער־בירזשע — פיל איך מיר ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. קיינער וועט ניט סמייען צו באַרויבן מיר פון דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג. איך בין אַן אַרבעטער צווישן אַרבעטער.

„אודאי לעקט מען ניט קיין האָניק אין שאַפּ אויך. אָבער איר פילט לפּחות, אַז די גאַנצע וועלט סימפּאַטיזירט מיט אייך, מיט דעם עקספּלואַטירטן אַרבעטער. ס'איז אַן אָנגענעמער געפיל. ווי אַזוי זאָל איך עס אייך דערקלערן?

„איך האָב אַמאָל געלייענט שלום אַש'ס אַ דערציילונג מיט אַ מוסר השכל — איז יענע דערציילונג פונקט אַנגעמאָסטן אויף מיר.

„אַש דערציילט דאָרטן וועגן אַן אָרעמער פרוי, וואָס דער מאַן איז איר געלעגן אַ פּאַראַליזירטער און זי האָט נעבעך געמוזט זיך שלעפּן איבער די הייזער מיט שווערע קוישן כדי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר דעם קראַנקן מאַן. זי האָט שווער געהאָרעוועט. פון דעם כסדר'דיקן אַרומגיין מיט די שווערע קוישן זיינען איר די פיס געוואָרן געשוואָלן. און שלאָפן פלעגט זי אויף דער פאָדלאָגע, ווארים דאָס איינציקע שטיקל בעט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, האָט זי געמוזט אָוועקגעבן דעם קראַנקן מאַן. אָט אַזוי האָט זי זיך געפּלאָגט, און קיינער האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט.

„העלפט גאָט און דער קראַנקער מאַן אירער איז געשטאָרבן. האָט זי זיך אַריינגעלייגט אינם בעט, און די ביינער זיינען איר ממש אָפּגעגאַנגען. און אַז די „שבעה" איז אַריבער, און זי איז ווידער אַוועק מיט די קוישן איבער די הייזער, האָט מען איר געגעבן גאָר אַן אַנדער אויפנאַמע — מ'פלעגט איר אונטערדרוקן אַ בענקל צום זעצן זיך; מ'האָט איר געגעבן פאַרצוג אַנטקעגן אַנדערע. אַ קלייני־קייט עפּעס — אַן אלמנה!

„אָט אַזוי ווי יענע אלמנה, אַזוי פיל איך זיך אויך! — האָט ער געזאָגט, און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן פון גליק, וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן מיר אויפצוקלערן דעם ענין ווי געהעריק. — עס איז ניט קיין צוקערלעקעכל הייַנטיקע צייטן צו זיין אַן אַר־בעטער ביי שניידעריי, אַזוי ווי עס איז ניט קיין גרויסער מאכל צו בלייבן אַן אלמנה, אָבער מ'פילט זיך פאַרט מעשה מענש — אַ פּראָ־לעטאַריער מיט פּראָלעטאַריער צוגלייך!"

„אוי וויי! — איז ער פלוצלונג אויפגעשפּרונגען. — איך האָב זיך אַזוי פאַררעדט, אַז איך בין שוין אַריבערגעפאָרן מיין סטאַנציע! זייט מיר געזונט, און היט זיך פאַר אַ 'קענדי סטאָר' ווי פאַר פייער!" —

אָט אַזוי האָט ער געזאָגט און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פונם וואַגאָן.

***

זינט דער באַגעגעניש מיט קאָהן, דעם „קענדי סטאָר"־אייגנ־

טימער, וואָס איז געוואָרן צוריק אַ שניידער, טראַכט איך אַלץ וועגן דעם אידישן קרעמער, דעם אידישן פּעדלער, דעם אידישן פּאַרקויפער מכל המינים, און וועגן זיין פינסטערער מערכה אין אונזער גאָלדענער מדינה.

גלייך ווי איך שטיי אויף פון שלאָף, געפין איך שוין ביי מיין טיר די מאָרגן־צייטונג, וואָס דער „קענדי סטאָר״־אייגנטימער האָט מיר, דעם פּריץ, געבראַכט; און אויפן אָוונט, ווען איך גיי אויף אַ שפּאַציר מיט מיין ווייב פאַרן שלאָפן גיין, זיצט נאָך אַלץ דער „קענדי סטאָר״־מאַן און וואַרט, טאָמער וועט זיך מיר פאַרגלוסטן אַ פּעקעלע פּאַפּיראָסן אָדער אַ ביסעלע אייז־קרים; און טאָמער איז דאָ ביי מיר אין הויז „קאָמפּאַני״ און עס פעלט עפּעס אויס — אַ פּאָר פלעשער סאָדע־וואַסער אָדער אַביסל אייז־קרים — דאַרף מען נאָר אָנקלינגען אויפן טעלעפאָן, און דער „קענדי סטאָר״־מאַן איז גרייט דאָס אַריבערצושיקן מיט אַ קינד אָדער אַליין דאָס אַריבער־צוברענגען.

און וואָס איז מיט דעם „גראָסער״, דעם שפּייז־קרעמער? ווען עס זשאַריעט אויף טאָג ברענגט ער צום טיר די פרישע, טרעש־טשענדיקע בולקעלעך; און קויפט די באַלעבאָסטע ביי אים עפּעס, שיקט ער דאָס אָפּ אין הויז אַריין; און ער „קעשט טשעקס״, גיט אויף באָרג, פאַרקויפט 13 אייער אויפן טוץ, און וואָס ניט?!

און וואָס איז עפּעס מיט דעם „דראָגיסט״, דעם אַמעריקאַנער אַפּטייקער? זיצט ער ניט ביז האַלבע נאַכט, טאָמער וועט אימיצער דאַרפן אַ פּאָסט־מאַרקע? פאַלט עפּעס אַריין אין אַן אויג, לויפט מען גלייך צום דראָגיסט. דאַרף מען עפּעס אַן עצה אין געזונט־זאַכן, קומט מען צום דראָגיסט. איז אימיצער קראַנק, וועקט מען אים אין מיטן נאַכט; דערויף האָט ער אַ ספּעציעלן נאַכט־גלעקל. און אַז מ׳דאַרף איינהאַנדלען עפּעס אַ גרעסערע זאַך, פוילט מען זיך ניט און מ׳גייט זוכן מציאות אויף דער עוועניו, אין די „קאַט רעיט״־דראָג־סטאָרס!

היינט, וואָס איז עפּעס מיט די פּעדלער און פּאַרקויפער מכל המינים? איין טאָג האָב איך געפילט עפּעס ניט מיט אַלעמען און בין געבליבן אין שטוב אַ גאַנצן טאָג — בין איך נשתומם געוואָרן

פון דער צאָל מענשן, וואָס קומען אין הויז אַריין דורכן טאָג, און יעדערער ברענגט עפּעס אַריין, טוט עפּעס פאַר מיר און מיין פאַמיליע צו מאַכן אונזער לעבן באַקוועמער.

פריער קומט אַריין דער „מילך־מאַן" איינמאַנען דעם וועכנט־לעכן „ביל" פאַר דאָס מילכיקס, וואָס ער שטעלט צו. איך דערמאָן זיך, אַז דאָס איז מסתמא יענער נאַכט־וואַנדלער, וואָס אַז איך קום אַמאָל שפּעט אַהיים פון אַ מיטינג ערגעץ אָדער פון אַ באַנקעטל פאַרט ער שוין אַרום מיט זיין וועגעלע אין דער פינסטערער נאַכט.

נאָכדעם קומט אַריין דער „לאַנדרי־מאַן". ער טראָגט אויפן פּלייצע אַ פּאַק וועש, וואָס ער האָט ערשט נעכטן צוגענומען; און אַז עס קומט צום אויסרעכענען זיך, דאַרף ער אַראָפּלאָזן פאַר עפּעס אַ ליילעך אָדער אַ ציכל וואָס האָט זיך צעריסן ביים וואַשן אָדער איז פאַרלוירן געגאַנגען; און אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק גיט ער עפּעס „פּריי" — ער רעכנט ניט פאַרן וואַשן אַ פאַר העמדער אָדער עפּעס אַנדערש.

שפּעטער־צו קומט דער פּרוכט־פּעדלער. ער קומט אַלע טאָג און פילט זיך ווי אַ גאַנצער בן־בית. ער ברענגט אַריין אין שטוב פון כל־טוב. ער האַלט זיך פאַר אַ ספּעציאַליסט אין פרוכט און ער וויס וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין יעדן אַראַנדזש אָדער גרעיפּ־פרוכט, און טאָמער שטעלט זיך אַרויס אַז ער האָט געמאַכט אַ פאַלשן „דיאַגנאָז" און אַנשטאָט „זיס ווי צוקער" איז דער גרעיפּפרוכט גאָר געווען „ביטער ווי גאַל", ווערט ער ניט ברוגז און בייט אים אויס אויף אַן אַנדערן.

און וואו איז דער לאַנדסמאַן, וואָס ברענגט אַלע דאָנערשטיק אונט אייער, פרישׂ פון דער פאַרם? און די לאַנדספרוי, וואָס האָט נעבעך אַ מאַן אַ ליידאַק, און זי מוז טראָגן דעם יאָך פון אויסהאַלטן די פאַמיליע, און פאַרקויפט זאַכן, אונטערוועש א. אַז. וו.? אַז איך הער, ווי זי זיצט אָפּ איבער אַ שטונדע צייט און רעדט צו מיין ווייב וועגן אַלץ אין דער וועלט, און ערשט פאַרן אַוועקגיין גיט זי אַ זאָג, אָט אַזוי פאַרבייגייענדיק: „איר דאַרפט עפּעס היינט?" — טראַכט איך, אַז אין איר האָט די וועלט פאַרלוירן אַן ערשט־קלאַסיקן דיפּ־לאָמאַט. און דער יונגערמאַן, וואָס פאַרקויפט אַזעלכע ניי־מאָדנע

טעפּלעך, וואָס קאָכן פליישיגס אָן וואַסער, „טשיקן־סופּ" אָן „טשיקן", און מ'דאַרף מער ניט שטיין ביים טעפּל, מ'שטעלט עס אַוועק אויף אַ קליין פייערל און מ'גייט זיך אַוועק, און ווען מ'קומט צוריק מיט שטונדן שפּעטער איז דאָס עסן פאַרטיק? איר האָט געמעגט זען, ווי אַזוי אַזאַ יונגערמאַן גיט אַ „דעמאָנסטראַציע" פון אָט די מאַגישע טעפּלעך! ער ברענגט צוזאַמען צען אָדער פופצן באַלעבאָסטעס אין איין הויז, און ער קאָכט פאַר זייערע אויגן אָפּ אַ גאַנצן מאָלצייט; ער גיט אָלעמען אָפּצועסן; נאָכדעם צוואַשט ער אַליין די טעפּלעך און די געשיר, וואָס ער האָט געבראַכט, און דעם „סינק" און די פּאָדלאָגע פון קיך — און שפּעטער ערשט גייט ער צו יעדער פרוי באַזונדער און פאַרקויפט איר פאַרבירט די כישוף־טעפּלעך.

אַז איך באַרעכן, וויפיל באַקוועמלעכקייט און גליק אָט די אַלע מענטשן ברענגען אַריין אין יעדן הויז, און ווי שווער זיי פראַצעווען ביז זיי פאַרדינען זייער מאָגערע אויסקומעניש — פאַרשעם איך זיך פאַר זיך אַליין. דער גוט־באַצאָלטער בעל־מלאכה, וואָס אַרבעט אונטער יוניאָן־באַדינגונגען, לעבט דאָך באמת ווי אַ פּריץ אין פאַרגלייך מיט זיי!

ווער זאָגט עס, אַז מיר, אידן, האָבן ניט קיין מיינערס, קיין „שער־קראָפּערס" — אָט די אַלע מענטשן זיינען דאָך אונזערע מיינערס און „שער־קראָפּערס"! און אפשר אַרבעטן זיי נאָך שווערער פון אַ מיינער אָדער אַ „שער־קראָפּער"?

און איך נעם אויף זיך אַ נדר:

זאָל מיר די צונג פאַרטריקענען, אויב איך וועל רעדן שלעכטס אויף זיי!

זאָל מיר די רעכטע האַנט אָפּדאַרן, אויב איך וועל שרייבן אַ וואָרט קעגן זיי!

די מלחמה
און
דער שלום

ווי אַזוי עס איז געקומען צום אומגליק

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט אַזוי פיל פאַרניכטונג, סיי אין מענשלעכע לעבנס און סיי אין אָנגעזאַמלטע אוצרות; האָט אויפגעבלאָזן אַזאַ העלישן פייער פון שנאה צווישן די פעלקער, אַז עס איז געוואָרן אוממעגלעך זי צו פאַרענדיקן אַזוי ווי מלחמות ווערן געוויינלעך פאַרענדיקט. צופיל קרבנות זיינען געפאַלן אין איר; צופיל היימען זיינען פאַרניכטעט געוואָרן; צו לאַנג זיינען געזאַנגען פון האָס געהערט געוואָרן אויף ביידע זייטן, אַז די מלחמה זאָל האָבן געקענט ליקווידירט ווערן באַלד נאָך דעם וואָפן־שטילשטאַנד. שוין לאַנג נאָכדעם ווי די קאַנאָנען זיינען פאַרשטומט געוואָרן איז די מלחמה פאַרגעזעצט געוואָרן — פאַרשטייט זיך, ניט מיט די זעלבע געווער וואָס פריער — און אינגאַנצן ליקווידירט איז זי נאָך ניט ביז אויף היינטיקן טאָג.

אָט דערפון נעמען זיך אַלע אומגליקן פון אונזער צייט. וואָלט געווען מעגלעך די מלחמה צו ליקווידירן, לאָמיר זאָגן, אין אַ יאָר אָדער צוויי נאָך דעם וואָפן־שטילשטאַנד, — וואָלטן מיר איצט ניט געהאַט אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע דעם שרעקלעכסטן קרעבס פון אַלע צייטן, אַ נאַציזירטע דייטשלאַנד, און די וועלט וואָלט ניט געשטאַנען פנים אל פנים פאַר אַ נייער מלחמה־געפאַר.

דאָס איז דער דיאַגנאָז, וואָס עס „שטעלן" אַלע זאַך־קענער.

אָבער דער פאַקטיש פאַרצויגענער קריגס־צושטאַנד, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דייטשלאַנד דורך דעם ווערסאַלער פרידן, האָט אַרויסגערופן, — קודם כל אין דייטשלאַנד, — זייער שטאַרק איבערטריבענע מיינונגען וועגן די עוולות פון דעם ווערסאַלער פרידנס־„דיקטאַט", און וועגן דייטשע קריוודעס צו דער וועלט בכלל. אין איצטיקן מאָמענט איז העכסט וויכטיק קלאָר צו ווערן, וועלכע טיילן פון דעם ווערסאַלער פרידנס־אָפּמאַך זיינען באמת אומ־

געררעכטע און דאַרפן רעווידירט ווערן; וועלכע זיינען גערעכטע און טאָרן בשום אופן ניט רעווידירט ווערן; און, — וואָס איז נאָך וויכטיקער, — וועלכע קענען רעווידירט ווערן דורך פאַרהאַנדלונגען, און וועלכע קענען בשום אופן ניט רעווידירט ווערן אָן אַ נייער מלחמה.

***

דער ווערסאַלער פרידנס־אָפּמאַך האָט אויף דער באַזיגטער דייטשלאַנד אַרויפגעצוואונגען דריי הויפּט־פּונקטן:

1) שאָדנערזאַץ־ און פאַרגיטיקונגס־צאָלונגען;
2) אַנטוואָפענונג; און
3) טעריטאָריעלע פאַרלוסטן.

לאָמיר אַזוי קורץ ווי מעגלעך באַטראַכטן יעדן פּונקט באַזונדער.

שאָדנערזאַץ און פאַרגיטיקונג

דער אומשטאַנד, וואָס די מלחמה איז — מיט דער אויסנאַם פון אַ קורצער צייט אין מזרח־פּרייסן און גאַליציע, — געפירט געוואָרן די גאַנצע פיר יאָר אויף די טעריטאָריעס פון די אַליאירטע מאַכטן, פאַראורזאַכנדיק אומגעהויערע חורבנות אין אָט די לענדער, בעת דייטשלאַנדס טעריטאָריע איז פאַקטיש געבליבן אומבאַרירט; דער פאַקט, וואָס די דייטשן האָבן אין די אָקופּירטע געביטן קאָנפיסקירט און רעקווירירט אַלץ וואָס זייער האַרץ האָט נאָר געגלוסט; און דאָס, וואָס אין דער מלחמה פון 1870 האָט פּרייסן געצוואונגען דער באַזיגטער פראַנקרייך איר צו באַצאָלן שאָדנערזאַץ אין מזומנים אַ ביליאָן פראַנק אין גאָלד, וואָס פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ ריזיקע סומע, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אומפאַרמיידלעך, אַז די באַזיגטע דייטשלאַנד זאָל געצוואונגען ווערן צו באַצאָלן ניט נאָר פאַר דעם צוגערויבטן אייגנטום נאָר אויך די הוצאות וואָס עס דאַרף קאָסטן צוריק אויפצובויען די פאַרניכטעטע געגנטן.

צום אומגליק, אָבער, זיינען די זיגער ניט געווען צופרידן מיט שאָדנערזאַץ אַליין, נאָר האָבן אויך געפאָדערט פאַרגיטיקונג — פאַר די פענסיעס וואָס זיי דאַרפן צאָלן זייערע וועטעראַנען, די אלמנות

און יתומים פון די געפאַלענע א. אַ. וו. כדי צו קענען פאָדערן, אַז דייטשלאַנד זאָל באַצאָלן די גאַנצע הוצאות פון דער מלחמה, איז זי קודם כל געצוואונגען געוואָרן צו נעמען אויף זיך די גאַנצע שולד פון אָנהויבן די מלחמה — און וויבאַלד זי איז די איינציקע שול־דיקע אין דער מלחמה, איז דאָך ניטאָ קיין גרענעץ צו דער סומע וואָס זי דאַרף באַצאָלן די אומשולדיקע זיגער. און די זיגער האָבן גענומען קוקן אויף דייטשלאַנד ווי אויף אַ מעלקעדיקער קו, פון וועלכער מ׳מעג צאַפּן וויפיל עס לאָזט זיך.

די פרידנס־קאָנפערענץ אַליין האָט ניט פעסטגעשטעלט וויפיל שאָדנערזאַץ דייטשלאַנד דאַרף באַצאָלן. די סומע האָט שפּעטער געדאַרפט באַשטימט ווערן פון דער רעפּאַראַציע־קאָמיסיע. ערשט אין אַפּריל 1921 האָט די דאָזיקע קאָמיסיע צוגעשטעלט צו דער דייטשער דעלעגאַציע דעם פולן חשבון פון שאָדנערזאַץ — די ריזיקע סומע פון 138 מיליאַרד גאָלד מאַרק. צוזאַמען מיט פּראָ־צענטן איז דאָס געווען אַזאַ אַסטראָנאָמישע ציפער, וואָס איז פאַר דייטשלאַנד פשוט געווען אוממעגלעך צו באַצאָלן, אפילו ווען זי זאָל שוין וועלן.

דייטשלאַנד האָט ניט געקענט און אויך ניט געוואָלט צאָלן אַזאַ אומדערהערטע סומע שאָדנערזאַץ. כאָטש זי איז געווען מאַכטלאָז אַרויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד די זיגערס, האָט זי אָבער אָנגעהויבן סאַבאָטאַזשירן די שאָדנערזאַץ־קאָלעקציעס, וואָס האָט געפירט צו דער ווילדסטער אינפלאַציע אין דער גאַנצער געשיכטע פון פינאַנץ, רואינירנדיק גאַנצע קלאַסן פון דייטשן פאָלק. עס האָט ניט געהאָלפן די אָקופּאַציע פון דעם רור־געביט אין 1923 — דייטשלאַנד האָט ניט געקענט צאָלן אַזעלכע סומען. די צאָלונגען האָבן געמוזט רעווידירט ווערן — אין 1924 דורך דעם דאָאַז־פּלאַן, און אין 1929 דורך דעם יאַנג־פּלאַן, ביז דער הואווער־מאָראַטאָריום אין 1931 האָט אינגאַנצן געמאַכט אַ סוף צו די דייטשע צאָלונגען, צוזאַמען מיט דער רעפּאַראַציע־קאָמיסיע, קאָנטראָל־קאָמיסיע, גענעראַל־אַגענט פון רעפּאַראַציע א. אַז. וו., צוזאַמען מיט די זיצונגען און דינגעניש אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף אין משך פון יאָרן.

אין זיין בוך „די עקאָנאָמיק קאָנסעקווענסעס אָוו די פּיעס״ האָט

פראָפעסאָר דזשאָן מעינאַרד קעינס, דער באַרימטער ענגלישער פּאָליטישער עקאָנאָם, גלייך אין אָנהויב געוואָרנט, אַז די ריזיקע שאָדנערזאַץ־צאָלונגען וועלן רואינירן ניט נאָר דייטשלאַנד נאָר אויך די איבעריקע וועלט. אין זיין צווייטן בוך, „אַ רעוויזשאָן אָוו די טריטי“, וואָס איז אַרויס אין 1922, מאַכט קעינס דעם חשבון, אַז ווען מ'זאָל אויסלאָזן די פּאַרגיטיקונגס־סומען און לאָזן בלויז שאָדנ־ערזאַץ, וועט פון די 138 ביליאָן מאַרק ווערן אינגאַנצן 36 ביליאָן. ווען ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן מוחל זיין זייער טייל פון דעם שאָדנערזאַץ, וועט די סומע ווייטער רעדוצירט ווערן ביז 21 ביליאָן מאַרק, וואָס וואָלט געווען גענוג, לויט זיין אָפּשאַצונג, צו דעקן די מלחמה־שאָדנס. אַט די סומע וואָלט זייער גרינג געווען פאַר דייטשלאַנד צו באַצאָלן אין 30 יערלעכע צאָלונגען פון 1260 מיליאָן מאַרק יעדערע.

וואָלט קעינס' פּלאַן דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן, וואָלטן די אַליאירטע, אגב, באַקומען פון דייטשלאַנד מער ווי זיי האָבן פון איר אַרויסגעקראָגן דורך צוואַנגס־מעטאָדן, וואָס האָט בסך־הכל באַטראָפן די סומע פון קאַרגע 12 ביליאָן מאַרק.

דער קאַפּיטל שאָדנערזאַץ איז אַ טרויעריקער קאָמענטאַר אויף דער מענשלעכער נאַטור. קיין זאַך האָט אַזוי פיל ניט בייגעטראָגן צו ברענגען די איצטיקע לאַגע ווי אַט דער פינסטערער קאַפּיטל. וואָלטן די זיגער דעמאָלט זיך צוגעהערט צו די עצות פון די „קילע קעפּ“, וואָלט די וועלט איצט אָן ספק געהאַט אַן אַנדער אויסזען.

אַנטוואָפענונג

דער צווייטער, אפשר ניט טרויעריקער, אָבער נאַרישער און קורצזיכטיקער קאַפּיטל פון דעם פרידנס־אָפּמאַך, איז דער פּונקט וועגן דער אַנטוואָפענונג פון דייטשלאַנד.

מילא, די איבערליפערונג פון דעם פלאָט, פון אַ געוויסער צאָל קאַנאָנען און מאַשין־ביקסן א. אַז. וו., ווי אויך די דעמאָביליזאַציע פון דער אַרמיי, וואָס זיינען געווען די באַדינגונגען פון דעם וואָפנ־שטילשטאַנד, האָבן לפחות געדינט דעם צוועק צו מאַכן אוממעגלעך

פֿאַר דייטשלאַנד ווייטער צו באַנייען די מלחמה אויב זי זאָל ניט זיין צופרידן מיט די פרידנס־באַדינגונגען. אָבער צו דערוואַרטן, אַז דייטשלאַנד וועט בלייבן פּערמאַנענט דעמיליטאַריזירט און אַנטוואָפנט אין דער צייט וועז אירע שכנים האַלטן אין איין בויען פעסטונגען און פאַרגרעסערן זייערע מיליטערישע כחות — דאָס איז צו פאַנטאַסטיש.

לכתחילה האָט עס געהייסן, אַז די אַנטוואָפענונג פון דייטשלאַנד איז בלויז אַן אָנהויב, אַ מין פּרעליודיע צו אַן אַלגעמיינער אַנט־וואָפענונג. אָבער ווען עס האָט זיך מיט דער צייט אַרויסגעשטעלט, אַז דייטשלאַנד'ס שכנים ווילן ניט הערן און ניט טראַכטן אפילו וועגן אַנטוואָפענונג, און אַז פון אַלע גרויסמאַכטן איז דייטשלאַנד די איינציקע וואָס איז אַנטוואָפנט געוואָרן, — איז עס געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז לאַנג קען אַזאַ לאַגע ניט אָנהאַלטן. דייטשלאַנד, מיט איר לאַנגער טראַדיציע פון מיליטאַריזם, מיט גרויסע שיכטן פון איר באַפעלקערונג וואָס זיינען געוואוינט געווען צו באַטראַכטן די אַרמיי אַלס קאַריערע, האָט ניט געקענט לאַנג בלייבן אַנטוואָפנט אינמיטן פון אַ וועלט וואָס באַוואָפנט זיך אַלץ מער. פריער אָדער שפּעטער האָט געמוזט קומען אַ סוף דערצו.

עס איז נאָר אַ ווייטאָג, וואָס דייטשלאַנד האָט געדאַרפט וואַרטן אויף היטלערן, אַז ער זאָל אָראָפּנעמען פון איר דעם שאַנד־פלעק פון זיין אַ פּאַריאַ צווישן די פעלקער פון אייראָפּע און איר צוריק־געבן דעם סטאַטוס פון אַ גלייכן צווישן גלייכע. פּונקט אַזוי ווי עס איז געקומען אַ סוף צו די רעפּאַראַציע־צאָלונגען, וואָלט אַן ספק געקומען אַן עק צו דייטשלאַנד'ס אומגלייכקייט בנוגע דאָס רעכט פון באַוואָפענונג אויך אָן היטלערן. אָבער עס קען פונדעסטוועגן ניט פאַרלייקנט ווערן דער פאַקט, אַז היטלער איז געווען דער, וואָס האָט צוריקגעגבן דייטשלאַנד יענע גלייכקייט, נאָך וועלכער דער טיף־פאַרוואונדעטער דייטשער נאַציאָנאַלער שטאָלץ האָט אַזוי שטאַרק געלעכצט. מיט ווייטאָג מוז עס קאָנסטאַטירט ווערן, אַז אָט דער אויפטו היטלער'ס האָט אים אַזוי פאַרפעסטיקט אין דייטשלאַנד, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט איז שווער פאָראויסצוזאָגן ווען עס קען נעמען אַ סוף צו זיין מיטאַלטערלעכן, ברוטאַלן רעזשים.

טעריטאָריעלע פאַרלוסטן

איצט זעען שוין אַלע איין, ווי נאַריש און קורצזיכטיק ביז פאַרברעכערישקייט עס איז געווען די פּאָליטיק פון די זיגער בנוגע דייטשלאַנד אין די פּונקטן פון רעפּאַראַציע און איינזייטיקער אָנט־וואָפענונג. יעדנפאַלס, די דאָזיקע צוויי טיילן פון דעם ווערסאַלער פרידנס־אָפּמאַך זיינען ענדלעך ליקווידירט געוואָרן — ניט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען געדאַרפט ליקווידירט ווערן, אָבער פאָרט ענד־גילטיק ליקווידירט.

אַנדערש איז אָבער מיט די טעריטאָריעלע פאַרלוסטן, וואָס דייטשלאַנד האָט געליטן אַלס פּועל־יוצא פון דער מלחמה. וואָלטן די פּונקטן וועגן שאָדנערזאַץ און אָנטוואָפענונג געשליכטעט געוואָרן אין אַן אַנדער גייסט, דורך פאַרשטענדיקונג אַנשטאָט דורך צוואַנג, — וואָלטן אפשר די טעריטאָריעלע פאַרלוסטן ניט געוואָרן אַזאַ אַקטועלע פּראָבלעם ווי איצט, ווען דייטשלאַנד איז אויס פאַרצווייפלונג געטריבן געוואָרן אין סאַמע אָפּגרונט, צום היטלעריזם.

בנוגע די טעריטאָריעלע פאַרלוסטן זיינען די מיינונגען אויף ביידע זייטן ניט נאָר פאַרשיידן און אַנטקעגנגעזעצט, נאָר די מינדסטע אָנצוהערעניש וועגן רעוויזיע שטויסט זיך אָן און מוז זיך אָנשטויסן אָן אַן „אימפּאַסע״, וואָס קען אַנדערש ניט איבערגעשפּרייזט ווערן ווי דורך געוואַלט, דורך אַ נייער מלחמה.

אין דעם זייער אינטערעסאַנטן בוך „קען יוראָפּ קיפּ די פּיעס?״ פון פרענק ה. סיימאָנדס, וועלכער ווייזט אַרויס גרויס פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר דייטשלאַנד, איז ער אָבער פאָרט געצוואונגען צו קומען צום שלוס, אַז דער איינציקער באַזיס אויף וועלכן דער פרידן פון דער וועלט קען אָנגעהאַלטן ווערן, איז — דער טעריטאָריעלער סטאַטוס־קוואָ.

סיימאָנדס ווייזט זייער ריכטיק אָן, אַז כאָטש עס זיינען געמאַכט געוואָרן קלענערע פעלערן און עס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קלענערע עוולות ביים אויפשטעלן די נייע גרעניצן אין אייראָפּע, איז דאָס אָבער געווען אוממעגלעך אין יענע טעריטאָריעס וואו פאַרשיידענע עטנישע גרופּן לעבן ניט אָפּגעגרעניצט נאָר געמישט; און צוליב פיזיקאַלישע, עטנישע און עקאָנאָמישע אומשטענדן איז עס אוממעגלעך

אויסצובעסערן די פעלערן און גוטצומאכן די עוולות ניט פאראור־זאכנדיק נייע עוולות, וואס וואלטן געווען א סך ערגער ווי די ערשטע. יעדנפאלס, לגבי דער באפרייאונג פון פערציק מיליאן נפשות פון פרעמדער הערשאפט, וואס דער פרידן האט דערגרייכט, דיינען, לויט סיימאנד'ס מיינונג, די באגאנגענע עוולות באמת גישטיק.

און מ'מוז מיט אים מסכים זיין. די רעסטאווראציע פון פוילן, למשל, איז איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון דעם ווערסאלער שלום. לגבי דעם, וואס פאר א ממשות האט דער פאקט, וואס קארגע אנדערטהאלבן מיליאן דייטשן אינם פוילישן קארידאר זיינען גע־צוואונגען צו לעבן אונטער פוילישער הערשאפט און וואס מזרח־פרייסן איז אפגעשניטן געווארן פון איבעריקן דייטשלאנד?

און וואס פאר א וואונדערבארע דערגרייכונג איז עס געווען די ווידער־אויפשטעלונג פון א זעלבסטשטענדיקער טשעכאסלאוואקיע, נאך גאנצע דריי הונדערט יאר פון אונטערדריקונג! לגבי דעם, וואס פאר א באטרעף האט דאס, וואס אין טשעכאסלאוואקיע זיינען איינגעשלאסן געווארן 3 מיליאן (עסטרייכער) דייטשן, 1 מיליאן אונגארן און א האלבער מיליאן רוטענער?

ארויסגייענדיק פון דעם שטאנדפונקט, אז יעדער באדן דארף באהערשט ווערן פון דעם פאלק וואס באוואוינט אים, אפגעזען פון אלע אנדערע באטראכטונגען, וועלכע קענען, פארשטייט זיך, ניט אלעמאל איגנארירט ווערן, זיינען דאס אפשר עוולות. אבער אזוי ווי עס איז ניט מעגלעך גוטצומאכן די דאזיקע עוולות ניט שאפנדיק דערביי אנדערע עוולות, נייע אונטערדריקטע מינאריטעטן; און אזוי ווי די ניי־אויפגעשטעלטע לענדער קענען ניט עקזיסטירן אן די גרענעץ־לענדערייען, איז שווער צו זען פארוואס דער טעריטאריעלער סטאטוס־קווא זאל באטראכט ווערן פאר אומ'יושר'דיק.

פארשטייט זיך, פאר דייטשלאנד זעט דער ענין אויס אינגאנצן אנדערש. פאר איר זיינען די דריי מיליאן דייטשן אין טשעכאסלא־וואקיע א נאציאנאלע באליידיקונג, און דער פוילישער קארידאר איז א וואונד אין איר סאמע הארץ. וואלטן די אליאירטע שטאטסמענער ווי געהעריק זיך גערעכנט מיט דייטשלאנד'ס פארוואונדעטן נאציאנאלן שטאלץ, וואלטן זיי געקענט געפינען וועגן, ווי אזוי דעם געפיל פון

באַליידיקונג אין דייטשע הערצער אָפּצושוואַכן. נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר די דריי מיליאָן דייטשן אין טשעכאָסלאָוואַקיע; אַ קאָרידאָר אין דעם פוילישן קאָרידאָר, וואָס זאָל עפענען אַ וועג צווישן פרייסן און מזרח־פרייסן, און דער אַנשלוס פון עסטרייך אָן דייטשלאַנד, — אַט אַזעלכע קאָנצעסיעס, למשל, וואָלטן זייער פיל געהאָלפן צו באַרואיקן די דייטשע געמיטער.

דאָס האָט אָבער אַלץ געקענט געטאָן ווערן פריער, ווען אין דייטשלאַנד האָט נאָך עקזיסטירט די ווייַמאַרער רעפּובליק. איצט אָבער, ווען אין דייטשלאַנד הערשט היטלער, זייַנען אַזעלכע קאָנצעסיעס מער ניט מעגלעך. מיט יעדער קאָנצעסיע וועט דער דייטשער אַפּעטיט ווערן אַלץ גרעסער, אַלץ געפערלעכער.

און אַזוי־אַרום איז די וועלט דערגאַנגען צו אַן „אימפּאַסע”. זי, די וועלט, שטייט פאַר אַן אָפּגרונט, פאַר דעם שרעקלעכן אָפּגרונט פון אַ נייער וועלט־מלחמה, און זי איז הילפלאָז די קאַטאַסטראָפע צו פאַרמיידן.

אָקט., 1936.

דער זינען פון דער מלחמה

די אידישע לעגענדע, אַז נאָך דער „מלחמת גוג ומגוג" וועט קומען דער לאַנג־אַרויסגעקוקטער און היפש־פּאַרשפּעטיקטער אויסלייזער פון דער מענשהייט, דער משיח בן דוד, און עס וועט זיך אָנהויבן די הערשאַפט פון אמת און יושר אויף דער וועלט, — די דאָזיקע לעגענדע האָט טיפע וואָרצלען אין דער מענשלעכער פּסיכיק. משמעות, עס לעגט זיך ניט אויפן שכל פון דעם דורכשניט־מענשן, אַז די ליידן און יסורים, וואָס עס קומט אויס די פעלקער אויסצושטיין אין יעדער מלחמה, ספּעציעל אין אַ מלחמה פון אַ וועלט־פאַרנעם, זאָלן זיין אומזיסטע, אַרויסגעוואָרפענע; אַז פאַר די אַלע מאָוימדיקע קרבנות, וואָס די פעלקער ברענגען אויפן מזבח פון מלחמה, זאָלן זיי קיין שום „באַלוינונג" ניט באַקומען.

אָט פון דעם מיסטישן געפיל נעמען זיך עס די איבערטריבענע האָפענונגען און דערוואַרטונגען אויף ישועות, נחמות און גליקן, וואָס די מלחמה וועט ברענגען, נאָכדעם ווי זי וועט זיך האָבן פאַרענדיקט, ווען דער נצחון וועט האָבן געוואונען געוואָרן, — האָפענונגען און דערוואַרטונגען, וואָס שטייען־אויף פון זיך אַליין אין יעדער גרויסער מלחמה, און פון וועלכע עס לאָזט זיך נאָכדעם אויס אַ טייך.

יענע, וואָס זוכן תמיד אין דער געשיכטע רק דעם „אינטריגאַנט", דעם „ווילעין", וועלן אודאי זאָגן, אַז די דאָזיקע איבערטריבענע דערוואַרטונגען פון מלחמה איז די בכיוונ'דיקע דערפינדונג פון די מלחמה־פירער; אַז דאָס איז דער אָפּיום, מיט וועלכן זיי פאַרשלעפערן די פאָלקס־מאַסן, כדי זיי זאָלן אָן פּראָטעסטן זיך לאָזן פירן אין דער מלחמה־יאַטקע אַריין. דער אמת איז, אָבער, אַז דאָס פאָלק גופא איז דער דערפינדער פון דעם דאָזיקן מלחמה־אָפּיום, בעת די מלחמה־פירער נוצן אים בלויז אויס.

מ'קען ניט לייקענען: פאַר דער דערפאָלגרייכער מלחמה־פירונג

האָבן אַזעלכע איבערטריבענע האָפענונגען אַ געוויסן פּאָזיטיוון ווערט. אָבער די אַנטוישונג — און איר צווילינג־ברודער, דער ציניזם — וואָס קומט נאָך דער מלחמה, נאָך דעם ווי פון דעם חלום, פון דער אילוזיע, ווערט אַ מיראַזש, איז אַזאַ שרעקלעכע, אַז אפשר איז שוין גלייכער צו גיין אין דער מלחמה אָן משיחישע איינבילדונגען, צו קוקן דעם טויט אין פּנים אָן האָפענונגען אויף אַ „יענער וועלט״ ?!

***

ווייל מען פאַרשטיין דעם זיבעצן און די צילן פון דער מלחמה, מוז מען פריער קלאָר ווערן בנוגע די סיבות, וואָס האָבן צו דער מלחמה געפירט.

וואָס זיינען די סיבות פון דער איצטיקער וועלט־שריפה?

די נאָענטע סיבות פון דער מלחמה איז, וואָס דייטשלאַנד, וועלכע איז אַרויסגעקומען אויף דער וועלט־סצענע אַלס פאַראייניקטע נאַציע אַ קאַפּיטשקע צו שפּעט, שוין נאָכדעם ווי די העגעמאָניע איבער דער וועלט איז איינגעטיילט געוואָרן צווישן אַנדערע לענדער, זוכט מיט אַלע מיטלען זיך אויסצושפּרייטן, אויפצובויען אַן אייגענע אימפּעריע; און ענגלאַנד, וועלכע האָט די גרעסטע אימפּעריע אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט און איז די הויפּט־הערשערין איבער דער וועלט, וויל דורכאויס ניט דערלאָזן דערצו.

די טיפערע סיבה פון דער מלחמה, ווי פון אַלע מלחמות בכלל, נעמט זיך פון אַ געדאַנק, פון אַ אידייע, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי די מענשלעכע ראַסע גופא. דער דאָזיקער געדאַנק איז, אַז די וויכטי־קייט, די באַדייטונג, די גרויסקייט פון אַ פאָלק אָדער אַ לאַנד דריקט זיך אויס אין דעם, וויפיל פרעמדע פעלקער עס באַהערשט, וויפיל פרעמדע לענדער עס פאַרכאַפּט.

עס זיינען, נאַטירלעך, פאַראַן אויך אַנדערע, קלענערע סיבות, אָבער די אויבן־פאַרמולירטע סיבות זיינען, לויט מיין מיינונג, די הויפּט־סיבות פון דער מלחמה.

פאַרשטייט מען די נאָענטע סיבה פון דער מלחמה אַזוי ווי זי איז אויבן פאַרמולירט געוואָרן, דעמאָלט ווערן קלאָר אַ סך ווידער־שפּרעכנדיקע דערשיינונגען אין שייכות מיט דער איצטיקער מלחמה, וואָס אַנדערש איז אוממעגלעך זיי צו באַגרייפן.

קודם כל ווערט קלאָר, ווי אַזוי דאָס דייטשע פֿאָלק האָט געקענט אַרונטערשלינגען דעם נאַציזם, ניט פֿאַרקרימענדיק זיך שטאַרק דערביי. נאָך אַלעמען, איז דאָך דאָס דייטשע פֿאָלק פֿאָרט אַ הויך־ציוויליזירט, אַ הויך־קולטורעל, אַן אַרבעטסזאַם און אָרנטלעך פֿאָלק; נאָך די אַלע איבערטרייבונגען וועגן דער עצמ׳דיקער שקלאַפֿישקייט און גרויזאַמקייט פֿון דעם דייטשן כאַראַקטער, — איז אַלץ אוממעגלעך צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי דאָס דאָזיקע פֿאָלק פֿון פּאָעטן, דענקער און מוזיקער האָט זיך אונטערגעוואָרפֿן אונטער היטלערן... סיידן מ׳אָנערקענט, אַז אַט־דאָס איז דער קרבן, וואָס דאָס דייטשע פֿאָלק איז געווען גרייט, אפשר אומבאַוואוסטזיניקערהייט, צו ברענגען צוליב דעם אויפֿבוי פֿון אַן אימפּעריע. דעם קייזער האָט זיך עס ניט איינגעגעבן — אפשר וועט עס היטלער קענען באַווייזן! אויב מיט מער־ווייניקער „ציוויליזירטע" מיטלען קען דער ציל ניט דערגרייכט ווערן, — טאָ לאָמיר היטלערן לאָזן עס דערגרייכן מיט „זיינע" מיטלען — מיט דעם זאָאָלאָגישן אתה־בחרתנו׳יסטישן ראַסיזם! אמת, נאָך אַנדערע אומשטענדן האָבן מיטגעהאָלפֿן היטלערן קומען צו דער מאַכט — די פֿאַרלוירענע ערשטע וועלט־מלחמה; די צו שווערע רעפּאַראַציע־צאָלונגען, וועלכע האָבן דייטשלאַנד רואינירט עקאָנאָמיש; די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון דעם דעמאָקראַטישן רעזשים צו לייזן די אַרבעטסלאָזיקייט; און ספּעציעל די מורא פֿאַר דעם באָלשעוויזם — אָבער אָן דער שטרעבונג צו אַן אימפּעריע, וואָס שלומערט געוויס אין די אינגעווייד פֿון דעם דייטשן פֿאָלק, ווי פֿון די מערסטע פֿעלקער, איז אַ גרויסער ספק, צי היטלערן וואָלט זיך איינגעגעבן צו קומען צו דער מאַכט.

לויט אָט דעם בליק, איז די איצטיקע מלחמה ניט מער ווי אַ המשך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און היטלער מיט זיין גאַנצער אידעאָלאָגיע איז בלויז אַ געצייג, אַ געווער, אַ מיטל אין די הענט פֿון די דייטשע מיליטאַריסטן־אימפּעריאַליסטן, מיט דער שטילער הסכמה פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, וועלכע ווערן אומבאַוואוסטזיניק באַהערשט פֿון דער אימפּעריע־אידייע, אָדער, לפּחות, וואַרפֿן זיך אונטער איר אונטער.

צווייטנס, ווערט קלאָר, פֿאַר וואָס איטאַליע און יאַפּאַן זיינען

געוואָרן דייטשלאַנדס הויפּט־שותּפים אין דער איצטיקער מלחמה, סיי איטאַליע און סיי יאַפּאַן זיינען גרויסמאַכטן, וועלכע זיינען אויך אָנגעקומען אויף דער וועלט־סצענע צו שפּעט, אַזוי ווי דייטשלאַנד. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז איטאַליע געשטאַנען אויף דער זייט פון די אַליאירטע, מחמת זי אַליין איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַראייניקט, מחמת עס איז נאָך געווען אַן „איטאַליאַ אירידענטאַ", וועלכע מ'האָט געדאַרפט באַפרייען פון דעם עסטרייכישן יאָך. אין דער איצטיקער מלחמה, אָבער, ווען אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט קען דער איטאַליענישער אימפּעריאַליזם זייער ווייניק האָפן צו געווינען, און זיינע האָפענונגען קען ער בויען בלויז אויף דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער פראַנצויזישער און דער בריטישער אימפּעריעס, איז זי שוין אויף דער זייט פון דייטשלאַנד. אין דעם פאַל פון איטאַליע, קען מען, צוליב דעם פאַקט וואָס פונקט ווי דייטשלאַנד ווערט זי באַהערשט פון פאַשיזם, פאַרפירט ווערן צום אויבערפלעכלעכן געדאַנק, אַז דער זין פון דער מלחמה איז אַ קאַמף צווישן צוויי אידעאָלאָגיעס, דער דעמאָקראַטישער און דער פאַשיסטישער. אָבער אין דעם פאַל מיט יאַפּאַן אַנטפּלעקט זיך ערשט דער גאַנצער אמת פון דעם שותּפות צווישן דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן. די וואָולגאַרע פּראָפּאַגאַנדע שטעלט פאַר יאַפּאַן ווי אַ פאַשיסטיש לאַנד. אין אמת'ן, אָבער, איז יאַפּאַן דער זעלבער אָריענטאַליש־דעספּאָטישער, מיליטעריש־אימפּעריאַליסטישער שטאַט וואָס זי איז געווען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיט דעם מאָדערנעם פאַשיזם האָט די דאָזיקע אָרדנונג גאַנץ ווייניק געמיינשאַפטלעכעס, און מיט דער היטלעריסטישער הערן־ראַסע־טעאָריע, — וועלכע באַטראַכט די גאַנצע געלע ראַסע פאַר ניט מער ווי מאַלפּעס אויף צוויי פיס, — האָט יאַפּאַן אודאי קיין שום שותּפות'דיקעס ניט. ווי זשע קומט עס וואָס יאַפּאַן איז פאַרט געוואָרן אַ שותּף צו דער „אַקס"? אויב אָבער ניט אידעאָלאָגיע, נאָר אימפּעריאַליזם שפּילט די הויפּט־ראָלע אין דעם איצטיקן קאַטאַקליזם, איז שוין קיין וואונדער ניט וואָס יאַפּאַן איז דייטשלאַנד'ס אַ שותּף. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז יאַפּאַן געווען אויף דער זייט פון די אַליאירטע, ניט ווייל זי איז געווען פאַראינטערעסירט אין העלפן דעמאָקראַטיע, נאָר דערפאַר

ווייל זי האָט אויף אַזאַ אופן געקענט פאַרנעמען די דייטשע קאָלאָ־ניאַלע פּאָזיציעס אין ווייטן מזרח — קיו־טשו, די מאַרשאַל אינזלען א. אַז. וו.; און אין דער איצטיקער מלחמה איז זי אויף דער זייט פון דייטשלאַנד ניט מחמת זי איז פאַראינטערעסירט אין העלפן דעם פאַשיזם אָדער דעם נאַציזם, נאָר פשוט ווייל זי זעט איצט אַ מעגלעכקייט צו פאַרטרייבן ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע לענדער סיי פון כינע און סיי פון ווייטן מזרח בכלל, און ווערן די איינציקע הערשערין אין אַט דעם געביט.

דאָס מיינט, אין אַנדערע ווערטער, אַז איטאַליע און יאַפּאַן זיינען געוואָרן דייטשלאַנדס מלחמה־שותפים ניט צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון, נאָר פשוט ווייל זייערע אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס, פּונקט ווי די אימפּעריאַלע אַמביציעס פון דייטשלאַנד, קענען ניט פאַרווירקלעכט ווערן סיידן דער איצטיקער כחות־באַלאַנס אין דער וועלט, די העגעמאָניע פון ענגלאַנד איבער די ימים, ווערט פאַרניכטעט אָדער אומגעוואָרפן ווערן.

דריטנס, ווערט קלאָר, פאַרוואָס ענגלאַנד האָט זיך אָנטזאָגט אָנצונעמען היטלערס פאָרשלאָגן צו מאַכן שלום אויפן רעכענונג פון רוסלאַנד. וואָלט דער זינען פון דער מלחמה געווען אַן אידעאָלאָגישער, אַ קאַמף קעגן באָלשעוויזם־קאָמוניזם, — דעמאָלט וואָלט דאָך די קאָנסערוואַטיווע טשעמבערליין־רעגירונג לכתחילה ניט גאַראַנטירט די גרעניצן פון פּוילן און פון רומעניע, די איינציקע לענדער דורך וועלכע היטלער האָט געקענט אַריינדרינגען אין רוסלאַנד; דעמאָלט וואָלט דאָך אפילו די טשוירטשיל־רעגירונג ניט צוריקגעוויזן היטלערס באַנייטן פאָרשלאָג צו מאַכן שלום אויפן חשבון פון רוסלאַנד, וואָס ער האָט געמאַכט דורך רודאָלף העסן ערב זיין אַטאַקע אויף סאָוועט־רוסלאַנד. נאַטירלעך, מיינט עס ניט, אַז די ענגלישע קאָנסערוואַטיוון זיינען פאַרליבט אין דעם רוסישן קאָמוניזם, אָדער אַז זיי זיינען ניט גרייט קעגן אים צו קעמפן. אויפשטעלן אַ שטאַרקע רעגירונג אין דייטשלאַנד, זאָל זיין אפילו אַ פאַשיסטישע, כדי צו קענען פאַרשפאַרן דעם וועג פאַר דעם באָלשעוויזם, — דערצו האָבן זיי טאַקע מסכים געווען, אין דעם האָבן זיי אפילו מיטגעהאָלפן. אָבער לאָזן דייטשלאַנד זיך אויסשפּרייטן, ווערן שטאַרק אויפן רעכענונג

פון רוסלאַנד, כדי זי זאָל שפּעטער זיין בכח זיך צו פאַרמעסטן קעגן דער בריטישער אימפּעריע. צו דעם קען אפילו אַ טשעמבערליין־רעגירונג ניט מסכים זיין. פּשוט דערפאַר, ווייל אויך פאַר ענגלאַנד איז די אימפעריע וויכטיקער ווי דער אידעאַלאָגישער קאַמף קעגן קאָמוניזם.

דאָס אַלץ צווינגט אונז צו ציען דעם שלוס, אַז די מלחמה איז ניט דער רעזולטאַט פון עפּעס אַן אידעאָלאָגישן צוזאַמענשטויס — פון קאַפּיטאַליזם קעגן קאָמוניזם, אָדער פון דעמאָקראַטיע קעגן פאַשיזם, — נאָר פראָסט־פּשוט אַ רעזולטאַט פון אַ צוזאַמענשטויס פון אימפּעריאַלע אינטערעסן. דאָס איז אונז מחייב צום אויספיר, אַז די נאָענטע סיבה פון דער מלחמה איז דאָס, וואָס דייטשלאַנד זוכט צו פאַרניכטן די בריטישע אימפּעריע און אויף איר אָרט אויפשטעלן איר אייגענע אימפעריע, און ענגלאַנד מאַכט אַלע אַנשטרענגונגען ניט צו דערלאָזן דערצו, אויפצוהאַלטן דעם אימפּעריאַלן סטאַטוס־קוואָ.

***

וואָס זשע מיינט עס? מיינט עס, אַז פרייהייט, מענשלעכקייט און דער פרימערער באַדינג פאַר אמת'ער פרייהייט און מענשלעכקייט, דעמאָקראַטיע, זיינען גאָר אינגאַנצן ניט פאַרוויקלט אין דער איצטיקער מלחמה?

דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז סיי יאָ און סיי ניין.

אויב מיט דער פראַגע ווערט געמיינט: צי איז ניט די מלחמה אַ פּועל־יוצא פון אַנטריסטונג מיט דער שקלאַפעריי און ברוטאַליטעט פון די טאָטאַליטאַרע לענדער, און פון אַ פאַרצערנדיקער אַנטשלאָסנקייט איינצופירן דעמאָקראַטיע אויף דער גאַנצער וועלט, — דעמאָלט איז דער ענטפער אַ קאַטעגאָרישער: ניין!

אויב אָבער מיט דער פראַגע ווערט געמיינט: צי איז ניט אַ פאַקט, אַז אויב די אַליאירטע מלוכות זאָלן די מלחמה פאַרלירן, וועלן זיי גלייכצייטיק פאַרלירן זייער פרייהייט און זייער דעמאָקראַטיע, און צי שטייט ניט דעריבער אין קאָן פון דער מלחמה זייער אייגענע פרייהייט און דעמאָקראַטיע? — דעמאָלט איז דער ענטפער באַשטימט: יאָ!

אַז די מלחמה איז ניט אַ רעזולטאַט פון ברענענדיקער שנאה

צו דעספאָטיזם און פון לײדנשאַפט פאַר דעמאָקראַטיע, האָבן מיר באַװיזן געניג.

קודם כל זענען מיר דאָס דערפון, װאָס אין די אַלע יאָרן װאָס היטלער האָט דורכגעפירט זײן סיסטעמאַטישן אויסראָטנדיקן פּאָגראָם אויף אידן האָבן די דעמאָקראַטישע לענדער, ניט ענגלאַנד און ניט אפילו די פאַראײניקטע שטאַטן, געפונען פאַר נויטיק אָפיציעל צו פּראָטעסטירן קעגן דעם. הײנט, װיבאַלד זײ האָבן אפילו ניט געװאָלט ריזיקירן מיט אַ פּראָטעסט, טאָ װי זשע קען מען גאָר דענקען, אַז די באַהאַנדלונג פון די אידן און ענלעכע ברוטאַליטעטן האָבן געשפּילט אַ באַדײטנדיקע ראָלע אין טרײבן די דעמאָקראַטישע לענדער צו דער מלחמה? ערשט דעמאָלט, װען היטלער האָט גענומען אויפטרײסלען דעם אינטערנאַציאָנאַלן כחות־באַלאַנס, האָבן די גרויסע דעמאָקראַטיעס גענומען אײנזען די געפאַר װאָס דער היטלעריזם איז פאַר דער װעלט, הויפּטזעכלעך פאַר זײ גופא.

נאָר צו װאָס דאַרפן מיר זוכן אַ באַװײז דערויף, װען דער ענגלישער אויסלאַנדס־מיניסטער, אַנטאָני אידען, האָט עס לעצטנס אָפן און קלאָר געזאָגט פאַר דער גאַנצער װעלט. אין זײן באַריכט, װאָס ער האָט דעם 4טן יאַנואַר, 1942, אָפּגעגעבן צום ענגלישן פּאַרלאַמענט װעגן זײן באַזוך בײ סטאַלינען, האָט אידען געזאָגט: „אין אויסלענדישער פּאָליטיק איז דער עיקר ניט װי אַ מלוכה פירט זיך אויף אין איר אײגן לאַנד, נאָר װאָס זי טוט אויסער איר לאַנד. היטלער װאָלט געקענט פאַרבלײבן אַ נאַצי, װען ער װאָלט געװען אַ נאַצי בלויז בײ זיך אין דער הײם”. בנאמנות, אין רעאַל־פּאָליטיק איז אַנטאָני אידען אַ גרעסערער מומחה אײדער אונזערע אײביקע בעלי־חלומות.

נאָך קלאָרער דערקענט מען דאָס פון דעם כאַראַקטער פון די שותפים און פרײנט, װאָס שטײען אויף דער זײט פון די דעמאָקראַטיעס.

אַז, למשל, די גריכישע, די יוגאָסלאַװישע, אָדער גאָר די עטיאָפּישע און די סאָװעטישע רעגירונגען שלאָגן זיך פאַר פרײהײט אָדער דעמאָקראַטיע, — אַזױנס איז דאָך אוממעגלעך צו גלויבן. אמת, העלפנדיק די דעמאָקראַטישע לענדער געװינען די מלחמה, העלפן אָט די דעספּאָטישע מלוכות אײנהאַלטן די דעמאָקראַטישע אָרדנונג

אין די גרויסע דעמאָקראַטישע לענדער. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, קען דער זיג פון די אַליאירטע ניט פאַרפעלן צו פאַרשטאַרקן די רעזשימען פון זייערע דעספּאָטישע שותפים אין זייערע באַטרעפנדיקע לענדער.

דעריבער מוז מען קומען צום שלוס, אַז דער זינען פון דער מלחמה איז ניט אַ קאַמף פאַר פרייהייט פאַר אַלע מענטשן־קינדער אומעטום, נאָר, אין בעסטן פאַל, בלויז אַ קאַמף פאַר דער פרייהייט פון פעלקער און לענדער, און דאָס אויך נאָר אויף אַזוי ווייט ווי דאָס רירט אָן, אָדער קען אָנרירן, די פרייהייט, די זעלבסטשטענדיקייט און די אימפּעריאַלע אינטערעסן פון די גרויסע דעמאָקראַטיעס, אין דער ערשטער ריי פון ענגלאַנד.

מיט אַנדערע ווערטער, נאָר יענע פעלקער קענען דערוואַרטן צו בלייבן אָדער ווערן פריי אַלס פּועל־יוצא פון אַן אַליאירטן נצחון, וואָס זייער באַהערשונג דורך אַ קאָנקורירנדיקער אימפּעריאַלער מאַכט קען ווערן אַ געפאַר פאַר די אימפּעריאַלע אינטערעסן פון ענגלאַנד.

געזונטער זעלבסט־אינטערעס, קען מען זאָגן, דינט אין דעם איצטיקן פאַל, די אינטערעסן פון פרייהייט פון פעלקער, — אויב ניט פון אַלע פעלקער, איז יעדנפאַלס פון די מערסטע פעלקער.

אָבער בשום אופן קען ניט אָפּגעלייקנט ווערן, אַז אויב די אַליאירטע זאָלן די מלחמה פאַרלירן איז פאַראַן אַ ממשות׳דיקע סכנה פאַר דעם דעמאָקראַטישן „לעבנס־וועג" אפילו אין ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, און זיכער וועט עס זיין אַ טויט־קלאַפּ פאַר די אידעאַלן פון דעמאָקראַטיע אין דער איבעריקער וועלט.

וואָרים וואָס אייגנטלעך איז דער דעמאָקראַטישער לעבנס־וועג? דאָס איז דאָך ניט בלויז די פאָרמאַליסטיק, אַז די מערהייט איז באַשטימענדיק, דער „אחרי רבים להטות". דער פונדאַמענטאַלער געדאַנק פון דעמאָקראַטיע באַשטייט דאָך אין דעם, אַז דאָס פאָלק איז ניט באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם שטאַט, נאָר אַז דער שטאַט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם פאָלק, צו דינען די אינטערעסן און נויטן פון פאָלק. און דער פראַקטישער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז דאָס פאָלק איז באַרעכטיקט צו אַ גרינגן, זאָרגלאָזן לעבן, ניט צו וועלן דינען אין מיליטער, אַוועקגעבן די בעסטע יאָרן אויפן קאַזאַרמע־לעבן. אָבער

אויב דער גרינגער „דעמאָקראַטישער וועג” פירט צו פאַרשקלאַפונג פון דער נאַציע, דעמאָלט איז דאָך קאַפוט מיט אַט דעם גרינגן לעבן, וואָרים עס איז דאָך נים דענקבאַר אַז דאָס פאָלק זאָל אויפגעבן זיין נאַציאָנאַלע פרייהייט אָן אַ קאַמף, אָן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף.

אַז מלחמה־פירונג איז די ספּעציאַליטעט פון דיקטאַטורן און דיקטאַטאָרס, פון דעספּאָטיזמען און דעספּאָטן, — דאָס איז אַלעמאָל געווען קלאָר. און וואָלט דער זין און ציל פון לעבן געווען מלחמה־פירונג, באַצווינגונג פון אַנדערע פעלקער און לענדער, — דעמאָלט וואָלט מען געמוזט אָנערקענען אַז די הויפּט־עובדא פון אַ רעגירונג איז צו פירן מלחמה און נאָך יעדער מלחמה זיך צוגרייטן פאַר דער קומענדיקער מלחמה, ווי די היפּער־מיליטאַריסטן באַהויפּטן טאַקע; און דעמאָלט וואָלט מען געמוזט אָנגעמען, אַז דער דעספּאָטישער טאָטאַליטאַרער שטאַט איז דער „בעסערער”. דער דעמאָקראַטישער געדאַנק לייקנט עס אָנטשיידן אָפּ. דער דעמאָקראַטישער געדאַנק האַלט, אַז הגם אויך דער דעמאָקראַטישער שטאַט איז נים אויסגעהיט, נים פון אימפּעריאַליסטישע גלוסטונגען און ניט פון מלחמות, איז אָבער מלחמה־פירונג ניט זיין הויפּט־אויפגאַבע. אָבער אויב עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז דער דעמאָקראַטישער שטאַט איז אומפעאיק אויסצופילן די פונקציע פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, אַז ער איז אומקאָמפּעטענט אָפּצושלאָגן אַן אַטאַקע פון דרויסן, — דעמאָלט מוז קומען זיין סוף! דעמאָלט איז אוממעגלעך פאַר דער דעמאָקראַטישער רעגירונגס־פאָרם צו בלייבן לעבן און געדייען דאָרט וואו זי עקזיסטירט, און אודאי וועט פאַר דער דאָזיקער רעגירונגס־פאָרם ווערן אוממעגלעך צו קריגן אַן אָנהאַלט אין יענע לענדער וואו זי עקזיסטירט נאָך ניט.

אין אַט דעם זינען איז די איצטיקע מלחמה אַ קאַמף פון דעמאָקראַטיע באמת אויף לעבן און טויט; אַ קאַמף צו מאַכן מעגלעך פאַר דעמאָקראַטיע צו בלייבן עקזיסטירן; אַ קאַמף „צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע”, ווי וואודראָו ווילסאָן האָט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה טרעפלעך זיך אויסגעדריקט.

***

מיר זעען, בכן, אַז הגם די מלחמה איז אין דער ערשטער ריי

אַ רעזולטאַט פון אַ צוזאַמענשטויס צווישן אימפּעריאַלע אינטערעסן; הגם איר זינען איז ניט אַ קאַמף פאַר פרייהייט פון דעם יחיד אומע־טום, נאָר אין בעסטן פאַל בלויז אַ קאַמף פאַר דער פרייהייט פון פעלקער אָדער לענדער, און דאָס אויך ניט פאַר אַלע פעלקער; און הגם דער הויפּט־ציל פון דער מלחמה איז ניט די פאַרשפּרייטונג פון דעמאָקראַטיע איבער דער גאַנצער וועלט, — איז אָבער אויב די אַליאירטע מלוכות זאָלן די מלחמה פאַרלירן, פאַראַן אַ סכנה, אַז די געציילטע דעמאָקראַטישע פּאָזיציעס וואָס זיינען דערוואָרבן גע־וואָרן אין דער וועלט, זאָלן אויך פאַרלוירן גיין; אַז אַמעריקע און ענגלאַנד זאָלן פאַרלירן דאָס ביסעלע פרייהייט און דעמאָקראַטיע, צוזאַמען מיט דעם ביסעלע „מענשלעכקייט" וואָס גייט דערמיט, צו וועלכער זיי האָבן זיך דערשלאָגן מיט גרויס מי און קרבנות.

אַז דער קאַמף אַפּצוּוועגדן די סכנה סיי פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט פון אַזוי פיל פעלקער און סיי פאַר דער פּערזענלעכער פריי־הייט דאָרט וואו זי עקזיסטירט איז אַ דערהויבענער; אַז עס „לוינט" דעם דאָזיקן קאַמף צו פירן, און אין אים צו פאַרגיסן בלוט און אפילו פאַרלירן דערביי דאָס אייגענע לעבן, — וועגן דעם דאַרף מען ניט צופיל ברייען. קיין אַנדער ברירה ווי קעמפן קעגן דער סכנה פון פאַרשקלאַפונג איז אייגנטלעך גאָר ניטאָ.

אָבער דאָס דאַרף אונז ניט פאַרפירן צו אוטאָפּישע אילוזיעס, אַז דער נצחון אין דעם קריג וועט מיט זיך שוין אַראָפּברענגען דעם גן־עדן אויף דער וועלט; אַז מיט דעם סוף פון דער מלחמה וועט שוין אויך קומען אַ סוף צו אומגערעכטיקייט סיי צווישן פעלקער און לענדער און סיי אינערהאַלב די גרעניצן פון פעלקער און לענ־דער, — ווי אַ היפּש ביסל אומקורירבאַרע פאַנטאַזיאָרן ווילן אונז איינריידן.

דער אימפּעריאַלער סטאַטוס־קוואָ

די איבערטריבענע דערוואַרטונגען פון דעם שלום, וואָס וועט קומען נאָך דעם נצחון פון די אַליאירטע מלוכות, מאַכן פּשוט צום שטוינען. פון פאַרשיידענע זייטן טראָגן זיך מיינונגען, וועלכע ווערן אַרויסגעזאָגט מיט אַקסיאָמישער זיכערקייט, אַז דער שלום וועט און מוז מיט זיך ברענגען:

1) אַ סוף צו דער עקספּלואַטאַציע פון איין פאָלק דורך אַן אַנדערן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן געביט — צום אימפּעריאַליזם.

2) אַ סוף צו דער עקספּלואַטאַציע פון איין מענש דורך אַן אַנדערן אין די גרעניצן פון די באַזונדערע לענדער גופא.

איז פאַראַן אַ ריאַלע מעגלעכקייט, אַז די דאָזיקע האָפענונגען און דערוואַרטונגען זאָל מקויים ווערן?

אימפּעריאַליזם

צו דערוואַרטן, אַז נאָכדעם ווי די מלחמה וועט געוואונען ווערן וועט, למשל, ענגלאַנד מיט איר אייגענעם פרייען ווילן נעמען און אויפלייזן איר אימפּעריע, וואָס עס האָט גענומען הונדערטער יאָרן אויפצובויען; אַז זי וועט מיטאַמאָל צעלאָזן דעם אימפּעריאַלן „חדר" אירן זאָגנדיק צו אינדיע און צו די אַנדערע קאָלאָניעס: פון היינט אָן און ווייטער זיינט איר פריי; טוט אייך וואָס איר ווילט אַליין, — אַזוינס צו דערוואַרטן, איז פּשוט אַן אומזין.

פאַרקערט. דער נצחון פון די אַליאירטע מוז פירן דערצו, אַז די בריטישע אימפּעריע זאָל ווערן אינעדלעך שטאַרקער און אויסערלעך גרעסער.

פאַר די באַזונדערע טיילן פון דער בריטישער אימפּעריע וועט דער נצחון גופא זיין דער בעסטער באַווייז, אַז ווען זיי ווערן באַדראָעט פון אַן אויסערלעכן שונא איז די אימפּעריע די איינציקע וואָס

קען זיי דערפאַלגרייך פאַרטיידיקן, — און דאָס קען קען ניט ווירקן אַנדערש, ווי שטאַרקער צו מאַכן די אימפּעריע אינערלעך.

און אויסערלעך גרעסער וועט די בריטישע אימפּעריע ווערן דורך בייע קאָלאָניעס, וואָס וועלן, אין פאַל פון דער מפלה פון די אַקס־מלוכות, אריינפאַלן אין שויס פון ענגלאַנד, אַזוי צו זאָגן, באַטיר־לעכבערהייט. למשל, די איטאַליענישע קאָלאָניעס אין צפון־אַפריקע (טריפּאָליטאַניע, ליביע) און אין מזרח־אַפריקע (עריטריע, עטיאָפּיע). אַז אַט די קאָלאָניעס זאָלן ווערן פולשטענדיק פריי, איז געוויס ניט צו דערוואַרטן. אפשר זייַנען זיי טאַקע אויך נאָך ניט דערוואַקסן פאַר זעלבסט־רעגירונג. און אויב זיי וועלן געשטעלט ווערן אונטער דער השגחה פון אַ גרויסמאַכט, טאָ ווער וועט זיין דער פּאַסיקסטער „משגיח" איבער זיי אויב ניט ענגלאַנד, וועלכע האָט אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, און ווען די מלחמה וועט זיין געענדיקט וועט זי האָבן פאַר־גאָסן נאָך אַ סך מער בלוט, אויף די דאָרטיקע וועגן, שטעגן און מדבריות?

דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן די אימפּעריעס פון פראַנק־רייך, בעלגיע, האָלאַנד. וועלן די אַליאירטע די מלחמה געווינען, וועט פראַנקרייך — נאַטירלעך, רעגירט ניט פון אַ פּעטען — ווייטער בלייבן דער באַלעבאָס אין צפון־אַפריקע, אין סיריע, אין אינדאָ־כינע א. אַז. וו., און בעלגיע וועט ווידער בלייבן הערשן איבער דער קאָנגאָ, און האָלאַנד — איבער די איסט־אינדיעס.

פאַקטיש, איז דער עצם זינען פון דער מלחמה אַ קאַמף קעגן דער שטירצונג פון דעם סטאַטוס־קוואָ. במילא איז דאָס אַ קאַמף פאַר דעם סטאַטוס־קוואָ. און וויל מען זיך אַליין ניט נאַרן, מוז מען מאַכן דעם אויספיר, אַז דער פּראַקטישער פּועל־יוצא פון דעם נצחון פון די אַליאירטע מלוכות איבער די אַקס־מלוכות וועט באַדייטן אַ זיג פאַר דעם סטאַטוס־קוואָ — טאַקע פאַר דעם אימפּעריאַלן סטאַטוס־קוואָ.

וואָס דאָס מיינט, אין דער ערשטער ריי, אַז די העגעמאָניע פון ענגלאַנד איבער דער וועלט — דורך איר קאָנטראָל פון די ימים: דורכגאַנגען צווישן איין ים און אַ צווייטן, סטראַטעגישע באַזעס.

פּאַרטן, באַהײצונגס־סטאַנציעס א. אַז. וו. — וועט פּאַרפּעסטיקט ווערן אויף דורות.

יענע, וואָס קוקן אויף וועלט־פּאַסירונגען דורך די ברילן פון „היסטאָריע", קענען אָפּט ניט זען קיין אונטערשייד צווישן אַ נייער, דייטשער אימפּעריע און דער אַלטער בריטישער אימפּעריע. אויב ענגלאַנד האָט געמעגט אויפבויען אַן אימפּעריע, טאָ פאַר וואָס זאָל דייטשלאַנד עס ניט טאָרן? — טענה'ן אַזעלכע „היסטאָריקער". איז עס דען ניט אַ פאַקט, אַז אין דער מענשלעכער געשיכטע זײַנען אַלע־מאָל אויפגעקומען נײַע אימפּעריעס, וועלכע האָבן פאַרניכטעט די אַלטע אימפּעריעס און פאַרנומען זייערע פּלעצער? און אויב עס איז איצט געקומען די צייט, ווען דייטשלאַנד, די העכער־ און בעסער־אַנטוויקלטע, איז פון דער געשיכטע אַליין באַשטימט געוואָרן צו פאַרנעמען דעם אָרט פון דער בריטישער אימפּעריע, — איז מה רעש, וואָס איז דאָ דער אומגליק? און וואָס איז אייגנטלעך די נפקא מינה צווישן איין אימפּעריאַליזם און אַ צווייטן? אויב מ'קען ניט אינגאַנצן פּטור ווערן פון דעם אימפּעריאַליזם, צי לוינט זיך איבערהויפּט צו פאַרגיסן אַזוי פיל בלוט און צו פאַרניכטן אַזוי פיל אוצרות פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם סטאַטוס־קוואָ?

פון אויבן־אויף קלינגען אַזעלכע ווערטער זייער לאָגיש, און אוודאי זייער טאָלעראַנט, אָבער אין אמת'ן איז אַזאַ צוגאַנג צו דער פראַגע פון אימפּעריאַליזם אַ העכסט־רעאַקציאָנערער.

אַז דער אימפּעריאַלער סטאַטוס־קוואָ איז ניט „גוט"; אַז אוודאי קען ער ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַן אידעאַל פון צווישנפעלקערלעכן צוזאַמענלעבן, — וועגן דעם דאַרף מען פאַר אונזערן אַ לעזער קיין ספק ניט ברייען. אָבער פאַרגלייכט מען דעם אימפּעריאַלן סטאַטוס־קוואָ מיט דער „נייער אָרדענונג", מיט דער נייער אימפּעריע, וואָס נאַצי־דייטשלאַנד, מיט דער הילף פון יאַפּאַן און פון אירע קלענערע שותּפים־וואַסאַלן, שטרעבט אויפצובויען אויף די חורבות פון דער בריטישער אימפּעריע, — דעמאָלט מוז מען קומען צום שלוס, אַז ניט נאָר איז דער אימפּעריאַלער סטאַטוס־קוואָ בעסער, נאָר אַז עס איז כּדאַי צו קעמפן פאַר זײַן דערהאַלטונג.

די אויפבויאונג פון אַ נייער אימפּעריע אונטער מאָדערנע באַדינ־

גונגען איז פאַרבונדן מיט אַזעלכע מאוים׳דיקע קרבנות און רעזול־טאַטן, אַז עס כאַפּט ממש אָן אַ גרויל צו טראַכטן וועגן דעם.

ערשטנס — כדי צו קענען אויפבויען אַן אימפעריע, מוז דאָס פאָלק וואָס פאַרמעסט זיך אויף דעם קודם כל אַליין ברוטאַליזירט ווערן, אַרונטערגעשלעפּט ווערן צום מצב פון יענע צייטן, ווען דער פונדאַמענט פון די איצטיקע אימפעריעס איז געלייגט געוואָרן. פאַר יאַפּאַן איז דאָס פאַרהעלטניסמעסיק אַ גרינגע זאַך. קולטורעל גע־פינט זיך יאַפּאַן נאָך אפשר איצט אויף אַ נידעריקערן מצב ווי די אייראָפּעאישע פעלקער האָבן זיך געפונען אין מיטלאַלטער. אָבער וואָס דאָס באַדייט פאַר אַזעלכע לענדער ווי איטאַליע און דייטש־לאַנד, — דאָס זעט איצט די וועלט קלאָר. און אויב עס זאָל דורך אָט דער ברוטאַליזאַציע געלינגען דייטשלאַנד אירע אימפעריאַלע אַמביציעס צו דערגרייכן, וועט דער איינפלוס פון אָט דעם צוריקקער צום מיטלאַלטער אָן ספק זיך לאָזן שפּירן איבער דער גאַנצער וועלט.

צווייטנס — איז פאַראַן, און מוז זיין, אַ גוואַלדיקער אונטער־שייד צווישן דעם בריטישן אימפעריאַליזם — דעם אימפעריאַליזם פון דעם „זאַטן" ענגלאַנד — און דעם פרישן אימפעריאַליזם פון דייטשלאַנד, וועלכע וועט זיך אַרויפוואַרפן אויף אירע קרבנות מיט דעם אַפּעטיט פון אַ „הונגעריקן".

נעמען מיר קודם כל אייראָפּע. אַז דער בריטישער אימפעריאַ־ליזם האָט ניט קיין שום אַמביציע צו באַהערשן די פעלקער פון אייראָפּע, האָבן מיר געהאַט דעם בעסטן באַווייז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביי דער פרידנס־קאָנפערענץ אין פּאַריז און ווערסאַי. ענגלאַנד האָט, אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, פאַר זיך גאָרניט גע־פאָדערט — אפילו ניט קיין פלאָטן־באַזעס. פאַרקערט, די אימפּע־ריאַלע פּאָליטיק פון ענגלאַנד איז פאַראינטערעסירט ניט צו דערלאָזן, אַז די קליינע פעלקער און לענדער זאָלן באַהערשט אָדער פאַרשלונגען ווערן פון די גרויסע לענדער, — אויס דעם פּשוטן גרונט, וואָס זי האָט מורא אַז אויב יענע זאָלן ווערן צו שטאַרק קענען זיי מיט דער צייט זיך נאָך פאַרמעסטן קעגן דער בריטישער אימפעריע גופא. וואָס איז שייך אייראָפּע, אַלזאָ, מיינט דער סטאַטוס־קוואָ די אָנהאַלטונג פון דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פון די קליינע פעלקער. אָבער

די "נייע אָרדנונג", פון דער אַנדערע זייט, באַדייט ניט וועניקער ווי די אַבסאָלוטע פאַרשקלאַפונג פון אַלע פעלקער פון איראָפּע — איינגעשלאָסן פעלקער, וועלכע האָבן הינטער זיך אַ געשיכטע פון הונדערטער יאָרן ציוויליזאַציע, קולטור און זעלבסטשטענדיקייט.

ווידער, וואָס איז שייך די קאָלאָניאַלע לענדער מעבר לים, איז אויך פאַר זיי דער סטאַטוס־קוואָ אומפאַרגלייכלעך בעסער איידער די „נייע אָרדנונג". אַז אינדיע, למשל, זאָל נאָך אַ יאַפּאַנעזישן זיג ווערן זעלבסטשטענדיק, איז דאָך אויסגעשלאָסן. און אויב שוין געפינען זיך אונטער דער אויבערהערשאַפט פון אַ גרויס־מאַכט, איז צווישן ענגלאַנד און יאַפּאַן אַן אונטערשייד באמת ווי צווישן טאָג און נאַכט. נאָך אַלעמען, איז די ענגלישע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון דער לעצטער צייט אַ היפּש ביסל ליבעראַלער, מענשלעכער ווי זי איז געווען מיט הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאָר צוריק. זינט דער וועלט־מלחמה אַליין האָט ענגלאַנד אויפגעשטעלט — טאַקע ניט אָן אַ קאַמף, אָבער פאָרט אויפגעשטעלט — די זעלבסטשטענדיקייט פון אירלאַנד, און — שוין אָן אַ קאַמף — פון עגיפּטן און פון איראַק. אויך אינדיע וועט אין גיכן זיך דערשלאָגן צום סטאַטוס פון אַ דאָמיניאָן — פון אַ פרייען מיטגליד פון דער בריטישער משפּחה פון פרייע פעלקער. אָבער וואָס עס דערוואַרט די קאָלאָניאַלע לענדער אונטער דער הערשאַפט פון דייטשלאַנד און פון יאַפּאַן, — וועגן דעם איז איבעריק צופיל מאריך צו זיין. יעדנפאַלס, קיין אויסזיכטן אויף פרייהייט אָדער אויף זעלבסט־רעגירונג וועלן זיי זיכער ניט האָבן.

דריטנס — וואָלט די אומוואַרפונג פון דער בריטישער אימ־פּעריע געשטעלט אין סכנה די פרייהייט פאַקטיש פון אַלע לענדער פון דער וועלט, גרויסע ווי קליינע, און דאָס וואָלט געווען דער אָנהויב פון אַ פאַרצויגענעם קאַמף פאַר דער העגעמאָניע איבער דער וועלט, וואָס דעם סוף זיינעם איז שווער פאָראויסצוזען. דאָס וואָלט געווען דער אָנהויב פון אַ נייער „חד גדיא" — אויב דייטשלאַנד וועט באַזיגן ענגלאַנד, וועט קומען יאַפּאַן און באַזיגן דייטשלאַנד, און נאָכדעם וועט קומען כינע און באַזיגן יאַפּאַן און אַז. וו. א. וו. אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

און דער איינציקער פּראַקטישער וועג ווי אַזוי צו פאַרמיידן אַט

די אומגליקן, איז קודם כל אַוועקצושטעלן אַ פּונקט, אַ סוף פּסוק צו דער בויאונג פון נייע אימפּעריעס . . . און דאָס ליגט ווידער אַמאָל אויף דעם וועג פון דער אויפהאַלטונג פון דעם סטאַטוס־קוואָ.

איצט זעען שוין כמעט אַלע, אַז די אויפשטעלונג נאָך דער מלחמה פון עפּעס אַ סיסטעם פון „קאָלעקטיווער זיכערקייט" איז פּשוט אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. דאָס, וואָס די מאָדערנע מלחמה־קונסט האָט אויסגעשפּרייט דעם מלחמה־פראָנט ביז צו די היימען פון יעדן מאַן, פרוי, קינד און זקן, און וואָס פאַר אַ לאַנד אָן אַ לופט־פלאָט פון, זאָגן מיר, פינף טויזנט עראָפּלאַנען (צוזאַמען מיט די פאַבריקן וואָס קענען זיי אויפבויען און רעמאָנטירן און מיט גענוג געזאָלין זיי צו באַטרייבן) איז איצט פּאַקטיש געוואָרן אוממעגלעך אָנצוהאַלטן זיין סואווערעניטעט, — דאָס מאַכט אומפאַרמיידלעך די אויפשטעלונג פון אַ סיסטעם פון „קאָלעקטיווער זיכערקייט". אָבער אויך אַזאַ סיסטעם וועט ווידער אַמאָל מוזן האָבן אַלס איר באַזיס — דעם סטאַטוס־קוואָ.

נאָכדעם ווי די וועלט וועט האָבן אָפּגעלעבט אונטער אַ סיסטעם פון „קאָלעקטיווער זיכערקייט", זאָגן מיר, פופציק אָדער הונדערט יאָר אָן מלחמות, וועלן אפשר די אַלטע אימפּעריעס צעפאַלן ווערן פון זיך אַליין. אָבער פאַרלויפיק איז עס העכסט אוטאָפּיש, און אפילו שעדלעך, צו טראַכטן וועגן דעם.

בכלל, דאַרף וועגן די אַלטע אימפּעריעס געזאָגט ווערן אומגעפער דאָס, וואָס אַ גלח זאָגט בעת ער פירט דורך אַ חתונה־צערעמאָניע: „וואָס גאָט האָט צוזאַמענגעפירט, זאָל קיין מענש זיך ניט דערוועגן פאַנאַנדערצושיידן". דאָרט וואו די צייט האָט אָפּגעווישט דעם באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער אַנדערשקייט און פון נאַציאָנאַלן אונטער־דריקט־זיין, איז פּשוט אַן עבירה צו צעפּיצלען אַ לאַנד. דאָס איז אמת בנוגע געוויסע פעלקער פון רוסלאַנד, למשל — לאָמיר, אגב, ניט פאַרגעסן, אַז אויך רוסלאַנד איז אַן אימפּעריע; בנוגע די פעלקער פון די בריטישע אינזלען, — נאַטירלעך, מיט דער אויסנאַם פון די אירלענדער; בנוגע די פעלקער פון אינדיע א. אז. וו. געוויס, יענע פעלקער, אין וועלכע עס לעבט דער געפיל פון נאַציאָנאַלער

אַנדערשקייט, זיינען באַרעכטיקט צו פרייהייט און צו זעלבסטשטענ־דיקייט. אָבער צו דערוואַרטן, אַז זיי קענען זייער פרייהייט געווינען דורך אַ שונא פון דרויסן, איז אוממעגלעך.

די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע פאַרשטייט זייער גוט דעם אימפּעריאַלן כאַראַקטער פון דער מלחמה. פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז שוין צום צווייטן מאָל אין אונזער צייט איז זי גרייט אַרייַנ־צוּוואַרפן יעדן מענטשן און יעדן דאָלער אירן אויף דער וואָגשאָל פון ענגלאַנד, כדי אָפּצוראַטעווען דעם אימפּעריאַלן סטאַטוס־קוואָ. אַמע־ריקע, וואָס זי אַליין האָט ניט קיין אייגענע אימפּעריאַלע — יעדנ־פאַלס, ניט קיין פּאָליטיש־אימפּעריאַלע — אַמביציעס, איז גרייט צו בלוטן פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער בריטישער אימפּעריע — פאַר וואָס? אוודאי, אַ געוויסע ראָל שפּילט דערביי די בלוט־, שפּראַך־ און קולטור־געמיינשאַפט, וואָס עקזיסטירט צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. ניט באַצוועקנדיק צו באַליידיקן, חס וחלילה, אַמע־ריקע, דערוועג איך זיך צו זאָגן, אַז הגם די פאַראייניקטע שטאַטן איז פּאָליטיש זעלבסטשטענדיק איז זי אָבער קולטורעל ביז אַ גע־וויסן גראַד נאָך אַלץ אַן ענגלישע קאָלאָניע. אָבער די הויפּט־ראָל שפּילט דערביי דאָס, וואָס אַמעריקע פילט, אַז די אומוואַרפונג פון דעם אימפּעריאַלן סטאַטוס־קוואָ וועט שטעלן אין סכנה די פרייהייט, די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג און די זעלבסטשטענדיקייט פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

סאָציאַליסטישע פּאַציפיסטן, וועלכע זיינען געווען קעגן אַמע־ריקע׳ס באַטייליקונג אין דער ערשטער מלחמה, און איזאָלאַציאָניסטן, וועלכע זיינען געווען קעגן אַמעריקע׳ס אַריינטריט אין דער איצ־טיקער מלחמה, — יענע פון זיי, וואָס איצט שטיצן זיי פאַרט די מלחמה־פּאָליטיק, פּרובירן דערקלערן זייער איצטיקע שטעלונג דער־מיט, וואָס אַזוי ווי אַמעריקע איז אָנגעגריפן געוואָרן איז קיין אַנדער ברירה ווי זיך צו פאַרטיידיקן ניטאָ. „רימעמבער פּוירל האַרבאָר!" — הייסט עס. די דאָזיקע רייד זיינען אָבער ניט מער ווי אַ היפּאָ־קריטישער פאַרזוך צו רעכטפאַרטיקן זייער פריערדיקע שטעלונג, מאַכנדיק דערביי דעם אָנשטעל ווי עס וואָלט גאָרניט געווען קיין ווידערשפּרוך צווישן דער פריערדיקער און דער איצטיקער שטעלונג

זייערע. דער אמת איז אָבער, אַז אויב אַמעריקע וואָלט געלאָזט יאַפּאַן טאָן וואָס זי וויל אין כינע — ווען זי וואָלט, למשל, אָנער־קענט מאַנטשוקאָ, — וואָלט יאַפּאַן קיין מלחמה אַמעריקע ניט דער־קלערט און ניט געמאַכט די אַטאַקע אויף „פּוירל האַרבאָר"; און אויב אַמעריקע וואָלט אַנגענומען די איזאָלאַציאָניסטישע פּאָזיציע, אַז עס איז ניט איר באַבעס דאגה וואָס דייטשלאַנד טוט מיט ענג־לאַנד, — וואָלט דייטשלאַנד ניט געשלאָסן קיין שותפות מיט יאַפּאַן און אַמעריקע וואָלט אין דער מלחמה ניט געווען. די מעשה איז אָבער, וואָס אַמעריקע האָט ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם וואָס יאַפּאַן טוט אין כינע און וואָס דייטשלאַנד טוט אין איראָפּע, — אויס דעם פּשוטן גרונט, וואָס ווען זי העלפט ניט איצט ענגלאַנד און כינע, וואָלט איר אויסגעקומען שפּעטער צו דאַרפן קעמפן איינע אַליין קעגן יאַפּאַן און קעגן דייטשלאַנד; וואָרים איר אייגענע פריי־הייט און צוקונפט איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם אימפּעריאַלן סטאַטוס־קוואָ און איז באַדינגט אויף זיין דערהאַלטונג.

נאַטירלעך, ניט אַלע אַמעריקאַנער פאַרשטייען דאָס. אָבער די פירער פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק האָבן דאָס פאַרשטאַנען די גאַנצע צייט. אויך ביי אונז פאַרשטייען דאָס ניט אַלע, און עס איז וויכטיק, אַז מיר זאָלן דאָס פאַרשטיין.

יאָ, דער זינען פון דער מלחמה איז אַ קאַמף פאַר דעם אימ־פּעריאַלן סטאַטוס־קוואָ.

אָבער אפשר דאַרפן מיר גאָר דאַנקבאַר זיין דעם שיקזאַל, וואָס ענגלאַנד באַזיצט אַן אימפּעריע און קען באַנוצן די רעסורסן פון איר גרויסער אימפּעריע אויף צו צעשמעטערן דעם ווילדן נאַצישן כח, און וואָס די אויפהאַלטונג פון דער אימפּעריע מאַכט איר צען־פאַך פאַראינטערעסירט אין אַרויסשטעלן אַן אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד דעם דאָזיקן דעסטרוקטיוון, פאַרשקלאַפנדיקן כח.

און וואָס איז שייך די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער און לענדער, קענען מיר זיך טרייסטן מיט דעם, אַז אויך זייער באַפריי־אונג ליגט, יעדנפאַלס, ניט אויף דעם וועג פון דעם אויפבוי פון נייע אימפּעריעס.

אַ נאַציאָנאַלע אָדער אַ סאָציאַלע מלחמה?

די דערוואַרטונג, אַז צוזאַמען מיטן סוף פון דער מלחמה וועט זיך האָבן פאַרענדיקט דער קאַפּיטאַליסטישער פּעריאָד און עס וועט זיך אָנהויבן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, איז באַגרינדעט אויף עטלעכע, — אפשר אומבאַוואוסטזיניקע, — הנחות, וועלכע זיינען דער פונדאַמענט פון דער דאָזיקער דערוואַרטונג.

די ערשטע הנחה איז, אַז די פאָלקס־מאַסן אַליין האָבן ניט קיין אייגענעם אינטערעס אין מלחמה, ניט אין דער איצטיקער און ניט אין וועלכער עס איז אַנדער מלחמה; אַז זיי פירן מלחמה בלויז כדי צופרידנשטעלן עפּעס אַ קיסר אָדער אַ פירער; אַז אַט דער קיסר, פירער, אָדער דאָס לאַנד, דאַרף נאָך דער מלחמה באַלויגען זיי דער־פאַר, וואָס זיי האָבן זיך פאַר אים געשלאָגן; און אויב באַלוינען, וואָס־זשע פאַר אַ בעסערע באַלוינונג קען מען זיי געבן ווי סאָציאַליזם, נאָך וועלכן זיי „כאַלעשיען" ממש אַוועק?

די צווייטע הנחה איז, אַז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מלחמה איז דער קאַפּיטאַליזם און זיין קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, און אַזוי ווי די פאָלקס־מאַסן קענען שוין מער ניט אַריבערטראָגן די אומגליקן וואָס מלחמה ברענגט זיי, מוזן זיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צום קאַפּי־טאַליזם, דעם גורם פון מלחמה.

די דריטע הנחה איז, אַז דער הויפּט זינען פון דער מלחמה איז אַן אידעאָלאָגישער; אַז דאָ קומט פאַר אַ צוזאַמענשטויס צווישן פאַשיזם, וועלכער וויל מיט גוואַלד איינהאַלטן דעם גוסס'דיקן קאַפּי־טאַליזם, און סאָציאַליזם; און וויבאַלד אַזוי, מוז צוזאַמען מיט דעם באַזיגטן פאַשיזם אויך דער קאַפּיטאַליזם אויסהויכן זיין טריפה'נע נשמה.

אַט די אַלע הנחות זיינען, לויט מיין מיינונג, פאַלש פון אָנהויב ביזן סוף.

די ערשטע הנחה. —

עס איז פאַלש אָנצונעמען, אַז די פאָלקס־מאַסן פירן מלחמה צוליב אימיצן אַנדערש. דער פאַקט איז, אַז גראָד די ברייטע פאָלקס־שיכטן זיינען די וואַרימסטע אָנהענגער פון דעם „רום און גרויסקייט פון דער נאַציע", פאָדערן די אָפּהיטונג פון דעם „כבוד פון לאַנד",

פאַרהערלעכן דעם רעגירונגס־פירער וואָס שפּרייט־אויס די גרעניצן פונם לאַנד און דעם קריגס־פירער וואָס האַלט אַפּ נצחונות, פאַר־דאַמען דעם טרוס און וואַרפן אַרונטער פון זאַטל דעם רעגירער אָדער פירער, וואָס ברענגט ניט קיין זיגן א. אַז. וו. — און דאָס אַלץ פירט צו מלחמה און זאָגט עדות, אַז די פאָלקס־מאַסן גיבן זייער הסכמה אויף מלחמה. דוכט זיך, קיינער וויל אייגנטלעך ניט קיין מלחמה, אָבער אין אמת'ן, ווייזט אויס, ווילן אַלע מלחמה. אין אמת'ן איז קיינער ניט קעגן מלחמה. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי — צי איז דאָס אַ בלוט־ירושה פון די פּרימיטיווע צייטן, אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ פאַלשער דערציאונג, — דאָס מוז איבערגעלאָזט ווערן פאַר וויסנ־שאַפטסלייט און פּסיכאָלאָגן אויסצופאָרשן. אָבער די טאַטזאַך איז, אַז די ברייטע מאַסן זיינען בשום אופן ניט אומשולדיק אין די מלחמות. יעדנפאַלס, ווען די מאַסן וואָלטן ווירקלעך געוואָלט קעגן מלחמה, וואָלט קיין מאַכט אין דער וועלט זיי ניט געקענט צווינגען צו גיין אין מלחמה.

און וויבאַלד דאָס פאָלק אַליין „וויל" מלחמה, איז פאַלש אָנ־צונעמען אַז ווער־עס־איז איז אים שולדיק אַ „באַלוינונג", און אויב אפילו יאָ אַ באַלוינונג, איז פאַרוואָס זאָל די באַלוינונג זיין דווקא סאָציאַליזם? אפשר וועט עס גאָר זיין . . . אַ באָנוס? אַגב, וואו זיינען די באַווייזן, אַז די מאַסן גלוסטן אַזוי שטאַרק נאָך דעם סאָציאַ־ליזם? ווען זיי זאָלן ווירקלעך וועלן סאָציאַליזם, קענען זיי עס דאָך קריגן אויף אַ דירעקטן וועג, און ניט אויף דעם קרומען אומוועג פון מלחמה־פירונג קעגן אַנדערע פעלקער און לענדער.

— די צווייטע הנחה.

ווי אַזוי מ'קען דעם קאַפּיטאַליזם האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מלחמה איז פאַר מיר אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעך. לויט מיין מיינונג, איז דאָס פּראָסט־פּשוט אַ בלבול, אַ בלוט־בלבול, אויף דעם קאַפּי־טאַליזם.

זעען מיר דאָך, אַז מלחמות זיינען פאָרגעקומען אַלעמאָל, אונ־טער אַלע סאָציאַלע רעזשימען. זעען מיר דאָך, אַז די גרויסע אימ־פּעריעס זיינען געבויט געוואָרן גראַד אין די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע צייטן. זעען מיר דאָך, אַז גראַד אין דעם פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם זיינען אויפגעקומען גרויסע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען —

מערקווירדיק, אפילו דער ציוניזם איז אנטשטאנען אין דער קאפי־טאליסטישער ערא — און א רייע פעלקער זיינען באפרייט געווארן פון פרעמדן יאך. זעען מיר דאך, ווי גראד אין דער קאפיטאליס־טישער צייט איז דער אמעריקאנער קאנטינענט פריי געווארן פון דעם יאך פון ענגלאנד און שפאניע; זיינען באפרייט געווארן די באלקאנישע פעלקער און די באלטישע פעלקער; זיינען פריי געווארן פוילן און בעהמען; איז אויפגעלייזט געווארן די עסטרייכישע אימ־פעריע, מאכנדיק א סוף צו דער הערשאפט פון די גערמאנען איבער די סלאוון; איז אויפגעלייזט געווארן די אטאמאנישע אימפעריע, באפרייענדיק טיילווייז די פעלקער פון מיטל־מזרח און אז. וו. אין אנגעזיכט פון אט די לעבעדיקע פאקטן, ווי אזוי קען מען גאר בא־שולדיקן דעם קאפיטאליזם אין מלחמה און אין אימפעריאליזם?

אמת, די קאפיטאליסטישע עקאנאמיע בויטיקט זיך, פון איין זייט, אין אן אויסגעברייטערטן מארק און, פון דער אנדערער זייט, אין קוואלן פון רויע מאטעריאלן, וועלכע געפינען זיך אפט אין ווייטע מקומות. אבער ווער זאגט עס, אז מ׳קען ניט האנדלען מיט א לאנד, קויפנדיק זיינע רויע מאטעריאלן און פארקויפנדיק אים פארטיקע פראדוקטן, סיידן מ׳באהערשט אים פאליטיש? וויל מען מעסטן קאפיטאליסטישע טענדענצן, דארף מען ניט נעמען פאר א מוסטער די אייראפעאישע לענדער, וועלכע ליידן נאך ביז היינטיקן טאג פון די שעדלעכע ירושות וואס דער פעאדאליזם האט זיי איבערגעלאזט, נאר די פאראייניקטע שטאטן, דאס איינציקע ריין קאפיטאליסטישע לאנד אן וועלכע־ניט־איז פעאדאלע ירושות. און וואס ווייזט אונז די פאראייניקטע שטאטן אין הינזיכט פון אימפעריאליזם?

אט האט די פאראייניקטע שטאטן מיט עטלעכע־אכציק יאר צוריק אויפגעבראכן דעם דורות־אלטן שלאס מיט וועלכן יאפאן איז געווען פארשלאסן פאר דער איבעריקער וועלט — נו, האט זי געזוכט יאפאן צו באהערשן פאליטיש? זוכט די פאראייניקטע שטאטן פאליטיש צו באהערשן כינע, אדער אפילו די דרום־אמעריקאנישע לענדער? פארקערט, מיר זעען ווי די פאראייניקטע שטאטן באפרייט זיך ביס־לעכווייז אפילו פון דעם ביסל אימפעריאליזם, וואס זי האט באקומען בירושה פון דעם שפאניש־אמעריקאנישן קריג. און מיר זעען, אז

דאָס שטערט ניט אויף דאָס מינדסטע די אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּי־טאַליזם. אָט האָט אַמעריקע ניט קיין אייגענע קאַווע, — נו, טרינקען מיר דען ניט שוין אפשר צופיל קאַווע? און אָט האָט אַמעריקע ניט קיין גומי (ראַבער), — נו, האָט עס איר דען געשטערט צו אַנטוויקלען די גרעסטע אויטאָמאָביל־אינדוסטריע אין דער וועלט? און אַז מ'האָט שוין רוי־מאַטעריאַל אין די אייגענע גרעניצן, קאָסט דען ניט קיין אַרבעטס־הוצאות אים צו פּראָדוצירן? משמעות, אַז בלויז פאַר מלחמה־צוועקן איז נויטיק צו האָבן אַלע רוי־מאַטעריאַלן דווקא אין די אייגענע גרעניצן.

אַלץ, צו וואָס די אויסברייטערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע האָט געפירט, איז די פאַראייניקונג פון אַזעלכע לענדער ווי איטאַליע און דייטשלאַנד, וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן אין אַ צושטאַנד פון צעפּיצלונג דורך דעם פעאָדאַליזם — און דאָס איז דאָך זיכער אַ ווינשנסווערטע זאַך. אין פרעמדע לענדער, אָבער, נויטיקט זיך דער קאַפּיטאַליזם בלויז אין אַן „אָפענער טיר" צו קענען דאָרט טאָן מסחר. צי דער קאַפּיטאַליזם נויטיקט זיך טאַקע אין פּאָליטישער דאָמינאַציע איבער פרעמדע לענדער, איז אַ גרויסער ספק. עס קען גאָר זיין, אַז מיט אַ פריי פאָלק קען מען טאָן מער מסחר איידער מיט אַ פאַרשקלאַפטן פאָלק.

אמת, געמאַכט אַ סוף צו מלחמה האָט דער קאַפּיטאַליזם ניט. אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין באַווייז, אַז מלחמה ליגט אין דער „נאַטור" פון דעם קאַפּיטאַליזם. און דאָס איז נאָך ניט קיין באַווייז, אַז עס וועט זיך ניט איינגעבן טאַקע אין דער קאַפּיטאַליסטישער צייט אויפצושטעלן אַ סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערקייט, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו מלחמה. און אויב עס וועט זיך ניט איינגעבן צו מאַכן אַ סוף צו מלחמה אונטערן קאַפּיטאַליזם, — איז פונוואַנען איז גע־דרונגען, אַז אונטערן סאָציאַליזם וועט זיך עס יאָ איינגעבן? דער־וויייל זעען מיר, אַז גראָד די אַרבעטער, איינגעשלאָסן אפילו די לייבאָר־פּאַרטיי אין אויסטראַליע, זיינען די גרעסטע קעגנער פון פרייער אימי־גראַציע. און פאַרוואָס עפנט ניט סאָוועט־רוסלאַנד אירע פוסטע פעלדער פאַר אימיגראַנטן פון אַנדערע לענדער, פאַר די „ברידער־אַרבעטער" פון אַנדערע לענדער און ראַסן? אָט דער מאָנאָפּאָליזם

איבער באַדן, וואָס אויך „אַרבעטער" האַלטן זיך פאַר אים פעסט, קען פירן צו מער מלחמות ווי דער קאַפּיטאַליזם.

און וויבאַלד דער קאַפּיטאַליזם איז ניט דער פאַראורזאַכער פון מלחמה, אָדער ער איז יעדנפאַלס ניט די איינציקע סיבה פון מלחמה, איז דאָך ניט לאַו־דווקא אַז כדי צו מאַכן אַ סוף צו מלחמה מוז מען מאַכן אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם.

די דריטע הנחה. —

אויך איז פאַלש די הנחה, אַז די מלחמה איז אַ קאַמף צווישן סאָציאַליזם און פאַשיזם. שוין דאָס אַליין, וואָס ענגלאַנד און אַמע־ריקע שטייען אין דער מלחמה אויף דער זעלבער זייט ווי סאָוועט־רוסלאַנד איז געגנוג אַפּצולייקענען די דאָזיקע הנחה. סיידן מ׳זאָל אָננעמען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה־פירער פון אַמעריקע און פון ענגלאַנד פאַרשטייען אַליין ניט וואָס זיי טוען און אַז די איינציקע וואָס שאַצן ריכטיק אָפּ די לאַגע זיינען די איזאָלאַציאָניסטן און די פאַשיסטן, — און דאָס איז אַן אַבסורד.

די דערוואַרטונג פון סאָציאַליזם אַלס פועל־יוצא פון דער מלחמה, אחוץ דעם וואָס זי איז ביי סאָציאַליסטן אַ „קינד פון וואונש", נעמט זיך אויך פון דעם גוואַלדיקן פאַרנעם פון דער איצטיקער מלחמה, פון דעם וואָס זי ציט אַריין אין איר קעסל־גרוב יעדן מאַן, פרוי און קינד, און וואָס זי טרייסלט אויף דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פון די באַטייליקטע לענדער און פון דער וועלט בכלל. אַמאָליקע מלחמות האָבן ניט צעטרייסלט דאָס גאַנצע לעבן. מ׳האָט צוגענומען דעם מאַן אָדער דעם זון און אים אַוועקגעשיקט צום פראָנט, אָבער די אַרבעט און דאָס לעבן אויף דער פּערמע איז זיך אָנגעגאַנגען כמעט אַזוי בּאַרמאָל ווי פריער. אַ געוויסע צאָל פאַבריקן האָבן פּראָ־דוצירט מלחמה־מאַטעריאַלן, אָבער דאָס איבעריקע עקאָנאָמישע לעבן איז זיך ווייטער געגאַנגען מיטן אַלטן שטייגער. איצט איז אָבער אַנדערש. די מלחמה צעטרייסלט דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן ביז צו זיינע סאַמע וואָרצלען. אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז אַן אַמאָליקע מלחמה קען פאַרגליכן ווערן צו אַ שטיין, וואָס ווערט אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, מוז מען די איצטיקע מלחמה פאַרגלייכן צו אַ שיף, וואָס ווערט געזונקען, פאַרמירנדיק אַ ריזיקן קעסל־גרוב וואָס שלעפּט אַריין

אין דעם „נאַסן קבר" אַלץ וואָס געפינט זיך אויף אַ גרויסן שטח אַרום און אַרום.

געוויס, די פּראָבלעמען פון צוריקגאַנג צו אַ פרידנס־פּראָדוקציע און פון רעקאָנסטרוקציע בכלל נאָך דער מלחמה זיינען, אָן ספק, אומגעהייערע. אָבער עס איז ניטאָ קיין באַווייז, אַז דאָס איז איבער די כחות פון דעם קאַפּיטאַליזם און אַז ער וועט צוליב דעם מוזן דעמיסיאָנירן, אָפּטרעטן זיין פּלאַץ פאַר דעם סאָציאַליזם. די באַטירלעכע הייל־קראַפט פון אַ געזעלשאַפט, ווי פון אַ יחיד, איז אַליין אַ גוואַלדיקער כח ביים געזונט־מאַכן אַ קראַנקן קערפּער.

אוודאי, עס וועלן זיך פאָדערן גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען און וויטזיכטיקע פּירערשאַפט אַריבערצופירן די וועלט פון דער מלחמה־ווירטשאַפט אויף אַ פרידנס־ווירטשאַפט. מ'וועט דאַרפן שפּייזן הונגעריקע, רעסטאַווירן חרוב'ע לענדער, אויפבויען נייע האַנדלס־קאַנאַלן, צושטעלן רוי־מאַטעריאַלן און מאַשינען א. אַז. וו. אָבער אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט דאָס ניט קענען באַווייזן און וועט צוזאַמענברעכן אין דעם פּרואוו — דאָס אָנצונעמען איז קיין אורזאַך ניטאָ.

אָט איז דאָ ניט לאַנג פאַרגעקומען אין ניו־יאָרק אַ קאָנפערענץ פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט" פון דער פעלקער־ליגע. דאָרט איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן אָט די און ענלעכע מאָסנאַמען, וואָס וועלן זיך פאָדערן אום צו רעסטאַווירן די פרידנס־עקאָנאָמיע. דאָרט איז דערצו אויך באַטאָנט געוואָרן די נויטווענדיקייט פון העכערע סטאַנדאַרדס פון אַרבעטס־ און לעבנס־ באַדינגונגען. אָבער אַפילו דאָרט איז ניט אויסגעדריקט געוואָרן קיין ספק, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז ביכולת די דאָזיקע רעאָרגאַניזאַציע דורכצופירן.

מיר מוזן דעריבער ציען דעם שלוס, אַז סאָציאַליזם וועט קומען ניט פריער ווי די פאָלקס־מאַסן וועלן זיך איבערצייגן, אַז אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג איז טאַקע בעסער פון דער קאַפּיטאַליסטישער, אָבער ניט אויף דעם וועג פון קאַטאַסטראָפע, אויף דעם וועג פון מלחמה, אויך ניט אויף דעם וועג פון דער איצטיקער מלחמה, וואָרים די טאַטזאַך איז, אַז די איצטיקע מלחמה, ווי אַלע מלחמות, איז ניט קיין סאָציאַלע נאָר אַ נאַציאָנאַלע.

אויב דער לעזער וויל זיך איבערצייגן, צי מיין אַנאַליז פון די סיבות און פון דעם טיפערן זינען פון דער מלחמה איז אַ ריכטיקער, — קען ער דאָס גרינג טאָן דורך איבערלייענען דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער", וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן צווישן פּרעזידענט רוזוועלט און ווינסטאָן טשוירטשיל.

דער גאַנצער „אַטלאַנטיק טשאַרטער" באַשטייט פון קאַרגע הונ־דערט ווערטער, איינגעטיילט אין 8 פּאַראַגראַפן. אָבער גראָד די קורצקייט און קאָמפּאַקטקייט פון אָט דעם דאָקומענט זאָגט עדות, אַז יעדער וואָרט איז גוט דורכגעטראַכט און דורכקאָנטראָלירט געוואָרן און איז אַ פּועל־יוצא פון פאַרהאַנדלונגען און דינגעניש צווישן אָט די צוויי רעאַליסטישע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן דערצו נאָך געהאַט דעם ראָט פון נאָך מער פּראַקטישע און רעאַליסטישע זאַך־קענער.

און וואָס זאָגט דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער"?

איר וועט אין אים ניט געפינען קיין איין־איינציקן וואָרט, ניט וועגן דער איינפירונג פון דעמאָקראַטיע און ניט וועגן דער אָפּשאַפונג פון אימפּעריאַליזם. דער איינציקער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע, פאַר וועלכן דער דאָזיקער דאָקומענט שטעלט זיך איין, איז דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע פאַר פעלקער, דער פּרינציפּ אַז יעדער פאָלק דאַרף האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען זיין אייגענע רעגירונגס־פאָרם. און דער איינציקער פּרינציפּ פון אַנטי־אימפּעריאַליזם, וואָס ווערט דאָרט פאָרמולירט, איז, אַז קיינע טעריטאָריעלע ענדערונגען זאָלן ניט געמאַכט ווערן אָן דער הסכמה פון די פעלקער וואָס וואוינען אין די דאָזיקע טעריטאָריעס, און אַז ניט די פאַראייניקטע שטאַטן און ניט בריטאַניע וועלן פון דער מלחמה ניט באַרייכערט ווערן מיט נייע טעריטאָריעס (אָבער דאָ דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז דורך „זעלבסט־באַשטימונג" קענען יאָ אַזעלכע באַרייכערונגען פאָרקומען).

אמת, איר וועט אין דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער" געפינען פונקטן וועגן דער פרייהייט פון די ימים, וועגן פרייען אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, וועגן אַנטוואָפענען די אַגרעסיווער־פעלקער, וועגן פאַרקלענערן די לאַסט פון באַוואָפענונג, וועגן פאַרזיכערן דעם פרידן — אָבער דאָס אַלץ זיינען בלויז אַנדערע ווערטער פאַר דעם געדאַנק פון אויפהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ.

איר וועט אין דעם טשאַרטער אפילו געפינען אַ פונקט וועגן קאָאָפעראַציע אויף אַ וועלט־פאַרנעם כדי צו פאַרזיכערן „פאַרבעסערטע אַרבעטס־סטאַנדאַרדס, עקאָנאָמישע אויסגלייכונגען (אַדזשאַסטמענטס) און סאָציאַלע זיכערקייט", און אַ פונקט וועגן „באַפרייאונג פון מורא און פון נויט" — אָבער דאָס אַלץ מיינט בשום אופן ניט סאָציאַליזם. דאָס מיינט בלויז געבן אַ געלעגנהייט די באַזונדערע פעלקער צו קענען שליכטן זייערע סאָציאַלע פּראָבלעמען אינלענדיש און ניט דורך אַוואַנטיורעס אויסער זייערע גרעניצן, וואָס קען אומוואַרפן דעם אימפעריאַלן סטאַטוס־קוואָ.

דער אונטערצי איז, אַז אויב מיר ווילן זיך אַליין ניט פאַרוויגן מיט פאַלשע אילוזיעס, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז דער זינען פון דער מלחמה איז אַ קאַמף פאַר דעם סטאַטוס־קוואָ, און דער הויפּט־ציל פון דעם צוקינפטיקן שלום וועט זיין דעם סטאַטוס־קוואָ צו זיכערן.

עס בלייבט אונז בלויז אויסצודריקן די האָפענונג, אַז די פול־שטענדיקע באַפרייאונג פון אַלע פעלקער פון דער וועלט וועט סוף־כל־סוף דערגרייכט ווערן טאָקע דורך דעם וועג פון דעם סטאַטוס־קוואָ. יעדנפאַלס, אויף דעם וועג פון בויען נייע אימפעריעס קען דער דאָזיקער אידעאַל זיכער ניט דערגרייכט ווערן.

דער שלום וואָס וועט קומען נאָך דער מלחמה

ריין־ראַציאָנעל קען באַוויזן ווערן מיט מאַטעמאַטישער גענויאי־קייט, אַז דער אימפּעריאַליסטישער שפּיל לוינט זיך ניט פאַר די פעלקער; אַז ער איז אַן אומגליק אפילו פאַר יענע פעלקער וועלכע זיינען העכסט דערפאָלגרייך אין אים; אַז ער איז אַ שפּיל פון און פאַרן טייוול.

און ניט נאָר **קען** דאָס באַוויזן ווערן, נאָר דאָס איז **טאַקע** באַוויזן געוואָרן. ספּעציעל האָט זיך אין אָט דעם געביט אויסגע־צייכנט דער ענגלישער נאָבעל־פּרייז געווינער, סיר נאָרמאַן איינ־דזשעל. פאַר דעם משך פון העכער דריי צענדליק יאָר האָט ער דורך וואָרט און שריפט זיך באַמיט דאָס צו באַוויזן — און דער אָביעקטיווער לייענער און צוהערער מוז צוגעבן, אַז ער איז געווען היפּש דערפאָלגרייך אין דעם.

נאָרמאַן איינדזשעל האָט באַוויזן, אַז קאָלאָניעס קענען ניט ליזן די פּראָבלעם פון איבערבאַפעלקערונג;

[די דייטשע עמיגראַציע אין די אַפריקאַנישע קאָלאָניעס וואָס האָבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו דייטשלאַנד (דייטשע מזרח־אַפריקע, דייטשע דרום־מערב אַפריקע, קאַמעראָן, טאָגאָלאַנד) האָט אין דורכשניט באַטראָפן ניט מער ווי 1500 אַ יאָר, און דער סך־הכל דייטשן וואָס האָבן אין 1911 זיך געפונען אין אָט די אַלע קאָלאָניעס האָט באַטראָפן ניט מער ווי קאַרגע 16 טויזנט. אין עריטריע האָבן די איטאַליענער אין 40 יאָר צייט באַוויזן צו באַזעצן אויף ערד ניט מער ווי 85 קאָלאָניסטן. און דער קאָלאָניזאַטאָרישער דורכפאַל זייערער האָט זיך גענומען ניט אַזוי פון דעם וואָס דער אייראָפּייער קען זיך ניט צופּאַסן צום דאָרטיקן קלימאַט, נאָר הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס פאַר אייראָפּעאישע אַרבעטער איז אומ־מעגלעך צו קאָנקורירן מיט דער ביליקער אָרטיקער אַר־בעט. אפילו די יאַפּאַנעזער קענען ניט קאָנקורירן מיט דער ביליקער אַרבעט פון די קאָריער און מאַנטשוריער.

די פּראָבלעם פון איבערבאפעלערונג קען שוין גיכער און בעסער געלייזט ווערן אויף די ערטער — דורך אַנט־וויקלען די אינדוסטריע און דעם עקספּאָרט. אַט האָבן עטלעכע טויזנט אינדיאַנער אין נאָרד־אַמעריקע געפירט מלחמות צווישן זיך פאַר יאַגד־לענדערייען — בעת אויף דעם זעלביקן שטח לעבן איצט העכער הונדערט מיליאָן אַמעריקאַנער, און עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר נאָך אַ סך מער, און זייער לעבנס־סטאַנדאַרד איז אַזאַ, אַז דער אינדיאַנער האָט אפילו ניט געקענט חלומען וועגן דעם. און אַט האָט דייטשלאַנד אויפגעהערט עקספּאָרטירן מענשן אַזוי שנעל ווי זי האָט אָנגעהויבן עקספּאָרטירן סחורה.]

ער האָט באַוויזן, אַז קאָלאָניעס זיינען ניט נויטיק אַלס קוואַלן פון רויען מאַטעריאַל;

[דער אמת איז דאָך, אַז די פעלקער וואָס פּראָדוצירן רויען מאַטעריאַל ווילן עס ניט האַלטן פאַר זיך, נאָר זוכן עס צו פאַרקויפן; זייער הויפּט זאָרג איז דאָך גאָר ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם רויען מאַטעריאַל. דער אמת איז דאָך, אַז עס איז פאַראַן ניט צו וועניק רויער מאַטעריאַל, נאָר צו פיל. די פּראָבלעם, מיט וועלכער עס וואָרגן זיך די לענדער וואָס פּראָדוצירן רוי־מאַטעריאַל, איז גאָר ווי אַזוי די פּראָדוקציע פון רויען מאַטעריאַל צו באַגרעניצן. און ווען דער רויער מאַטעריאַל געפינט זיך שוין אין די גרעניצן פון דעם אייגענעם לאַנד, קען מען אים דען באַ־קומען פריי, אָן געצאָלט? און די לענדער, וועלכע האָבן אין די אייגענע גרעניצן דעם גאַנצן רויען מאַטעריאַל וואָס זיי דאַרפן, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן,ליידן דען ניט פון די כאַראַקטעריסטישע עקאָנאָמישע צרות פון אונזער צייט גענוי אַזוי ווי די לענדער וואָס זיינען ניט זעלבסט־גענוגנד, ווי ענגלאַנד און די סקאַנדינאַווישע לענ־דער? און איז דען ניט אַ פאַקט אַז אַ סך לענדער וואָס זיינען ניט זעלבסט־גענוגנד האָבן באַוויזן צו דערגרייכן אַ זייער הויכן סטאַנדאַרד פון לעבן און פון ציוויליזאַציע, בעת אַ סך לענדער וואָס זיינען זעלבסט־גענוגנד האָבן גראָד אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד? די איינציקע פּראָ־בלעם, וואָס אַנטשטייט ביים קויפן רויען מאַטעריאַל, איז ווי אַזוי פאַר אים צו באַצאָלן. אָבער די שוועריקייטן ביים פינאַנסירן דעם קויף פון רויען מאַטעריאַל זיינען ניט באַגרעניצט אויף לענדער, וואָס „פאַרמאָגן" ניט קיין

קאַלאָניעס; מיט אַט דער פּראָבלעם קומט אויס צו ראַנג־לען זיך אויך יענע לענדער וואָס „פאַרמאָגן" יאָ קאָלאָניעס, אויס דעם פּשוטן גרונט וואָס די קאָלאָניעס זיינען גאַנץ קליינע פאַרברויכער פון סחורות און דאָס ביסל וואָס זיי קויפן יאָ איז ניט געניגנד צו באַצאָלן פאַר דעם רויען מאַטעריאַל. און אַט די שוועריקייטן קענען ניט בייגע־קומען ווערן ניט דורך קאָלאָניעס, ניט דורך ווערן זעלבסט־געניגנד און ניט דורך אויפשטעלן היכע אָפּצאָל־טאַריפן אום ניט אריינצולאָזן די פּראָדוקטן פון אַנדערע לענדער. נאָר גראָד פאַרקערט — דורך לעבן אין פריינטשאַפט מיט שכנישע פעלקער, דורך אויסשפּרייטן דעם אויסלענדישן האַנדל.]

און ער האָט באַוויזן, אַז אויך אַלס מערק אויף אָפּצוזעצן סחורה זיינען קאָלאָניעס ניט נויטיק.

[דער פאַקט איז, אַז די מערק פון די קאָלאָניעס זיינען אומבאַדייטנדיק. דער גאַנצער סחורות־עקספּאָרט פון ענג־לאַנד, למשל, צו אירע קאָלאָניעס (אַחוץ די דאָמיניאָנס) באַטרעפט ניט מער ווי 40 מיליאָן אַ יאָר. און דער דייטשער עקספּאָרט צו אירע קאָלאָניעס האָט אין 1912 באַטראָפן ניט מער ווי עטוואָס העכער פון אַ האַלבן פּראָ־צענט פון איר גאַנצן עקספּאָרט. פון דער אַנדערער זייט, זעען מיר, אַז עס איז גאָרניט נויטיק פּאָליטיש צו באַ־הערשן אַ לאַנד כדי צו פירן געשעפטן מיט איר. אָט האָט ענגלאַנד אין 1929 פאַרקויפט צו קאַנאַדע, וועלכע „באַ־לאָנגט" צו איר, סחורה אין ווערט פון העכער 182 מיליאָן דאָלער, בעת די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס קאַנאַדע „גע־הערט" ניט צו איר, האָט אין דעם זעלביקן יאָר פאַר־קויפט דאָרט סחורה פאַר העכער 948 מיליאָן דאָלאַר; און די סקאַנדינאַווישע לענדער זיינען אַ בעסערער מאַרק פאַר ענגלישע סחורה איידער אויסטראַליע. אין די פיליפּינער אינזלען, ווידער, וועלכע האָבן געהערט צו די פאַראייניק־טע שטאַטן, האָט אַמעריקע פאַרקויפט סחורה אין ווערט פון ניט מער ווי עפּעס איבער 85 מיליאָן דאָלאַר.]

און ער האָט באַוויזן, אַז די איינציקע, וואָס געווינען פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, זיינען די קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגס שיכטן, אָבער ניט די אַרבעטער און ניט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל.

[ווען בריטישע אינוועסטאָרס עפענען אַ באַוול־פאַבריק אין באָמביי, וואו אַרבעטער קריגן אין שכירות 10 סענט אַ טאָג, מוז עס אויסאיבן אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף דער באַוול־אינדוסטריע אין דעם מוטערלאַנד און פאַבריקן אין לאַנקאַשיר הויבן זיך גאָר איינגיכן אָן צו פארמאכן. דאָס זעלבע פאסירט אין אַמעריקע ווען אמעריקאנער באַנקירן פינאַנסירן פאבריקן אין די פיליפינער אינזלען. פאַר די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן פון ענגלאַנד און פון אמע־ריקע איז שוין גלייכער, אַז אינדיע און די פיליפינער אינז־לען זאָלן זיין זעלבסטשטענדיק, און פאר די אַרבעטער אוודאי. דעמאָלט קענען זיי דאָך יעדנפאלס בעסער באַ־שיצט ווערן קעגן דער ביליקער אַרבעט פון די אומאַנט־וויקלטע קאָלאָניאַלע לענדער איידער ווען יענע לענדער זיינען אַ טייל פון דער אייגענער אימפעריע.]

די אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן אין די קאָלאָניאַלע לענדער שפּילן, אמת, אַ באדייטנדע ראָליע ביים פינאַנסירן קניות פון רויע מאטע־ריאלן אויפן וועלט־מארק. ערב דער איצטיקער מלחמה האָבן די ענגלישע אינוועסטירונגען אין די קאָלאָניעס און אין פרעמדע לענדער בכלל באטראָפן די ריזיקע סומע פון 20 ביז 25 ביליאָן דאָלער, וואָס די הכנסה דערפון איז געווען בערך אַ ביליאָן דאָלער אַ יאָר. אָבער אַז מ׳בארעכנט וויפיל עס קאָסטן אָפּ די מלחמות כדי די קאָלאָניעס איינצוהאלטן; אַז מ׳זעט ווי ענגלאנד איז אין דער איצטיקער מלחמה דערוויל שוין געצוואונגען געווען צו ליקווידירן אַ גוטן דריטל פון אירע אויסלענדישע אינוועסטירונגען און ביז די מלחמה וועט זיך האָבן פאַרענדיקט וועט זי אפשר האָבן ליקווידירט אַלע אויסלענדישע אָפּשפּאָרונגען אירע, — דעמאָלט מוז מען, דוכט זיך, קומען צום שלוס, אַז דער גאנצער עסק מיט די קאָלאָניעס לוינט זיך נית.

אָט דאָס אַלץ האָט באָרמאָן איינדזשעל באוויזן אין זיינע צאָל־רייכע ווערק און ארויסטרעטונגען. און ער איז נית געווען דער איינ־ציקער ענגלענדער, וואָס האָט אזוי געגלויבט. אייגנטלעך גייט באָר־מאַן איינדזשעל אין די פוס־טריט פון דעם בארימטן ענגלישן ליבע־ראַל ריטשארד קאָבדען, וועלכער האָט נאָך מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק דערקלערט, אַז „דער האַנדלס־ארגומענט לטובת עקס־פּאַנסיע איז נית אינגאנצן איבערצייגנדיק . . . דער אימפעריאליזם

מוז זוכן זיין בארעכטיקונג, אויב ניט זיינע אורזאכן, אין אַנדערע ריכטונגען"; אין די פוס־טריט פון דער אזוי גערופענער „מאַנ־טשעסטער שיטה", וואָס האָט געגלויבט אין פרייען וועלט־האַנדל, אין ניט מישן זיך אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון פרעמדע לענ־דער, ד. ה. אין ניט־אינטערווענציע, אין שלום; אין די פוס־טריט פון דער אמאָליקער ליבעראַלער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטן אַז דער ענגלישער האַנדל ווערט גאָר געשטערט דורך דעם באַזיץ פון קאָלאָ־ניעס און אַז דאָס לאַנד וואָלט געווען רייכער און שטארקער אָן זיי; און ווען די ליבעראַלע פּאַרטיי איז געווען די אָנפירערין פון דער רעגירונג, מיט גלאַדסטאָונען אַלס פּרעמיער־מיניסטער (מיט וועלכע 60—70 יאָר צוריק) איז די רעגירונג גופא געשטאַנען אויפן שטאַנד־פּונקט, אַז די גאַנצע אימפּעריע איז ניט מער ווי „אַ פּעסל אָן רייפן", אַז עס וואָלט געווען בעסער פאַר דעם מוטערלאַנד ווען די אימפּעריע ווערט אויפגעלייזט, און גאַנץ ענגלאַנד איז דעמאָלט ארומגעכאַפּט גע־וואָרן מיט אַן „אויפלייזונגס"־כוואַליע, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד אַלס „די דיסמעמבערמענט־קרעיז".

ווי אזוי ווערט מען פּטור פון דעם אימפּעריאַליזם?

פונדעסטוועגן האָבן מיר געזען, אַז געזיגט האָט ניט גלאַדסטאָון, נאָר „די פּרימראָוז ליג", וועלכע האָט באַקעמפט גלאַדסטאָונען און האָט פאַרשפּרייט די אימפּעריאַליסטישע געדאַנקען פון דיזראַעלין; וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דער „אָנהאַלטונג פון רעליגיע, פון די גיטער פון דער מלוכה און פון דער אימפּעריאַלער איבער־הערשאַפט פון גרויס־בריטאַניע".

געזיגט האָט די „פּרימראָוז ליג", — וועלכע האָט פאַרשפּרייט דעם געדאַנק פון פּאַן־בריטאַניזם, פון דער אימפּעריע, פון דער העכ־ערקייט פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער ראַסע; וועלכע האָט פאַרשפּרייט דזשאָסעף טשיימבערליינס געדאַנקען, אַז „מלחמה מיט פּראָפיט" איז כשר וישר; וועלכע האָט פאַרשפּרייט די לעגענדע, אַז מלחמה איז נאָבל און גלאָררייך, אַז זי פלאַנצט איין אין דעם יחיד קוראַזש, האַ־נאָר, זעלבסט־קאָנטראָל, איבערגעבנקייט צו פליכט, פּאַטריאָטיזם, זעלבסט־אויפאָפּפערונג א.אז.וו.; וועלכע האָט גלאָריפיצירט די ברי־

טישע אימפעריע־בויערס — די ביקאָנספילדס, די פיטס, די קיטשע־נערס, די ראָודס, די קלאַיווס, די הייסטינגסעס, די באַרטל־פרערס, די קיפּלינגס.

געזיגט האָט די „פרימראָוז ליג", און ענגלאנד האָט גאָר אײנ־גיכן געפירט נייע מלחמות — די קרימער מלחמה, די „באָקסער"־מלחמה אין כינע, די טראַנסוואַלער מלחמה — אַלץ מלחמות וואָס האָבן געטראָגן אַן אימפעריאַליסטישען כאַראַקטער.

און אַז מ'פרעגט, ווי קומט עס וואָס די רעאַקציאָנערע געדאנקען וועגן אימפעריאַליזם און מלחמה פון דער „פרימראָוז ליג" האָבן גע־קענט מנצח זיין די פּראָגרעסיווע געדאנקען, אַז מלחמה איז געמיין און ברוטאַל, אַז זי ציט איר יניקה פון שאָוועניזם, פון עגאָאיזם, פון דעם געמיינעם חשק צו בארויבן יענעם, — פרעגט מען זיך די דאָזיקע פראַגע, מוז מען ענטפערן, אַז הגם הינטער דער „פרימראָוז ליג" זיינען געוויס געשטאַנען ממשות'דיקע עקאָנאָמישע אינטערעסן, וועלכע האָבן איר געשטיצט, וואָלט זי אָבער איר נצחון ניט געקענט אָפּהאַלטן ווען אירע געדאנקען וואָלטן ניט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די פאָלקס־מאַסן.

וואָרים רייך־ראַציאָנעל איז דאָך באַוויזן געוואָרן, אַז די קאָלאָ־ניעס לוינען זיך ניט. רייך־ראַציאָנעל קען באַוויזן ווערן, אַז אויב דער דורכשניטלעכער שוועדישער בירגער לעבט בעסער ווי דער דורכשניטלעכער ענגלישער בירגער, הגם דער באָדן פון שוועדן איז ניט פיל רייכער פון דעם ענגלישן באָדן, נעמט זיך דאָס דערפון וואָס שוועדן האָט שוין העכער 130 יאָר קיין מלחמה ניט געפירט, אויס־מיידנדיק אויף אַזאַ אופן די אומגעהויערע הוצאות אויף באַוואָפענונג, אויפבויאונג פון פאַרניכטעטן אייגנטום, פענסיעס פאַר וועטעראַנען, אלמנות, יתומים. רייך־ראַציאָנעל קען באַוויזן ווערן, אַז די אָפּ־טיילונג פון נאָרוועגיע פון שוועדן אין 1905 אָן אַ מלחמה, אָן אַ צוזאַ־מענשטויס, איז געווען אַ סך אַ פאַרנינפטיקערע שליכטונג פון אַ נאַציאָנאַלער פּראָבלעם איידער אירלאַנדס אָפּרייסן זיך פון ענג־לאַנד, למשל, נאָך אַזוי פיל אונטערדריקונג און בלוט־פאַרגיסונג, וואָס האָט דערצו נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ ירושה פון פאַרביטערונג און שנאה. רייך־ראַציאָנעל קען באַוויזן ווערן, אַז ווען די ענערגיע און

די אוצרות וואָס ווערן פאַרשווענדט אויף בויען אימפּעריעס וואָלטן פאַרווענדט געוואָרן אויף אַנטוויקלען די אייגענע לענדער, וואָלטן די אינוועסטירונגען געבראַכט אַ סך אַ גרעסערן „דיווידענד" איידער די אינוועסטירונגען אין פרעמדע לענדער אָדער קאָלאָניעס.

אָבער אַז מיר זעען, ווי אַט די ראַציאָנעלע געדאַנקען האָבן אַ קנאַפּע ווירקונג אויף די פעלקער ; אַז טראַץ אַלע באַווייזן און אַרגומענטן, ווילן די לענדער וואָס האָבן קאָלאָניעס זיי בשום אופן ניט אויפגעבן, און יענע לענדער וואָס האָבן ניט קיין קאָלאָניעס ווילן זיי דווקא האָבן, — מוז מען מאַכן דעם אויספיר, אַז דער חשק צו קאָלאָניעס נעמט זיך ניט פון ראַציאָנעלע מאָטיוון, נאָר פון אַ מיסטישן געפיל, וואָס קוועלט אַרויס פון עפּעס אַן אינסטינקט.

ווען נאָר איך טראַכט וועגן אַט דעם אינסטינקט, קומט־אויף אין מיין פאַרשטעלונג אַ בילד פון אַ ריזיקער, ביינערדיקער סקעלעטן־האַנט, וואָס שטעקט אַרויס פון קבר פונם עבר און האַלט די מענטשהייט ביים גאָרגל, וואָרגנדיק און שטיקנדיק זי, טרייבנדיק די יוגנט פון די פעלקער פעריאָדיש אויסצוקוילעגן איינע די אַנדערע.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך איצט געפונען אויסגעדריקט אין מנחם באָריישאַ'ס מייסטערווערק „דער גייער", אין אַ פּאָעטישער פאָרם :

„נישט פון מענטש דער האָס און נישט פון אים פאַראַכטונג :
טויטע דורות ראָיען אים אין די געהירן.
אין די בלינדע בלוטן פירן מתים שלאַכטן
און די פויסטן פון די לעבעדיקע פירן". *

מיין איך ניט צו זאָגן, אַז וויבאַלד דער אימפּעריאַליזם איז אַ בלוט־ירושה, אַן אינסטינקט אַזאַ, איז עס שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך און מ'קען גאָרניט האָפן ווען־עס־איז פון אים פּטור צו ווערן. אויך אינסטינקטן קענען געצוימט און קאָנטראָלירט ווערן. די געשיכטע פון דעם מענטשן־מין און זיין ציוויליזאַציע איז דאָך פּאַקטיש אַ „רעקאָרד" פון אַ קאַמף מיט די רויע חיה'שע אינסטינקטן, און בשום אופן קען מען ניט באַהויפּטן אַז דער דאָזיקער קאַמף האָט אינגאַנצן

*) „דער גייער" פון מנחם באָריישאַ, זייט 357.

קיין פרוכט ניט געבראכט. וואס איך וויל דאַ זאָגן איז, אַז וויבאַלד דער קאַמף קעגן דעם אימפּעריאליזם שלאָגט זיך אָן אויף מעכטיקע אַטאַוויסטישע כחות, קען מען,

ערשטנס — ניט האָפן אויף אַ נצחון אין אים, אין דעם דאָזיקן קאַמף, ביז די שטים פון דעם שכל וועט אין דער דאָזיקער פראגע ניט מנצח זיין די שטים פון דעם בלוט.

אין אַנדערע ווערטער: ווען די פאָלקס־מאַסן גופא וועלן אויפ־הערן פאַרהערלעכן די מיליטערישע פירער, די זיגער און די אימ־פּעריע בויער; ווען זיי וועלן זיי מער ניט אויפנעמען מיט פּאַראַדן, הורא־געשרייען און אַפּלאָדיסמענטן; ווען זיי וועלן אויפהערן שטעלן דענקמעלער נאָך זיי; ווען זיי וועלן דעם מלוכה־פירער, וואס ברענגט זיי אַ נייע קאָלאָניע, אויב ניט פאַרוואַרפן מיט שטיינער, איז לפחות אויפנעמען מיט קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט, — ערשט דעמאָלט וועט דער קאַמף קעגן אימפּעריאליזם זיין געוואונען.

צווייטנס — קען מען אין אַט אַזאַ קאַמף ניט דערוואַרטן קיין גרינגע נצחונות; דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די געווינסן אין אַט אַזאַ קאַמף קענען ניט זיין קיין פולשטענדיקע, קיין מיטאַמאַליקע; מוז מען באַטראַכטן יעדן געווינס, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, פאַר אַ באַדייטנדיקן נצחון, אויב ער פירט נאָר אין דער געווינשטער ריכטונג.

ווי אזוי דער פרידן וועט אויסזען

ערשט ווען מ׳פאַרשטייט דעם דאָזיקן הינטערגרונט פון דער אימפּעריאליסטישער פראָבלעם, קען מען האָפן ווי געהעריק אָפּצו־שאַצן די אויפגאַבן וואס וועלן שטיין פאַר דער פרידנס־קאָנפערענץ, וועלכע וועט דאַרפן אויפשטעלן די צווישן־פעלקערלעכע אָרדנונג נאָך דער מלחמה; וואָסערע אומגעהויערע שוועריקייטן זי וועט דאַרפן בייקומען, איידער עס וועט זיך איר איינגעבן אויפצושטעלן אַ פרידן וואס זאָל זיך ניט האַלטן אויף הינערשע פיסלעך; און מיט וועלכן מינימום די פּראָגרעסיווע וועלט וועט זיך דאַרפן צופרידן שטעלן.

נעמען מיר פריער די טעריטאָריעלע פראגע. —

אַז ניט ענגלאַנד און ניט וועלכעס עס איז אנדער לאַנד פון די זיגרייכע „פאַראייניקטע פעלקער" וועט ניט מסכים זיין אויפצוגעבן

איר אימפעריע אָדער אירע קאָלאָניעס, — וועגן דעם האָט ביי קיין רעאַליסטיש-דענקענדיקן מענשן לכתחילה קיין שום ספק ניט געקענט זיין. איצט, אָבער, נאָכדעם ווי טשוירטשיל האָט דערקלערט אָפן און קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער חלומט אפילו ניט וועגן אויפלייזן די בריטישע אימפעריע, און דער קאָלאָניאַל מיניסטער סטענלי האָט דערקלערט אַז די בריטישע קאָלאָניעס וועלן ווייטער בלייבן די אויסשליסלעכע „פאַראַנטוואָרטלעכקייט" פון ענגלאַנד, — איצט מעג, דוכט זיך, דער ווילדסטער פאַנטאַזיאָר מיט אַזעלכע אילו-זיעס זיך אָפּזעגענען. די פראַגע וועגן אינדיע, למשל, ווי אויך אַלע אַנדערע פראַגן אין שייכות מיט אימפעריעס און קאָלאָניעס פון די „פאַראייניקטע פעלקער", וועט באַטראַכט ווערן אַלס אַ ריין-אינערלעכע פראַגע, וואָס האָט מיט דער איבעריקער וועלט גאָרניט צו טאָן, און זי וועט אין דער „אַגענדאַ" פון דער פרידנס-קאָנפערענץ אפילו קיין פלאַץ ניט געפינען. דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער" גופא פאַרלאַנגט גאָרניט די אויפלייזונג פון אימפעריעס אָדער אַז אימפעריאַלע פראַגן זאָלן באַהאַנדלט ווערן אויף דער פרידנס-קאָנפערענץ. די יוריס-דיקציע פון דער פרידנס-קאָנפערענץ וועט זיין באַגרעניצט בלויז אויף די טעריטאָריעס פון די באַזיגטע „אַקס"-לענדער און אויף אויס-גלייכן די גרעניץ-סכסוכים צווישן די לענדער פון די „פאַראייניקטע פעלקער", ווי אויך אויף די מאַנדאַט-לענדער, וועלכע זיינען, לפּחות אין דער טעאָריע, נאָך ניט קיין פולע קאָלאָניעס פון די מאַנדאַטור-לענדער.

וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע דאָס אַליין וועט זיין, — קען מען זען פון די סכסוכים צווישן די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס זיינען אַנטשטאַנען שוין איצט, נאָך איידער דער נצחון איז געוואונען געוואָרן.

אין פאָקוס פון דער עפנטלעכקייט שטייט איצט סאָוועט-רוס-לאַנד מיט אירע טעריטאָריעלע פאָדערונגען.

איך דערמאָן זיך אָן אַ פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק אין דער צייט פון דער ברעסט-ליטאָווסקער פרידנס-קאָנפערענץ מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. איינער פון די רעדנער אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז געווען דער אומ-

פאַרגעסלעכער נחמן סירקין. געדענק איך, ווי סירקין האָט דער־מאָלט געזאָגט: „ווען מיר האָבן אַלס קינדער שטודירט די רוסישע געשיכטע, האָבן מיר ניט געוואוסט וואו אוקראַינע הויבט זיך אָן; היינט אָבער ווייסן מיר ניט וואו אוקראַינע לאָזט זיך אויס״. דאָס זעלבע מעג מען איצט זאָגן בנוגע סאָוועט־רוסלאַנד — ווער קען איצט זאָגן באַשטימט, וואו רוסלאַנד לאָזט זיך אויס?

אין דעם גאַנצן גרויסן רוסישן לאַנד מיט זיין ריזיקער באַפעל־קערונג וועט ניט זיין מעגלעך צו געפינען איין־איינציקן מענטש, חוץ סטאַלינען, וואָס זאָל קענען געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. פאַר וואָס קיינער אין רוסלאַנד וועט זיך ניט דערוועגן צו ענטפערן אויף אָט דער פראַגע, — דאָס ווייסן מיר, לײדער, צו גוט. אָבער פּרובירט נאָר באַקומען אַן ענטפער אויף אָט־דער פראַגע פון אַ היגן קאָמוניסט, — וואָס הגם ער איז אַ בירגער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אפילו ווען ער איז דאָ געבוירן געוואָרן געפינט ער זיך דאָך אָבער פאַרט אויסער דעם טעראָר פונם ליבהאַרציקן באָלשעוויסטישן רעזשים, — וועט ער אייך קיין ענטפער אויף דער פראַגע ניט קענען געבן. איז מעגלעך צו געפינען כאָטש איין־איינציקן קאָמוניסט, וועל־כער זאָל אָפּריאָרי דערקלערן, זאָגן מיר, אַז פּערסיע, די אויסערע מאָנגאָליע, קאָרעע, די דאַרדאַנעלן, זיינען ניט רוסלאַנד? אַזאַ קאָ־מוניסט וועט זיין אוממעגלעך צו געפינען, אויס דעם פּשוטן גרונט וואָס קיינער ווייס נאָך איצט ניט וואָס סאָוועט־רוסלאַנד וועט אויף דער פרידנס־קאָנפערענץ פאָדערן, — טאָ ווי אַזוי זשע קען אַ קאָמו־ניסט זיך בינדן מיט אַ מיינונג? איין זאַך, אָבער, איז קלאָר: וואָס סטאַלין זאָל אויף דער פרידנס־קאָנפערענץ ניט פאָדערן, וועלן אַלע קאָמוניסטן איבער דער גאַנצער וועלט עס אונטערשטיצן. וועגן די באַלטישע לענדער איז שוין אָפּגערעדט; דעם אורטייל איבער זיי האָט סטאַלין דאָך שוין ארויסגעגעבן.

פאַרשטייט זיך, אין די אויגן פון קאָמוניסטן איז סאָוועטישע באַהערשונג ניט קיין אימפּעריאַליזם, נאָר גאָר „באַפרייאונג״, „אויס־לייזונג״. מענשן, אָבער, מיט פרייע מוחות ווייסן, אַז יעדע טערי־טאָריעלע דאָמינאַציע פון דרויסן איז אימפּעריאַליזם, אַלץ איינס צי דאָס ווערט פּראַקטיצירט פון אַ קאַפּיטאַליסטישן לאַנד אָדער פון

סאָוועט־רוסלאַנד. ווען מ'זאָל אין דער הינזיכט זיך נעמען רעכענען מיט דער „גוטסקייט" אָדער „בעסערקייט" פון דעם אויסלענדישן רעזשים, וואָלט מען געקענט געפינען אַ הכשר אויף יעדן אימפּעריאַליזם. ענגלאַנד האָט, אָן ספק, געטאָן אַ סך גוטעס אין אינדיע, אין עגיפּטן און אין אַנדערע קאָלאָניעס. אין פאַרגלייך מיט דעם רעזשים פון האַיל־סעלאַסי און מיט דער עטיאָפּישער „יוסטיץ", מיסטוינס געזאָגט, איז אַפילו דער פאַשיסטישער רעזשים פון איטאַליע אַ מוסטער פון גערעכטיקייט. נאָך מער, עס קען אַפילו צוגעלאָזן ווערן דער געדאַנק, אַז די נאַצישע „נייע אָרדנונג" וואָלט געגעבן די פעלקער פון אייראָפּע, — נאַטירלעך, מיט דער אויסנאַם פון די אידן, — זאָטער אָפּצועסן איידער זיי האָבן זייענדיק צעבראָקלט און צעפּיצלט אין באַזונדערע מלוכות און מלוכה'לעך. אַז עס וואָלט געווען בעסער פאַר די אייגוואוינער פון דרום־אַמעריקע, ווען זיי אַלע „געהערן" צו די פאַראייניקטע שטאַטן, — וועגן דעם קען דאָך ניט זיין קיין מיינונגס־פאַרשיידנקייט. אויף אַט די אַלע אימפּעריאַליסטישע אַרגומענטן, אָבער, ענטפערט דער פּראָגרעסיווער, אַנטי־אימפּעריאַליסטישער געדאַנק מיט דעם אַלטן „לא מעוקצך ולא מדובשך": מיר ווילן נישט דיין האָניק, און מיר ווילן נישט דיין ביס. אַפילו ווען דאָס זאָל זיי ברענגען מאַטעריעלן שאָדן, ווילן די פעלקער אַלץ בלייבן פריי, ווילן זיי זיין פריי צו לייזן זייערע פּראָבלעמען אויף זייער אייגענעם אופן, און ניט דורך די גליקן פון אַן אויסלענדישן אַריינדרינגער. און דאָס זעלבע איז אוודאי אויך חל אויף סאָוועט־רוסלאַנד, אַפילו ווען מ'זאָל שוין אָננעמען אַז וואָס זי האָט צו ברענגען אירע שכנים איז ניט שקלאַפעריי נאָר גליק. איידער די באָלשעוויסטישע עבודה־זרה איז געקומען אויף דער וועלט האָבן סאָציאַליסטן זייער גוט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן אלף־בית פון אַנטי־אימפּעריאַליזם. געוויס, סאָציאַליסטן האָבן געזוכט צו פּראָפּאַגאַנדירן און פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע געדאַנקען אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אָבער פּראָפּאַגאַנדע איז דאָך ניט דאָסזעלבע וואָס דאָמינאַציע. נאָר, צוריק גערעדט: אפשר איז אָט דער מין אימפּעריאַליזם גאַנץ נאַטירלעך פאַר דעם באָלשעוויזם? אויב מ'מעג דעם קאָמוניזם אַרויפצווינגען מיט גוואַלד אויף דעם

אייגענעם פאָלק, פאַרוואָס אויך ניט אויף אַנדערע פעלקער? מ׳מעג אָבער זיין זיכער, אַז די פרעמדע פעלקער ווילן דאָס ניט און קענען דאָס ניט וועלן.

און ווי אַזוי וועט די פרידנס־קאָנפערענץ קענען לייזן די דאַ־זיקע פראַגן? אויב רוסלאַנד וועט פאַרנעמען דעם ווייס־רוסישן טייל פון מזרח־פוילן, וועט די פרידנס־קאָנפערענץ פרובירן מפצה זיין פוילן מיט מזרח־פרייסן. ווער וועט זיך דאָס גיין איינשטעלן פאַר דער געשלאָגענער דייטשלאַנד? אָבער אַז דאָס וועט שאַפן אַ נייע וואונד אין דעם האַרצן פון דעם דייטשן פאָלק, וועלכע וועט זיך יאַטרען אַזוי לאַנג ביז זי וועט אַנרייסן און סוף־כל־סוף פאַראורזאַכן אַ נייע מלחמה־געפאַר, — וועגן דעם קען קיין ספק ניט זיין.

און סטאַלין איז אין דער הינזיכט קיין אויסנאָם ניט. די מלוכה־פירער פון ענגלאַנד וועלן אויך ניט וועלן קומען אַהיים פון דער פרידנס־קאָנפערענץ מיט „ליידיקן״. אַזוי ווי דער אַלט־היימישער סוחר פלעגט קומענדיק צוריק פון אַ יאַריד מיטברענגען עפּעס אַ צאַצקע, אַ בלייענעם הענדעלע, פאַרן קינד, — אַזוי וועלן די דיפּ־לאָמאַטן געוויס ברענגען דעם ענגלישן פאָלק עפּעס אַ „הענדעלע״ פון דעם פרידנס־יאַריד, אין דער פאָרם פון אַ קאָלאָניעלע, אַלס באַלוינונג, הייסט עס, פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז לפּחות אין דער הינזיכט זאָלן ענגלאַנד און רוס־לאַנד שטיצן איינע די אַנדערע קעגן אַמעריקע, דאָס איינציקע לאַנד אָן וועלכע טעריטאָריעלע פאָדערונגען.

ניט בעסער זיינען אויך די קלענערע פעלקער. זינט דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געהאַט באַוויזן לרוב, ווי אַזוי פעלקער וועלכע זיינען ערשט נעכטן אַליין געווען פאַרשקלאַפט האָבן גלייך געזוכט זיך איינצושאַפן אַן אייגענעם שקלאַף.

היינט, ווער קען עס אויסרעכענען די צאָל גרעניץ־שטרייטן, וואָס די פרידנס־קאָנפערענץ וועט דאַרפן אויסגלייכן?! ווער קען וויסן, וועלכע געהיימע פאַרשפּרעכנס עס זיינען געמאַכט געוואָרן צו געוויסע נייטראַלע לענדער אַלס פּרייז פאַר דער וויטערער אַנ־האַלטונג פון זייער נייטראַליטעט? ווער קען, למשל, גאַראַנטירן אַז אויף זיין באַזוך אין אַנקאַראַ ניט לאַנג צוריק האָט טשוירטשיל

ניט צוגעזאָגט טערקיי איר צוריקצוגעבן טריפּאָלי, וועלכע איטאַליע האָט ביי איר צוגערויבט אין 1912 ? און ווער וואָלט זיך אונטער־געשטעלט צו זאָגן, אַז אָט דער פּרייז איז צו הויך אויב טערקיי זאָל מסכים זיין צו עפענען די דאַרדאַנעלן פאַר אַליאירטע קריגס־שיפן ?

אונטער אַזעלכע אומשטענדן וואָלט אפילו אַ שלמה המלך ניט געקענט געפינען קיין מיטל ווי אַזוי צו מאַכן אַ סוף צו די כראָנישע גרעניץ־סכסוכים אין איראָפּע, און פאַר די דיפּלאָמאַטן, וועלכע וועלן דאָך אַליין קומען צו דער פרידנס־קאָנפערענץ ניט מיט גאַנץ ריינע הענט, איז דאָס אוודאי אַן אוממעגלעכקייט. דאַרף מען טאַקע ניט דערוואַרטן קיין אידעאַלע טעריטאָריעלע אויסגלייכונגען. דאַרף מען דערוואַרטן קאָמפּראָמיסן אויף קאָמפּראָמיסן.

נאָך ערגער שטייט עס מיט דער עמיגראַציע־פראַגע. —

פון איין זייט, זיינען פאַראַן געגנטן אויף דעם ערד־קוגל, וואו מענשן לעבן אין ענגשאַפט ; פון דער אַנדערער זייט, זיינען פאַראַן גאַנצע קאָנטינענטן מיט פרוכטבאַרער ערד, וועלכע שטייען פּאַקטיש לעער און שרייען ממש נאָך מענשלעכע הענט וואָס זאָלן קומען און זיי באַאַרבעטן, אָבער זיי זיינען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און מ׳לאָזט אַהין ניט אריין.

די ערגסטע בעלי־עוולה אין דער הינזיכט זיינען די אַנגלאָ־סאַקסן. די מערסטע און די בעסטע פרייע ערד־שטחים זיינען פון זיי פאַרכאַפּט געוואָרן. אָט שטייט אויסטראַליע און ניו־זעעלאַנד כמעט אינגאַנצן לעער, און פּאַקטיש די זעלבע לאַגע הערשט אין קאַנאַדע. דאָרטן איז פאַראַן פּלאַץ פאַר נאָך הונדערטער מיליאָנען מענשן, אָבער ארייַנלאָזן אַהין לאָזט מען ניט.

אפילו די פאַראייניקטע שטאַאַטן איז ניט אינגאַנצן אַן שולד אין אָט דער הינזיכט. די גאַנצע אימיגראַציע־פּאָליטיק פון אַמע־ריקע איז דאָך אייגנטלעך אַ „ראַסיסטישע״, איז באַזירט אויף דעם אַריער־פּרינציפּ. דאָס וואָס די אימיגראַציע־קוואָטעס זיינען באַ־גרינדעט אויף דער באַפעלקערונגס־קאָמפּאָזיציע פון יאָר 1910 איז דאָך אויסדריקלעך אויסגערעכנט אויף ניט ארייַנלאָזן אַהער יאַפּאַ־נעזער, מזרח־איראָפּייער, אידן ; איז אויסגערעכנט אויף אַנהאַלטן

דעם אַנגלאָ־סאַקסישן כאַראַקטער פון דער נאַציע. וועגן בינעזער איז שוין אָפּגערעדט; זיי ווערן אינגאנצן ניט אריינגעלאָזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, ווידער, טוען נאָך די פאַר־אייניקטע שטאַטן און זייער אימיגראַציע־פּאָליטיק איז געווענדט אין דער ריכטונג פון האַלטן זייערע פּוסטע לענדערייען פאַר זייערע ראַסן־ברידער, און אויב עס זיינען ניטאָ גענוג שפּאַנישע אימיגראַנטן, טאָ זאָל די ערד בעסער פּוסטעוועון איידער ארויפלאָזן אויף איר מענטשן פון אַנדערע שטאַמען.

פון אָט דער פאָרם פון אימפּעריאַליזם איז אויך רוסלאַנד ניט פריי. אין סיביר און אין צענטראַל־רוסלאַנד איז פאַראַן פּלאַץ פאַר הונדערטער מיליאָנען מענטשן, אָבער אריינלאָזן אַהין לאָזט מען ניט — ניט די צאַרישע רעגירונג האָט אריינגעלאָזט און ניט די „סאָציאַליסטישע״ סאָוועט־רעגירונג לאָזט אריין.

װענדל װילקי מאַכט אַ גרױסן טעות, אויב ער מיינט, אַז אימ־פּעריאַליזם דריקט זיך אויס בלויז אין דעם באַזיץ פון קאָלאָניעס, און אויב ענגלאַנד וועט פון אַלע קאָלאָניעס מאַכן „דאָמיניאָנס״ וועט שוין זיין אַ סוף צום בריטישן אימפּעריאַליזם. די פאַרכאַפּונג פון גרויסע שטחים ערד און דאָס האַלטן זיי הויפּטזעכלעך פאַר דער אייגענער ראַסע איז אין אמת'ן אַ סך אַן ערגערע פאָרם פון אימ־פּעריאַליזם ווי די פאַרכאַפּונג פון אַ קאָלאָניע ערגעץ אין די הרי חושך, וואו אייראָפּייער קענען סיי ווי סיי ניט לעבן.

פירן מלחמות צוליב קאָלאָניעס לוינט טאַקע ניט. עס איז שוין אַ סך גלייכער צו פאַרווענדן די ענערגיע אויף אַנטוויקלען דעם אייגענעם באָדן, די אייגענע רעסורסן. אָבער אַז עס זיינען פאַראַן לענדער מיט געדיכטע באַפעלקערונגען, און אַז היפּשע צאָלן פון די דאָזיקע לענדער וואָלטן גערן איבערגעוואַנדערט אין לענדער מיט אַ שיטערער באַפעלקערונג, ווען זיי האָבן די מעגלעכקייט און ווען זיי קענען דאָס טאָן מיט אַ מינימאַלן שפּראַכלעכן און קול־טורעלן איבערברוך, — דאָס קען קיינער ניט לייקענען.

אָט האָבן אין 19טן יאָרהונדערט אַכט מיליאָן דייטשן איבער־געוואַנדערט קיין אַמעריקע. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס דווקא געמוזט

איבערברעכן זיך קולטורעל און אריבערגיין אויף דער ענגלישער שפראך? פארוואס האבן זיי נים געהאט קיין מעגלעכקייט פאר־צוזעצן אין דער נייער וועלט זייער אייגענע דייטשע קולטור און שפראך? דיזעלביקע פראגע גייט אויף אלע אנדערע פעלקער און ראסן, וואס האבן איינגעוואנדערט קיין אמעריקע, אויסטראליע א.אז.וו.

יושרדיק איז דאס ניט. על פי יושר, וואלטן די יידיקע לעב־דערייען געדארפט איינגעטיילט ווערן צווישן אלע פעלקער גלייך, זיי זאלן אין די נייע וועלטן זיך קענען אויסלעבן ווי עס געפעלט זיי אליין.

דאס פארכאפן פון באדן דורך א פאלק וואס קען עס ניט באַ־ארבעטן און דאס ניט צולאזן צו אים מענשן פון אנדערע פעלקער וואס קענען אים יא באארבעטן, איז די ערגסטע פארם פון פריוואט־אייגנטום. אויף דעם איז ווי אנגעמאסטן דער סאציאליסטישער פסוק פון ישעיה: „בית בבית יקריבו עד אפס מקום“. מיט וועלן אנ־האלטן די אייגענע קולטור, די אייגענע ציוויליזאציע, דעם אייגענעם לעבנס־סטאנדארד, די אייגענע פאליטישע אדער עקאנאמישע ארדע־נונג, קען די דאזיקע פראקטיק ניט גע׳כשר׳ט ווערן. פון אן אב־יעקטיוון שטאנדפונקט מוז די דאזיקע פראקטיק באטראכט ווערן אלס קולטורעלער, עקאנאמישער אדער אידייאישער מאנאפאליזם.

אבער ווען מ׳פרעגט, וואס פאר אן אויסזיכט עס איז פאראן אז אויף דער קומענדיקער פרידנס־קאנפערענץ זאלן די קאלאניזירונגס־לענדער פארטיילט ווערן צווישן אלע פעלקער, לויט זייערע נויטן, — קען מען ערשט זען, ווי אוטאפיש אזא האפענונג איז. דאס העכסטע, וואס מ׳קען דערווארטן איז די באשטימונג פון אן עמיגראציע־קא־מיסיע וואס זאל דעם ענין שטודירן, באטראכטן, אבער אז דערפון זאל ארויסקומען עפעס ממשות׳דיקעס איז דאך ניט צו דערווארטן. ווער וועט עס קענען זאגן א דעה אויסטראליע, קאנאדע, די פאר־אייניקטע שטאטן, די דרום־אמעריקאנישע מלוכות אדער רוסלאנד, וואס פאר אן אימיגראציע־פאליטיק זיי זאלן דורכפירן?

און דערפון קען מען ערשט קלאר דערזען, ווי באריש־אוטאפיש עס איז צו דערווארטן פון דער פרידנס־קאנפערענץ אן אידעאלן באזיס פאר א דויערנדיקן פרידן.

ניט קיין סך בעסער איז די אויסזיכט אויף אַן אבסאָלוט־יושר־דיקן אָפּמאַך אין באַצוג צו עקאָנאָמישער קאָנקורענץ. —

די פּראָבלעמען אין פאַרבינדונג מיט אַט דעם אַספּעקט פון צווישן־פעלקערלעכע באַציאונגען זיינען מער קאָנקרעט, און דאָ לאָזט זיך יאָ עפּעס דערגרייכן, אָבער צופיל דאַרף מען אויך אין דעם געביט ניט דערוואַרטן.

וועט נאָר זיין דער גוטער ווילן, — וועט אפשר מעגלעך זיין איינצושטעלן אַן אַפּאַראַט, וועלכער זאָל פאַרזיכערן רויען מאַטעריאַל אויף גלייכע באַדינגונגען צו אַלע לענדער לויט זייערע נויטן; וועט אפשר מעגלעך זיין איינצופירן פרייע לאַנדונגס־סטאַנציעס איבער דער גאַנצער וועלט פאַר אעראָפּלאַנען פון אַלע לענדער, פּונקט ווי עס פירט זיך איצט בנוגע שיפן אין אַלע פאָרטן פון דער וועלט; וועט אפשר מעגלעך זיין דורכצופירן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטראָל איבער געוויסע דורכגאַנגען פון איין ים צו אַ צווייטן, ווי גיבראַל־טאַר און סועץ (און אפשר טאַקע אויך איבער די דאַרדאַנעלן און איבער דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל — וועלכע ווערן, אַגב, אין ערגעץ מיט אַ וואָרט ניט דערמאָנט); וועט אפשר מעגלעך זיין אָפּצושאַפן רעגי־רונגס־סובסידיעס לטובת דעם אייגענעם אויסלענדישן האַנדל; וועט אפשר מעגלעך זיין באַדייטנד צו סטימולירן דעם אויסערן האַנדל דורך פינאַנסירן אים אויף אַ וועלט־פאַרנעם און דורך פאַרקלענערטע צאָל־טאַריפן. די דאָזיקע און ענלעכע רעפאָרמען זיינען פון גרוי־סער באַדייטונג פאַר דער פרידלעכער קאָאָפּעראַציע צווישן פעלקער און לענדער און קענען אַ סך פאַרהעלפן דעם פרידן. אָבער אַז די צאָל־טאַריפן זאָלן אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן; אַז סחורות פון אַלע לענדער זאָלן קענען פריי פאַרקויפט ווערן אויף אַלע מערק פון דער וועלט, איינגעשלאָסן די אַרטיקע מערק, אויפן באַזיס פון פולשטענ־דיקער גלייכקייט, —— וואָס איז דער אידעאַל פון אמת'ער עקאָנאָ־מישער גלייכקייט צווישן לענדער, — דאָס איז בשום אופן ניט צו דערוואַרטן.

מיר זעען, דעריבער, אַז קיין אויסזיכט פאַר אַן אַבסאָלוט־יושרדיקן שלום איז ניט פאַראַן; אַז דער באַזיס פאַר דעם קומענ־דיקן שלום קען ניט זיין קיין אנדערער ווי דער אימפּעריאַלער סטאַ־

טוס־קוואָ; און אַז אַנהאַלטן דעם שלום וועט מען קענען בלויז מיט באַיאָנעטן — דורך דער אַנטוואָפּענונג פון די אָקס־לענדער און דורך דער באַוואָפנטער מאַכט פון די זיגער־לענדער.

קאָלעקטיווע זיכערקייט

וואָס זשע מיינט עס — מיינט עס, אַז וויבאַלד קיין מעגלעכקייט תיכף איינצושטעלן אידעאַלע באַציאונגען צווישן די פעלקער און לענדער פון דער וועלט זיינען ניטאָ, איז שוין אויך ניט מעגלעך אויפצושטעלן אַ סיסטעם פון „קאָלעקטיווער זיכערקייט" אין דער וועלט ווי זי איז איצט? מיינט עס, אַז ביז דער סטאַטוס־קוואָ פון דער וועלט וועט ניט זיין קיין אַבסאָלוט־יושרדיקער איז ניטאָ קיין אויסזיכט צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות, צום שניידן זיך די גאָרגלען?

פאַראַן מענשן, וואָס האַלטן אַז אַזוי איז עס טאַקע. צווישן די דאָזיקע געפינען זיך די עקסטרעמיסטן סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס — פון איין זייט, די אימפּעריאַליסטן, וועלכע גלויבן אַז צו מלחמות וועט קיינמאָל קיין סוף ניט קומען; און, פון דער אַנדערער זייט, די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע גלויבן אַז משיח קען ניט קומען ביז די וועלט וועט ניט ווערן כולו זכאי.

מעסיקע מענשן, אָבער, קענען אַזאַ בליק ניט אָננעמען. זיי קענען בשום אופן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער האָפענונג, אַז שוין איצט, אין דער וועלט ווי זי איז, קען פאָרט געפונען ווערן אַ וועג צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות.

וועגן דעם אַרגומענט, אַז ביז עס וועט ניט הערשן אויף דער וועלט אַן אידעאַלע עקאָנאָמישע אָרדנונג איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות, מאַכט זייער אַ ריכטיקע באַמערקונג נאָרמאַן איינדזשעל אין איינעם פון זיינע ווערק פון די לעצטע יאָרן, „דיס העוו ענד העוו־נאָט ביזנעס" (די לעגענדע וועגן די לענדער וואָס „האָבן" און „האָבן ניט"). „עס איז דאָס זעלביקע, — שרייבט ער דאָרט, — ווי מ'זאָל זאָגן, אַז ביז עס וועט ניט הערשן אַ סיסטעם פון פולשטענדיקער סאָציאַלער אָדער עקאָנאָמישער גערעכטיגקייט דאַרף מען קיין געריכטן ניט האָבן. די אָפּוועזנהייט פון געריכטן

וועט דאָך ניט פאַרהעלפן די גערעכטיגקייט . . .״ דאָס זעלבע איז אויך אין דעם געביט פון גערעכטיקייט צווישן לענדער; „מיר וועלן קיינמאָל ניט האָבן קיין צופרידנשטעלנדיקן סטאַטוס־קוואָ סיידן דורך די מעטאָדן פון שלום . . .״.

זייער ריכטיק! אָבער ווען מ׳נעמט אין באטראכט, אַז גראָד די שטאַרקסטע לענדער געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון די עקסטרעמיסטן; אַז, פון איין זייט, האָבן מיר לענדער, וועלכע ווערן באהערשט פון די עקסטרעמיסטן פון רעכטס, וועלכע גלויבן אַז די ישועה קען קומען נאָר דעמאָלט ווען די וועלט וועט ווערן כולו חייב, ד. ה. ווען די גאַנצע וועלט וועט זיין באַצוואונגען פון זייער אימ־פעריע, און, פון דער אנדערער זייט, האָבן מיר סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע ווערט באהערשט פון מענשן, וועלכע גלייבן אַז די ישועה וועט ניט קומען פריער ביז די גאַנצע וועלט וועט ניט זיין כולו זכאי, ביז עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע וועט ניט זיין אָפּגעשאַפט, — ווען מ׳נעמט דאָס אין באטראכט, קען מען זיך ערשט מאכן אַ שטיקל באגריף, וואָס פאַר אַ שטיינער עס ליגן אויפן וועג פון „קאָלעק־טיווער זיכערקייט״.

וואָס עס איז נויטיק אין דעם איצטיקן מאָמענט צו טאָן, איז קלאָר צו מאַכן די צוויי באדינגונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר דעם סאַמע ניט־רעדוצירבאַרן מינימום פאַר דער איינשטעלונג פון אַ סיסטעם פון „קאָלעקטיווער זיכערקייט״. די דאָזיקע צוויי באַ־דינגונגען זיינען:

1) די איינשטעלונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטראָל איבער מינאָריטעטן, וואָס געפינען זיך און וועלן זיך ווייטער געפינען אין פאַרשיידענע לענדער;

2) די געטרייע דורכפירונג פון דעם פאַרשפּרעכן, אַז איין לאַנד זאָל זיך ניט מישן אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון אַנדערע לענדער.

וועגן דעם ערשטן פונקט איז ניט נויטיק צופיל צו ריידן. אַז די שלעכטע באהאנדלונג פון מינאָריטעטן רופט ארויס רייבונגען צווישן לענדער און פירט צו מלחמה, דאָס איז קלאָר פאַר יעדערן.

וועגן דעם צווייטן פונקט, אָבער, דאַרף מען שרייבן און ריידן אָבער און ווידער.

עס מוז קלאָר געמאַכט ווערן פאַר יעדערן, אַז ביז לענדער וועלן ניט אויפגעבן זייערע „פינפטע קאָלומנס" אין אַנדערע לענ־דער, וועלן זיך ניט אויפהערן מישן אין די אינערלעכע אָנגעלעגנ־הייטן פון פרעמדע לענדער, איז ביטאָ קיין האָפענונג אויף אַ דויערנ־דיקן פרידן אין דער וועלט.

אָט־דאָס איז דער סאַמע קאַרדינאַלער פונקט, אָן וועלכן קיין שום סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערקייט קען קיין האָפּט ניט האָבן.

דאָס מישן זיך אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון פרעמדע לענדער איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען ניט מער ווי אַן אויס־רייד פאַר אימפּעריאַליסטישער דעראָבערונג, און אַזוי וועט עס אויך זיין אין דער צוקונפט, אַלץ איינס מיט וואָס פאַר אַ שיינע ווערטער און פראַזן מ'זאָל עס ניט פאַרפּוצן — ציוויליזאַציע, מענשלעכקייט, נייע אָרדענונג, סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָדער ווי מ'זאָל עס ניט רופן. דאָס אַלץ איז און בלייבט אימפּעריאַליזם, און דאָס מוז פירן צו מלחמה.

עס דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעלט ווערן דער פּרינציפּ, אַז מישן זיך אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון אַ פרעמדן לאַנד מעג מען בלויז דאַן, ווען דער רעזשים פון דעם באַ־טרעפנדן לאַנד הויבט אָן ווערן אַ מיליטערישע געפאַר פאַר דער אייגענער זיכערקייט. ווייטער איז ניט קיינעמס עסק וואָס פאַר אַן אָרדענונג אָדער רעזשים עס הערשט אין אַ פרעמדן לאַנד — אַ דעמאָקראַטישער, אַ סאָציאַליסטישער, אַ קאָמוניסטיש־דיקטאַטאָרישער אָדער אפילו אַ פאַשיסטישער.

איך האָב בכיוון איינגעשלאָסן די פאַשיסטישע אָרדענונג אַלס אַן אינערלעכע פראַגע, וואָס האָט מיט פרעמדע לענדער גאָרניט צו טאָן. אמת, ביז איצט איז פאַשיזם כמעט אין אַלע פאַלן גע־גאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט אימפּעריאַליזם, מיט סכנה, הייסט עס, פאַר דעם פרידן פון די שכנישע לענדער. אין אַזאַ פאַל קען, פאַר־שטייט זיך, די איבעריקע וועלט ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער געפאַר. אָבער אויב עס זאָלן אין דער צוקונפט אויפקומען

פאַשיסטישע רעגירונגען, ווי וועלכע וועלן זוכן צו שליכטן אינערלעכע סאָציאַלע פּראָבלעמען מיט די זעלביקע מעטאָדן וואָס סאָוועט־רוס־לאַנד נאָך צוליב אַנדערע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע צוועקן, אָבער אָן אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען אָדער טענדענצן, — און איך מיין, אַז אַזוינס איז ניט אויסגעשלאָסן, — דאַרף עס באַטראַכט ווערן פאַר אַן אינערלעכער פראַגע, וואָס איז ניט דער עסק פון דער איבע־ריקער וועלט — גענוי ווי עס איז ניט דער עסק פון דער איבע־ריקער וועלט ווען אַ לאַנד פירט איין אַ סאָציאַליסטישן, אַ קאָמו־ניסטישן אָדער אַן אַנדער מין רעזשים.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ ווערט ניט גערעדט וועגן די אַקס־לענ־דער. זייערע רעזשימען מוזן פאַרניכטעט ווערן עד חרמה. זייערע רעזשימען האָבן דאָך געבראַכט דעם מלחמה־אומגליק אויף דער וועלט. דאָ ווערט גערעדט אויסשליסלעך וועגן לענדער וואָס זיינען ניט אַנגעשלאָסן אָן דער „אַקס".

אויב איין לאַנד זאָל זיך מעגן מישן אין דער אינערלעכער אָרדענונג פון אַן אַנדער לאַנד, — קען דאָך די פאַראייניקטע שטאַטן, למשל, פאָדערן אַז די רוסישע דיקטאַטור זאָל אָפּגעשאַפט ווערן; און סאָוועט־רוסלאַנד קען פאָדערן, אַז מיר זאָלן דאָ איינפירן איר סיסטעם, וועלכע זי באַטראַכט געוויס פאַר דער סאַמע בעסטער און פאַר דער סאַמע דעמאָקראַטישסטער דערציו.

אַז דער פּרינציפּ פון אַבסאָלוטן ניט־מישן זיך אין די אינער־לעכע אַנגעלעגנהייטן פון פרעמדע לענדער איז דער סאַמע פונדאַ־מענט פון שלום צווישן פעלקער, — דאָס מוזן איינזען אַלע וואָס וועלן די פראַגע גוט דורכטראַכטן.

סאָוועט־רוסלאַנד גופא האָט מסכים געווען אויף דעם דאָזיקן פּרינציפּ. אין אַרטיקל 5 פון דעם צוואַנציק־יאָריקן אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע דעם 12טן יוני, 1942, ווערט געזאָגט אַזוי: „. . . זיי (ביידע לענדער, הייסט עס) וועלן האַנדלען אין איבעראיינשטימונג מיט די צוויי פּרינציפּן פון ניט זוכן קיין טעריטאָריעלע באַרייכערונג פאַר זיך און פון ניט מישן זיך אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון אַנדערע מלוכות".

וועגן דעם פּונקט פון טעריטאָריעלער באַרייכערונג קענען נאָך דערלאָזן ווערן געוויסע קאָמפּראָמיסן. אָבער בנוגע דעם פּונקט וועגן ניט מישן זיך אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון פרעמדע לענדער קען קיין קאָמפּראָמיס ניט געדולדעט ווערן. די אינטער־פּרעטאַציע מצד סאָוועט־רוסלאַנד פון אָט דעם צווייטן פּונקט וועט זיין דער אמת׳ער פּרוביר־שטיין, צי מיינט זי טאַקע באמת צו האַלטן דעם דאָזיקן צוזאָג אָדער ניט.

אויב סאָוועט־רוסלאַנד וועט בלויז פאָדערן פון די שכנישע לענ־דער, אַז זיי זאָלן ניט דערלויבן אין זייערע גרעניצן קיין ווייס־גוואַרדייאישע אָדער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלן זיך פאַר אַ ציל די שטירצונג פון דעם סאָוועטישן רעזשים, און אַז זיי זאָלן ניט אַריינטרעטן אין אַליאַנצן, וואָס זיינען געריכטעט קעגן רוס־לאַנדס זיכערקייט, — וועט די איבעריקע וועלט אַזעלכע פאָדערונגען מוזן באַטראַכטן פאַר אַבסאָלוט בארעכטיקטע.

אָבער אויב סאָוועט־רוסלאַנד וועט אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט, אַז יעדע שכנישע לאַנד וואָס האָט ניט קיין קאָמוניסטישן רעזשים איז אַ פּאָטענציעלער שונא אירער, — דעמאָלט וועט בשום אופן ניט קענען אָרגאַניזירט ווערן קיין סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכער־קייט, און גלייך אויף מאָרגן נאָך דער איצטיקער מלחמה וועט די וועלט זיך נעמען גרייטן צו אַ נייער מלחמה.

אָן דער שטעלונג פון סאָוועט־רוסלאַנד צו דער פראַגע פון ניט־מישן זיך אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון פרעמדע לענדער וועט אָפּהענגען דער פרידן פון דער וועלט.

***

דאָ און דאָרט וועט זיך מסתמא געפינען אַ לעזער, וועלכער וועט האָבן תרעומות אויף מיר, פאַרוואָס איך גיס אויף אים אַזוי פיל קאַלט וואַסער בנוגע די מלחמה־צילן און פאַרוואָס איך בין אַזוי פּעסימיסטיש בנוגע דעם שלום וואָס וועט קומען נאָך דער מלחמה. וויל איך דעם דאָזיקן לעזער ענטפערן אָט־וואָס:

אויב איך גיס אויף אייך קאַלט וואַסער, טו איך עס דערפאַר ווייל איך האַלט אַז עס איז גלייכער איך זאָל אויף אייך גיסן קאַלט וואַסער איצט, איידער דאָס האַרטע, האַרצלאָזע לעבן זאָל שפּעטער

איך אָפּפּליוכען מיט אַ מבול פון קאַלטן וואַסער; טו איך עס דערפּאַר, ווייל מיך אַליין האָט די גרויזאַמעווירקלעכקייט שוין איינמאָל אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער.

געווען איז דאָס אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. באמונה שלימה האָב איך געגלויבט אין ווילסאָנס 14 פּונקטן און אַז נאָך דער מלחמה וועט זיך אָנהויבן אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פון צווישנפעלקערלעכן צוזאַמענלעבן. אָבער שוין גלייך אין דעם טאָג פונם וואַפנשטילשטאַנד האָב איך דערשפּירט ווי מיאוס איך האָב זיך אַליין אָפּגענאַרט. ניט אַזוי די באַדינגונגען גופא פון דעם וואַפנשטילשטאַנד האָבן מיך אַנטוישט, ווי דאָס וואָס די שטאַטסלייט און מלוכה־פירער פון די פעלקער זיינען מיטאַמאָל עפּעס ווי אוועקגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט און די סצענע איז פאַרנומען געוואָרן פון די מענשן מיט די שליפעס און עפּאָלעטן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מיליטערישע צערעמאָניעס לויט די כללים פון מליטערישער עטיקעט. דאָס אַליין האָט מיר אין איין הרף־עין אויסגעטשוכעט; דאָס אַליין האָט מיר געגעבן אַ פאַרגעשמאַק פון די שלום־באַדינגונגען גופא וואָס וועלן קומען שפּעטער.

אין דעם טאָג פון דעם וואַפנשטילשטאַנד, ווען מענשן האָבן געטאַנצט אין די גאַסן, ווען מענשן זיינען זיך געפאַלן אויף די העלזער און זיך געקושט, ווען די באַפעלקערונג פון דער גאַנצער וועלט איז געווען משוגע פאַר פרייד, — אָט אין יענעם טאָג האָב איך זיך ארומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן פון ניו יאָרק אַ פאַרוווירטער פון אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג. דאָס איז געווען דער שרעקלעכסטער טאָג פון מיין לעבן. געפינענדיק זיך אין אָט דער שטימונג האָב איך דעמאָלט אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן פאַר דער „נייע וועלט", די וואָכנבלאַט פון דער דעמאָלטיקער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. געדענק איך שוין ניט וואָס איך האָב דאָרט געשריבן. איך געדענק בלויז, אַז פאַרענדיקט דעם פעליעטאָן האָב איך מיט די ווערטער:

— וואר בעמט מען דעם מוט צו שעלטן גאָט און שטאַרבן?!

איז כדי צו ראַטעווען איך, ליבער לעזער, פון אַט אַזאַ שטי־מונג, וואָס קען קומען אויף אייך שפּעטער, נאָך דער מלחמה, גיס איך דאָס איצט אויף אייך דאָס קאַלטע וואַסער.

אין גיסן קאַלט וואַסער אויפן לעזער בין איך זיך, הייסט עס, מודה. די באַשולדיקונג אָבער אין פּעסימיזם בנוגע דער צוקונפט וואַרף איך אָנטשיידן צוריק. ניין, איך בין ניט פּעסימיסטיש. פאַר־קערט, איך בין שוין גאָר אָפּטימיסטיש, אפשר שוין צופיל אָפּטי־מיסטיש. צו דערוואַרטן פון דער וועלט, — וואָס אַ טייל פון אירע פעלקער דרייען זיך אין דרייען מיט שמחה פון דעם אימפּעריאַ־ליסטישן פּאַק וואָס פריערדיקע דורות האָבן זיי איבערגעלאָזן אַלס ירושה, און די איבעריקע פעלקער שטייען, קוקן־צו און די סלינע פון קנאה רינט ביי זיי פון מויל, — צו דערוואַרטן פון אַזאַ וועלט אפילו אַ התחלה פון קאָלעקטיווער זיכערקייט, דערצו פאָדערט זיך באמת אַ גאָר הויכע מאָס פון אָפּטימיזם.

„אף על פי כן" — טראָץ די ירושות פונם אימפּעריאַליזם; טראָץ די בלינדע איינגעגלויבטקייט סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס, אַז די דינאַמישקייט פונם לעבנס־קאַמף מוז מיט דער קראַפט פון סטיכיע פירן צו בלוט־פאַרגיסונג, צו מלחמות (סיי אינערלעכע, סיי אויסערלעכע), איז שווער זיך אָפּצוזאָגן פון דער האָפענונג, אַז די וועלט וועט ענדלעך פאַרט איינזען די פוטיליטעט, די זינלאָזיקייט פון מלחמה. די אויסשפּרייטונג פון דעם מלחמה־פראָנט דורך די לופט־באָמבאַרדירונגען אויף קינדער, פרויען און זקנים אין זייערע היימען; די שרעקלעכע פאַרוויסטונג, וואָס די מלחמה האָט פאַר־אורזאַכט אין ענגלאַנד און ספּעציעל אין רוסלאַנד, — אָט די מאָ־דערנע אַנטוויקלונג אין מלחמה־פירונג איז מחייב דעם מענשלעכן שכל צו דערוואַרטן, אַז עפּעס אַן אַנהויב פון אַ סיסטעם פון קאָלעק־טיווער זיכערקייט וועט נאָך דער מלחמה פאַרט אָרגאַניזירט ווערן.

און אויב איך האָב זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז אפילו ווען אַ סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערקייט וועט איינגעשטעלט ווערן, וועט עס נויטווענדיקערווייז זיין בלויז אַן אָנהויב אין אַ ווינשנסווערטער ריכטונג, און אַז דער דאָזיקער אָנהויב קען פאַרלויפיק זיין באַזירט

בלויז און אויסשליסלעך אויף דעם אימפעריאַלן סטאַטוס־קוואָ, — איז עס נאָך אַלץ גאַנץ ווייט פון פעסימיזם.

די אויפשטעלונג פון אַ סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערקייט איז פארבונדן מיט אַזוי פיל שוועריקייטן און שטערונגען, אַז דער וואָס גלויבט אַלץ אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ סיסטעם, ווי ניט־פולקאָם זי זאָל זיין, קען פאר קיין פעסימיסט בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן.

אונזער חשבון מיטן דייטשן פאָלק

איז דאָס דייטשע פאָלק שולדיק אין דער שוידערלעכער בלוט־באָד, וואָס זיינע פירער האָבן געבראַכט אויף דער וועלט? איז דאָס דייטשע פאָלק שולדיק אין דער פאַרשקלאַפונג און דערנידערונג פון שכנישע פעלקער, אין דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג פון אידן, וואָס זיינע רעגירער פירן דורך? און צי איז רעכט, אַז דאָס דייטשע פאָלק זאָל דערפאַר באַשטראָפט ווערן, און ווי ווייט זאָל עס באַשטראָפט ווערן, און ווי אַזוי זאָל עס באַשטראָפט ווערן? — פון די ענטפערס, וואָס ווערן פון פאַרשיידענע זייטן געגעבן אויף די דאָזיקע פראַגן, קען מען אַן איבעריקן מאָל זען, ווי פאַלש עקסטרעמע לייזונגען פון סאָציאַלע און מענשלעכע פּראָבלעמען דינען, און ווי ריכטיק און יושרדיק דער מיטעלער וועג איז.

1.

איין עקסטרעמער ענטפער אויף אָט די פראַגן איז, אַז דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק איז שולדיק אין אַלע מעשׂי סדום, וואָס ווערן באַגאַנגען פון דעם נאַצישן געזינדל; אַז דאָס דאָזיקע פאָלק איז שלעכט און ברוטאַל בטבע, איז „רע מנעוריו", און עס איז גאָר ניטאָ קיין אויסזיכט אַז ער זאָל בעסער ווערן; און אַז, דעריבער, דאַרף דאָס דייטשע פאָלק נאָך דעם נצחון באַהאַנדלט ווערן ווי אַ קרימינעל פאָלק, אויב ניט אינגאַנצן אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל.

אַז די מלחמה קעגן דעם היטלעריזם זאָל געפירט ווערן אינגאַנצן אָן פאַרביטערונג און שׂנאה, — דאָס איז געוויס ניט געווען צו דערוואַרטן. קיין מלחמה קען אָן כעס און שׂנאה ניט געפירט ווערן. אָבער ווען מיר זעען, אַז דער מורא'דיקער קלאַפּ, וואָס דער היטלעריזם האָט אונז געגעבן האָט אפילו אַ סך פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע אידן געמאַכט פאַרגעסן אַלץ וואָס זיי האָבן ביז איצט געלערנט און געוואוסט און זיי ריידן וועגן עוקר מן השורש זיין

דעם דייטשן פאָלק, כמעט אין דעם זעלבן גייסט פון נייטען קאָופֿ־מאַנס בוך „דזשוירמעני מאַסט פעריש!”. — דעמאָלט ווערט עס אַ חוב צו נעמען דעם טייטל אין דער האַנט און אָנהויבן ווידעראַמאָל פון אלף־בית. —

שוין מיט עטלעכע־צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק האָט פּלאַטאָ אין זיין „רעפּובליק” געזאָגט, אַז . . .

מ׳דאַרף דערציילן קודם די רעגירער, דערנאָך די סאָלדאַטן און ענדלעך דעם פאָלק, אַז „ . . . זייער יוגנט איז געווען אַ חלום, און די בילדונג און דערציאונג וואָס זיי האָבן באַקומען דורך אונז איז בלויז אויגנשיינלעך; אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי במשך פון אָט דער גאַנצער צייט געפורעמט און געשפייזט געוואָרן אין דעם טראַכט פון דער ערד, וואו זיי אַליין און זייערע אָרעמס און אברים זיינען פאַבריצירט געוואָרן; ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט די ערד, זייער מוטער, זיי ארויפגעשיקט; און אזוי ווי זייער לאַנד איז זייער מוטער און אויך זייער ניאַנקע, זיינען זיי מחויב זיך צו זאָרגן פאַר איר טובה־וועגן, און צו פאַרטיידיקן זי קעגן אָנגריפן, און אירע בירגער דאַרפן זיי באַטראַכטן ווי קינדער פון דער ערד און זייערע אייגענע ברידער . . . בירגער, — וועלן מיר זיי זאָגן אין אונזער מעשה, — איר זיינט ברידער, דאָך האָט אייך גאָט געמאַכט פאַרשיידן. מאַנכע פון אייך האָבן די קראַפט צו באַפוילן, און אין דעם צוזאַמענשטעל פון די דאָזיקע האָט ער אריינגעמישט גאָלד, צוליב וואָס מ׳גיט זיי אויך אָפּ דעם גרעסטן כבוד; אַנדערע האָט ער געמאַכט פון זילבער, צו זיין די געהילפן; נאָך אַנדערע, וואָס דאַרפן זיין ערד־אַרבעטער און בעלי־מלאָכה, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט פון מעש און אייזן; און די דאָזיקע צוזאַמענשטעלונג וועט אין אַלגעמיין אָנגעהאַלטן ווערן אין די קינדער. אָבער אזוי ווי אַלע זיינען פון דערזעלביקער אָריגינעלער סטאַדע, וועט אַ גאָלדענער פאָטער אַמאָל האָבן אַ זילבערנעם זון, אָדער אַ זילבערנער פאָטער אַ גאָלדענעם זון. . . . אויב דער זון פון דעם גאָלדענעם אָדער זילבערנעם פאָטער האָט אַ צומיש פון מעש און אייזן, דעמאָלט האָט די נאַטור באַפוילן אַ טראַנספּאָזיציע פון ראַנגען, און דאָס אויג פון דעם הערשער דאַרף קיין רחמנות ניט האָבן אויף דעם קינד דער־

פאר וואָס ער דאַרף אַרונטערנידערן . . . גענוי אַזוי ווי עס קענען זיין זין פון בעלי־מלאָכה וואָס האָבנדיק אין זיך אַ צומישונג פון גאָלד אָדער זילבער ווערן זיי אויפגעהויבן צו כבוד . . . ״

הגם פּלאַטאָ אַליין האָט ניט געגלויבט אין דעם אמת פון דער דאָזיקער לערע, וועלכע שטאַמט פון די סעמיטישע פעניציער, און האָט זי געהאַלטן פאַר אַ געוואָגטער פיקציע, — האָט ער אָבער באַטראַכט פאַר אַ חוב דעם דאָזיקן איין־איינציקן גראַנדיעזן („קעניגלעכן״) ליגן צווישן די גריכן צו פאַרשפּרייטן, מחמת ער איז געווען איבערצייגט אַז דאָס איז אַ נויטווענדיקער ליגן. הגם פּלאַטאָ אַליין האָט געגלויבט אין אַריסטאָקראַטיזם, אין דעם, אַז מענשן ווערן ניט געבוירן גלייך און אַז די הערשער און רעגירער דאַרפן אויסגעקליבן ווערן פון צווישן די בעסערע, פון דער „אַריסטאָ״, — האָט ער אָבער פונדעסטוועגן ניט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַלע וואָס שטאַמען אָפּ פון די מענשן פון „גאָלד און זילבער״ מוזן אַלעמאָל זיין צווישן די הערשער אפילו ווען זיי אַליין זיינען גאָרנישטן, בעת יענע וואָס קומען אַרויס פון די מענשן פון „מעש און אייזן״ זאָלן קיינמאָל ניט האָבן די מעגלעכקייט צו ווערן פירער און רעגירער.

אָבער פּלאַטאָס „נויטווענדיקער ליגן״ וועגן ברודערשאַפט האָט געגאָלטן בלויז אויף דעם גריכישן פאָלק. זייענדיק אַ „ראַסיסט״ און גלויבנדיק אַז דער העכסטער געבאָט איז די אָפּהיטונג פון דער „ריינקייט פון דער ראַסע״, האָט ער אפילו אַלס פיקציע די דאָזיקע ברודערשאַפט ניט געקענט אויסשפּרייטן אויף ניט־גריכן. ערשט דער אידישער געדאַנק האָט דעם ברודערשאַפט־„ליגן״ אויסגעברייטערט אויף דער גאַנצער מענשהייט, געמאַכט פאַר אַ פּרינציפּ פון אוניווערסאַלער ברודערשאַפט, וואָס נעמט אַריין אַלע ראַסן און אַלע פעלקער.

דער דאָזיקער געדאַנק ווערט קלאָר און שאַרף אַרויסגעבראַכט אין דער אידישער פאַרשטעלונג וועגן דער באַשאַפונג פון דעם מענשן. קודם כל קומט די דערציילונג אין חומש, אַז גאָט האָט באַשאַפן איין־איינציקן מענשן, אָדמען, און אַז אַלע מענשן־קינדער זיינען אַרויסגעקומען פון אָט דעם איינעם מענשן. איז דאָך קלאָר, אַז אַלע מענשן

זיינען ברידער און שוועסטער, קינדער פון אדם און חוה׳ן. דאן קומט די לעגענדע פון מדרש, אז ווען גאט האט באשאפן אדמ׳ען, דעם ערשטן מענש, האט ער דערביי געברויכט ערד פון אלע פיר ווינקלען פון ערדקוגל, כדי די פארשיידענע לענדער זאלן זיך נאכ־דעם ניט קענען ארומקריגן צווישן זיך וועגן דעם, פון וואנען ער שטאמט און צו וועמען ער געהערט. ער געהערט צו דער גאנצער וועלט.

אט די אידישע פארשטעלונג וועגן דער באשאפונג פון דעם מענשן, אט דער אוניווערסאליזם, איז און דארף זיין דער סאמע ערשטער עיקר פון דעם אני־מאמין, פון דער „קרעדא״ פון יעדן פראגרעסיוון מענשן; איז און דארף זיין דער ערשטער גראנדיעזער „בויטוועגדיקער ליגן״, וועלכער דארף פארשפרייט און טייער גע־האלטן ווערן, — אפילו אויב ער זאל זיין ניט מער ווי א פיקציע. אבער ווער זאגט עס, אז דאס איז א פיקציע? דערווייל האט די אנטראפאלאגישע פארשונג נאך ניט אויפגעדעקט עפעס אזוינס, וואס זאל ערנסט אפפרעגן די ביבלישע הנחה וועגן דעם געמיינשאפט־לעכן אפשטאם פון דעם מענשן־מין.

און דער צווייטער עיקר פון דעם פראגרעסיוון אני־מאמין איז, אז די גוטסקייט אדער שלעכטסקייט פון דעם מענשן ווערט ניט דעטערמינירט דורך ירושה־אינסטינקטן אליין, דורך דעם בלוט וואס מיר באקומען פון אונזערע עלטערן; אז די אומשטענדן אונטער וועלכע עס קומט אויס דעם מענשן צו לעבן איבן אויס א גוואלדיקע ווירקונג אויף אים סיי לטובה און סיי לרעה.

אן אויסגעצייכנטע אילוסטראציע, ווי אזוי אומשטענדן ווירקן אויף מענשלעכער אויפפירונג, האבן מיר אין דער אלט־אלטער לע־גענדע, וואס די פאלגנדיקע לעצטע ווערסיע אירע קומט צו אונז פון מיטלאלטער. —

ווען לעאנארדא דאווינטשי האט געמאלן זיין בארימט מייסטער־ווערק „דער לעצטער אוונטברויט״ האט ער יעדע פיגור געמאלן בא־זונדער און פון די באזונדער־געמאלענע פיגורן האט ער נאכדעם צוזאמענגעשטעלט דאס גאנצע בילד. יארן־לאנג האט ער ארומגע־זוכט מענשן־מאדעלן פאר זיינע פיגורן. ספעציעל שווער איז אים

אָנגעקומען צו געפינען דעם טיף, וואָס זאָל קענען דינען אַלס מאָדעל פאַר דעם יודאַס־פאַררעטער, ווי די קריסטלעכע פאַרשטעלונג מאַלט אים. יאָרן־לאַנג האָט ער אַזאַ טיפּ ארומגעזוכט ביז ער האָט אים ענדלעך געפונען ערגעץ־וואו אין אַ טורמע, צווישן די געמיינסטע פאַרברעכער. ווען דאווינטשי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם יודאַס־בילד האָט ער אויסגעפונען, אַז דערזעלביקער מענש וואָס האָט פאַר אים פאָזירט אַלס יודאַס האָט מיט עטלעכע יאָר פריער פאָזירט פאַר אים אַלס . . . יעזוס, דער משיח.

אָט ווי אומשטענדן קענען אַ מענשן פאַרענדערן! אָט וואָס פאַר אַ ראָלע אומשטענדן שפּילן אין דעם מענשנס לעבן!

אמת, אין דער אני מאמין־קרוין פון דער פּראָגרעסיווער מענשהייט איז פאַראַן נאָך אַ דימענט, וואָס מיט זיין גרעניצלאָזער שיינקייט און ליכט פאַרטונקלט ער אפשר די אַנדערע צוויי עיקרים. דאָס איז די מענשלעכע מאָראַל, וואָס באַהאַרט דערויף, אַז דער מענש איז ניט קיין טויטע מאַטעריע, וואָס די אומשטענדן קענען אים פורעמען ווי נאָר זיי ווילן; אַז דער מענש אַליין שפּילט אויך עפּעס אַ ראָלע דערביי; אַז דער מענשלעכער ווילן קען איבערברעכן די שלעכטע בלוט־ירושות וואָס ווירקן אין אים, אַז ער קען בייקומען אומגינסטיקע אומשטענדן און ארויסקומען דער זיגער איבער זיי, אויב נאָר ער איז ווי געהעריק דערצויגן געוואָרן, אויב נאָר ער באַזיצט אַן אמת־שטאַרקן כאַראַקטער, אויב נאָר זיין גאַנץ וועזן ווערט באַהערשט פון מאָראַלע פּרינציפּן און אידעאַלן.

אָבער הגם די מענשלעכע מאָראַל דאַרף כסדר געהאַלטן ווערן פאַרן אויג פון דער מענשהייט ווי אַן אידעאַל, צו וועלכן יעדער איינער איז מחויב צו שטרעבן; הגם מ'טאָר אפילו אויף איין־איינציקן מאָמענט ניט אָפּחוזקן פון דעם דאָזיקן אידעאַל אָדער פּרובירן מבטל מאַכן אים אַלס פאַקטאָר אין מענשלעכער אויפפירונג, — מוז מען אָבער מודה זיין, אַז פאַרלויפיק קען דער מאָראַלישער אידעאַל, ליידער, נאָך ניט דינען ווי אַן אַבסאָלוטע מאָס פון דער אויפפירונג פון דעם דורכשניט־מענש און נאָך וועניקער פון אַ גאַנץ פאָלק. אין דעם משפּט איבער די האַנדלונגען פון פעלקער און לענדער מוזן אומשטענדן ספּעציעל גענומען ווערן אין באַטראַכט — די אומ־

שטענדן פון זייער איצטיקן לעבן און פון זייער לעבן אין דער פאַר־גאנגענהייט, וועלכע האָבן גורם געווען צו די אוממאָראַלישע האַנד־לונגען זייערע.

און צוטרעטנדיק צום משפט איבער דעם דייטשן פאָלק, זיינען פּראָגרעסיווע מענשן, און ראַדיקאַלן אוודאי, מחויב צו קומען צום זעלביקן אויספיר צו וועלכן עס קומט נח מאַרקאָן אין מנחם באַ־ריישאָס „דער גייער" — אַ ווערק, וואָס ש. ניגער האָט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט ווי אַ בוך וואָס וויל ווערן אַ ספר; אַ ווערק, וואו שעקספּירישע שיינקייט און לעבנס־חכמה גייען אָרעם־אין־אָרעם אין אַן אַטמאָספערע פון אידישער נבואה און קדושה; אַ ווערק, פון וועלכן עס שלאָגט אַ קוואַל פון לעבנס־חכמה, פון וועלכן עס לאָזט זיך שעפּן און שעפּן. אָט וואָס נח מאַרקאָן זאָגט:

„— אַז איך וויל
אויף עפּעס אויפהענגען מיין ראָק, האָק איך אריין אַ טשוואָק
אין וואַנט אריין און הענג אים אויף. נאָר האָקן טשוועקעס
אין האַרצן צי אין מוח פון דער וועלט און אויפהענגען אויף זיי
דעם שווערן גורל אונזערן — דאָס קען מען נישט. די וועלט
איז נישט נאָר בייזע פּריצים, זי האָט אויך געשמיסענע
און הונגעריקע און געקוילעטע . . . ״

ספּעציעל דאַרפן מיר אידן זיך היטן פון ארויסטראָגן אַ „שול־דיק"־אורטייל קעגן דעם גאַנצן דייטשן פאָלק, — מיר, וועלכע ליידן פון אָט אַזעלכע גענעראַליזירטע אורטיילן מער פון אַלע פעלקער צוזאַמענגענומען.

און ספּעציעל קאָמיש קלינגט אַזאַ אורטייל ווען ער קומט פון אונז אידן, — וועלכע האָבן אין זייער גוואַלדיק גרויסער מערהייט ערשט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געזונגען לויב־געזאַנגען צום דייטשן פאָלק פאַרליבנדיק אים פאַר דאָס סאַמע אויבערשטע פונם שטויסל. אַ פאָלק בייט דאָך ניט זיין כאַראַקטער אין איינע פינף־און־צוואַנציק יאָר.

וועגן אונז אידן קען מען זאָגן דאָס, וואָס טוביה דער מיל־כיקער האָט געזאָגט וועגן זיינע טעכטער: „ . . . ימח שמם זאָלן

זיי ווערן, טאָקע די טעכטער מיינע, — פאַרקאָכן זיי זיך אין עמיצן, איז מיטן גאַנצן גוף און מיט דער נשמה און מיטן האַרצן און מיט לייב און לעבן!". עס קען גריילעך זיין, אַז אין פינף און צוואַנציק יאָר אַרום וועלן מיר ווידער זיין פאַרקאָכט אין דעם דייטשן פאָלק, אפשר נאָך מער ווי מיר זיינען איצט פאַרקאָכט אין דעם רוסישן פאָלק.

אָבער ווי איינזייטיק און איבערטרייבעריש מיר זאָלן ניט זיין אין אונזערע ליבעס, — לאָמיר, יעדנפאַלס, זיך היטן פאַר איינזייטיגקייט און איבערטרייבונג אין אונזער שנאה!

.2

אַ צווייטער ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער שולדיקייט פון דייטשן פאָלק אין דער נאַצישער וואַקכאַנאַליע גייט צום אַנטקעגנגעזעצטן עקסטרעם און באַהויפּטעט, אַז דער גאַנצער געדאַנק פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַ העכסט רעאַקציאָנערער, אַז האַלטן גאַנצע נאַציעס און פעלקער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון זייערע רעגירונגען איז בכלל די גרעסטע עוולה.

אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט שטייט דער אַלטער פרייהייטס־קעמפער רודאָלף ראָקער, וואָס הגם ער איז אַ געבוירענער דייטש, אַן אַריער הייסט עס, איז ער אָבער געוואָרן אַן אמת'ער „גר צדק" און שוין העכער פערציק יאָר ווי ער פּרעדיקט צווישן אידן די געדאַנקען פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם דורך וואָרט און שריפט.

אין אַ סעריע פון פינף אַרטיקלען, וואָס זיינען אין פעברואַר און מערץ פון היינטיקן יאָר אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", ברענגט ראָקער אַרויס די פאָלגנדיקע הויפּט־געדאַנקען:

1) דער געדאַנק פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט שטאַמט פון דעם פרימיטיוון מענשן, וואָס זיינע פערזענלעכע באַדערפענישן האָבן אַזוי שטאַרק האַרמאָניזירט מיט די אַלגעמיינע לעבנס־באַדינגונגען פון דעם גאַנצן שבט, אַז די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז ביי אים געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ מין נאַטירלעכער אינסטינקט. אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיטן שבט, האָט פּאַסירט מיט

אים, מיטן יחיד. דעריבער איז פאַר אים די בלוט־נקמה געווען אַ נאַטירלעכער געזעץ, די ערשטע גרונט־באַדינגונג פון אַ פרימיטיווער מאָראַל.

2) דער הומאַניזם האָט פולשטענדיק אָפּגעוואָרפן דעם באַגריף פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָנערקענענדיג בלויז אינ־דיווידועלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. „אפילו דער ערגסטער פאַרברע־כער איז אַליין געמאַכט געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע האַנד־לונגען, און מ׳האָט שוין ניט געזוכט די פאַראַנטוואָרטונג און שטראָף אויסצושטרעקן אויף אויף די קרובים און אפילו פריינט פון דעם פאַרברעכער (ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין די אוראַלטע צייטן, ווען עס האָט געבושעוועט די „בלוט־נקמה")". איידער אַ מענש קען גערופן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט מוז פעסטגעשטעלט ווערן, צי ער אַליין איז געווען באַקאַנט מיט די זאַכן, פאַר וועלכע מ׳וויל אים מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך, און צי ער איז מסכים געווען אויף זיי. בלויז דאָרט, וואו דער יחיד טרעט פרייוויליק אריין אין אַ באַשטימטן קאָלעקטיוו, וואָס שטעלט זיך באַשטימטע צילן אויף גאַנץ באַשטימטע און אָפּגעמאַכטע תנאים, קען ער געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון דעם באַטרעפנדן קאָלעקטיוו.

3) אָבער אַזוי ווי אין דער מאָדערנער מלוכה איז דער איינצל־נער בירגער זעלטן באַקאַנט מיט די כוונות פון זיין רעגירונג און קיין הסכמה אויף זיי גיט ער אויך ניט, וואָרים „אפילו אין די פּאָלי־טיש פאָרגעשריטענע לענדער נעמען די ברייטע מאַסן אַזוי גוט ווי קיין שום אַנטייל ניט אין דער פּאָליטישער פירונג און זיינען גע־נויגט זיך צו פאַרלאָזן אויף די געשעענע פאַקטן", — איז עס אַ גרויסע עוולה אים צו רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די האַנד־לונגען פון דער רעגירונג פון זיין לאַנד; און

4) יעדערער וועלכער אונטערשטיצט דעם געדאַנק פון קאָלעק־טיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האַלט אונטער, אויף אַ באַוואוסטזיניקן אָדער ניט־באַוואוסטזיניקן אופן, איינעם פון די וועזנטלעכע גרונט־געדאַנקען פון דעם טאָטאַלן שטאַט, וועלכער נעמט אָן אַז דער מענש עקזיסטירט נאָר פאַר דעם שטאַט און דורך דעם שטאַט און איז פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר אַלע האַנדלונגען פונם שטאַט. „דער וואָס איז

גרייט צו מאַכן מיט אַט דעם פּרינציפּ אפילו נאָר די סאַמע קלענסטע פּשרות, דער מוז שוין נעמען אויף זיך אויך אַלע קאָנזעקווענצן . . . ווייל די באַרבאַריי פון געדאַנק מוז, אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן, פירן צו דער באַרבאַריי פון טאַט . . . ״.

דער אופן ווי רודאָלף ראָקער שטעלט אַוועק די פּראָבלעם פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַ גוטער מוסטער פון סימ־פּליפיקאַציע פון אַ העכסט קאָמפּליצירטן ענין; איז אַ גוטער באַווייז, ווי אַזוי דער מעטאָד פון סימפּליפיקאַציע פירט ניט צו קיין פּראַק־טישע רעזולטאַטן.

היסטאָריש איז געוויס אמת, אַז די מענשלעכע ציוויליזאַציע גייט פון קאָלעקטיווער צו אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט; אַז דער פּרימיטיווער מענש „וועֶרט בטל ומבוטל אין דעם שבט מיט וועלכן זיין עקזיסטענץ איז צוזאַמענגעוואַקסן אויף לעבן און טויט״, און אַז „קולטור איז די באַוואוסטזיניקע אריינמישונג פון מענש אין די באַ־דינגונגען פון זיין נאַטירלעכער אומגעבונג״, ווי ראָקער זאָגט. דאָס איז אָבער נאָר אמת ווי אַ טענדענץ פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג. נעמען די דאָזיקע היסטאָרישע טענדענץ און אָנווענדן זי אויף אַ באַ־שטימטער סיטואַציע, ווי אַ מאָס פון פּראַקטישער יוסטיץ, ווי אַ מאָס פון דער שולד אָדער אומשולד פון אַ פאָלק פאַר די מעשים פון זיין רעגירונג, איז דורכאויס פאַלש. טענדענץ איז איין זאַך, און פאַקטישע שולדיקייט איז גאָר אַנאַנדער זאַך. טענדענץ איז, יעדנ־פאַלס, ניט קיין אַבסאָלוטע קאַטעגאָריע.

נעמען מיר די דערקלערונג, אַז די פּערזענלעכע באַדערפענישן פון דעם פּרימיטיוון מענשן זיינען געווען אַזוי שטאַרק האַרמאָניזירט מיט די אַלגעמיינע לעבנס־באַדינגונגען פון דעם גאַנצן שבט, אַז די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז ביי אים געווען אַ מין נאַטיר־לעכער אינסטינקט. מיינט עס צו זאָגן, אַז דער פּרימיטיווער מענש איז טאַקע אין יעדן איינציקן פאַל געווען צופרידן זיך אונטערצוואַ־וואַרפן דעם ווילן פונם שבט, אָדער פונם הויפּטלינג פון שבט, אפילו ווען יענער איז געווען זיין פאָטער אָדער זיידע? זיינען גאָרניט געווען קיין פאַלן פון אומצופרידנקייט אָדער אפשר גאָר פון ווידער־שטאַנד? האָט ניט אַמאָל פּאַסירט, אַז איינער האָט דעם הויפּטלינג

דערמאָרדעט און פאַרנומען זיין פלאַץ מיט גוואַלד? און איז דען אין אַזאַ פאַל דער אינסטינקט פון קאָלעקטיווער פאַראנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים פון דעם אוזורפאַטאָר ניט באַדייטנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביי די מיטגלידער פון שבט? עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע דערקלערונג וועגן דעם פרימיטיוון מענשן איז אמת בלויז אין אַ רעלאַטיוון זינען; אַז בלויז אין פאַרגלייך מיט די מענשן פון אַ שפּע־טערדיקער, העכערער, מער אינדיווידואַליזירטער ציוויליזאַציע, איז דאָס אמת. דאָס איז, מיט אַנדערע ווערטער, אַ פראַגע פון גראַד, אָבער קיין אבסאָלוטער אמת איז דאָס ניט.

נאָך פאַלשער איז צו מיינען, אַז די באַדערפעענישן פון דעם מאָדערנעם מענשן הענגען ניט אָפּ אָן די אַלגעמיינע לעבנס־באַדינ־גונגען פון דעם לאַנד, אין וועלכן ער לעבט. דער פּערזענלעכער שיקזאַל פון דעם יחיד איז שוין גאַר שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם שיקזאַל פון זיין לאַנד און פאָלק, און ער קען דעם דאָזיקן גורל ניט אויסמיידן ווען ער זאָל עס וועלן. הגם דער פּראָגרעסיווער גע־דאנק באַשטייט דערויף, אַז דער יחיד זאָל האָבן דאָס רעכט ניט־מסכים צו זיין מיט דער מיינונג פון דער מערהייט און אַז די געזעל־שאַפט זאָל האָבן די אָנשטענדיקייט זיין מיינונג צו טאָלערירן, — קען אָבער דער יחיד ניט אַרויסטרעטן פון דער געזעלשאַפט, ניט מער ווי דער פרימיטיווער מענש האָט עס געקענט. ער איז און בלייבט אַ טייל פון איר, — אַלץ איינס צי עס געפעלט אים די רעגירונג וואָס פאַרוואַלטעט מיט די עסקים פון דער געזעלשאַפט, צי ער איז מסכים מיט אירע האַנדלונגען און מיט דער סאָציאַלער אָרדנונג בכלל. נאָך מער: דער יחיד, צי ער וויל דאָס אָדער ניט, צי ער ווייס דאָס אפילו אָדער ניט, געניסט פון דער אַלגעמיינער שפע פונם לאַנד, — אַלץ איינס צי די דאָזיקע שפע איז געקומען דורך אָרנטלעכע מיטלען אָדער דורך באַרויבן שכנישע לענדער און פעלקער; און וויבאַלד ער געניסט פון דער שפע פונם לאַנד, דאַרף ער על פי יושר אויך טראָגן די אחריות פאַר די קאָלעקטיווע אונ־טערנעמונגען אָדער אַוואַנטיורעס פון וועלכע ער וואָלט פּערזענלעך געוואונען ווען זיי גיבן זיך איין.

די פּראַקטיק פון צונעמען די פּראָפיטן פון אַן אונטערנעמונג

און ניט וועלן טראָגן די אחריות פאַר די פאַרלוסטן, דערמאָנט שטאַרק אָן דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער קאָרפּאָראַציע, וואו די אַקציאָנערן זיינען תמיד גרייט צו נעמען וויפיל פּראָפיטן עס לאָזט זיך נאָר, אָבער פאַר די פאַרלוסטן זיינען זיי ניט פאַראַנטוואָרטלעך. צו געבן זיין הסכמה, אויסדריקלעך אָדער „שטיל", אויף אַן אימפּעריאַליסטישער אַוואַנטיורע, און ווען די אַוואַנטיורע פאַלט דורך מאַכן זיך געפּגרט און טענהן, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק, אַז די רעגירונג (וועלכע האָט דעמיסיאָנירט און איז שוין ניטאָ אויף דער וועלט) איז די איינציקע שולדיקע, — אַזאַ פּראַקטיק איז ניט ווייניקער שווינדלעריש מצד אַ פאָלק איידער מצד יחידים־קאַפּיטאַליסטן.

דאָס פאָלק, וואָס דולדעט אַזעלכע אונטערנעמונגען, האָט ניט קיין מאָראַליש רעכט זיך אַרויסצודרייען פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים פון זיין רעגירונג, — ניט מיט דעם אויסרייד, אַז די מאַסן נעמען פאַקטיש קיין שום אַנטייל ניט אין דער פּאָליטישער פירונג; ניט מיט דער טענה, אַז עס איז ניט געווען באַקאַנט מיט די כוונות פון דער רעגירונג. האָבן די מאַסן יאָ געוואָלט אַנטייל נעמען אין דער פּאָליטישער פירונג פון לאַנד! האָבן זיי זיך געזאָלט באַקענען מיט די כוונות פון זייער רעגירונג! די אַקציאָנערן פון אַ קאַפּיטאַליסטישער קאָרפּאָראַציע נעמען נאָך אַ קלענערן אַנטייל אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָרפּאָראַציע, פונדעסטוועגן איז פאָרט ניט קיין יושר אַז זיי זאָלן זיין פריי פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים פון דער באַטרעפנדער קאָרפּאָראַציע.

אינם ציוויל־רעכט עקזיסטירט זייט־ביי־זייט מיט דירעקטער שולדיקייט אויך דער באַגריף פון אינדירעקטער שולדיקייט. ווען איינער פאַרנאַכלעסיקט צו טאָן דאָס, וואָס אַ דורכשניטלעכער בר־דעת וואָלט אין די זעלביקע אומשטענדן געטאָן, כדי אויסצומיידן אַ שאָדן אָדער אַן אומגליק, האַלט אים דאָס געזעץ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם באַטרעפנדן שאָדן אָדער אומגליק. למשל, ווען איך פאַרנאַכלעסיק אָפּצוזוקערן דעם שניי פאַר מיין הויז אין צייט, און אימיצער גליטשט זיך אויס און צעברעכט זיך אַ פוס, האַלט מיר דאָס געזעץ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אומגליק און צווינגט מיך צו באַצאָלן פאַר דעם שאָדן און פאַר דעם ווייטיק — אָט אַזוי ווי אין דעם אַלטן

אידישן דין פון „צער, ריפּוי, שבת, בושת". פאַר וואָס זאָל דער זעלביקער כלל ניט גילטן אויף פעלקער, וועלכע פאַרנאַכלעסיקן זייער פליכט ניט צו לאָזן זייערע רעגירונגען באַגיין פאַרברעכנס קעגן אַנדערע פעלקער?

וואָס מ׳זאָל ניט דענקען וועגן רעגירונג אַלס צוואַנג־אינסטרו־מענט, און צי וועט די געזעלשאַפט זיך אַלעמאָל נויטיקן אין דעם דאָזיקן צוואַנג־אינסטרומענט, — איז אָבער אַ פאַקט, אַז רעגירונגען זיינען אָרגאַניזאַציעס וואָס פילן אויס אַ סך נויטיקע געזעלשאַפט־לעכע פונקציעס, און אויב די פעלקער נעמען צו די דינסט־לייס־טונגען פון דער רעגירונג, דאַרפן זיי אויך זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אירע אַנדערע מעשים; איז אַ פאַקט, אַז די רעגירונג פון אַ לאַנד איז פאַקטיש דער איינציקער אַדרעס צום פאָלק פונם באַטרעפנדן לאַנד, און אַן דעם דאָזיקן אַדרעס וואָלט פאַרלויפיק בכלל קיין פאַר־קער און קיין צוטרוי צווישן פעלקער און לענדער ניט מעגלעך געווען, —

און דעריבער קען אַ פאָלק זיך ניט ארויסדרייען פון פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים פון זיין רעגירונג.

3.

דער שכל הישר, וועלכער פירט אַלעמאָל צום מיטעלן וועג, ווייזט צוריק, פון איין זייט, דעם עקסטרעמען, ראַסיסטישן איינ־שטעל, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז בטבע אַ קרימינעל פאָלק און דאַרף באַהאַנדלט ווערן ווי אַזאַ, און דאַרף אפשר גאָר סטעריליזירט ווערן, ווי קאַופמאַן שלאָגט פאַר אינם אויבן־דערמאָנטן בוך, און וואָס ערנעסט העמינגוויי אונטערשטיצט מיט אַ האַלבן מויל אין זיין פאָררעדע צו דער זאמלונג פון מלחמה־דערציילונגען אונטערן נאָמען „מען עט וואָר", וואָס ער האָט רעדאַקטירט. חוץ דעם, וואָס אַזאַ איינשטעל שטייט אין ווידערשפּרוך צו דער סאַמע ערשטער הנחה פונם פראָגרעסיוון געדאַנק מכח דעם געמיינשאַפטלעכן אָפּשטאַם פון דעם מענטשן־מין, — איז ער פאַר דער פראַקטישער פעסטשטעלונג פון דייטשער שולדיקייט גאָר ניט נויטיק. אָט האָט דאָך קיין דער־מאָרדעט זיין ברודער הבל, — וואָס ווייזט, אַז בלוט־קרובה׳שאַפט

אַליין איז ניט קיין גאַראַנטיע קעגן מאָרד; אַז ווען אַ מענש איז ניט שטאַרק אין זיין אמונה פון מענשלעכקייט איז ער קאַפּאַבל צו דערמאָרדן אפילו זיין אייגענעם בלוט־ברודער.

און, פון דער צווייטער זייט, ווייזט דער שכל הישר צוריק דעם געדאַנק, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז לחלוטין ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון דער היטלער־רעגירונג. קודם כל, זיינען פאַראַן באַווייזן לרוב, אַז די ברייטע דייטשע פאָלקס־מאַסן, — צי זיי האָבן לכתחילה היטלערן אַריינגעזעצט אין מאַכט אָדער ניט, צי זיי האָבן געוואוסט וועגן זיינע כוונות אַריינצוּוואַרפן די וועלט אין אַ מלחמה אָדער ניט, — האָבן זיך שפּעטער פולשטענדיק סאָלידאַריזירט מיט אים און מיט זיין בלוטיקער אַוואַנטיורע. די בעסטע ראיה דערויף האָבן מיר פון דעם פאַקט, וואָס אפילו די דייטשן וואָס וואוינען אויסער די גרעניצן פון דייטשלאַנד, וועלכע געפינען זיך דאָך ניט אונטער דעם דירעקטן טעראָר פון דער „געסטאַפּאָ", זיינען אין זייער ווייט גרעסטער מערהייט סאָלידאַריש מיט דער היטלער־רעגירונג. דערביי שפּילט אַוודאי אַ געוויסע ראָליע דער באַגריף וועגן לאָיאַליטעט צום אייגענעם מוטערלאַנד, — „ראַיט אָר ראָנג", ווי אויך דער אומצווייפלהאַפטער פאַקט, אַז קוים געפינט זיך שוין אַ לאַנד אין מלחמה, שטייט איר סאַמע עקזיסטענץ אין סכנה און די פאָלקס־מאַסן האָבן קיין אַנדער ברירה ניט ווי די מלחמה צו שטיצן. אָבער כדי פעסטצושטעלן די דייטשע שולד פאַר דער נאַצישער מלחמה צוזאַמען מיט אירע גרוילן איז גאָרניט נויטיק צו באַווייזן די הסכמה אויף איר מצד די דייטשע פאָלקס־מאַסן. געענוג איז אָט־וואָס: אויב דאָס דייטשע פאָלק איז גרייט געווען צוצונעמען פון היטלערס הענט דאָס רויב און דעם „לעבנס־רוים", ד. ה. די אימפּעריע, אין פאַל ער זאָל די מלחמה געווינען, דערצו נאָך אים אויפנעמען מיט אַפּלאָדיסמענטן און מיט אַ זיגער־קרוין, — און אין דעם קען, דוכט זיך, קיין ערנסטער ספק ניט זיין, — דעמאָלט קען עס פון זיך ניט אַרונטערוואַרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר היטלערס מעשים און פאַר די היזקות וואָס ער האָט פאַראורזאַכט.

מיט דער טענה וועגן די שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען, אונטער

וועלכע עס איז דעם דייטשן פאָלק אויסגעקומען צו לעבן, אפילו ווען דאָס זאָל זיין אמת אויף פולע הונדערט פּראָצענט, קען עס זיך פון אחריות ניט ארויסדרייען, — גענוי ווי דער איינצלנער מענש קען זיך מיט אַזעלכע טענות ניט ארויסדרייען פון געזעצלעכער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע פאַרברעכערישע מעשים. אומשטענדן שפּילן געוויס אַ ראָליע אין פאַרברעכן, און עס איז דער חוב פון דער געזעלשאַפט די אומשטענדן אויסצובעסערן, כדי די צאָל פאַר־ברעכנס זאָל קלענער ווערן. מיט אומשטענדן קען מען דערקלערן פאַרברעכנס, אָבער באַרעכטיקן פאַרברעכנס דורך אומשטענדן, דאָס טאָר מען ניט. זיינען דאָך פאַראַן געווג מענשן, וואָס לעבנדיק אונטער די זעלביקע אומשטענדן ווערן זיי פאָרט ניט קיין פאַר־ברעכער, און דאָס ווייזט אַז ווען עס איז נאָר פאַראַן דער ווילן קען מען זיך אויסהיטן פון ווערן אַ פאַרברעכער.

אָט האָט דאָך קיין, דער קלאַסישער מערדער, אויך געהאַט די פאַרטיידיקונג פון „אומשטענדן”. באשר־בכן זיין פייעראָפּפער איז פון גאָט ניט אָנגענומען געוואָרן בעת הבלס פייעראָפּפער איז יאָ אָנגענומען געוואָרן, — וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זינען, אַז עס איז אים בכלל ניט געגאַנגען אזוי גוט ווי הבלן. פונדעסט־וועגן איז ער באַשטראָפט געוואָרן; באַשטראָפט געוואָרן מיט דעם מערדער־צייכן וואָס ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו טראָגן אויפן שטערן זיין לעבן־לאַנג, — וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זינען, אַז דער געוויסן האָט אים געפּלאָגט און פאַרפּאָלגט זיין גאַנצן לעבן. און מיט שפּעטערדיקע מערדער, סיי ברודער־מערדער און סיי אַנדערע, האָט די געזעלשאַפט אויסגעפונען אַז עס איז ניט גענוג זיי איבערצולאָזן צו זייער געוויסן, אַז ער וועט זיך מיט זיי שוין אָפּרעכענען, אַז זיי דאַרפן באַשטראָפט ווערן אויף אַ מער ממשות־דיקן אופן. און אויב דאָס איז גערעכט בנוגע יחידים, איז עס אוודאי גערעכט בנוגע פעלקער, וואָרים בעת יחידים האָבן אַ גע־וויסן, וועלכער קען זיי נאָך מער־וועניקער פּייניקן, איז אַ גרויסער ספק צי פעלקער האָבן אַזאַ זאַך ווי אַ געוויסן, דעריבער דאַרפן זיי אַוודאַי באַשטראָפט ווערן אויף אַ מער ממשות׳דיקן אופן.

מ׳מוז, דעריבער, קומען צום אויספיר, אַז דאָס דייטשע פאָלק

איז שולדיק אין די מעשים פון דעם היטלעריזם און דאַרף, על פּי יושר, געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי. ווען עס קומט אָבער צום אַרויסגעבן דעם קאָנקרעטן אורטייל, דאַרפן גענומען ווערן אין באַטראַכט סיי די „מילדערנדיקע אומשטענדן" פון דער לאַגע (יענע „מיטיגייטינג סוירקומסטאַנסעס", ווי דאָס הייסט אויף ענגליש, וואָס יעדער ציוויליזירטער געריכט איז מחויב צו רעכענען זיך מיט זיי), סיי די צוועקמעסיקייט דערפון.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, מעג, ווי איך מיין, פאָר־געשלאָגן ווערן די פאָלגנדיקע באַהאַנדלונג פון דייטשלאַנד:

— ערשטנס — די באָמבאַרדירונג פון דייטשלאַנד דאַרף, אַזוי לאַנג ווי די מלחמה איז ניט פאַרענדיקט, אָנגעהאַלטן און פאַרשטאַרקט ווערן.

די לופט־באָמבאַרדירונג איז קודם כל נויטיק מיליטעריש, דער־מיט וואָס זי פאַרניכטעט מלחמה־מאַטעריאַלן און זי שוואַכט אָפּ דעם ווידערשטאַנד־כח פונם שונא. דערצו איז טאַקע אַ יושר, אַז דייטש־לאַנד זאָל אָפּגעצאָלט ווערן מיט דער זעלביקער מטבע, מיט וועל־כער זי האָט געצאָלט ענגלאַנד, און אַז איר אַלטע סטראַטעגיע פון פירן מלחמה אויף פרעמדע טעריטאָריעס און פון אויפהויבן די הענט און שרייען „קאַמעראַד" אַזוי גיך ווי די מלחמה האַלט ביי די דייטשע גרעניצן זאָל עפעקטיוו דורכגעוואָרפן ווערן. די לופט־באָמבאַרדירונג איז פאָרלויפיק דער איינציקער וועג ווי אַזוי די מלחמה קען געבראַכט ווערן קיין דייטשלאַנד גופא. זאָל די דייטשע באַפעלקערונג, וואָס שטייט הינטער די דייטשע באַוואָפנטע כחות, אויך דערפילן דעם אמת׳ן טעם פון מלחמה!

צווייטנס — דאַרף דייטשלאַנד נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד פול־שטענדיק אָקופּירט ווערן.

חוץ דעם וואָס אויסרייסן דעם ווילדן נאַצישן קראָפּעווע־געוויקס מיטן וואָרצל און איינשטעלן אַ דעמאָקראַטישע אָרדנונג אין דייטש־לאַנד קען מען האָפן בלויז דורך מיליטערישער אָקופּאַציע, איז טאַקע דער העכסטער יושר, אַז די דייטשע באַפעלקערונג זאָל דערפילן דעם טעם פון אַ פרעמדער אָקופּאַציע, ווו זייערע אַרמייען האָבן עס

געגעבן צו פילן אַנדערע פעלקער. נאַטירלעך, די אָקופּאַציע טאָר ניט אַנגעטרויט ווערן אויסשליסלעך צו די אַרמייען פון יענע לענ־דער, וועלכע האָבן צום מייסטן געליטן פון די נאַציס. אַזעלכע אַרמייען קענען נאָך דורכפירן אַ נקמה־פּאָגראָם איבערן דייטשן פאָלק, וואָס חוץ דעם וואָס אַ פּאָגראָם איז אונטער קיינע אומשטענדן ניט באַרעכטיקט, קען ער איבערלאָזן נאָך זיך אַ ירושה, פון וועלכער עס וועט שפּעטער זיין זייער שווער זיך צו באַפרייען. ניט אַ פּאָ־גראָם דאַרף די אָקופּאַציע־מאַכט זוכן דורכצופירן אין דייטשלאַנד, נאָר גערעכטיקייט, און דאָס קען דערגרייכט ווערן בלויז דורך אַ געמיינשאַפטלעכער אָקופּאַציע פון די אַרמייען פון מערערע פון די „פאַראייניקטע פעלקער", וועלכע וועלן שוין היטן איינס דאָס אַנדערע, און וועלכע וועלן זיך אפשר שעמען איינס פאַר דאָס אַנדערע אַ פּאָ־גראָם דורכצופירן. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, דאַרף די אָקו־פּאַציע־מאַכט ניט צעבאַלעווען דעם דייטשן פאָלק, דאַרף זי אַרויפ־צווינגען די נייע אָרדנונג מיט אַן אייזערנער האַנט, און די הוצאה פון דער אָקופּאַציע דאַרף געדעקט ווערן פון דייטשלאַנד גופא. אַניט, וועט אויסקומען אַז דאָס דייטשע פאָלק וועט גאָר פעט ווערן פון די אומגעהויערע סומען וואָס די אָקופּאַציע־מאַכט וועט אויס־געבן אין דייטשלאַנד.

דריטנס — דאַרפן די שולדיקע אין דער מלחמה און אין די עקס־צעסן באַשטראָפט ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַפילו אין דער מחשבה קען ניט צוגעלאָזט ווערן דער געדאַנק פון קאָלעקטיווער בלוט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אין דעם זינען, למשל, אַז וויבאַלד דער נאַצישער רעזשים האָט אויס־געקוילעט, זאָגן מיר, אַ מיליאָן ציווילע מענשן אין די אָקופּירטע לענדער, זאָל מען נעמען און אויסקוילענען דעם ערשטן מיליאָן דייטשן וואָס קומט אונטער דער האַנט, אַלץ איינס צי זיי זיינען דירעקט שולדיק אין די דאָזיקע מאָרדן אָדער ניט. דאָס וואָלט באמת באַדייט די אויפלעבונג פון דעם פּרינציפּ פון „בלוט־נקמה", וואָס איז פאַר ציוויליזירטע מענשן לחלוטין אומדענקבאַר. יעדער איינציקער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ מאָרד אָדער פאַר ספּעציעלער ברוטאַליטעט, וועט דאַרפן באַזונדער פּראָצעסירט ווערן;

און עס וועלן דארפֿן צוגעשטעלט ווערן באַווייזן קעגן אים, און דער פּראָצעס וועט בכלל דארפֿן געפֿירט ווערן לויט אָנערקענטער גע־ריכטלעכער פּראָצעדור, אין גייסט פֿון ציוויליזירטער יוסטיץ. אפשר וועלן די עטלעכע הויפּט־שולדיקע פּראָצעסירט ווערן פֿון אַ ספּעציעלן מיליטערישן געריכט, אָבער די גרעסערע צאָל פֿאַרברעכער וועלן דאַרפֿן פּראָצעסירט ווערן פֿון ציווילע געריכטן. דאָ וועט אַנטשטיין די פּראַקטישע פֿראַגע, פֿון וועמען דער פּערסאָנאַל פֿון די ריכטער זאָל באַשטיין. עס איז קלאָר, אַז דייטשע ריכטער וועלן זיין גע־נויגט יעדן אָנגעקלאָגטן צו דערקלערן פֿאַר אומשולדיק. ריכטער, ווידער, פֿון די „פֿאַראייניקטע פֿעלקער" וועלן מסתמא זיין גענויגט אַלע אָנגעקלאָגטע צו געפֿינען פֿאַר שולדיק. איז אפשר אַ פּלאַן, אַז אזעלכע געריכטן זאָלן צונויפֿגעשטעלט ווערן פֿון ריכטער פֿון נייטראַלע לענדער. אַ צווייטע פּראַקטישע פּראָבלעם וועט זיין די צושטעלונג פֿון די באַווייזן. ווי עס הערט זיך, האָט די נאָרוועגישע גלות־רעגירונג שוין צוגעגרייט אַ צעטל פֿון העכער טויזנט מענטשן, מיט ספּעציפֿישע קלאָגן קעגן יעדן איינעם פֿון זיי באַזונדער. די פּאָליאַקן האָבן אַזאַ צעטל מיט העכער דריי טויזנט נעמען. די יוגאָ־סלאַוון האָבן אויך אַ ליסט פֿון עטלעכע טויזנט מענטשן. די סאָוועטן־רעגירונג האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע וועלכע זאַמלט באַווייזן פֿאַר אַזעלכע פּראָצעסן אין די געביטן, וועלכע זיינען פֿון דער רויטער אַרמיי באַפֿרייט געוואָרן. פֿון דעם קען מען זען, אַז אויף קיין גאַנץ גרויסע צאָלן פֿאַראורטיילטע דאַרף מען ניט רעכענען. אָבער ווי גרויס אָדער קליין די צאָל זאָל ניט זיין, איז דער פּרינציפּ פֿון ברענגען צו געריכטלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט די אמת'ע שולדיקע זייער אַ וויכטיקער און דער פּלאַן צו פּראָצעסירן זיי טאָר ניט אויפֿ־געגעבן ווערן, — ווי עס האָט פּאַסירט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט לאָיד דזשאָרדזשעס צוזאָג צו שטעלן קייזער ווילהעלמען פֿאַר אַ געריכט.

פערטנס — דאַרף דאָס דייטשע פֿאָלק געצוואונגען ווערן גוט־צו־מאַכן די היזקות וואָס די נאַציס און די דייטשע חיילות האָבן אָנגעמאַכט.

די רויבערייען פֿון היטלערן און זיינע מחבלים טראָגן אַ צווייענ־

דיקן כאראקטער. פון איין זייט, האבן די דירעקט אװעקגערויבט אין די אקופירטע לענדער אלץ װאס עס האט זיך נאר געלאזט — געלט, װערט־פאפירן, קונסט־װערק, שאף און רינדער, װיסנשאפט־לעכע אינסטרומענטן, מאשינען, לאקאמאטיװן, װאגאנען, טראקס א.א.װ. א. װ. פון דער אנדערער זייט האבן זיי אינדירעקט בארויבט די דאזיקע לענדער דורך כלומרשטן „קויפן" פאר װערטלאזן פאפיר־געלט אלץ װאס זייער הארץ האט נאר געגלוסט — עסנװארג, לוקסוס־זאכן און די ארבעט פון דער באפעלקערונג בכלל.

אין זיין בוך „לאסט טרעין פראם בוירלין" דערציילט האװארד ק. סמיט, װי אזוי די דייטשע אקופאציע־ארמיי האט אין פאריז „אויס־געקויפט" אלע זיידענע זאכן, אלע װיינען, אלע פערפומען און אלע אנדערע שמאכטעלעך װאס זי האט נאר געקענט געפינען, און װי אזוי די פרויען און געליבטע פון די דאזיקע סאלדאטן אין בערלין און איבער גאנץ דייטשלאנד האבן זיך געפילט „ששון ושמחה"דיק פון די דאזיקע „געקויפטע" זאכן. װעגן אידן איז דאך אפגערעדט. אין אן ארטיקל אין „פארװערטס" ניט לאנג צוריק האט אונזער נאציאנאלער בוכהאלטער, יעקב לעשצינסקי, אפגעשאצט אז דאס נאצישע רויב פון די אידן באטרעפט א קיימא־לן פון צען טויזנט מיליאן דאלאר. עס איז דאך ניט מער װי רעכט, אז דאס דייטשע פאלק, װאס האט אנגענומען און פארנוצט די אלע אינדירעקט־אנ־גערויבטע חפצים, און די „געקויפטע" זאכן און פערפומען אין די פאריזער געשעפטן, און די אידישע געשעפטן איבעראל, זאל דאס אלץ „אפשטעקן".

דער אופן װי אזוי דאס דייטשע פאלק זאל דאס „אפשטעקן", אדער, ריכטיקער געזאגט, װי אזוי מ'זאל דאס פון אים אפנעמען, איז א פראבלעם, װאס איז פארבונדן מיט א סך שװעריקייטן, סיי מאראלישע און סיי פראקטישע.

דארטן, װאו די געגנבעטע אדער „געקויפטע" חפצים עקזיס־טירן נאך אין זייער פריערדיקער פארם און קענען געפונען װערן, איז די פראבלעם זייער אן איינפאכע — מ'נעמט זיי פשוט אװעק. דאס שטימט סיי מיט מאראלישן יושר און סיי מיט יורידישן רעכט. אבער דארטן, װאו די חפצים, דאס עסנװארג, די זאכן, די מאשינען,

די געשעפטן א.אז.וו. זיינען שוין מער אויף דער וועלט ניטאָ, איז, פאַרשטייט זיך, פיזיש אוממעגלעך צו גיין איינמאָנען ביי יעדן איינציקן באַזונדער זיין חלק פון דעם רויב; און עס איז אויך מאָראַליש ניט־דערלאָזבאַר, אַז דערפאַר וואָס די נאַציס האָבן בארויבט פון זייער ביסל אָרמקייט, זאָגן מיר, צען מיליאָן נפשות, זאָל מען נעמען און באַרויבן די ערשטע בעסטע צען מיליאָן דייטשן. דאָס וואָלט ווידער געווען אַ פאָרם פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס די ציוויליזירטע וועלט האָט שוין לאַנג אָפּגעוואָרפן. ניט נאָר אין דיני נפשות נאָר אויך אין דיני ממונות קען דער יחיד ניט געהאַלטן ווערן פערזענלעך פאַראנטוואָרטלעך פאַר די חטאים פון דעם קאָלעקטיוו. ווען מ׳רעדט וועגן קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיינט מען טאקע בפירוש, אַז ניט דער יחיד, נאָר דער קאָלעקטיוו זאָל טראָגן די אחריות פאַר די מעשים פון דעם קאָלעקטיוו. זייענדיק אַ ניט־אָפּטיילבאַרער טייל פון דעם קאָלעקטיוו, מוז דער יחיד, באַטירלעך, ביטראָגן זיין חלק צום קאָלעקטיוו, כדי ער, דער קאָלעקטיוו, זאָל זיין ביכולת נאָכצוקומען זיינע פליכטן, און דאָס קען דערגרייכט ווערן אויף דעם איין־איינציקן וועג פון באַשטייערונג. דער יחיד קען זיך ניט ארויסדרייען פון ביטראָגן זיין חלק פון די שטייערן פאַר אָט אַזאַ צוועק דורך דער טענה אַז ער פערזענלעך האָט דאָס רויב ניט צוגענומען, — גענוי ווי עס קען זיך ניט ארויסדרייען פון שול־שטייער דער יחיד, וואָס האָט אַליין קיין קינדער ניט. מיט אַנדערע ווערטער: צונעמען ביי יחידים זייער האָב־און־גוטס כדי גוט־צו־מאַכן די היזקות פון אַנדערע יחידים איז טאַקע אומיושרדיק, אָבער נעמען שאָדן פון אַ קאָלעקטיוו, וועלכער באַקומט די באַטרעפנדע סומען דורך באַשטייערן די איינצלנע מיטגלידער זיינע, — דאָס איז פולשטענדיק בארעכטיקט. און דאָס מיינט באמת, אַז דער קאָלעקטיוו, און ניט דער יחיד, איז פאַראנטוואָרטלעך פאַר די מעשים און פאַר די חובות פון דעם קאָלעקטיוו.

די פראַקטישע שוועריקייטן, ווידער, פון איינמאָנען אַזעלכע ריזיקע סומען און איבערהויפּט פון טראַנספערירן זיי אין אַנדערע לענדער זיינען אומגעהויערע. אין דער הינזיכט האָט די וועלט געוויס אַ סך געלערנט פון איר דערפאַרונג מיט די רעפּאַראַציע־צאָלונגען

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און זי וועט געוויס זוכן אויסצו־מיידן די פעלערן וואָס זיינען דעמאָלט באַגאַנגען געוואָרן. דער בעסטער פּלאַן, ווי אַזוי ביי דער גוטמאַכונג פון די שאָדנס אויס־צומיידן דעם עקאָנאָמישן צוזאַמענברוך פון דייטשלאַנד, וואָס מוז פירן צו אַ צוזאַמענברוך אויך אין דער איבעריקער וועלט, איז צו טראַנספערירן פון דייטשלאַנד ניט געלט נאָר פּראָדוקטן. פאַרשטייט זיך, די פּראָדוקטן, וואָס וועלן טראַנספערירט ווערן וועלן דאַרפן זיין אַזעלכע, וואָס זאָלן ניט קאָנקורירן מיט די פּראָדוקטן פון די לענ־דער, אין וועלכער זיי וועלן טראַנספערירט ווערן; די דאָזיקע פּראָ־דוקטן וועלן דאַרפן זיין הויפּטזעכלעך אַזעלכע, וואָס זיינען פאַרניכ־טעט אָדער צוגערויבט געוואָרן במשך פון דער מלחמה און וואָס די באַטרעפנדע לענדער זיינען ניט בכח אליין צוריק אויפצובויען. דער איינציקער וועג, ווי אַזוי אַזאַ פּלאַן קען דורכגעפירט ווערן, איז דורך דער אָרגאַניזירונג פון אַ מיליאָנען־קעפּיקער דייטשער אַרבעט־אַרמיי, וואָס זאָל פּראָדוצירן אויסשליסלעך פאַר דעם רעפּאַראַציע־חשבון, אויסמיידנדיק דערביי קאָנקורענץ סיי מיט דער נאָרמאַלער דייטשער אינדוסטריע, סיי מיט די אינדוסטריען פון די בארויבטע לענדער. אַזאַ אַרבעט־אַרמיי קען, אַגב, אָן אַן אויסלענדישער אָקו־פּאַציע בשום אופן ניט אָרגאַניזירט ווערן.

***

אָט דאָס איז, גאַנץ בקיצור און אין זייער אַלגעמיינע שטריכן, דער וועג ווי אַזוי דייטשלאַנד דאַרף באַהאַנדלט ווערן.

אוודאי, דעם גאַנצן „ביל", וואָס די וועלט קען צושטעלן צו דייטשלאַנד, — פאַר די אומציילִיקע בארויבטע, פאַרפּייניקטע און דערמאָרדעטע, — וועט זי קיינמאָל ניט קענען אָפּ׳סילוק׳ן. אָן אָרדנונגסמעסיקער, ציוויליזירטער, יורידישער פּראָצעס קען אפילו ניט פאָדערן די פולע באַשטראָפונג פון אַ פאָלק פאַר די מעשים פון אַ באַנדיטישן רעזשים און פון אַ מלחמה וואָס ווערט פון אָט אַזאַ רעזשים געפירט. אָבער די טיילווייזע גוט־מאַכונג פון די פאַר־לוסטן וואָס לאָזן זיך גוט־מאַכן, און די באַשטראָפונג פון אַ געוויסער צאָל דירעקט־שולדיקע אין די מאָוימדיקע פאַרברעכנס, — דאָס איז

דער סאַמע מינימום, וואָס דער געוויסן פון דער מענשהייט פאָדערט
דורכאויס. און וואָס ס'איז שייך דער ווינשנסווערטקייט פון אַזאַ
שריט, איז ווער קען מיט באשטימטקייט באהויפּטן, אַז אין לאַנגן
און גרויסן סך־הכל וועט אַזאַ באשטראָפונג ניט דינען ווי אַן אָפּ־
שרעקונג סיי פאַר דעם דייטשן פאָלק און סיי פאַר אַנדערע פעלקער
אַזעלכע אוואַנטיורעס מער ניט צו אונטערנעמען און אַזעלכע פאַר־
ברעכנס מער ניט צו באַגיין?

די בלאָקאַדע — און די מלחמה־קרבנות

דער מיליטערישער ראָמאַנטיק האָט זיך, לײדער, אײנגעגעבן צו שאַפן אַ פאָרשטעלונג, ניט נאָר בײ קינדער נאָר אפילו בײ דערוואַקסענע, אַז מלחמה איז ענלעך אויף אַ דועל צווישן צוויי מענשן — מיט שטרענגע, „ספּאָרטסמענישע" כללים וועגן דעם אָנגאַנג פון דעם געפעכט; מיט סעקונדאַנטן, וואָס גיבן אַכטונג, אַז די כללים זאָלן ווי געהעריק אָפּגעהיט ווערן; מיט אַ העפלעכן פאַרנויגן זיך מצד די דועליסטן, סײ אײדער דער פאַרמעסט הויבט זיך אָן און סײ נאָכדעם ווי ער איז פאַרענדיקט, אַ. אַז. וו. — אַ דועל, וואָס רירט אָן בלויז די באַטרעפנדע פעכטער, אָבער קײנעם ניט פון די „זײטיקע", פון די „צושויער".

דאָס איז אַ פאַלשע, אַ שעדלעכע פאָרשטעלונג. מלחמות זײנען קײנמאָל ניט געפירט געוואָרן בלויז פון אַרמײען, נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך, פון כוחות, וואָס שטײען הינטער די אַרמײען; און ניט קעגן אַרמײען, נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך קעגן די כוחות וואָס שטײען הינטער זײ. דאָס איז אַלעמאָל אַזוי געווען, אָבער טויזנט מאָל מער אמת איז עס אין אַ מאָדערנעם קריג.

אין דער הינזיכט האָט דער איצטיקער קריג דערגרײכט דעם העכסטן פונקט. דער איצטיקער קריג איז באמת אַ „טאָטאַלער", אַן „אַל־אַוט"־קריג. ניטאָ מער אַזאַ זאַך ווי אַ קריגס־פראָנט ערגעץ ווײט פון די הײמען פון פאָלק — דאָס גאַנצע לאַנד איז אײן גרויסער קריגס־פראָנט; ניטאָ מער אַזאַ זאַך ווי אַ ציווילע באַפעלקערונג — דאָס גאַנצע פאָלק באַטײליקט זיך אין דעם קריג.

אויסלאָזנדיק די פראַגע, צי די פעלקער טראָגן די שולד פאַר די מלחמות, וואָס זײערע רעגירונגען אָדער פירער הויבן אָן, ווי אויך די פראַגע צי באַזיגטע פעלקער דאַרפן באַשטראָפט ווערן, — איז אָבער אַ פאַקט, אַז אײנמאָל איז אַ קריג אָנגעהויבן געוואָרן, נעמט אין אים אָנטײל דאָס גאַנצע פאָלק. דער מינדערוויכטיקסטער פאַרמער

אָדער אַרבעטער איז אַן אַנטייל־נעמער אין דער מלחמה ניט ווייניקער ווי דער סאָלדאַט אויפן פראָנט.

ווען די קרבנות פון דער לופט־מלחמה צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג פון ענגלאַנד באַטרעפט אַרום צוועלף טויזנט אַ מאָנאַט; ווען פּראַקטיש דאָס גאַנצע פאָלק פון ענגלאַנד איז געצוואונגען צו לעבן, ווי די ראַצן, אונטער דער ערד, אין פייכטע, שמוציקע „שעלטערס״; ווען צווישן די ענגלענדער צירקולירן וויצן וועגן דעם, אַז דער איינציקער זיכערער פּלאַץ קעגן די לופט־באָמבעס איז . . . די אַרמיי און דער פראָנט, — אין אַזאַ צייט צו ריידן וועגן די רעכט פון דער ציווילער באַפעלקערונג, מיינט פּשוט, זיך לוסטיק מאַכן איבער די אומבאַשרייבלעכע ליידן פון דעם ענגלישן פאָלק.

די איבער׳חזר׳ונג, אין אַזאַ צייט, פון די אַלטע, אויסגעדראָשענע טענות קעגן דער נאַוואַליסטישער בלאָקאַדע — אַז זי פאַרשוועכט די רעכט פון דער ציווילער באַפעלקערונג, אַז זי איז אוממענטשלעך א. אַז. וו. — קלינגט ווי אַ טרויעריקער, בלוטיקער וויץ פון אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער צייט. עס איז פּונקט ווי איינער וואָלט געזאָגט, אַז מלחמה בכלל איז אוממענטשלעך.

אין דער איצטיקער צייט איז מער ניט קיין פראַגע, צי די בלאָקאַדע איז מענטשלעך אָדער ניט — אין פאַרגלייך מיט דער סובמאַרין און מיט דעם עראָפּלאַן איז זי שוין גאָר „מענטשלעך״! — די פראַגע איז איצט בלויז צי איז די בלאָקאַדע אַווירקזאַם געווער אָדער ניט?

***

אייגנטלעך, וואָס איז אַזוינס אַ בלאָקאַדע?

— ניט מער און ניט ווייניקער ווי די באַלאַגערונג פון דעם שונא׳ס אַ פאָרט, אָדער מערערע פאָרטן, אָדער דעם גאַנצן ים־פראָנט זיינעם.

די אַרומרינגלונג און באַלאַגערונג פון אַ פעסטונג אָדער אַ שטאָט איז זייער אַן אַלטע מיליטערישע פּראַקטיק. יריחו איז באַלאַגערט געוואָרן פון די אידן; ירושלים פון די רוימער; פּאַריז אין אין 1871 באַלאַגערט געוואָרן פון די פּרייסן, א. אַז. וו. דער צוועק פון אַ באַלאַגערונג איז אַן איינפּאַכער — אויסצומאַטערן און אויסצו־

הונגערן סיי דעם גאַרניזאָן און סיי די באַפעלקערונג פון דער אַרומ־געריגגלטער שטאָט, אַז זיי זאָלן זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן.

די בלאָקאַדע טוט די זעלבע זאַך אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. אַנשטאָט אַרומצורינגלען אַן איין־איינציקע פעסטונג אָדער אַ שטאָט, פּרובירט זי אויסצוהונגערן אַ גאַנץ לאַנד.

חוץ דעם, וואָס זי באַרירט מער מענשלעכע נפשות, איז די בלאָקאַדע ניט אויף אַ האָר מער אוממענשלעך ווי די באַלאַגערונג פון אַ שטאָט. פונדעסטוועגן הערט מען זעלטן אַ פּראָטעסט קעגן דער באַלאַגערונג פון אַ שטאָט, בעת אין יעדער מלחמה ווערט די לופט אָנגעפילט מיט דעטאָנאַציעס פון ווערבאַלע קאַנאָנען קעגן דער „אוממענשלעכקייט" פון דעם בלאָקאַדע־וואָפן. ווי אַזוי דערקלערט זיך דאָס?

קודם כל נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס די בלאָקאַדע איז ווייט ניט אַזאַ אַלטער, „אנערקענטער" מלחמה־מיטל ווי די באַלאַגערונג. אָבער הויפּטזעכלעך קומט עס דערפון, וואָס די דורכפירונג פון אַ בלאָקאַדע איז אַ סך אַ שווערערע אויפגאַבע, איידער די דורכפירונג פון אַ באַלאַגערונג. דער פּראָצעס פון דורכפירן אַ בלאָקאַדע — די פאַרעפנטלעכונג פון קאָנטראַבאַנד־ליסטן, די „פּאַנג"־מאַנשאַפטן, די „פּאַנג"־פּאָרטן, די „פּאַנג"־געריכטן א. אַז. וו. — איז זייער אַ קאָמפּליצירטער. דערצו קען אַ בלאָקאַדע ניט זיין אַזוי אַבסאָלוט ווי אַ באַלגערונג. דאָס אַלץ רופט אַרויס אומענדלעכע סכסוכים און צוזאַמענשטויסן מיט די נייטראַלע מלוכות.

די קריוודעס פון נייטראַלע מלוכות קעגן אַ בלאָקירנדער מאַכט האָבן געפירט דערצו, אַז רוסלאַנד האָט אין יאָר 1780 אויסגעאַרבעט אַ געוויסן פּראָטאָקאָל וועגן די רעכט פון נייטראַלע מאַכטן אונטער אַ בלאָקאַדע, וועלכער איז בשעתו אָנגענומען געוואָרן פון די מערסטע גרויסע מלוכות. אין 1908, ווידער, איז אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון פאָרטרעטער פון די גרויסמאַכטן, און דאָרט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן „די דעקלאַראַציע פון לאָנדאָן", וואָס ווערט ביז אויף היינטיקן טאָג באַטראַכט אַלס דאָס אנערקענטע אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ אין שייכות מיט בלאָקאַדע.

אָבער — אין די גרעניצן פון די אנערקענטע כללים אָדער מחוץ זיי, מיט סכסוכים מיט נייטראַלע לענדער אָדער אָן זיי — די בלאָ־

קאַדע־וואָפע ווערט באַנוצט אין יעדער מלחמה און, וואָס איז וויכ־טיקער, זי האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ זייער ווירקזאַמען קריגס־מיטל.

אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָט ענגלאַנד דורכגעפירט אַ וויט־פאַרצווייגטע בלאָקאַדע קעגן פראַנקרייך.

אין דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג האָט דער פלאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן בלאָקירט ניט נאָר די פּאָרטן פון די דרום־שטאַטן, נאָר אויך די פּאָרטן פון צענטראַל־אַמעריקע און פון די וועסט־אינדיעס.

אין דער וועלט־מלחמה האָט ענגלאַנד בלאָקירט ניט נאָר די דייטשע פּאָרטן, נאָר אויך די פּאָרטן פון די נייטראַלע סקאַנדינאַווישע לענדער און פון האָלאַנד.

און, לויט דער מיינונג פון זאַך־קענער, האָבן די בלאָקאַדעס געשפּילט אַן אַנטשיידנדע ראָלע אין דעם אויסגאַנג פון אָט די אַלע מלחמות.

אויך אין דער איצטיקער מלחמה איז די ענגלישע בלאָקאַדע זייער אַ ווירקזאַמער כוח. די גאַנצע בריטישע סטראַטעגיע איז אויס־גערעכנט דערויף, אַז די בלאָקאַדע וועט אַזוי אָפּשוואַכן נאַצי־דייטש־לאַנד, אַז זי וועט ענדלעך צוזאַמענברעכן.

די דאָזיקע סטראַטעגיע איז באַזירט הויפּטזעכלעך אויף דער דערפאַרונג פון דער וועלט־מלחמה. אויך אין יענער מלחמה האָבן די דייטשע חיילות פאַרנומען גרויסע שטרעקעס פרעמדע טעריי־טאָריע — סערביע, רומעניע, בעלגיע, אַ טייל פון פראַנקרייך, רוסיש־פּוילן, אוקראַינע; דערצו האָט זי געהאַט אויף איר זייט בולגאַריע און טערקיי — פונדעסטוועגן איז זי סוף כל סוף צוזאַמענגעבראָכן, הויפּטזעכלעך טאַקע צוליב דער בלאָקאַדע. הגם אין דער איצטיקער מלחמה האָט דייטשלאַנד אונטער איר קאָנטראָל כמעט אַלע רעסורסן פון דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט, און דערצו, די „פריינטלעכע נייטראַליטעט" און שטיצע פון סאָוועט רוסלאַנד *) איז אָבער ניט

*) דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן איידער היטלער איז באַפאַלן סאָוועט־רוסלאַנד.

אויסגעשלאָסן, אַז אין אַ פאַרצויגענער מלחמה זאָל די בלאָקאַדע ווידער־אַמאָל שפּילן די אַנטשיידנדיקע ראָלע.

האָט מען אין זינען, אַז איראָפּע איז ניט זעלבסט־גענוגנד אין אַ סך שפּייזן און רוי־מאַטעריאַלן, מוז מען מסכּים זיין, אַז אויב די בלאָקאַדע זאָל נאָר דורכגעפירט ווערן ווי געהעריק קעגן גאַנץ איראָפּע, וועט זי ווידער אַמאָל זיין אַזוי ווירקזאַם, ווי אין דער וועלט־מלחמה.

עס פעלן אין איראָפּע אַזעלכע טראָפּישע און האַלב־טראָפּישע פּראָדוקטן ווי באַוול, גומי, בלעך, טיי, קאַווע, קאַקאָ, גרינסן־אויל, ווי אויך פעטראָלעאום — שוין מיט די אויל־קוואַלן אין רומעניע. זי האָט גענוג קוילן און אייזן, אָבער עס פעלן איר אַזעלכע מעטאַלן ווי מאַנגאַניז, ניקל, טאַנגסטען, אַנטימאָני — און אַט די אַלע מינע־ראַלן, מעטאַלן און פעטס זיינען אומבאַדינגט נויטיק אין אַ מעכאַ־ניזירטער מלחמה. חוץ דעם האָט ניט איראָפּע גענוג אפילו אַזעלכע פונדאַמענטאַלע שפּייזן ווי פלייש, פעטס און געטריידע. (אין נאָרמאַלע צייטן אימפּאָרטירט זי יערלעך 4 מיליאָן טאָן ווייץ און גערשטן, 5½ מיליאָן טאָן האָבער, סאָגע און קוקורוזע, אַ מיליאָן מיט אַ דריטל טאָן פעטס, אַ דריטל מיליאָן טאָן צוקער).

אינם ערשטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה האָט דייטשלאַנד כּמעט ניט געפילט די ווירקונג פון דער בלאָקאַדע, אָבער ביסלעכוויז, ביס־לעכוויז האָט די בלאָקאַדע זיך אָנגעהויבן פילן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און סוף כּל סוף האָט זי פּאַראַליזירט דעם דייטשן ווילן ווייטער די מלחמה צו פירן. עס קען זייער גרייטלעך זיין, אַז דער ביישטייער פון דער בלאָקאַדע צום אויסגאַנג פון דער וועלט־מלחמה איז אַביסל איבערטריבן געוואָרן. די דאָזיקע איבערטרייבונג איז געקומען פון דייטשלאַנד גופא. כּדי אַרויסצערופן די סימפּאַטיע פון דער וועלט, האָט דייטשלאַנד זיך באַמיט אַלע שלעכטע רעזולטאַטן וואָס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט אַרויפצוּוואַרפן אויף דער בלאָקאַדע. צום ביישפּיל: אין די 4 מלחמה־יאָרן האָבן די טויטן־פאַלן אין דייטשלאַנד איבערשטיגן די געבורטן מיט 762,796. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען אַ פּועל־יוצא פון דער מלחמה אין אַלגע־מיין — פון דעם, וואָס פאַמיליעס זיינען געווען צעשיידט, וואָס מ'האָט ניט געוואָלט ברענגען אויף דער וועלט אומשולדיקע נפשות־

לעד א. אַז. וו., אָבער דייטשע פאָרשטייער האָבן דאָס אַלץ פאַרשריבן אויף דער רעכענונג פון דער בלאָקאַדע. אין 1917 איז דער נאַרונגס־ווערט פון דעם וואָס די ציווילע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד האָט געגעסן געפאַלן ביז אַ העלפט פון דעם נאָרמאַלן מינימום; די דורכשניטלעכע וואָג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז געפאַלן אויף 20 פראָצענט, און די אַרבעטס־קאַפּאַציטעט פון דער באַפעלקערונג איז געפאַלן אויף אַ גאַנצן דריטל. די דייטשע פאַרטרעטער האָבן אָט די אַלע רעזולטאַטן צוגעשריבן צו דער בלאָקאַדע. אומפּאַרטייאישע פאָרשער שאַצן, אַז בלויז פאַר אַ דריטל פון אָט די רעזולטאַטן איז די בלאָקאַדע אין אמת'ן פאַראַנטוואָרטלעך; די אַנדערע צוויי־דריטל זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה בכלל.

דאָ איז נויטיק צו באַטאָנען, אַז הונגער, כראָנישער ניט־דערעסן, פירט זעלטן צו טויט. מענשן שטאַרבן ניט אַזוי גיך פון הונגער. עס דויערט אַרום 7 וואָכן ביז אַ מענש שטאַרבט פון אינגאַנצן ניט־עסן. אין דעם באַרימטן פאַל מיט מעקסוויני, דעם מעיאָר פון קאָרק, אירלאַנד, וועלכער האָט אין יאָר 1920 דורכגעפירט אַ הונגער־סטרייק, איז ער געשטאָרבן ערשט נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעפאַסט גאַנצע 74 טעג. אין מיטלאַלטער פלעגט מען אָפּט מאַטערן מענשן דורך הונגער, האַלטנדיק זיי איבער אַ קיך, וואו די ריחות פון די מאכלים פון דער קיך פלעגן זייער הונגער־אַגאָניע נאָך מער פאַרלענגערן, וואָס ווייזט אַז אפילו דער ריח פון שפייז איז גענוגנד דעם מענשנס לעבן צו פאַרלענגערן. הונגער שוואַכט אָפּ די ענערגיע, די אַרבעטס־קאַפּאַציטעט, דעם חשק אַרויסצואווייזן ווידערשטאַנד, אָבער פירן צום טויט פירט ער גאַנץ לאַנגזאַם.

און דער ציל פון דער בלאָקאַדע איז אַ צווייענדיקער — ערשטנס, ניט צו דערלאָזן די אימפּאָרטאַציע פון דירעקטע אַמוניציע־שטאָפן, סיי רויע סיי פאַרטיקע, און, צווייטנס, אָפּצוטויטן ביים שונא דעם ווילן און די ענערגיע דעם קאַמף ווייטער צו פירן.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די דייטשע פאָלקס־מאַסן האָבן שוין אַכט יאָר צייט ניט־דערעסן, — איז פאַראַן אַ גוטע אויסזיכט, אַז די בלאָקאַדע וועט סוף כל סוף באַווייזן אונטערצוגראָבן דעם דייטשן ווילן די מלחמה אָנצוהאַלטן.

דער איינציקער באַדינג פאַר דער ווירקזאַמקייט פון דער בלאָ־

קאַדע איז, אַז זי זאָל דורכגעפירט ווערן מיט דער גרעסטער אַנט־שלאָסנקייט ניט בלויז קעגן דייטשלאַנד אַליין, נאָר קעגן גאַנץ אייראָפּע, כדי דייטשלאַנד זאָל ניט קענען באַקומען נויטיקע מאַטע־ריאַלן דורך די נייטראַלע לענדער.

איצט שטעלן זיך עטלעכע פראַגן:

זאָל ענגלאַנד — וועלכע קעמפט פאַר איר סאַמע לעבן — זיך אָפּזאָגן פון אַט דער וואָפע, וועלכע איז, אגב, אַן אַנערקענטע מלחמה־וואָפע מכּמה הונדערטער יאָרן?

און זאָלן מיר — סיי אַלס אַמעריקאַנער בירגער, און סיי אַלס אידן — אפשר צולעגן אונזער שטים און וואָג צו די טענות פון די עטלעכע „נייטראַלע״ לענדער, וואָס פירן אַן אַגיטאַציע קעגן דער „אוממענשלעכקייט״ פון דער בריטישער בלאָקאַדע?

וואָלטן מיר געווען „נייטראַל״ אין דער איצטיקער מלחמה, — וואָלט ניט שווער געווען אַרויסצוקומען קעגן דער בלאָקאַדע.

מיר זיינען דאָך אָבער פאַר קיין פאַל ניט נייטראַל — ניט אַמעריקע איז נייטראַל, און מיר אידן זיינען אַוודאי ניט נייטראַל.

נאָך מער: ניט נאָר זיינען מיר ניט נייטראַל, נאָר מיר, אידן, זיינען אין דער מלחמה ניט וויניקער ווי ענגלאַנד. מיר זיינען אין דער מלחמה, פּונקט ווי עס זיינען אין דער מלחמה די טשעכן, די פּאָליאַקן, די נאָרוועגיער, די האָלענדער, דאָס „פרייע פראַנקרייך״ און אַנדערע. דאָס איז אונזער מלחמה, גענוי אַזוי ווי ענגלאַנד׳ס מלחמה!

אמת, דערווייל קומט אויס דעם ענגלישן פאָלק צו טראָגן כמעט די גאַנצע לאַסט פון דער מלחמה. אָבער ווער קען זאָגן באַשטימט, ווען די אַרמיי אונזערע וואָס שטייט גרייט אין ארץ־ישראל, און די גרויסע מעכטיקע אַמעריקע וועלן זיך מוזן אַריינוואַרפן אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף! דעמאָלט איז דאָך ניט אויסגעשלאָסן, אַז דורך דעם וואָס מיר וועלן אָפּשוואַכן די ווירקזאַמקייט פון דער בריטישער בלאָקאַדע זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די נאַציס די כוחות, די ענערגיע, דער ווילן און — יאָ! — די קויל, וואָס וועט אפשר טרעפן אונזערן אַ ברודער פון דער ארץ־ישראל־אַרמיי, אָדער גאָר מיינעם אָדער אייערן אַ זון.

ענגלאַנד גייט אָפּ מיט בלוט — ניט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אונז! זאָלן מיר איר שטערן אין איר־אונזער קאַמף?

ווינסטאָן טשוירטשיל האָט געהאַט דעם מוט אָפּן צו זאָגן דאָס ענגלישע פאָלק, אַז ער קען אים בלויז צוזאָגן: שווייס, טרערן און בלוט! לאָמיר האָבן דעם מוט אָפּן צו זאָגן אויך אונזער פאָלק, אַז אויך מיר קענען אים בלויז צוזאָגן: שווייס, טרערן און הונגער!

אַוודאי איז גרינגער צוצוזאָגן גוטע זאַכן. אָבער טשוירטשילן איז אויך ניט געווען גרינג זיין „צוזאָג" צו מאַכן. מיר האָבן ליב אונזער פאָלק, און מיר ווייסן די ענויים און די באַליידיקונגען וואָס אים קומט איצט אויס אויסצושטיין. אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז פאַר אונ ער פאָלק איז ניט מעגלעך ווייטער צו בלייבן לעבן אויף דער וועלט סיידן די היטלעריסטישע חיה־רעה וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד; און מיר מעגן זיין זיכער, אַז אונזערע ברידער וואָס געפינען זיך אין די נאַצישע נעגל ווייסן דאָס אַזוי גוט ווי מיר, און זיי זיינען געוויס גרייט אויף קרבנות!

ענגלאַנד איז מקריב מיט בלוט; לאָמיר כאָטש מקריב זיין מיט הונגער, — אַבי נאָר דער אַלגעמיינער נצחון זאָל דורך דעם פאַר־האַלפן און דערנענטערט ווערן.

מיט געשוואוירענע פאַסיפיסטן, וועלכע האָפן, אַז דער שונא פון דער מענשהייט וועט באַזיגט ווערן דורך אַ נס, דורך עפּעס אַ „רואה ואינו נראה", אָדער דורך דעם פּראָלעטאַריאַט (וואָס הגם ער איז דוקא אַ „נראה" האָט זיך אָבער שוין פון לאַנג אַרויסגע־שטעלט, אַז קיין „רואה" איז ער ניט), — מיט אַט אַזעלכע איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט איינצוטאַלקעווען וועגן דעם. אָבער פון רעאַליסטישע אידן, וואָס פאַרשטייען, אַז מיט נסים וועט מען היטלערן ניט באַזיגן, און אַז עס איז ניט מעגלעך אַ מלחמה אָן מלחמה־קרבנות; ספּעציעל פון די, וואָס ריידן וועגן שאַפן אַן אייגענע אידישע אַרמיי, וואָס זאָל זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דעם קאַמף, — פון זיי מעג מען דערוואַרטן, זיי זאָלן אָן שום רעזערוואַציעס אַנערקענען, אַז . . .

— די אינטערעסן פון דעם נצחון שטייען איבער אַלץ!

***

פאַרשטייט זיך, דאָס מיינט ניט, אַז מיר דאָ אין אַמעריקע, וועלכע פאַרגיסן ניט קיין בלוט אוןליידן אַפילו קיין הונגער אויך ניט,

זאָלן זיצן מיט פאַרלעגטע הענט און גאָרניט טאָן. בשום אופן ניט! מיר זיינען מחויב אָפּצושפּאָרן פון דאָס לעצטע און — געבן, געבן און געבן! אויף וואָס צו געבן איז פאַראַן לרוב. אידישע פּליכטלינגען וואַלגערן זיך אין אַלע נייטראַלע לענדער — דאַרף מען זיי געבן פריער עפּעס אָפּצועסן און מ'דאַרף אויך טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַר זיי — אין ארץ־ישראל אָדער ערגעץ אַנדערשוואו.

דאָס מיינט אויך ניט, אַז מיר זאָגן זיך איינגאַנצן אָפּ פון העלפן אונזערע ברידער וואָס געפינען זיך אין דער היטלער־געפאַנגענשאַפט.

די פראַגן אין שייכות מיט דער בלאָקאַדע, אונטער די היינ־טיקע מלחמה־באַדינגונגען, זיינען העכסט קאָמפּליצירטע. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז געוויסע פאָרמען פון הילף פאַר די מלחמה־קרבנות אונטער היטלערן זאָל פאַרט ניט זיין קיין שטערונג פאַר דער בלאָקאַדע.

אונזערע אידישע ברידער איז געוויס פיל ערגער פון די אַנדערע געפאַנגענע היטלער'ס. אָבער פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אויך די האָלענדער און די נאָרוועגיער, און ספּעציעל די טשעכן און די פּאָליאַקן, געפינען זיך אונטער דער שווערן קנאַפּל פון דעם שונא. וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אַז אונזערע אידישע פאָרטרעטער זאָלן זיך צוזאַמענריידן מיט די גלות־רעגירונגען פון די באַטרעפנדע פעלקער, כדי צוזאַמען מיט זיי צו באַטראַכטן, ווי אַזוי מען קען, ניט שטערנדיק דעם ענדלעכן נצחון איבער דעם שונא, פאָרט העלפן די מלחמה־קרבנות. אין קאָאָפּעראַציע מיט די פאָרטרעטער פון די אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער, קען מען אפשר קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די בריטישע בלאָקאַדע־אויטאָריטעטן וועגן עפּעס אַ פאָרם פון רעליף.

און, פאַרשטייט זיך, אויב די אַליאירטע מלוכות זאָלן געפינען, אַז די צושטעלונג פון שפּייז און מעדיקאַמענטן צו איין פאָלק וואָס געפינט זיך אונטער היטלער'ס קנאַפּל איז דערלאָזבאַר און איז ניט קיין שטערונג פאַר דער פירונג פון דער מלחמה, — דאַרפן מיר פאָדערן דאָס זעלבע אויך פאַר אונזערע אידישע ברידער, וועלכע גייען אונטער פון הונגער און מגפות.

אָבער, פאַרשטייט זיך, אַלץ בתנאי אַז דאָס זאָל ניט זיין קיין שטערונג צום נצחון איבער דעם שונא.

וועגן אָט דעם ערשטן פון אַלע תנאים איז בשום אופן ואופן ניט מעגלעך קיין קאָמפּראָמיס.

פאַרשטשימענדיק די ציינער, דאַרפן מיר מיט דער גרעסטער עקשנות זיך האַלטן פאַר דעם כלל, אַז . . .

מיר טאָרן ניט טאָן קיין זאַך, וואָס קען שטערן דעם ענדגילטיקן נצחון איבער דעם שונא!

ביבליאָגראַפיע

„אַטלאַנטיק טשאַרטער״.

איסטמאַן, מאַקס — „סטאַלינס ראַשיא ענד די קרייסיס אין סאָשיאַליזם״, 1940.

איינדזשעל, נאָרמאַן — „דיס העוו ענד העוו־נאָט ביזנעס״.

אַרנאָלד, טורמאַן וו. — „פֿאָלקלאָר אָוו קעפּיטאַליזם״.

„אַן עקאָנאָמיק פּראָגראַם פאָר אַמעריקען דעמאָקראַסי״ (פון 7 געלערנטע).

באָריישאָ, מנחם — „דער גייער״.

ברוקינגס אינסטיטושאָן :

„אַמעריקאַ׳ס קאַפּאַסיטי טו פּראָדיוס״.

„אַמעריקאַ׳ס קאַפּאַסיטי טו קאָנסיום״.

גרינבערג, חיים — „אידישע עקאָנאָמיק — אַ פּאַראַזיטישע ?״

„די דעקלאַראַציע פון לאָנדאָן״.

דייוויס, דזשאָזעף ע. — „מישיאָן טו מאָסקאַו״.

האַרד, וויליאַם — „אַרבעט און נאַציאָנאַלע איינקייט״.

הוק, סידני — „טאָואַרד אַן אָנדערסטענדינג אָוו קאַרל מאַרקס״.

הילקוויט, מאָריס — „פראָם מאַרקס טו לענין״.

העמינגווי, ערנעסט : „מען עט וואָר״.

זשיטלאָווסקי, חיים דר. — „סאָציאַליזם און מאָראַל״.

טאַוסיג, פ. וו. פּראָפ. — „פּרינסיפּלס אָוו עקאָנאָמיקס״.

טשיס, סטואַרט — „אַיידל מאָני, אַיידל מען״.

לענין — „שטאַט און רעוואָלוציע״.

מאַרקס, קאַרל — „קאַפּיטאַל״, ב. 1, 2, 3.

מאַרקס, קאַרל — „קריטיק פון דער גאָטאַ פּראָגראַם״.

מאַרקס און ענגעלס — „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״.

נאָמאַד, מאַקס — „אַפּאָסטאָלס אָוו רעוואָלושאָן״.

סיימאָנדס, פרענק ה. — „קען יוראָפּ קיפּ די פּיעס ?״

סמיט, האַואַרד ק. — „לאסט טריין פראָם בערלין״.

ענגעלס, פרידריך — „אַנטי־דיורינג״.

קאַופמאַן ג. — „דזשערמאַני מאָסט פּעריש !״

פּלאַטאָ — „רעפּובליק״.

פּלעכאַנאָוו, געאָרג — „פון אוטאָפּיע צו וויסנשאפט״.

קאַוטסקי, קאַרל — „די עקאָנאָמישע דאָקטרינען פון קאַרל מאַרקס״.

קעינס, דזשאַן מעינאַרד פּראָפ. — „די עקאָנאָמיק קאָנסעקווענסעס אָוו די פּיעס״.

קעינס, דזשאַן מעינאַרד — „אַ רעוויזשיאָן אָוו די טריטי״.

„רעפּאָרט אָוו די אינקווירי אין קאָאָפּערייטיוו ענטערפּרייז אין יוראָפּ״.

שוב, ד. — „העלדן און מאַרטירער״.

צוואַנציק־יאָריקער אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד.

שטירנער, מאַקס — „דער איינציקער און זיין אייגנטום״.

אינדעקס

אחד־העם 198.
אידען, אַנטאָני 283
אינגערסאָל, ראַלף מ. 105.
איסטמאַן, מאַקס 147, 148, 197, 224.
איינדזשעל, נאָרמאַן 303, 306, 319.
אַלטמאַן, אָסקאַר דר. 67.
אַרנאָלד, טורמאַן וו. 146, 147.
אַש, שלום 262.

באַרטל־פּרערס 308.
באַריישאַ, מ. 309, 332.
באַקונין 198.
בוירלי, אַדאָלף ב. 67, 70, 81.
ביקאָנספילד 308.
בערידזשער, דזשאָן וו. 70.
בערנשטיין, עדוארד 19, 20, 55, 56.

געדעס, נאָרמאַן בעל 84, 85.
גלאַדסטאָון 307.
גרינבערג, חיים 219, 220, 221, 242, 243

דאַווינטשי, לעאָנאַרדאָ 330.
דאַווענפּאָרט, דאָנאַלד ה. דר. 67.
דובינסקי, דוד 176.
דיזראַעלי 307.
דייוויס, דזשאָזעף ע. 105.
דעמאָקריטעס 138.

האַנסען, אַלווין ה. פּראָפ. 67.
האַרד, וויליאם — 170—185.
הוק, סידני 19.
היטלער 249, 273, 276, 279, 281, 283.
הילמאַן, סידני 175, 176.
היילפּערין, פּ. 131.
הייסטינגס 308.
העגעל 131, 132, 133, 134, 135, 197.
העמינגוויי, ערנעסט 338.
העס, רודאָלף 281.

ווילסאָן, וואודראָ 175, 285, 324.
ווילקי, ווענדל 316.

זשיטלאָווסקי, חיים דר. 191—241.

טאַוסיג, פּ. וו. 227—243.
טוביה דער מילכיקער 332.
טשוירטשיל, ווינסטאָן 301, 311, 314.
טשיימבערלין, דזשאָזעף 307.
טשייס, סטואַרט 63—94, 146, 147.

יאַנג, אָוען ד. 70.
ישעיה 317.

לאַפּאַטין, הערמאַן 127.
לובין, איזידאָר 67.
ליבערמאַן, חיים 106.
לענין 10—18, 198, 204.
לעשצינסקי, יעקב 220, 221, 344.

מאַנועל, ראַלף וו. 64.
מאַרקס, קאַרל 12—21, 26—28, 31, 32—34, 37—39, 47—48, 93, 104, 105, 131—136, 138, 140—141, 143, 165, 196—203, 209, 220, 222—227, 241.
מוסאָליני 248.
מיכאַילאָווסקי 198, 199.
מיל, דזשאָן סטואַרט 229.
מעקסוויני 353.
משה רבנו 193.

נאָמאַד, מאַקס 14.
נאַפּאָלעאָן 236.
ניגער, ש. 332.
ניעטשאַיעוו 198.

סאָקראַטעס 126.
סטאַלין 18, 106, 107, 197, 283, 312, 314.
סטעטיניוס, עדוואַרד 69.
סטענלי 311.
סירקין, נחמן 312.
סיימאָנדס, פרענק ה. 274, 275.
סלאָון, אַלפרעד פּ. 70.
סמיט, אַדאַם 220, 225־229, 234, 241.
סמיט, האַוואַרד ק. 344.
ספּענסער, הערבערט 198, 199.

ענגעלס, פרידריך 11, 16, 17, 19, 59, 127, 132—135, 196, 202, 211, 214.

פוירקינס, מאַילאַ 71, 72.
פיט 308.
פלאַטאָ 126, 138, 140, 328.
פלעכאַנאָוו, געאָרג 131—138.
פרץ י. ל. 166.
פרודאָן, פ. דזש. 50, 51, 195.

פאָרד, הענרי 70, 86, 163.
פייערבאַך, לודוויג 132—135.
פערעראָ, גוגליעלמאָ 115.

קאָהען, מאָריס פראָפ. 253.
קאַוטסקי, קאַרל 14, 16, 34, 43, 44, 50, 51, 58—62, 195, 202, 203, 205, 211.
קאָררי, לאפלין, דר. 67, 74.

קוזנעץ, ס. ס. דר. 67.
קעינס, דזשאָן מעינאַרד 90, 271, 272.
קראפּאָטקין, פּעטער 195.

ראָדבערטוס 127.
ראָודס 308.
ראָקער, רודאָלף 333, 335.
רוזוועלט 110, 301.
ריקאַרדאָ, דייוויד 40.

קאָבדען, ריטשאַרד 306.
קאָופמאַן, נ. 328, 338.
קיטשענער 308.
קיפּלינג 308.
קלאַיוו 308.

רש״י 222.

שוב, ד. 127.
שטירנער, מאַקס 195, 198, 201, 202.